STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 01566

# FUFTSIG YOR IDISHE SHRIFTZETSER YUNYON

## International Typographical Union

*Permanent preservation of this book was made possible
by Lawrence & Yvette Gralla
in honor of
the Glickenstein & Gralla Families*

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

# פּופּציג יאָר
# אידישע שריפטזעצער יוניאָן

ארויסגעגעבען פון דער
אידישער שריפטזעצער יוניאָן, לאָקאַל 83 א. ט. י.
לכבוד איר פופציג־יאָריגען יובילעאום
ניו יאָרק, 1938.

געזעצט און געדרוקט אין
**פיוטורא פרעס**
476 בראדוויי, ניו יארק
200

# אינהאַלט


זייט

## די געשיכטע פון דער אידישער שריפטזעצער יוניאָן

פּאָרוואָרט — — — — — — — 5

בראשית (די אידען אין ניו יאָרק אין 1888. — די יאדישע אימיגראַציע אין די אַכציגער יאָרען. — די גויאישע שריפטזעצער־יוניאָנס וואָס האָבען שוין דעמאָלט עקזיסטירט) — — — — 9

געבורט־ווייען (דער שריפטזעצער פאַראיין (1886). — די „אידישע שריפטזעצער יוניאָן" קומט אויף דער וועלט. — די ערשטע טריט פון דער יוניאָן. — די יוניאָן וואַקסט אין כח און פרעסטיזש) — — — — — — 15

די פאַראייניגטע אידישע געווערקשאַפטען ווערט געגרינדעט — 22

דער ערשטער קאַמף פון דער יוניאָן (קינדער־קראַנקהייטען פון דער אַרבעטער־באַוועגונג) — — 25

צווישען איין קאַמף און אַ צווייטען („די פּראָגרעסיווע אידישע שריפטזעצער יוניאָן"—אַן אָפּאָזיציע־יוניאָן. — די יוניאָן פירט־איין אַן אייגענעם „יוניאָן־לייבעל". — דער אַרבעטס־טאָג ווערט פאַרקלענערט אויף 9 שטונדען) — — — — — — — 31

אַ סטרייק ביי דער „פרייע אַרבעטער שטימע" — — — — — — 35

די יוניאָן ווערט לאָקאַל 83 פון דער אינטערנעשאָנאַל — — — 39

די יוניאָן געווינט אַן אַכט־שטונדיגען אַרבעטס־טאָג (1894) — 44

די העפּטען־מגפה — — — — — — 46

די זעץ־מאַשין ווערט אריינגעבראַכט אין די אידישע צייטונגען (1895) — — — — — — 48

„גאָט, באַשיץ מיך פון מיינע פריינט . . . " („קרת מכאן וקרת מכאן". — אַלע מאָנטאַג און דאָנערשטאָג ווערט די יוניאָן אויסגעשלאָסען פון די געווערקשאַפטען. — די יוניאָן גייט זיך איר אייגענעם וועג) 51

די שפּאַלטונג אין דער ס. ל. פּ. און ווי דאָס האָט געווירקט אויף דער יוניאָן (אַ נאָכגעמאַכטע 83. — די גרינדונג פון „פאָרווערטס". — דער לאָקאַוט פון די זעצער אין „אַבענדבלאַט") 55

זייט

די יוניאָן העלפט יוניאָניזירען אַלע מעכאַנישע דעפּאַרטמענטס אין די צייטונגען — — — — — 60

אַ סטרייק אין „אידישען העראָלד" 63

נייע „סקייל" פון שבירות ווערט דורכגעפירט אין 1903 — — 65

עטלאַכע „רוהיגע" יאָרען (טיילען זיך מיט דער אַרבעט. — אַ מיטגליד ווערט ארויסגעראַטעוועט פון די נעגעל פון טויט. — די פאַרוואַלטונג און פינאַנצען פון דער יוניאָן. — אַ קלענערער סכסוך מיט באַלעבאַטים. — אַ סטרייק פון שרייבער אין דער „אידישער וועלט". — אַ קאָאָפּעראַטיווע דרוקעריי. — אַ נייע סקייל ווערט דורכגעפירט אין 1905) — — — — — — 67

אַ סטרייק אין „פאָרווערטס" — — 74

אָפּקלאַנגען פון דעם „פאָרווערטס" סטרייק (די יוניאָן עהרט יוסף באַראָנדעס'ן. — באַציאונגען מיט די געווערקשאַפטען) — — — — 79

די יוניאָן עהרט ראָזענסאָנען — 83

אַ סעקרעטאר אַנטלויפט מיט דער קאַסע — — — — — — — — 85

אידישע שריפטזעצער יוניאָנס אין אַנדערע שטעט ווערען געגרינדעט 87

דער זעקס־שטונדיגער אַרבעטס־טאָג (אַרבעטס־טיילונג. — די ליקווידאַציע פון טאָפּעלע פרנסות) — 89

אַ נייע דזשאָב־סקעיל — — — 93

לייד און פרייד אין איין יאָר (יוניאָן־לייבעל קאַמפּאַניע. — אַרבעטסלאָזען פאַרזיכערונגס־פאָנד. — די יוניאָן פייערט איר צוואַנציג־יאָריגע עקזיסטענץ) — 95

פינאַנציעלע רעפאָרמען — — — 98

די יוניאָן גייט צו אַרביטריישאָן 101

די יוניאָ דערלאָזט ניט אַז אַרבעט זאָל אַוועק פון ניו יאָרק — — 106

נייער אָפּמאַך מיט באַלעבאַטים אויף דריי יאָר צייט — — — — 109

אַ סטרייק אין דער „וואַרהייט" — 111

דער שרייבער־סטרייק (אַ יוניאָן פון שרייבער. — די שרייבער גייען ארויס אין סטרייק. — דער שרייבער־סטרייק ווערט ליקווידירט) — — — — — — — 116

זייט

יוניאָן-וואַרע פאַר יוניאָן-לייט (די „יוניאָן-לייבעל פּראָדוקטס טריידינג אַסאָסיאיישאָן") — — 125

יוריסדריקציע עניינים (יוריסדיקציע סכסוכים אויף דער לינקער זייט. — די יוניאָן כאַפּט אַ קאַזאַק . . . אָבער. — אַ אידישע צייטונג אין פילאַדעלפיע) — 130

די יוניאָן פייערט איר 25-יאָריגען יוביליי — — — — — — 136

אַן אָרגאַניזאַציאָנס-קאַמפּאַניע — די קאָרעקטאָרס פון די צייטונגען ווערען יוניאָניזירט — — — 140

אַן ערנסטער יוריסדיקציע-סכסוך 146

הילף פאַר די מלחמה-קרבנות — 149

צו אַ קאָנטראַקט דאַרף מען אויך האָבען יושר (די צייטונגס-זעצער גייען ארוים אין סטרייק אויף אייגענער אַחריות. — די דזשאַב-זעצער פאָלגען-נאָך די צייטונגען. — דער „וואַקיישאָן"-סטרייק. — דער סוף פון „וואַקיישאָן"-סטרייק. — אַ נייער באָנוס און אַ נייער קאָנטראַקט מיט די צייטונגען) — — — 153

די „וואַרהייט" פאַלט אַ קרבן פון דער מלחמה (ווי אַזוי די יוניאָן האָט געלייזט דעם קריזיס) — 161

צייטונגען קומען און צייטונגען גייען — — — — — — — — 164

אַ סטרייק אין די דזשאַב-דרוקערייען (צייטונג-זעצער קריגען אַ העכערונג פון 5 דאָלאר אַ וואָך) 167

דער רויטער קרייץ פון דער יוניאָן („עמוירדזשענסי פאָנד") 171

די פאַרצווייגטע טעטיגקייט פון דער יוניאָן (פינאַנציעלע לאַסטען. — דער קאַמף פאַר דער 44-שטונדיגער אַרבעטס-וואָך. — שטיצע פאַר דער „צייט". — געזעלשאַפטלאכע טעטיגקייטען. — אַנדערע טעטיגקייטען) — — 175

די יוניאָן פייערט איר 35-יאָריגע עקזיסטענץ (לואיס פּיגין ווערט געעהרט) — — — — — — — 180

נייע אָפּמאַכען מיט די באַלעבאַטים (אין 1924. — אין 1925. — אין 1928. — די יוניאָן עהרט דראַשער'ן) — — — — — — 181

די אַרבעטסלאָזיגקייט פּראָבלעם אין דער יוניאָן (אַרבעטס-שטייער. — אַרבעטסלאָזע צאָלונגען) — — 184

זייט

אַ סימפּאַטיע-סטרייק, וואָס האָט זיך ניט גוט געענדיגט — — — 188

די יוניאָן העלפט דער „אינטערנעשאָנאַל לײדיס גאַרמענט וואָירקערס יוניאָן" — — — — 189

דער זעכציגסטער געבורטסטאָג פון ש. שיינפעלד — — — — — — 191

אהרן גאָטעסמאַן — — — — 192

אַ נייער דור פירער — — — — 194

די יאָרען פון קריזיס (פאַרשטאַרקטע יוניאָן-טעטיגקייט. — מאָלטיגראַף-אַרבעט ווערט באַגרעניצט. — אַ קלענערער יוריסדיקציע-סכסוך. — נייער קאָנטראַקט מיט דזשאַב-באַלעבאַטים. אַנדערע טעטיגקייטען) — — 198

די יוניאָן ווערט פופציג יאָר אַלט 205

## די געשיכטע פון דער „אינטערנעשאָנאַל טייפּאָגראַפיקאַל יוניאָן"

די געשיכטע פון דער אינטערנעשאָנאַל (די ערשטע דרוקער-אַרבעטער אָרגאַניזאַציעס. — פון די סאָסייעטים ווערען אמת'ע יוניאָנס. — די „נעשאָנאַל טייפּאָגראַפיקאַל יוניאָן" בייט איר נאָמען אויף „אינטערנעשאָנאַל טייפּאָגראַפיקאַל יוניאָן". — די ראָל פון דער א. ט. י. אין דער גרינדונג פון דער „אַמעריקען פעדעריישאָן אָוו לייבאָר". — די ווייטערע אנטוויקלונג פון דער אינטערנעשאָנאַל. — די באַוועגונג פאַר אַ קורצען ארבעטס-טאָג. — דער קאַמף פאַר דעם 8-שטונדיגען אַרבעטס-טאָג. — דער קאַמף פאַר דער 44-שטונדיגער אַרבעטס-וואָך. — דער ווייטערער וואוקס פון דער א. ט. י.) — 209

פראַטערנאַלע אינסטיטוציעס פון דער א. ט. י. (דער אָלד אוידזש פּענשאָן פאָנד. — דער טויטען-בענעפיט פאָנד. — די יוניאָן פּרינטערס האָום. — די ביוראָ אָוו עדיוקיישאָן) — — — — — 238

אַ סך-הכל פון די דערגרייכונגען פון דער א. ט. י. זינט זי איז געגרינדעט געוואָרען („קלאָוזד שאַפּ" און „פּריאָריטעט" — דער פונדאַמענט. — אַרבעטס-שטונדען. — פּאַרדינסטען. — דאָס לעבען פון די זעצער איז פאַרלינגערט געוואָרען. — אַרביטריישאָן. — דער סך-הכל) — 248

# פאָרוואָרט

דער יובילעאום־קאָמיטעט פון דער אידישער שריפטזעצער יוניאָן האָט באשלאָסען ארויסצוגעבען די געשיכטע פון דער יוניאָן.

פאַר דעם דאָזיגען צוועק איז באשטימט געוואָרען אַ רעדאַקציע־קאָמי־טעט פון ד. איזאַקאָוויץ, ה. בלום, ט. גלאָס, ג. פּאָמעראַנץ, מ. קאָסטאָף, מ. ראָזענמאַן און ש. שיינפעלד — אַלע מיטגלידער פון דער יוניאָן. ביים ערשטען מיטינג פון רעדאַקציע־קאָמיטעט איז ג. פּאָמעראַנץ דערוויילט געוואָרען אַלס רעדאַקטאָר פון בוך.

די אויפגאַבע אַזאַ בוך ארויסצוגעבען איז געווען זעהר אַ שווערע. עס האָט פשוט געפעלט דער מאַטעריאַל פאַר אַזאַ ווערק. איידער מ'האָט זיך געקענט נעמען פאַר דער אַרבעט האָט מען פריער געמוזט זאַמלען זכרונות, זיך נישטערען אין די פּראָטאָקאָלען פון דער יוניאָן, אין דעם אייגענעם זכרון א. א. וו.

מיט גרויס ענערגיע איז דער רעדאַקציע־קאָמיטעט צוגעטראָטען צו דער אַרבעט, און אין משך פון עטלאכע חדשים איז דער מאַטעריאַל טייל־ווייז צונויפגעזאַמעלט געוואָרען. מיט דער הילף פון אַט דעם מאַטעריאַל — וועלכער, עס דאַרף באַטאָנט ווערען, איז געווען זעהר אַ רויער און אַ מאָגערער — האָט ש. שיינפעלד אָנגעשריבען די געשיכטע פון דער יוניאָן. דאָס אָנגעשריבענע איז גריגטלאך רעדאַגירט געוואָרען פון ג. פּאָמעראַנץ, און נאָכדעם איז די קאָרעקטור געלייענט געוואָרען פון יעדען מיטגליד פון רעדאַקציע־קאָמיטעט. די לעצטע קאָרעקטור איז געלייענט געוואָרען פון ד. איזאַקאָוויץ. דעם אינדעקס ביים סוף פון בוך האָט צונויפגעשטעלט י. לייזעראָוויטש.

אויף אַזאַ אופן זיינען אויסגעמיטען געוואָרען די חסרונות פון די מערסטע קאָלעקטיווע ליטעראַרישע אַרבעטען. אַנשטאָט אַ זאַמלונג פון באַזונדערע אַרבעטען, איז ארויסגעקומען אַן איינהייטלאך ווערק.

דער צווייטער, קלענערער טייל פון בוך — „אַ קורצע געשיכטע פון דער אינטערנעשאָנאַל" — איז געשריבען געוואָרען פון דעם פּרעזי־דענט פון דער יוניאָן, ה. בלום. הגם דעם מאַטעריאַל פאַר אַט דעם טייל האָט מען ניט געדאַרפט ערשט זאַמלען, האָט מען אים אָבער געדאַרפט באַאַרבעטען און קאָנדענסירען. די אַרבעט פון ה. בלום רעדט פאַר זיך אַליין.

מיר ווילען האָפען, אַז דאָס בוך וועט געלייענט ווערען מיט אינטערעס און געווינס פון יעדען וואָס האָט אַ פאַרשטענדניש פאַר דער אַרבעטער־באַוועגונג און אירע פּראָבלעמען.

ד י   ר ע ד אַ ק צ י ע.

# די געשיכטע פון דער אידישער שריפטזעצער יוניאָן, לאָקאַל 83, א. ט. י.

פון ש. שיינפעלד

# בראשית

די אידען אין ניו יאָרק אין 1888. — די אידישע אימי־
גראַציע אין די אַכציגער יאָרען. — די גויאישע שריפט־
זעצער יוניאָנס וואָס האָבען שוין דעמאָלט עקזיסטירט.

די פּאָעטישע שילדערונג פון בריאת־העולם אין דער תורה קען זעהר גוט אָנגעווענדעט ווערען אויף דער צייט ווען די אידישע שריפטזעצער יוניאָן איז געקומען צום לעבען. דאָס אידישע לעבען אין ניו יאָרק מיט פופציג יאָר צוריק האָט זיך ווירקליך געפונען אין אַ צושטאַנד פון „תהו ובהו". עס האָט זיך שוין געשפּירט אין דער לופט דער שוועבענדיגער „רוח אלהים", אָבער דאָס אידישע לעבען אין אַלגעמיין איז געווען אַ פּוסטער, פּינסטערער מישמאַש, אין וועלכען די שאַפענדע מייסטער־האַנט האָט נאָך ערשט גע־דאַרפט אריינברייגען אָרדנונג, סיסטעם, געזעצמעסיגקייט.

## די אידען אין ניו יאָרק אין 1888

אַ אידישע איינוואַנדערונג קיין אַמעריקע אין גרעסערע מאַסען האָט זיך אָנגעהויבען שוין פריער. אָבער די אידישע אימיגראַציע איז ניט אָנגע־גאַנגען ווי אַן אומאונטערבראָכענער שטראָם, נאָר אין כוואַליעס. די ערשטע כוואַליע וואָס איז אַריבערגעקומען איז באשטאַנען פון ספרד'ישע אידען; די צווייטע כוואַליע — פון דייטשע אידען; די דריטע כוואַליע — פון אונזערע מזרח־איראָפּעאישע אידען. צווישען איין אימיגראַנטען־כוואַליע און דער אַנדערער איז אַריבער גענוג צייט, אַז די פריערדיגע אימיגראַנטען זאָלען זיך קענען אַקלימאַטיזירען, אַמעריקאַניזירען און עקאָנאָמיש זיך איינ־פונדעווען אין לאַנד. דאָס האָט ביז אַ באדייטענדען גראַד געשאַפען אַ תהום צווישען די פריש־אָנגעקומענע און די פריערדיגע אידען, וועלכע זיינען שוין געווען פאַרוואָרצעלט אין לאַנד.

די גאָר ערשטע אידישע איינוואַנדערער אין ניו יאָרק זיינען געווען פּאָרטוגעזישע אידען. געקומען זיינען זיי ווען ניו יאָרק האָט נאָך באַלאַנגט צו האָלאַנד (נידערלאַנד) און האָט געהייסען „ניי אַמסטערדאַם". אָט די ספרד'ישע אידען זיינען געקומען פון בראַזיליע, פון וואַנען מען האָט זיי ארויסגעטריבען. די האָלענדער האָבען זיי דערלויבט דאָ זיך צו באזעצען. די פּאָרטוגעזישע אידען האָבען אין „ניי אַמסטערדאַם" געגרינדעט די ערשטע אידישע קאָנגרעגאַציע אונטער דעם נאָמען „שארית ישראל", וועלכע עקזיסטירט נאָך ביז היינטיגען טאָג. אין די אַכציגער יאָרען פון פאָריגען

יאָרהונדערט זײנען די ספרדישע אידען באַטראַכט געװאָרען אַלס די אידישע אַריסטאָקראַטיע. זײ זײנען געװען עקאָנאָמיש גוט פאַרפעסטיגט און קול־טורעל הויך־אַנטװיקעלט. זעלטען זײנען זײ געקומען אין פערזענלאכען קאָנטאַקט מיט די מזרח־אײראָפּעאישע אידען.

די צװײטע אידישע אימיגראַציע־כװאַליע האָט זיך אָנגעהויבען ערשט אין יאָר 1848, נאָך די רעװאָלוציאָנערע אויפשטרײסלונגען אין צענטראַל־אײראָפּע. דעמאָלט זײנען היפשע צאָלען מענשען געצװאונגען געװען צו אַנטלויפען פון דײטשלאַנד, פון עסטרײך, פון אונגאַרן, פון באָהעמיע, און צװישען זײ זײנען אויך געװען אַ סך אידען. די אידישע אימיגראַנטען פון אָט דעם פעריאָד האָבען זיך באַזעצט מערסטענס אין ניו יאָרק. װי דער שטײגער איז מיט פאַרװאָגעלטע אין אַ פרעמד לאַנד, מיט אַ פרעמדער שפּראַך, האָבען די אימיגראַנטען די ערשטע יאָרען זיך גוט אָנגעפּלאָגט אין דער נײער מדינה, אָבער ביסלאַכװײז האָבען זײ זיך אײנגעאָרדענט און אַ סך פון זײ זײנען מיט דער צײט רײך געװאָרען. קומענדיג פון קול־טורעלע לענדער, איז פאַר זײ גרינג געװען זיך שנעל צו אַמעריקאַ־ניזירען. זײ איז, יעדענפאַלס, ניט אָנגעקומען שװער אין גאָר אַ קורצער צײט אַרונטערצואװאַרפען פון זיך דעם שטעמפּעל פון דעם „גרינעם", װאָס האָט ממש אַראָפּגעשריגען פון יעדען פריש־אײנגעװאַנדערטען. אין דער צײט װען עס האָט זיך אָנגעהויבען די דריטע מאַסען־אימיגראַציע — די װײט־גרעסטע פון די דרײ אידישע איבערװאַנדערונגס־כװאַליעס — זײנען די דײטשע אידען (אָדער, װי זײ אַלײן האָבען ליב געהאַט זיך צו רופען, „יהודים") שוין געװען גוט אײנגעאָרדענט. אַ סך פון זײ זײנען שוין געװען דער צװײטער דור, ד. ה. געבוירענע אין אַמעריקע. זײ האָבען געפירט גרויסע געשעפטען און זיך פיל אָפּגעגעבען מיט געזעלשאַפטלאכער טעטיג־קײט. זײ האָבען געשאַפען פאַרשײדענע אידישע געזעלשאַפטלאכע, קול־טורעלע און פילאַנטראָפּישע אינסטיטוציעס, און האָבען פאַרנומען אַ בכבוד'י־גען פּלאַץ אין ניו יאָרקער לעבען.

## די אידישע אימיגראַציע אין די אַכציגער יאָרען

נאָך די פּאָגראָמען אויף די אידען אין דרום־רוסלאַנד, אין 1881, האָט אַ גרויסער יאוש ארומגעכאַפּט דאָס רוסישע אידענטום. די אויגען פון די רוסישע אידען האָבען זיך דעמאָלט געװענדעט צו אַמעריקע — צום לאַנד, װאָס האָט בײ קײנעם קײן קשיות ניט געפרעגט און װאו יעדער פאַרפאָלג־טער איז געװען װילקאָמען צו קומען זוכען זײן גליק. דער דראַנג נאָך אַמעריקע איז דאַן געװען אַזוי גרויס, אַז ער האָט ארומגעכאַפּט אויך אידען פון געגענטען, װאו קײן פּאָגראָמען זײנען ניט פאָרגעקומען. קײן ניו יאָרק

האָבען אָנגעהויבען אריינשטראָמען אידישע עמיגראַנטען פון אַלע טיילען פון רוסלאַנד, פוילען און רומעניע. אידען, וואָס האָבען אין זייערע היים־שטעטלאך קיין פרנסה ניט געהאַט, זיינען געפאָרען זוכען גליק אין אַמעריקע.

די דייטשע „יהודים", וועלכע זיינען שוין דעמאָלט געווען אין גוטע מאַטעריעלע אומשטענדען, האָבען צו די דאָזיגע גרינע, קליינשטעטעלדיגע און אין אַ וועלטליכען זין אָפּגעשטאַנענע אידען, זיך באַצויגען מיט פאַר־אַכטונג. זיי האָבען געקוקט אויף זיי פון אויבען־אַראָפּ. פונדעסטוועגען — צוליב דעם „למה יאמרו הגוים", כדי די הילפלאָזיגקייט פון די ניי־אָנגע־קומענע אידען זאָל זיך ניט צופיל וואַרפען אין די אויגען פון דער אַלגע־מיינער, גויאישער עפענטלאכקייט — האָבען זיי געגרינדעט אַן „אימיגראַנט עיד סאָסייעטי", צו העלפען באַזאָרגען באַשעפטיגונג פאַר די נייע אימי־גראַנטען. אַרבייט איז געשאַפען געוואָרען פאַר די אימיגראַנטען טאַקע אין די פאַבריקען פון די דייטשע אידען, וועלכע האָבען שוין, אַגב, אויס־גענוצט די הילפלאָזיגקייט פון די גרינע אידען און האָבען זיי עקספּלואַ־טירט אויף דעם גרויזאַמסטען אופן. צו אַרבעטען מיט אַ גרינעם ביז 16 שעה אַ טאָג פאַר 3 ביז 5 דאָלאַר אַ וואָך, איז געווען אַ געוויינלאכע דער־שיינונג.

די פּעאיגערע, אַמביציעזערע צווישען די אידישע אימיגראַנטען זיינען ניט געווען צופרידען צו בלייבען לאַנג אַרבעטען אין שאַפּ, און אַזוי שנעל ווי זיי האָבען זיך אַ ביסעל אויסגעגרינט זיינען זיי געוואָרען „קאָנטראַק־טאָרס" — האָבען אָנגעהויבען ארויסנעמען אַרבייט צו זיך אַהיים. אָט־די קאָנטראַקטאָרס האָבען עס איינגעפירט דאָ אין לאַנד דעם „סוועטינג סיס־טעם". זייערע „שאַפּקעס" האָבען זיך געפונען אין זייערע אייגענע אָרימע וואוינונגען אין די טענעמענט־הייזער, און די אַרבעטער וואָס זיי האָבען באַשעפטיגט האָבען זיך געשטיקט אין ענגע שמוציגע לעכער פאַר אַ הונגער־לוין. די עקספּלואַטאַציע פון די אָרימע אימיגראַנטען־אַרבעטער דורך אָט די קאָנטראַקטאָר־פּיאַווקעס האָט ממש געשריען צו די הימלען מיט איר שוידערליכקייט.

ניט אַלע אימיגראַנטען האָבען זיך געקענט צופּאַסען צו די באַדינ־גונגען פון דעם דעמאָלטיגען שאַפּ. אַ טייל פון די אַריבערגעקומענע האָבען זיך בעסער גענומען צו „מסחר", דאָס הייסט צו פּעדלעריי. קיין גרויסען קאַפּיטאַל האָט אַזאַ „סוחר" ניט געדאַרפט האָבען צו זיין „געשעפט". זיין גאַנצער „אוצר" איז בעשטאַנען פון אַ קערבעל מיט פאַרשיידענע שמאַכ־טעלאך, וואָס אין רוסלאַנד פלעגט מען עס רופען „גאַלאַנטעריי" און אין אַמעריקע רופט מען עס „נאָושאַנס", און באַטראַפען האָט עס בסך הכל אַ פּאָר דאָלאַר. קיין גרויסע קענטשאַפט אין ענגליש האָט זיך צו דעם „גע־שעפט" אויך ניט געפאָדערט. מ'האָט בלויז געדאַרפט אַנקלאַפּען אין אַ טיר

און אַ זאָג טאָן: „לוק אין די בעסקעט!” (קוק אַרײַן אין קערבעל), און דאָס אַלץ; דאָס איבעריגע האָט שוין דער קונה געטאָן — אַמאָל האָט ער עפּעס געקויפט און אַמאָל . . . האָט ער אַראָפּגעוואָרפן פון אַלע טרעפּ... מיט דער צייט האָבן זיך די פּעדלערס אויסגעגרינט און אַוועקגעוואָרפן די „בעסקעטס” און געוואָרן „קאַסטאָמער פּעדלערס”, ד. ה. פּעדלערס וואָס פאַרקויפן אויף קרעדיט, און אַ סך פון זיי האָבן זיך שפּעטער אַרויפגעאַרבייט און געפירט גרויסע געשעפטן.

דער קולטורעלער צושטאַנד פון די אידישע אימיגראַנטען אין די אַכציגער יאָרען פון פאַריגען יאָרהונדערט איז געווען זעהר אַ נידעריגער. די ווייט־גרעסטע מערהייט אימיגראַנטען איז געקומען פון די קליינע שטעטלאַך פון רוסלאַנד און פּוילען, וואו די מאַסען האָבן זיך אויפגעהאָדעוועט אין אָרימקייט און האָבן באַקומען די טראַדיציאָנעל־אידישע דערציאונג פון דעם „חדר”, אַזוי אַז דער קולטורעלער באַגאַזש, וואָס זיי האָבן אַריבערגעבראַכט מיט זיך, איז געווען זעהר אַ לייכטער. די פרומע אידען האָבן זיך באַנוגענט מיט זייער רעליגיעזער פאַרטיפונג, וואָס האָט זיי געגעבען זייער גייסטיגע באַפרידיגונג. די ניט־פרומע, אָבער, האָבן פון זיך אינגאַנצען אַרונטערגעוואָרפען דעם עול פון אַחריות און זיינען אָפט געוואָרען הפקר־מענשען. זייער ניט־פרומקייט איז געקומען צו זיי ניט פון אידעאישע ספקות אָדער פון אינערלאַכער איבערצייגונג, — אויף אַזעלכע זאַכען זיינען זיי געווען צו אומוויסענד, — נאָר פּשוט פון הפקרות; זייענדיג אין אַ פרעמד לאַנד, וואו קיינער האָט זיי ניט געקענט, האָבן זיי ניט געהאַט פאַר וועמען זיך צו שעמען. קיין פאַרלאַנג פאַר אַ צייטונג אָדער אַ בוך איז ניט געווען, ניט ביי די פרומע און ניט ביי די אַנדערע. און אַז עס איז ניטאָ קיין באַגער צו לעזען אַ צייטונג אָדער אַ בוך, טאָ וועלכער משוגענער וועט געהן דרוקען צייטונגען אָדער ביכער? און אַז מען דאַרף ניט קיין ביכער און צייטונגען, דאַרף מען אויך ניט קיין זעצער.

אָט אַזאַ פּנים האָט דעמאָלט געהאַט דאָס אידישע לעבען אין דעם נייעם לאַנד.

די רפואה איז אָבער געקומען פאַר דער מכה. צווישען די אימיגראַנטען פון יענער צייט האָט זיך געפונען אַן אַנדער עלעמענט אויך. עס איז צו יענער צייט אַריבערגעקומען אַהער אַ גרופּע אינטעליגענטע יונגעלייט פון רוסלאַנד, וועלכע האָבן געמוזט אויסוואַנדערען פון דאָרט אָדער צוליב זייער אַקטיוועץ קאַמף געגען צאַריזם, אָדער גלאַט צוליב שנאה צום צאַרישען דעספּאָטיזם. אָט יענע גרופּע איז געווען דער לייכט־טורם אין דער אידישער פינסטערניש פון יענער צייט. זייענדיג דאָ פרעמד און עלענד, זיינען די דאָזיגע אינטעליגענטען די ערשטע צייט אויך געווען געצוואונגען צו ווערען קרבנות פון דעם „סוועטינג סיסטעם” און גלייך ווי

אַלע אַנדערע האָבען זיי לאַנגע שטונדען געשמאַכט אין פאַרפעסטעטע שעפּער פאַר אַ הונגער־לוין. זייער ביטערע לאַגע איז אָבער געווען אַ גליק פאַר די ברייטע מאַסען. זייער אינטעליגענץ און רעוואָלוציאָנערער גייסט האָט געהאָלפען וועקען דאָס באוואוסטזיין פון די דערשלאָגענע אידישע אימי־גראַנטען־אַרבעטער. טראָץ זייער גרויסער געדריקטקייט, האָבען אָט די אינטעליגענטען פון צייט צו צייט אָנגעקליבען אַ פּאָר דאָלער און ארויסגע־געבען פּעריאָדישע שריפטען, אין וועלכע זיי האָבען גערופען די אידישע אַרבעטער זיך צו אָרגאַניזירען און מיט פאַראייניגטע כחות זיך אַנטקעגענ־צושטעלען זייערע אויסבויטער, אָפּצושאַפען דעם „סוועטינג סיסטעם" און זייער לאַגע אין אַלגעמיין צו פאַרבעסערען.

דאָס איז געווען דער ערשטער שטויס צו פאַראינטערעסירען די אידישע מאַסען פון דער נייער וועלט אין דעם געדרוקטען וואָרט — און דער „בחור הזעצער" איז גלייכצייטיג געוואָרען אַ וויכטיגער פאַקטאָר אין דער ניי־געשאַפענער לאַגע.

## די גויאישע שריפטזעצער־יוניאָנס וואָס האָבען שוין דעמאָלט עקזיסטירט

גאָר אַנדערש האָט אויסגעזען דאָס לעבען פון דער גויאישער, איינגע־זעסענער אַמעריקאַנער באַפעלקערונג. אין ניו יאָרק איז שוין דעמאָלט געווען אַ פאַרהעלטניסמעסיג שטאַרקע פּרעסע און אַ גרויסער ביכער־מאַרק, און צוזאַמען דערמיט, פאַרשטייט זיך, אויך אַ גרויסע צאָל דרוקער־אַרבעטער. די דאָזיגע דרוקער־אַרבעטער זיינען שוין דאַן געווען אָרגאַ־ניזירט אין שטאַרקע אָרגאַניזאַציעס, וועלכע האָבען געשפּילט אַ באַדייטענדע ראָלע אין דעם עקאָנאָמישען לעבען פון לאַנד. אין ניו יאָרק האָט שוין העכער פערציג יאָר געהאַט עקזיסטירט אַן ענגלישע שריפטזעצער יוניאָן, אונטער דעם נאָמען „ביג סיקס", מיט אַ מיטגלידערשאַפט פון 3,500. די דאָזיגע יוניאָן האָט געפירט קאַמפען געגען די גרעסטע און איינפלוסרייכ־סטע צייטונגען און דרוקערייען, און הגם מאַנכע סטרייקס האָבען זיך גע־צויגען יאָרען־לאַנג, האָבען זיי אָבער תמיד זיך געענדיגט מיט אַ זיג פאַר דער יוניאָן.

עס וועט זיין אינטערעסאַנט צו פאַרצייכענען איין כאַראַקטעריסטישען פאַל, ווען דער ענגלישער שריפטזעצער יוניאָן איז אויסגעקומען צו שפּילען אַן אַנטשיידענדע ראָלע אין דער דערוויילונג פון אַ פּרעזידענט פון די פאַראייניגטע שטאַטען. אריינגעצויגען געוואָרען אין דעם פּאָליטישען וואָל־קאַמף איז די ענגלישע שריפטזעצער־יוניאָן דורך אַ צופאַל. די יוניאָן האָט געהאַט אָנגעפירט אַ סטרייק געגען דער „ניו יאָרק טריביון", אַ רעפּוב־

ליקאַנער צייטונג. אַ קאָמיטע פון דער יוניאָן האָט זיך געווענדט צו דער רעפּובליקאַנער נאַציאָנאַלער קאָנווענשאָן מיט דעם פאַרלאַנג, אַז די קאָנווענשאָן זאָל אָננעמען אַ רעזאָלוציע געגען דער „ניו יאָרק טריביון". אַזוי ווי די קאָנווענשאָן האָט זיך אָנטזאָגט צו פאַרדאַמען די „טריביון", האָט די יוניאָן אינדאָרסירט דעם פּרעזידענט־קאַנדידאַט פון דער דעמאָ־קראַטישער פאַרטיי, גראָווער קליוולאַנד. קליוולאַנד איז אין יענע וואַלען, אין יאָר 1884, דערוויילט געוואָרען פּרעזידענט מיט אַ זעהר קליינער מער־הייט אין דעם „עלעקטאָראַל קאָלעדזש". ער האָט געוואונען ניו יאָרק סטייט, און דאָס האָט אים דערוויילט. אָבער אַזוי ווי ער האָט געוואונען ניו יאָרק דורך דער קליינער מערהייט פון ניט מער ווי ארום עלף הונדערט שטימען, איז אַלגעמיין אַנערקענט געוואָרען, אַז דאָס האָט די ענגלישע שריפטזעצער יוניאָן מיט אירע 3500 שטימען פאַראורזאַכט די דערוויילונג פון קליוולאַנד'ן אַלס פּרעזידענט פון די פאַראייניגטע שטאַטען.

אין סטיווענס'עס געשיכטע פון דער ניו יאָרקער שריפטזעצער יוניאָן נומער 6, וואָס איז דערשינען אין 1913, ווערט אָט דער עפּיזאָד באשריבען מיט אַלע איינצעלהייטען. נאָך אַ באַוויז, אַז די ראָלע פון דער ענגלישער שריפטזעצער יוניאָן אין דער דערוויילונג פון קליוולאַנד'ן פאַר פּרעזידענט איז ניט איבערטריבען, האָבען מיר אין דעם, וואָס אין עטלאַכע חדשים נאָך די וואַלען האָט די רעפּובליקאַנער פאַרטיי זיך ארייגעלייגט אין אַ שלום צווישען דער יוניאָן און דער „טריביון", און דער סטרייק איז געשליכטעט געוואָרען צו דער צופרידענהייט פון דער יוניאָן.

עס האָט שוין דאַן אויך עקזיסטירט אין ניו יאָרק אַ גרויסע, מעכטיגע דייטשע שריפטזעצער יוניאָן, אונטער'ן נאָמען „טיפּאָגראַפיאַ נומער 7". די דייטשע יוניאָן איז געווען זעהר שטאַרק און איינפלוסרייך. זי איז געווען די ערשטע יוניאָן אין אַמעריקע אויסצוקעמפען דעם אַכט־שטונדיגען אַרבעטס־טאָג אין איר פאַך. די צושטאַנדען אויף דער דייטשער גאַס אין אַמעריקע זיינען דעמאָלט געווען זעהר גינסטיגע פאַר דער יוניאָן. די רעוואָלוציעס פון די 48גער יאָרען אין צענטראַל־איראָפּע האָבען געבראַכט קיין אַמעריקע גרויסע צאָלען רעוואָלוציאָנערען־אימיגראַנטען, וועלכע האָבען געהאָלפען שאַפען דעם גינסטיגען באָדען, אויף וועלכען די דייטשע שריפט־זעצער יוניאָן זאָל קענען ווערען אַ מוסטערהאַפטע אַרבעטער־אָרגאַניזאַציע. די דייטשע יוניאָן האָט אויפגעטאָן זעהר אַ סך ניט נאָר פאַר אירע אייגענע מיטגלידער נאָר אויך פאַר דער דייטשער און אַמעריקאַנער אַרבעטער־באַוועגונג פון יענער צייט בכלל.

סיי דער ענגלישער יוניאָן און סיי דער דייטשער יוניאָן איז באַשערט געווען קאָנסטרוקטיוו צו העלפען אונזער אידישער שריפטזעצער יוניאָן ביי מער ווי איין געלעגענהייט, ווי דאָס וועט שפּעטער פאַרצייכענט ווערען.

# געבורט־ווייען

דער שריפטזעצער פאַראיין (1886). — די „אידישע שריפט־זעצער יוניאָן" קומט אויף דער וועלט. — די ערשטע טריט פון דער יוניאָן. — די יוניאָן וואַקסט אין כח און פרעסטיזש.

צוזאַמען מיט דער אידישער מאַסען־אימיגראַציע פון מזרח־אייראָפּע איז אויך אויפגעקומען און געוואַקסען דער אידישער דרוקער־פאַך אין ניו יאָרק.

די ערשטע אידישע צייטונג אין אַמעריקע האָט אָנגעהויבען דערשיינען אין ניו יאָרק אין 1874. דאָס איז געווען „די אידישע גאַזעטען" *, אַ וואָכענבלאַט וואָס איז ארויסגעגעבען געוואָרען פון כתריאל שרהזאָן. לכתחילה איז געווען שווער צו באַקומען אַ אידישען זעצער פאַר אַט־דער איין־איינציגער צייטונג, און כדי צוצובינדען דעם זעצער צו דער צייטונג איז דער באַלעבאָס געצוואונגען געווען אים אריינצונעמען פאַר אַ שותף אין געשעפט. אָבער די גרויסע אימיגראַציע־כוואַליע האָט אין גיכען, פון איין זייט, געשאַפען אַ נאָכפראַגע אויף דעם געדרוקטען אידישען וואָרט און, פון דער אַנדערער זייט, אַריבערגעבראַכט אַ סך אידישע דרוקער־אַרבעטער. דער דורשט נאָך דעם געדרוקטען אידישען וואָרט איז כסדר געשטיגען. ער איז סטימולירט געוואָרען קודם כל דורך דעם, וואָס דער וועג פאַר דער אידישער פרעסע איז דאָ געווען אַ פרייער, ניט פאַרצאַמט דורך צענזורען און אַנדערע פּאָליטישע שטערונגען, ווי אין דער אַלטער וועלט, וואו אידישע צייטונגען זיינען פאַקטיש ניט דערלויבט געוואָרען; צווייטענס, דורך דעם שטאַרקען אינטערעס פון די פריש־אַריבערגעקומענע אימיגראַנטען אין די פּאַסירונגען אין דער אַלטער היים, אין די פּאָגראָמען אין רוסלאַנד א. א. וו. און דאָס איז דאָך אַן אייזערנער געזעץ — איז נאָר פאַראַן אַ נאָכפראַגע אויף אַ געוויסער „סחורה", וועט זיך שוין געפינען אימיצער וואָס וועט די דאָזיגע נאָכפראַגע צופרידענשטעלען.

אין אַ קורצער צייט ארום האָט אָנגעהויבען צו דערשיינען אין ניו יאָרק נאָך אַ אידישע וואָכענבלאַט, „די ניו יאָרקער אידישע צייטונג", וואָס איז ארויסגעגעבען געוואָרען פון דר. וועקסלער. „די אידישע גאַזעטען", ווידער, האָבען אָנגעהויבען ארויסגיין עטלאכע מאָל אַ וואָך. שפּעטער, אין 1885, האָט שרהזאָן די טעגלאכע אויסגאַבע פון די „גאַזעטען" אַ

*) נאָך פאַר די „אידישע גאַזעטען" זיינען, אין די יאָרען פון 1870 ביז 1874, ארויסגעגאַנגען אין ניו יאָרק אייניגע אידישע וואָכענשריפטען, אָבער זיי האָבען זיך געהאַלטען בלויז צו עטלאכע חדשים.

נאָמען געגעבען „דאָס אידישע טאָגעבלאַט", און קיין זעצער האָבען שוין ניט געפעלט. די „גאַזעטען" אַליין האָבען באשעפטיגט דריי זעצער, און עס זיינען געווען אַנדערע זעצער לרוב.

חוץ ציישונגס־דרוקערייען האָבען זיך געעפענט אין ניו יאָרק, אַזוי ווי איבער־נאַכט, אַ געוויסע צאָל אַזוי־גערופענע „דזשאָב"־דרוקערייען, וואָס מאַכען פאַרשיידענע קליינע דרוק־אַרבעט — ווי בריוו, קאָנווערטען, ציר־קוליאַרען א. א. וו. פילענדיג זיך עלענד אין דעם נייעם לאַנד, האָבען די אימיגראַנטען זיך אָנגעהויבען צוצוטוליען איינער צום אַנדערען. זיי האָבען געגרינדעט לאַנדסמאַנשאַפט־פאַראיינען, חברות, סאָסייעטיס, לאָדזשען, און זיי אַלע האָבען זיך געגויטיגט אין געוויסע דרוק־זאַכען אויף אידיש — מיט־גליד־קאַרטען, קאָנסטיטוציע־ביכלאַך, קול־קורא'ס (אַפּילס), צירקוליאַרען, „נאָטיסעס" צו מיטינגען א. א. וו., א. וו.

בקיצור, פון דעם דערפעל — ווען מר. שרהזאָן האָט געזוכט מיטלען צוצובינדען דעם איין־איינציגען זעצער צו זיין אַרבעטס־פּלאַץ — איז גאָר שנעל געוואָרען, אויב ניט קיין כרך, איז יעדענפאַלס אַ גאַנץ היפּשע שטעטעל, מיט אַ באַדייטענדער צאָל אידישע דרוק־אַרבעטער.

מאָלט אייך, די באַלעבאַטעם גופא פון די דעמאָלטיגע אידישע דרוקע־רייען זיינען ניט געווען קיין גרויסע גבירים. יעדער איינער דרוקער אַזאַ האָט זיך געפילט געצוואונגען אָנצושליסען זיך אַלס מיטגליד פון ווייניגסטענס אַ האַלבען טוץ פאַראיינען און לאָדזשען מכל המינים, כדי דורכדעם צו באקומען אַ פאָרצוג געגען אַנדערע דרוקער־קאָנקורענטען. פאַרשטייט זיך, כדי אויסצונוצען ווי געהעריג זיין מיטגלידערשאַפט אין די פאַרשיידענע אָרגאַניזאַציעס, האָט אַזאַ דרוקער געמוזט זיין „טעטיג" אין די אָרגאַניזאַ־ציעס. יעדענפאַלס, די מיטינגען זייערע האָט ער געמוזט באַזוכען. אַזוי־ארום איז ער יעדען אָוענט אין וואָך געווען פאַרנומען מיט מיטינגען ביז שפּעט אין דער נאַכט. דערצו איז אַזאַ באַלעבאָס אַליין געווען אַ דרוקער־אַרבעטער און, צוזאַמען מיט איינעם אָדער צוויי העלפער, פלעגט ער אַליין אַרבעטען אין דער דרוקעריי דעם גאַנצען לאַנגען טאָג, ביז עס איז אָנגעקומען דער אָוענט און ער האָט געמוזט ווידער גיין . . . צו אַ מיטינג. די מערסטע דרוקערייען אַזעלכע האָבען זיך געפונען אין פינסטערע קעלערען, וואו מ'האָט כסדר געמוזט אַרבעטען פאַר קינסטלאכער באלייכטונג. קען מען זיך שוין פאָרשטעלען די גליקען פון יענע דרוקער. אָבער ווי שלעכט עס איז ניט געווען די לאַגע פון די דרוקער־באַלעבאַטים, איז די לאַגע פון זייערע אַרבעטער געווען אַ סך, אַ סך ערגער. אַ זעצער אין אַזאַ דרוקעריי האָט געאַרבעט 15—16 שטונדען אַ טאָג און זיינע שכירות זיינען געווען צווישען 3 און 6 דאָלאַר אַ וואָך.

## דער שריפטזעצער פֿאַראיין (1886)

אַ געוויסער באַרני גרינבערג, אַ אידישער שריפטזעצער, וועלכער איז געווען אַ מיטגליד אין דער שריפטזעצער יוניאָן נומער 6 און האָט געאַרבעט אין אַן ענגלישער דרוקעריי, האָט ניט געקענט צוזען די שרעקלאכע באַדינגונגען, אונטער וועלכע די אידישע זעצער אויף דער „איסט־סייד" זיינען געצוואונגען געווען צו אַרבעטען. גרינבערג האָט זיך ניט באַנוגענט מיט סימפּאַטיע אַליין; ער האָט באַשלאָסען עפּעס צו טאָן צו פֿאַרבעסערען דעם מצב פון די אידישע זעצער. צו יענער צייט האָט שוין אין ניו יאָרק עקזיסטירט אַ „אידישער אַרבעטער פֿאַראיין", וואָס איז אָרגאַניזירט געוואָרען פון דער ראַדיקאַלער אידישער אינטעליגענץ מיט'ן צוועק צו העלפען פֿאַרבעסערען די מערכה פון די אידישע אַרבעטער. האָט גרינבערג זיך געווענדעט צום „אידישען אַרבעטער פֿאַראיין", אַז ער זאָל אויף זיך נעמען די איניציאַטיווע צו אָרגאַניזירען די אידישע זעצער.

דער „אידישער אַרבעטער פֿאַראיין" האָט גערן אויפגענומען די אויפפאָדערונג פון באַרני גרינבערג און האָט צונויפגערופען אַ מיטינג פון אַ קליינער גרופּע אידישע שריפטזעצער. די גרופּע זעצער, וואָס זיינען אַנוועזענד געווען ביי יענעם מיטינג, איז באַשטאַנען פון: גרינקער, ראָזענבלום, שאַפּיראָ, קאַטען, ברווידי, כעלעמער און די צווייי ברידער פריד. דער מיטינג איז אַדרעסירט געוואָרען פון אב. קאַהאַן, וועלכער איז שפּעטער געוואָרען דער רעדאַקטאָר פון „פֿאָרווערטס", און גלייך ביי יענעם מיטינג איז געגרינדעט געוואָרען די ערשטע אָרגאַניזאַציע פון אידישע זעצער אין אַמעריקע און דער פונדאַמענט פֿאַר דער אידישער שריפטזעצער יוניאָן איז געלייגט געוואָרען. די נייע אָרגאַניזאַציע האָט מורא געהאַט זיך צו רופען מיט דעם אָפּשרעקענדיגען נאָמען „יוניאָן", האָט זי זיך אַ נאָמען געגעבען „אידישער שריפטזעצער פֿאַראיין". אָט דער טרוקענער פֿאַקט כאַראַקטעריזירט צום בעסטען די דערשלאָגענקייט פון די אידישע שריפטזעצער אין יענער צייט.

שוין ביים ערשטען מיטינג האָבען זיך די אַנוועזענדע אַראָפּגערעדט פון האַרצען. יעדער האָט געהאַט עפּעס אַגדערש צו דערציילען וועגען די ספּעציעלע צרות, וואָס אים קומט אויס אויסצושטיין. די דריי זעצער, וואָס האָבען געאַרבעט אויף „די אידישע גאַזעטען" — גרינקער, ראָזענבלום און שאַפּיראָ — האָבען דערציילט, אַז שוין פינף וואָכען ווי זיי האָבען ניט באַקומען זייערע שכירות, וואָס איז באַשטאַנען פון מיזערנע 5 דאָלאַר אַ וואָך; אַז עס קומט זיי אויס פשוט צו הונגערען, און זיי ווייסען ניט וואָס צו טאָן אַז דער באַלעבאָס זאָל זיי באַצאָלען די הינטערשטעליגע שכירות. גלייך ביי דעם ערשטען מיטינג איז באַשלאָסען געוואָרען, אַז די דריי

זעצער פון די „אידישע גאַזעטען" זאָלען ארויס אין סטרייק, ביז דער באַלעבאָס וועט זיי באצאָלען וואָס עס קומט זיי.

דאָס איז געווען דער ערשטער קאַמף, וואָס דער „אידישער שריפט־זעצער פאַראיין" האָט געזאָלט אונטערנעמען. אָבער דאָ האָט פּאַסירט עטוואָס, וואָס כאַראַקטעריזירט זעהר גוט דעם סאָלידאַריטעט־צושטאַנד פון די אַרבעטער אין יענער צייט. ווען די דריי זעצער זיינען אויף מאָרגען נאָכ'ן מיטינג אריינגעקומען שטעלען דעם באלעבאָס די פאָדערונג וואָס דער מיטינג האָט באשלאָסען, האָבען זיי שוין דאָרט געפונען די צוויי ברידער פריד שטייענדיג ביי די שריפט־קאַסטענס און אַרבעטענדיג גאַנץ געשמאַק. דאָס האָבען די ברידער פריד זיך געפעדערט, דערציילט דעם באלעבאָס וואָס נעכטען איז באשלאָסען געוואָרען, און גלייך טאַקע פאַרנומען די פּלעצער פון די דריי זעצער, וואָס האָבען געזאָלט ארויסגיין אין סטרייק...

אָט אויף אַזאַ אופן האָט זיך פאַרענדיגט דער ערשטער פאַרזוך פון „אידישען שריפטזעצער פאַראיין" ארויסצורופען אַ סטרייק. דאָס איז, באַטירלאך, געווען אַ גרויסער קלאַפּ פאַר דעם פאַראיין, און נאָך מער פאַר דעם גלויבען אין די אייגענע כחות פון די עטלאכע אַנגעשלאָסענע יונגע־לייט, וואָס האָבען דעם פאַראיין געגרינדעט. אָבער אינגאַנצען אַנטוישט זיינען זיי פונדעסטוועגען ניט געוואָרען, ווארים דעמאָלט זיינען אַזעלכע פּאַסירונגען געווען אַ דבר בכל יום, אַ טאָג־טעגלאכע פּאַסירונג, אין אַלע יוניאָנס פון אַלע אידישע פאַכען.

דערווייל איז די אידישע „פּרעסע" זיך ווייטער געוואקסען. אין יאָר 1886 האָט אָנגעהויבען דערשיינען אין ניו יאָרק אַ נייע וועכענטלאכע צייטונג אונטער דעם נאָמען „די ניו יאָרקער אידישע פאָלקסצייטונג". די דאָזיגע צייטונג איז ארויסגעגעבען געוואָרען פון אברהם קאַנטאָר און טאָמאַס ברוקס, צוויי אָדעסער יונגעלייט וואָס זיינען געקומען קיין ניו יאָרק פון מאַסאַטשו־זעטס. די „פאָלקסצייטונג" האָט געהאַט צוויי רעדאַקטאָרען — ברעס־לאַווסקי (שפּעטער דר. ברעסלוי) און מאָזעס מינץ (שפּעטער דר. מינץ). אַזוי ווי סיי די ארויסגעבער און סיי די רעדאַקטאָרען זיינען געווען ראַדי־קאַלען, איז די „פאָלקסצייטונג" געווען אַ פּראָגרעסיווע צייטונג און ארום איר האָבען זיך גרופּירט פּראָגרעסיווע עלעמענטען, וואָס האָבען געשפּילט אַ באדייטענדע ראָלע אין דער אָרגאַניזירונג פון די אידישע אַרבעטער. ניט נאָר האָט די „פאָלקסצייטונג" געוועקט די אידישע אַרבעטער זיך צו אָרגאַניזירען אין יוניאָנס, נאָר די רעדאַקטאָרען אירע, ברעסלאַווסקי און מינץ, פלעגען אָפט אויפטרעטען אויף פאַרזאַמלונגען און פלעגען העלפען וועקען דאָס באוואוסטזיין פון די אַרבעטער.

הגם די פּרעסע איז געוואקסען, איז אָבער די צאָל זעצער געוואקסען נאָך שנעלער. אין 1888 זיינען שוין אין ניו יאָרק געווען מער זעצער ווי

„דזשאָבס". אונטער אַזעלכע אומשטענדען איז, פאַרשטייט זיך, די לאַגע פון די זעצער געוואָרען נאָך ערגער, נאָך אומדערטרעגלאכער, און די נויטיג־קייט צו אָרגאַניזירען אַ יוניאָן, וואָס זאָל אויסאיבען כאָטש עפּעס אַ קאָנטראָל איבער'ן פאַך, איז געוואָרען נאָך דרינגענדער. אַגב, האָט זיך דעמאָלט שוין זעהר שטאַרק „באוועגט" אין אַלע פאַכען, וואו די אידישע אימיגראַנטען זיינען געווען באשעפטיגט. דאָס „הייוועך", וואָס די ראדיקאַלע אינטעלי־גענץ האָט כסדר געהאַלטען אין שיטען אין דעם אַרבעטער־טייג, האָט אָנ־געהויבען צו ברענגען רעזולטאַטען — דאָס „טייג" האָט אָנגעהויבען צו יוירען, צו בלעזלען זיך, צו הויבען זיך. די צייט איז געוואָרען רייף פאַר די זעצער צו אָרגאַניזירען, שוין ניט מער קיין „פאַראיין", נאָר טאַקע אַן אמת'ע יוניאָן, מיט אַלע קליפּערלאַך פון אַן אמת'ער אַרבעטער־אָרגאַניזאַציע.

### די „אידישע שריפטזעצער יוניאָן" קומט אויף דער וועלט

אין אַ הייסען שבת נאָכמיטאָג, אין יוני אָדער יולי פון יאָר 1888, האָט אַ גרופּע פון זיבען אידישע שריפטזעצער זיך פאַרזאַמעלט און גע־גרינדעט די איצטיגע אידישע שריפטזעצער יוניאָן. די גרופּע איז באַ־שטאַנען פון: ווערבער, פיליפּ לעווין, אויערבאַך, ראָזענבלום, מאַיסטראָוו־סקי, אייזיק שמולעוויץ, דובין, קעסטענבוים און ב. גינזבורג.

די „פאַרזאַמלונג" איז פאָרגעקומען אין 84 נאָרפאָלק סטריט, אין דער וואוינונג פון בערנאַרד גינזבורג, וועלכער האָט געאַרבעט אַלס זעצער אויף דר. וועקסלער'ס „אידישע צייטונג" (איצט איז מר. גינזבורג אַן אָנגע־זעענער אַדוואָקאַט אין ניו יאָרק). עס איז אַ גרויסער ספק, צי האָבען יענע ניין יונגעלייט ווי געהעריג פאַרשטאַנען די היסטאָרישע באדייטונג פון דער פאַסירונג. אָבער, סיי ווי סיי, די געשעעניש איז גלייך אויפ'ן אָרט גע־פייערט געוואָרען „מיט פּראַכט און גלאַנץ" . . . ביי אַ הייס גלעזעל טיי מיט צובייסען, וואָס די יונגע מרס. גינזבורג האָט סערווירט.

### די ערשטע טריט פון דער יוניאָן

די נאָענטע אויפגאַבע פון דער ניי־געשאַפענער יוניאָן איז באשטאַנען אין ערוויילען באאַמטע; אויסאַרבעטען תקנות, ווי אַזוי די מיטינגען זאָלען געפירט ווערען; און פעסטשטעלען כללים פון אויפפירונג בין אָדם לחברו, צווישען איין מיטגליד און דעם אַנדערען.

די ערשטע באאַמטע פון דער יוניאָן זיינען געווען: ווערבער — פּרע־זידענט; פיליפּ לעווין — וויצע־פּרעזידענט; אויערבאַך — סעקרעטאַר, און ראָזענבלום — טרעזשורער.

און דער ערשטער געזעץ, וואָס די יוניאָן האָט אָנגענומען, איז געווען צו עטאַבלירען אַ „רייע", אַ מין ליסט אויף וועלכער די אַרבעטסלאָזע מיט־

גלידער האָבען זיך געדאַרפט פאַרשרייבען אין דער ריי, און ווען עס האָט זיך געמאַכט ערגעץ־וואו אַרבעט איז צו דער אַרבעט געשיקט געוואָרען יענער וואָס איז געווען דער ערשטער אויף דער רייע, בעת דער צווייטער אויף דער רייע איז אויטאָמאַטיש געוואָרען דער ערשטער א. א. וו.

שוין די ערשטע גרינדער פון דער יוניאָן, מיט פופציג יאָר צוריק, האָבען פאַרשטאַנען, אַז אַזוי לאַנג ווי די איינצעלנע מיטגלידער וועלען ארומלויפען איבער די שעפער, צו די באַלעבאַטים, זוכען אַרבעט וועט די יוניאָן קיין ממשות ניט האָבען. דעריבער איז גלייך פון אָנהויב פאַרווערט געוואָרען די מיטגלידער צו גיין אַליין זוכען אַרבעט, און עס איז איינגעפירט געוואָרען די „רייע". ווען אַ באַלעבאָס האָט זיך גענויטיגט אין אַ זעצער, האָט ער זיך געמוזט ווענדען צו דער יוניאָן און די יוניאָן האָט אים שוין באַזאָרגט מיט אַ זעצער. עס איז ערוויילט געוואָרען אַ ספּעציעלער באַאַמטער, וואָס האָט געהייסען „רייע־קיפּער", וועמעס עובדא עס איז געווען אומפּאַרטייאיש און יושר׳דיג דורכצופירען די כללים פון דער יוניאָנ׳ס אינסטיטוציע וואָס הייסט „רייע".

אַז דאָס איז געווען אַ קלוגער שריט באַווייזט דער פאַקט, וואָס אָט דער ערשטער געזעץ פון דער יוניאָן, די „רייע", איז — מיט פאַרשיידענע מאָדיפיקאַציעס, פאַרשטייט זיך, — אָנגעהאַלטען געוואָרען אין דער יוניאָן ביז דער סאַמע לעצטער צייט. עס איז שווער זיך פאַרצושטעלען ווי אַזוי עס וואָלט מעגלאך געווען פאַר דער יוניאָן צו קאָנטראָלירען, פאַרפעסטיגען און אָנהאַלטען אַ קאָנטראָל איבער דעם פאַך אָהן דעם דאָזיגען איינפיר. נאָך מערקווירדיגער איז, וואָס, בדרך כלל, איז די „רייע" דורכגעפירט געוואָרען זעהר צופרידענשטעלענד, הגם ניט אַלעמאָל הונדערט פּראָצענט יושר׳דיג צו יעדען איינצעלנעם אַרבעטסלאָזען מיטגליד.

עס איז כדאי צו פאַרנאָטירען אַ געוויסען „שפּיצעל", אַ „טריק", מיט וועלכען דער ערשטער אויף דער רייע פלעגט אַמאָל אָפּגענאַרט און באַרויבט ווערען פון זיין רעכט צו גיין דער ערשטער צו דער אַרבעט. ווען דער צווייטער אויף דער רייע האָט דערשמעקט, אַז עס האַלט זיך אין שאַפען ערגעץ־וואו אַ שטענדיגער אַרבעטס־פּלאַץ, איז ער אַוועק צו זיינעם אַ פריינט, אַ דרוקער־באַלעבאָס, און האָט מיט אים אָפּגעמאַכט, ער זאָל פאַרלאַנגען אַ זעצער פון דער יוניאָן. אַזוי שנעל ווי דער ערשטער איז אַוועק צו דער אַרבעט, איז נאַטירלאך דער צווייטער תיכף געוואָרען דער ערשטער, און ער איז געשיקט געוואָרען צו דער אַרבעט אויף דעם שטענדיגען פּלאַץ, בעת דער אמת׳ער ערשטער איז אין אַ פּאָר טעג ארום צוריקגעקומען צו דער רייע און איז ווייטער פאַרבליבען אַרבעטסלאָז, און דערצו נאָך דער לעצטער. אַזעלכע פאַלען זיינען אָבער געווען אויסנאַמען. אין אַלגעמיין האָט די „רייע" גוט געאַרבעט.

## די יוניאַן וואַקסט אין כח און אין פרעסטיזש

אַזוי שנעל ווי עס איז באַקאַנט געוואָרען, אַז אַ גרופע אידישע שריפט־זעצער האָט געגרינדעט אַ יוניאַן, האָבען ביסלאכווייז אָנגעהויבען אריינ־שטראָמען אין דער יוניאָן נייע מיטגלידער. עס האָבען זיך גלייך אָנגעשלאָסען אָן דער יוניאָן די פאָלגענדע זעצער: ה. ראָזענסאָן (וועלכער האָט דעמאָלט געאַרבעט ביים אָנגרוזעווען שיפען, אַלס „לאָנגשאָרמען"), גאָרדאָן, קרוגער, סילווערמאַן, באַגין, פריד, ליבערמאַן, לוואָווסקי, ב. אַש, דזשאָן ברוקס, ל. גינזבורג, ספעקטאָר, באדעק, האַלפערין, סיגעל, אייזיק ליפשיץ, נעכעלעס און שניידער.

אין אַ קורצער צייט ארום זיינען שוין געווען אָנגעשלאָסען אָן דער יוניאָן כמעט אַלע זעצער, וואָס זיינען דעמאָלט געווען באשעפטיגט אויף אידיש, און די יוניאָן איז צוגעטראָטען אויסצואַרבעטען אַ ליסט מיט פאָדערונגען, וואָס זאָל צוגעשטעלט ווערען צו די באַלעבאָטים.

אָט זיינען די פאָדערונגען, וואָס די יוניאָן האָט דאַן ארויסגעשטעלט צו די באַלעבאָטים:

1) דער אַרבעטס־טאָג זאָל זיין ניט לענגער ווי צען שעה.

(די פאַרקירצונג פון דעם אַרבעטס־טאָג האָט, פאַרשטייט זיך, געהאָט אַ דאָפּעלטען צוועק — גרינגער מאַכען די מערכה פון די אַרבעטער וואָס שטייען אויף פלעצער, און שאַפען אַרבעט פאַר אַרבעטסלאָזע.)

2) אַ העכערונג אין פרייז פון שטיק־אַרבעט, כדי אַ זעצער זאָל אין אַ צען־שטונדיגען אַרבעטס־טאָג קענען פאַרדינען 9 דאָלאַר אַ וואָך.

(אין די צייטונגען האָט מען דעמאָלט געאַרבעט פון שטיק. די זעצער אין די צייטונגען זיינען נאַטירלאך ניט געווען שטאַרק באגייסטערט פאַר אַ פאַרקירצטען אַרבעטס־טאָג, אויב דאָס וועט מיט זיך ברענגען קלע־נערע פאַרדינסטען. דערפאַר האָט דער פרייז פון שטיק־אַרבעט געמוזט געהעכערט ווערען.)

3) די שכירות פון די זעצער אין די „דזשאַב"־דרוקערייען זאָל זיין 9 דאָלאַר אַ וואָך.

ס'איז איבעריג צו זאָגען, אַז די יוניאָן האָט זיך געריכט אויף אַ קאַמף. צו אַלעמענס גרויסער איבערראַשונג, אָבער, האָבען די באַלעבאָטים נאָכ־געגעבען אַלע פאָדערונגען אָהן דעם מינדעסטען ווידערשטאַנד, און אין פאַך איז איינס־צוויי־דריי דורכגעפירט געוואָרען, קען מען זאָגען, אַ בלוטלאָזע רעוואָלוציע.

אָט אַזוי האָט די אידישע שריפטזעצער יוניאָן געמאַכט איר „דעביו", איר ערשטען „פאַרנויג", אויף דער קאַמפס־אַרענע פון דער אידישער אַרבעטערשאַפט אין ניו יאָרק.

# די פאַראייניגטע אידישע געווערקשאַפטען ווערט געגרינדעט

דער געדאנק פון אַרבעטער־אָרגאַניזאַציע, וועמעס קערנער די ראַדי־קאַלע אינטעליגענץ האָט געהאַלטען אין איין וואַרפען אויף אַלע זייטען, האָט דאָ און דאָרט זיך „אָנגענומען" אין דעם באָדען פון דער אידישער אימיגראַנטישער אַרבעטער־מאַסע און האָט געבראַכט פרוכט. גלייך פון אָנהויב פון דער אידישער מאַסען־אימיגראַציע האָט עס אָנגעהויבען צו ברויזען אין אירע רייען, און מער ווי איין יוניאָן איז דעמאָלט אויפגע־קומען. אָבער קיין גרויס ממשות האָבען די יוניאָנס ניט געהאָט; דער ערשטער ווינטעל האָט זיי פאַרניכטעט.

דורכ'ן זומער פון 1888 זיינען אונטערגעגאַנגען כמעט אַלע אידישע יוניאָנס, וואָס האָבען ביז דאַן עקזיסטירט. קיין אייגענע היימען, קיין „אָפיסעס", האָבען יענע יוניאָנס ניט געהאַט, קיין געלט אין דער קאַסע אויך ניט, — פלעגען זיי נאָך יעדען פאַרלוירענעם סטרייק אונטערגיין. אַזוי ווי דאָס יאָר 1888 איז געווען זעהר אַן אומגינסטיגער פאַר סטרייקס, און די אידישע יוניאָנס האָבען דוקא גערופען סטרייקס רעכטס און לינקס, זיינען זיי כמעט אַלע אונטערגעגאַנגען.

דעמאָלט איז קלאָר געוואָרען, אַז וואָס עס פעלט דער אידישער אַרביי־טערשאַפט, איז — אַ צענטראַלע קערפּערשאַפט, וואָס זאָל איינשטעלען אַ פאַרבינדונג צווישען די יוניאָנס, כדי זיי זאָלען זיך קענען געגענזייטיג שטיצען סיי אין זייערע אָרגאַניזיר־קאַמפּאַניעס און סיי אין זייערע קאַמפען.

די איניציאַטיווע צו אָרגאַניזירען אַ צענטראַלע אידישע אַרבעטער־קערפּערשאַפט האָט אויף זיך גענומען דער אידישער ברענטש פון דער סאָציאַליסטישער אַרבייטער פּאַרטיי (ס. ל. פּ.). אויף אַ מיטינג ביי דעם אידישען ברענטש 8 פון דער ס. ל. פּ. אין זומער פון 1888 האָט יעקב מאַגידאָוו (דער איצטיגער עדיטאָריעל־שרייבער פון „מאָרגען זשורנאַל", וועלכער איז דעמאָלט געווען אַ העמדעל־נייער) געמאַכט אַ פאָרשלאַג, אַז דער ברענטש זאָל זיך נעמען פאַר דער אויפגאַבע אַזאַ קערפּערשאַפט צו אָרגאַניזירען. דער פאָרשלאַג איז אָנגענומען געוואָרען, און תיכף איז ערוויילט געוואָרען אַ קאָמיטעט, פון ב. ווײַנשטיין און מאָריס הילקוויט, דעם פּלאַן דורכצופירען.

קיין היימען, קיין אַדרעסען האָבען די יוניאָנס, ווי געזאָגט, ניט גע־

האָט. די איינציגע אַדרעסען, וואָס יענע יוניאָנס האָבען געהאַט, זיינען געווען די זאַלען, די האָלס, וואו זיי פלעגען אָפּהאַלטען זייערע מיטינגען. כדי צו שטעלען זיך אין פאַרבינדונג מיט די יוניאָנס, האָבען וויינשטיין און הילקוויט זיך געמוזט אַוועקלאָזען איבער די מיטינג־האָלס אויסצוגעפינען וועלכע יוניאָנס האַלטען נאָך אָפּ מיטינגען און וועלכע ניט. גאָר גיך האָבען זיי אויסגעפונען, אַז פון די אַלע יוניאָנס זיינען בלויז פאַרבליבען זייערע סטייט־טשאַרטער, אָהן וועלכע מען האָט דעמאָלט ניט געטאָרט אָפּהאַלטען קיין מיטינג הינטער געשלאָסענע טירען. די בעקער יוניאָן, די שניידער יוניאָן, די „אינדעפּענדענט קלאָוקמאַכער יוניאָן", די קאַפּען־מאַכער יוניאָן, די שוירט־מאַכער יוניאָן — יוניאָנס, וועלכע האָבען שוין געהאַט עקזיס־טירט — זיינען אַלע „שפּורלאָז פאַרשוואונדען", און עס איז ניט געווען צו וועמען צו ריידען. די איינציגע צוויי יוניאָנס, וואָס זיינען ניט אונטער־געגאַנגען, זיינען געווען — די אידישע שריפטזעצער יוניאָן און די יוניאָן פון די אידישע טעאַטער־כאָריסטען.

פונדעסטוועגען האָט דער קאָמיטעט ניט אַראָפּגעלאָזען די הענט און איז ווייטער אָנגעגאַנגען מיט דער אַרבעט. ער האָט ענדלאך צונויפגערופען אַ קאָנפערענץ אויף דעם 9טען אָקטאָבער, 1888, אין דייטשען „לייבאָר לייסעאום" אויף 4טע סטריט, וואו עס איז אָרגאַניזירט געוואָרען די ערשטע צענטראַלע אידישע אַרבייטער־קערפּערשאַפט אין אַמעריקע — די „פאַר־אייניגטע אידישע געווערקשאַפטען".

אין דער קאָנפערענץ האָבען זיך באטייליגט דעלעגאַטען פון בלויז דריי אידישע יוניאָנס: י. ווערבער, פון דער אידישער שריפטזעצער יוניאָן; ל. לענצער און י. קרינסקי, פון דער כאָריסטען־יוניאָן, און מ. סימאָנאָוו, אַלס דעלעגאַט פון דער אידישער אַקטיאָרען־יוניאָן, וועלכע האָט זיך געהאַט אָרגאַניזירט טאָקע די זעלבע וואָך. דער דעלעגאַט פון דער אַקטיאָרען־יוניאָן איז געקומען צו דער קאָנפערענץ שוין ביים סוף פון די זיצונגען. די אידישע סאָציאַליסטישע באוועגונג — די „הייבאַם", וואָס האָט גע־האָלפען דאָס נייע עופה'לע קומען אויף דער וועלט — איז, פאַרשטייט זיך, געווען דער הויפּט מחותן אויף דער קאָנפערענץ. דער אידישער סאָציאַ־ליסטישער ברענטש פון דער ס. ל. פּ. איז געווען פאַרטראָטען דורך י. מאַגידאָוו און ב. וויינשטיין, און דער „רוסישער" ברענטש פון דער ס. ל. פּ. — דורך מאָריס הילקוויט און ל. באַנדעס (לואיס מילער). חוץ דעם איז די דייטשע סאָציאַליסטישע באוועגונג געווען פאַרטראָטען דורך א. הובער און מ. גריקע אַלס פאַרטרעטער פון די „פאַראייניגטע דייטשע געווערקשאַפטען", און דורך וו. ראָזענבערג, רעדאַקטאָר פון דעם אָפיציעלען דייטשען אָרגאַן פון דער ס. ל. פּ., „דער סאָציאַליסט".

עס איז ווערט צו באַטאָנען, אַז בעת די אידישע אַרבעטער־באוועגונג

איז נאָך געלעגען אין אירע װיקעלאַך, איז די דײטשע באַװעגונג שױן געװען שטאַרק און אײנפלוסרײך, און זי האָט אויף פאַרשײדענע אופנים געהאָלפען דער אידישער באַװעגונג. ניט נאָר פלעגען די דײטשע אַרבעטער געבען פרײ זײער האָל פאַר אידישע אַרבעטער־מיטינגען; ניט נאָר זײנען זײ געװען פאַרטראָטען בײ דער גרינדונגס־קאָנפערענץ פון דער צענטראַלער אידישער אַרבעטער־קערפּערשאַפט, נאָר זײ האָבען געשאַפען, אַזױ צו זאָגען, דעם גרינדונגס־קאַפּיטאַל פון דער נײער אָרגאַניזאַציע, דורך אַ בײשטײערונג פון 10 דאָלאַר. עס איז דעריבער געװען העכסט נאַטירלאַך, אַז די נײ־געשאַפענע אָרגאַניזאַציע זאָל אָננעמען דעם נאָמען פון איר שװעסטער־אָרגאַניזאַציע, די „פאַראײניגטע דײטשע געװערקשאַפטען", און זי האָט זיך אַ נאָמען געגעבען „פאַראײניגטע אידישע געװערקשאַפטען".

אָט אַזױ איז מיט פופציג יאָר צוריק געקומען אויף דער װעלט די „פאַראײניגטע אידישע געװערקשאַפטען" — מיט אַ קאַפּיטאַל פון גאַנצע צען דאָלאַר; מיט ב. װײנשטײן אַלס איר ערשטען פּראָטאָקאָל־סעקרעטאר און מאָריס הילקוויט אַלס ערשטען קאָרעספּאָנדענץ־סעקרעטאר; מיט אַ קלײנער גרופּע טוער, װאָס הגם זי איז געװען אָרעם אין דערפאַרונג, איז זי אָבער געװען רײך אין ענערגיע און אין איבערגעבענקײט צו די אינטערעסען פון די אַרבעטער־מאַסען.

די אידישע שריפטזעצער יוניאָן איז שטאָלץ אויף דעם פאַקט, װאָס זי איז געװען אײנע פון די ערשטע צװײ, אָדער דרײ, אידישע יוניאָנס, װאָס האָבען געגרינדעט די „פאַראײניגטע אידישע געװערקשאַפטען". װאָרים די געװערקשאַפטען האָט פולשטענדיג דערפילט איר אויפגאַבע. זי האָט אָרגאַניזירט יוניאָנס, געװאָרעמט זײ, געכאַװעט זײ, געהאָלפען זײ אין זײערע קאַמפען, ביז זײ זײנען אויסגעװאַקסען אין ריזיגע אָרגאַניזאַציעס, װאָס קענען שױן שטײן אויף די אײגענע פיס — װי די איצטיגע „אינטערנעשאָנאַל לײדיס גאַרמענט װאָירקערס יוניאָן", די „אַמאַלגאַמײטעד קלאָדינג װאָירקערס יוניאָן", „די אינטערנעשאָנאַל העט, קעפּ און מילינערי װאָירקערס יוניאָן", „די אינטערנעשאָנאַל פאַר װאָירקערס יוניאָן"; און ביז אויף הײנטיגען טאָג איז זי די מאַמע פון אַ סך קלענערע יוניאָנס, װעלכע קענען אויף די אײגענע פיס נאָך אַלץ ניט שטײן, און טוליען זיך צו איר מוטערלאַכען בוזים.

דערצו האָט די אידישע שריפטזעצער יוניאָן אַ ספּעציעלען אינטערעס אין די „פאַראײניגטע אידישע געװערקשאַפטען" צוליב דעם, װײל אין אַלע קאַמפען פון דער יוניאָן האָט די געװערקשאַפטען געשפּילט אַ געװיסע ראָלע, װי מיר װעלען דאָס זען װײטער.

# דער ערשטער קאַמף פון דער יוניאָן

קינדער-קראַנקהייטען פון דער אַרבעטער-באַוועגונג.

די ערשטע פּאָר יאָר פון דער יוניאָנ'ס עקזיסטענץ זיינען אַריבער רוהיג, שטיל. מען האָט יעדע וואָך געמיט, דעבאַטירט, אויסגעגליכען סכסוכים צווישען מיטגלידער און ביסלאַכוויז זיך צוגעוואוינט צום אָרגאַניזירטען צוזאַמענלעבען.

דער ערשטער ערנסטער סכסוך מיט באַלעבאַטים איז פאָרגעקומען ערשט אין 1890. דער צופאַל האָט געוואָלט, אַז דעם ערשטען צוזאַמענשטויס זאָל די יוניאָן האָבען ניט מיט „קאַפּיטאַליסטישע" באַלעבאַטים, נאָר דוקא מיט אַן אַרבעטער־צייטונג.

די אידישע סאָציאַליסטען האָבען דעמאָלט אָנגעהויבען ארויסגעבען „די אַרבעטער צייטונג", און שוין גלייך ביים אָנהויב זיינען צווישען די ארויסגעבער און דער יוניאָן אנטשטאַנען סכסוכים, וואָס האָבען געפירט צו אַן ערנסטען קאַמף.

מיר האָבען געזאָגט: „דער צופאַל האָט געוואָלט, אַז די יוניאָן זאָל האָבען איר ערשטען צוזאַמענשטויס דוקא מיט אַן אַרבעטער־צייטונג". דאָס איז אָבער געווען מער ווי אַ צופאַל. ריכטיגער צו זאָגען איז, אַז אַט דער קאַמף איז געווען אַ לאָגישער רעזולטאַט פון דער גאַנצער באַציהונג פון די סאָציאַליסטען צו די יוניאָנס. די סאָציאַליסטען, וועלכע האָבען די יוניאָנס אָרגאַניזירט, האָבען זיך נאַטירלאַך באטראכט ניט נאָר פאַר זייערע פאָטערס נאָר אויך פאַר זייערע באַלעבאַטים. עס האָט געמוזט קומען דער טאָג, ווען די קינדער וועלען ענדלאַך פּראָקלאַמירען זייער אומאָפּהענגיגקייט פון די עלטערען, — אַט אַזוי ווי דאָס קומט פאָר צווישען קינדער און עלטערען בכלל. אָבער בעת אין אַנדערע יוניאָנס איז אַט דער אומאָפּהענגיגקייטס־קאַמף געקומען ערשט שפּעטער, איז ער אין דער אידישער שריפטזעצער יוניאָן פאָרגעקומען גלייך אין אָנהויב. דאָס איז געווען אומפאַרמיידלאַך צוליב דעם ספּעציעלען אומשטאַנד, וואָס חוץ דעם וואָס די סאָציאַליסטען זיינען געווען די פאָטערס פון דער יוניאָן זיינען זיי אויך אין גיכען געוואָרען באַלעבאַטים ממש, דאָס הייסט, באַשעפטיגער פון זעצער ביי זייער צייטונג.

די ארויסגעבער פון דער „אַרבייטער צייטונג" זיינען ארויסגעטראָטען סיי געגען די שטונדען־ און שכירות־באַדינגונגען פון דער יוניאָן, און סיי

געגען דער „רײע", געגען דעם אַז די ערשטע זעצער אויף דער רײע זאָלען גײן אַרבעטען אויף דער „אַרבעטער צײטונג".

װי קומט עס, װאָס סאָציאַליסטישע באַלעבאַטים זאָלען זײן געגען אַנשטענדיגע שכירות און שטונדען? עס איז ניט זעהר שװער צו געבען אַן ענטפער אויף דער פראַגע. כדי ארויסצוגעבען אַן אײגענע צײטונג, האָבען די סאָציאַליסטען געמוזט מאַכען די גרעסטע אַנשטרענגונגען, ברענגען די גרעסטע פערזענלאַכע קרבנות. בײ זײ האָט זיך דעריבער ניט געקענט פּאַטאַיפּען אין מוח, אַז אין דער צײט װען עס װערען גע־מאַכט אַזעלכע אַנשטרענגונגען צו שאַפען אַ צײטונג, װאָס זאָל דינען דער גאַנצער אַרבעטער־באַװעגונג, די זעצער אײנגעשלאָסען; װען די טוער ארום דער צײטונג, אײנגעשלאָסען די שרײבער, זײנען גרײט צו אַרבײטען כמעט פאַר גאָרנישט, — אַז די זעצער זאָלען אַזאַ צײטונג באַהאַנדלען פונקט אַזוי װי זײ באַהאַנדלען אַ פּריװאַטע אונטערנעמונג. לויט זײער שכל איז אויסגעקומען, אַז פאַר אַט־אַזאַ צײטונג דאַרפען אויך די זעצער אַרבײטען פאַר כמעט גאָרנישט, אָדער פאַר װיפיל „גאָט װעט געבען".

װאָס איז שײך דער רײע, האָבען זײ געװאָלט, אַז נאָר אַזעלכע זעצער װאָס זײנען סאָציאַליסטען זאָלען געשיקט װערען אַרבעטען אויף דער „אַרבעטער צײטונג". אַזוי װי צװישען די פיר זעצער איז גראָד אײנער געװען אַן אַנאַרכיסט (ה. ראָזענסאָן), האָבען די ארויסגעבער אים ניט גע־װאָלט אַנשטעלען צו דער אַרבעט.

די יוניאָן האָט בשום אופן ניט געקענט נאָכגעבען קײן אײנעם פון אַט־די צװײ פונקטען, װעלכע זײנען געװען דער סאַמע פונדאַמענט פון איר עקזיסטענץ.

װאָלט די יוניאָן מסכים געװען צו אַרבעטען פאַר נידעריגערע שכירות פאַר אַן אַרבעטער־צײטונג, — װאָלט עס פאַקטיש געפירט צו אַ פאַר־קלענערונג פון שכירות בײ אַלע באַלעבאַטים. מיט װאָס פאַר אַ פּתחון־פּה װאָלט די יוניאָן געקענט פאָדערען בײ די „קאַפּיטאַליסטישע" צײטונגען העכערע שכירות װי זי באַקומט אין דער סאָציאַליסטישער צײטונג, װעלכע קאָנקורירט דאָך מיט זײ? אַגב, װאָלט די יוניאָן שוין געמוזט מאַכען די זעלבע קאָנצעסיעס אויך פאַר צײטונגען פון אַנדערע ריכטונגען אין דער באַװעגונג, װי די אַנאַרכיסטישע א. א. װ., און דאָס װאָלט פּראָסט־פּשוט זיך אויסגעלאָזען מיט אַן אַלגעמײנער פאַרקלענערונג פון די שכירות. דער רעדאַקטאָר פון דער „אַרבעטער צײטונג", פיליפּ קראַנץ — װעלכער איז אַריבערגעבראַכט געװאָרען אַהער פון לאָנדאָן, װאו ער איז געװען דער רעדאַקטאָר פון „אַרבעטער פרײנד" — האָט טאַקע גע'טענה'ט, אַז 9 דאָלאַר אַ װאָך איז צו הויכע שכירות פאַר אַ זעצער. והאַ ראיה: אין לאָנדאָן זײנען זעצער צופרידען מיט 6 ביז 8 דאָלאַר אַ װאָך.

די יוניאָן האָט אויך ניט געקענט נאָכגעבען דעם פונקט וועגען דער „רייע". וואָלט די יוניאָן נאָכגעגעבען, אַז אין דער „אַרבעטער צייטונג" טאָרען ניט באשעפטיגט ווערען קיין ניט־סאָציאַליסטען, — וואָלט מען דאָס זעלבע געמוזט נאָכגעבען אויך די אַנדערע ריכטונגען, און דאָס וואָלט געפירט דערצו, אַז מיר וואָלטען געהאַט פאַרשיידענע, באזונדערע צייטונגס־יוניאָנס — ווי, להבדיל, „קאָמפּאַני יוניאָנס" — אָבער ניט קיין איינהייטלאכע יוניאָן פון אַלע זעצער.

אָבער אַזוי ווי די ארויסגעבער פון דער „אַרבעטער צייטונג" זיינען געווען איינגעשפּאַרט — טאַקע נאָר ווי מ'האָט געקענט זיין איינגעשפּאַרט אין יענע ערשטע יאָרען פון דער באוועגונג, מיט זייער אומפּראַקטישקייט און פאַנאַטיזם — איז די יוניאָן געווען געצוואונגען צו רופען אַ סטרייק.

דער סטרייק האָט געדויערט דריי טעג און האָט זיך געענדיגט מיט אַ זיג פאַר דער יוניאָן. אַלע פיר זעצער, וואָס די יוניאָן האָט געהאַט געשיקט צו דער אַרבעט, זיינען אָנגעשטעלט געוואָרען.

אָט דער סטרייק האָט איבערגעלאָזען נאָך זיך אָנגעצויגענע באַציאונגען צווישען די ארויסגעבער פון דער „אַרבעטער צייטונג" און די זעצער, וואָס האָט אין דריי וואָכען ארום געפירט צו אַ נייעם סטרייק.

פּאַסירט האָט עס אַזוי:

די רעדאַקציע האָט אריינגעגעבען צום זעצען אַן אַרטיקעל, אין וועלכען די זעצער זיינען אַטאַקירט געוואָרען פאַר עפּעס אַ גרייז, וואָס איז אריין אין דער צייטונג. די זעצער האָבען זיך גלייך געווענדט צום רעדאַקטאָר מיט אַ פאַרלאַנג, אַז ער זאָל די אַטאַקע ניט דרוקען. דער רעדאַקטאָר האָט זיך אָנטזאָגט צו דערפילען דעם פאַרלאַנג פון די זעצער. אַזוי ווי דאָס איז געווען פרייטאָג, און די יוניאָן האָט דעם זעלבען אָוונט געהאַט איר מיטינג, איז די פראַגע געבראַכט געוואָרען פאַר דער יוניאָן. נאָכדעם ווי דער אַרטיקעל איז פאָרגעלייענט געוואָרען פאַר דעם מיטינג, איז באשלאָסען געוואָרען, אַז אַזאַ אַטאַקע טאָר ניט געדרוקט ווערען. עס איז תיכף אויסגעקליבען געוואָרען אַ קאָמיטע, וואָס זאָל זיך ווענדען צום רעדאַקטאָר מיט דער פאָדערונג ניט צו דרוקען דעם אַרטיקעל; און די קאָמיטע האָט באקומען פולמאַכט („פול פּאַוער") ארויסצורופען אַ סטרייק אויב די פאָדערונג וועט ניט נאָכגעגעבען ווערען. אויף מאָרגען פרי, שבת, האָט די קאָמיטע איבערגעגעבען דעם רעדאַקטאָר דעם באשלוס פון דער יוניאָן, און אַזוי ווי דער רעדאַקטאָר האָט זיך אָנטזאָגט די פאָדערונג נאָכצוגעבען, איז דער רעזולטאַט געווען . . . סטרייק נומער צוויי.

דער צווייטער סטרייק אין דער „אַרבעטער צייטונג" איז געווען זעהר אַ פאַרביטערטער און איז געפאָכטען געוואָרען פון ביידע צדדים מיט

דער גרעסטער עקשנות. די צײַטונג האָט אַנגעשטעלט ניט־יוניאָן זעצער אויפ'ן אָרט פון די סטרײַקער, און זי האָט אויך באַקומען די מאָראַלישע אונטערשטיצונג פון די „פאַראײניגטע אידישע געווערקשאַפטען”, וועלכע האָט באַטראַכט די „אַרבעטער צײַטונג” אַלס איר אָפיציעלען אָרגאַן. די געווערקשאַפטען איז געגאַנגען נאָך ווײַטער און האָט אויסגעשלאָסען אונ־זער יוניאָן, ניט געבענדיג איר אָפּילו קײן געלעגענהײט זיך צו פאַרטײ־דיגען, צו דערקלערען איר צד.

די מיטגלידער פון דער יוניאָן האָבען געקעמפט מיט דער גרעסטער אַנטשלאָסענקײט און האָבען אַנגעווענדט אַלע מיטלען דעם קאַמף צו געווינען — און דאָס זאָגט אַ סך, ווען מ'האָט אין זינען די קאַמפּסלוסטיגקײט פון יענע יאָרען, ווען די מיטגלידער זײַנען געווען יונג און הײס־בלוטיג. אָבער דער צווײטער צד האָט אויך געקעמפט פונקט אַזוי אַנטשלאָסען. דעם מאָל האָבען די סאָציאַליסטען געפירט אַ קאַמף געגען דער יוניאָן ניט צוליב שכירות אָדער אַנדערע אַרבעטס־באַדינגונגען, נאָר אין נאָמען פון דער הײליגקײט און אומבאַרירבאַרקײט פון פרײַער פּרעסע. די יוניאָן איז פאַר דער עפנטלאַכקײט פאַרגעשטעלט געוואָרען אַלס אונטערדריקערין פון פּרעסע־פרײַהײט, אַלס „צענזאָר”, אַלס „זשאַנדאַר”, און וואָס ניט? מיט אײן וואָרט, עס איז געווען גענוג ברען־מאַטעריאַל, און עס האָט זיך צעפלאַקערט אַ היפּשע שׂרפה.

אין פאַרלויף פון סטרײַק זײַנען עטלאַכע מאָל אָפּגעהאַלטען געוואָרען קאָנפערענצען צווישען די אַרויסגעבער פון דער „אַרבעטער צײַטונג” און דער יוניאָן, אָבער די קאָנפערענצען האָבען זיך געענדיגט מיט גאָרנישט. די אַרויסגעבער האָבען געפאָדערט, אַז די ניט־יוניאָן זעצער זאָלען אַרײַנ־גענומען ווערען אין דער יוניאָן און זאָלען נאָך דערצו בלײַבען אַרבעטען בעת די סטרײַקער וועלען בלײַבען אַרבעטסלאָז. זײ האָבען גע'טענה'ט, אַז זײ האָבען צוגעזאָגט זײערע גענאָסען, וועלכע האָבען פאַרנומען די פּלעצער פון די סטרײַקער, אַז וואָס עס זאָל ניט געשען וועלען זײ בלײַבען אַרבעטען בײַ דער „אַרבעטער צײַטונג”, און זײער וואָרט קענען זײ ניט ברעכען. די יוניאָן האָט, פאַרשטײט זיך, ניט געוואָלט הערען דערפון.

אָבער ענדלאַך, נאָך אַ סטרײַק פון דרײַ וואָכען צײַט, האָט יוסף באַראָנ־דעס, דער פירער פון דער קלאָוקמאַכער יוניאָן, זיך אַרײַנגעלײגט אין אַ שלום, און אים האָט זיך אײַנגעגעבען דעם ביטערען קאַמף צו ברענגען צו אַ סוף. בײַ אַן עקזעקוטיוו מיטינג פון דער קלאָוקמאַכער יוניאָן איז דער סטרײַק געשליכטעט געוואָרען, און געשליכטעט געוואָרען איז ער אויף די באַדינגונגען פון דער יוניאָן — די סטרײַקער קערען זיך אום צו דער אַרבײַט, און די ניט־יוניאָן זעצער מוזען פאַרלאָזען די פּלעצער אײדער די סטרײַקער קערען זיך צוריק.

## קינדער־קראַנקהייטען פון דער אַרבעטער־באַוועגונג

ווי עס קומט מערסטענס פאַר אין קאַמפּען בכלל, איז דער אָריגינע־לער סכסוך, צוליב וואָס דער סטרייק איז ארויסגעקומען, כמעט איגנאָ־רירט געוואָרען. די יוניאָן האָט אַליין גוט פאַרשטאַנען, אַז זי האָט ניט געהאַט קיין רעכט צו זאָגען אַ דעה דער צייטונג, וואָס זי זאָל דרוקען און וואָס ניט.

אַז מ׳פרעגט זיך איצט, ווי עס קומט וואָס די יוניאָן האָט פאַרט געגרופען דעם סטרייק, מוז מען געבען דעם פאָלגענדען ענטפער:

ערשטענס, זיינען די מיטגלידער פון דער יוניאָן, אָהן ספק, געווען פאַר׳שיכור׳ט פון זייער זיג אין דעם ערשטען סטרייק געגען דער „אַרבע־טער צייטונג", און זיי האָבען געמיינט אַז זיי קענען אויספירען וואָס נאָר זייער האַרץ גלוסט. אַגב, האָבען זיי געפילט — און דאָס איז טאַקע אַזוי געווען — אַז די אַטאַקע איז געווען אַ פועל־יוצא פון דער פאַרביטערונג וואָס דער סטרייק האָט איבערגעלאָזען אַלס ירושה.

צווייטענס, האָט דערביי געשפילט אַ גרויסע ראָלע דער דעמאָלטיגער איזייאישער בליק פון דער אידישער אַרבעטער־באַוועגונג בכלל אויף די רעכט פון אַרבעטער. אין יענע ערשטע יאָרען איז אין די אידישע אַר־בעטער־רייען געווען אַלגעמיין באַפעסטיגט דער געדאַנק, אַז יעדע איינ־צעלנע אונטערנעמונג באַלאַנגט, אָדער דאַרף באַלאַנגען, צו די אַרבעטער וואָס אַרבעטען אויף איר. די אייזענבאַנען, למשל, געהערען צו די אַר־בעטער וואָס באַטרייבען זיי, און די צייטונגען געהערען צו די וואָס אַר־בעטען ביי זיי. היינט ווי קענען זעצער אויפזעצען אַן אַרטיקעל, וואו זיי אַליין ווערען אַטאַקירט אין זייער אייגענער צייטונג? אַז די אייזענבאַנען דינען דאָס גאַנצע לאַנד, אַז די צייטונגען ווערען ארויסגעגעבען קודם כל פאַר די לעזער, — אַזאַ געדאַנק איז דעמאָלט געווען פרעמד אין די אידישע אַרבעטער־קרייזען.

צוליב אָט דעם טעם דאַרף, על פי העכערען יושר, דער סטרייק אין דער „אַרבעטער צייטונג" פאַרשריבען ווערען אויפ׳ן חשבון פון . . . קינדער־קראַנקהייטען פון דער אידישער אַרבעטער באַוועגונג. ניט נאָר אַ מענש מאַכט־דורך פּאָקען און מאָזלען אין די קינדער־יאָרען, נאָר, כידוע, אויך אַ באַוועגונג מאַכט זיי דורך.

עס מוז, ליידער, געזאָגט ווערען, אַז די אידישע אַרבעטער־באַוועגונג איז ביז היינטיגען טאָג נאָך ניט אינגאַנצען פּטור געוואָרען פון געוויסע קינדער־קראַנקהייטען, הגם נאָך אירע יאָרען נאָך האָט זי שוין געמעגט זיין פריי פון זיי. וואָס איז שייך אָבער דער אידישער שריפטזעצער יוניאָן, דאַרף עס קאָנסטאַטירט ווערען, אַז זי האָט זיך גלייך אין די ערשטע

יאָרען פולשטענדיג באפרייט פון דעם געדאַנק, אַז זי האָט וואָס־ניט־איז צו טאָן מיט דעם אינהאַלט פון די צייטונגען אָדער ביכער, אויף וועלכע אירע מיטגלידער ווערען באשעפטיגט. די יוניאָן האָט דורך דעם צווייטען סטרייק אין דער „אַרבעטער צייטונג" געלערענט אַ בויטיגען „לעסאָן", וואָס זי האָט שוין קיינמאָל ניט פאַרגעסען. זינט יענעם סטרייק האָט די יוניאָן באגרענעצט איר טעטיגקייט בלויז און אויסשליסלאך אויף די אַרבעטס־באדינגונגען פון אירע מיטגלידער, און האָט קיינמאָל מער ניט געפרואווט אויף דאָס מינדעסטע צו קאָנטראָלירען די מיינונגען וואָס ווערען אויסגעדריקט אין די צייטונגען ביי וועלכע זיי אַרבעטען.

דער צווייטער סטרייק אין דער „אַרבעטער צייטונג" מעג, אַלזאָ, מיט אַ ריינעם געוויסען באטראכט ווערען אַלס פועל־יוצא פון די קינדער־קראנקהייטען וואָס האָבען דעמאָלט געבושעוועט אויף דער אידישער אַר־בעטער־גאַס. צום „קרעדיט" פון דער אידישער שריפטזעצער יוניאָן, אָבער, דאַרף געזאָגט ווערען, אַז זי איז פון אָט דעם סטרייק ארויס ניט נאָר ניט קיין באשעדיגטע, נאָר, פאַרקערט, אַ געלייטערטע, אַ גענעזענטע.

# צווישען איין קאַמף און אַ צווייטען

„די פּראָגרעסיווע אידישע שריפטזעצער יוניאָן" — אַן אָפּאָזיציע-יוניאָן. — די יוניאָן פירט-איין אַן אייגענעם „יוניאָן-ליובעל". — דער אַרבעטס-טאָג ווערט פאַרקלענערט אויף 9 שטונדען.

## „די פּראָגרעסיווע אידישע שריפטזעצער יוניאָן" — אַן אָפּאָזיציע־יוניאָן.

בשעת דער צווייטער סטרייק אין דער „אַרבעטער צייטונג" איז גע־שליכטעט געוואָרען האָבען די פאַרטרעטער פון דער יוניאָן צוגעזאָגט, אַז די יוניאָן וועט אריינגעמען אַלס מיטגליד איינעם פון די סטרייק־ברעכער. וועגען די אַנדערע סטרייק־ברעכער איז קיין באשטימטע פאַרשטענדיגונג ניט געווען. אומגעפער אין אַ חודש ארום נאָכ'ן סטרייק איז דער איינער געקומען און זיך פאַרגעשלאָגען אין דער יוניאָן, און נאָכדעם ווי ער האָט זיך געשלאָגען „על־חטא" אויף זיינע מעשים איז ער אויפגענומען געוואָרען אַלס מיטגליד. די אַנדערע אָבער זיינען אפילו ניט געקומען זיך פאַר־שלאָגען פאַר מיטגלידער. זיי האָבען, הפּנים, גערעכענט, אַז זיי קומט נאָך ארויס אַ קוילעטש, און אַז זיי קענען זיך פאַרמעסטען אין כחות מיט דער יוניאָן. אַנשטאָט צו ווענדען זיך צו דער יוניאָן, אויסצודריקען חרטה און בעטען מ'זאָל זיי מוחל זיין און אריינגעמען אין דער יוניאָן, האָבען זיי צוזאַמענגענומען עטלאכע „חצי בעל־מלאָכות" און מיט זיי גע־גרינדעט אַן אייגענע שריפטזעצער יוניאָן. די שפּאָגעל־נייע יוניאָן האָט זיך אַ נאָמען געגעבען „פּראָגרעסיווע אידישע שריפטזעצער יוניאָן".

די יוניאָן האָט גלייך פאַרשטאַנען, אַז די „פּראָגרעסיווע" יוניאָן קען ווערען אַ גרויסע געפאַר, אויב עס זאָל איר געלינגען צו ווערען אַ מיטגליד פון די פאַראייניגטע אידישע געווערקשאַפטען אויפ'ן פּלאַץ פון אונזער יוניאָן, וועלכע איז אין צייט פון סטרייק אויסגעשלאָסען גע־וואָרען. וואָלט די פּראָגרעסיווע יוניאָן געוואָרען אַ טייל פון די גע־ווערקשאַפטען, וואָלט זי דערפון אַ סך געוואונען אין פּרעסטיזש, און אונ־זער יוניאָן וואָלט נאָכדעם געהאַט צו זינגען און צו זאָגען ביז זי וואָלט בייגעקומען די אָפּאָזיציע־יוניאָן. עס איז דעריבער באשלאָסען געוואָרען צו פאַרלויפען דער „פּראָגרעסיווער" יוניאָן דעם וועג און שיקען דעלע־גאַטען צו די געווערקשאַפטען, אַזוי ווי עס וואָלט גאָרנישט פּאַסירט.

ווען די דעלעגאַטען פון אונזער יוניאָן זיינען געקומען צום מיטינג פון די געווערקשאַפטען, האָבען זיי דאָרט טאַקע געטראָפען פאַרטרעטער פון דער

נײער „יוניאָן". די פאָרטרעטער פון בײדע יוניאָנס האָבען ארײנגעשיקט זײערע „קרעדענשעלס" צום מיטינג. דער סוף איז געװען, אַז אונזערע דעלעגאַטען זײנען צוגעלאָזען געװאָרען צום מיטינג. אַ דעלעגאַט פון דער קלאָוקמאַכער יוניאָן האָט זאָגאַר פאָרגעשלאָגען, אַז דער באשלוס װעגען דער אויסשליסונג פון דער יוניאָן זאָל בטל געמאַכט װערען, אָדער פשוט איגנאָרירט װערען, און אונזערע דעלעגאַטען זאָלען באטראכט װערען װי אַלטע דעלעגאַטען פון די פאַראײניגטע אידישע געװערקשאפטען. סײ װי סײ, דער פאָרזיצער האָט אונזערע פאָרטרעטער דערקלערט אַלס די אַנערקענטע דעלעגאַטען פון דער אידישער שריפטזעצער יוניאָן.

נאָכדעם װי די דעלעגאַטען פון אונזער יוניאָן זײנען צוגעלאָזען גע־װאָרען, האָט שוין נאַטירלאך ניט געקענט זײן קײן רײד װעגען אויפנעמען אין די געװערקשאפטען דעלעגאַטען פון דער אָפּאָזיציע־יוניאָן. די פאָר־טרעטער פון דער „פּראָגרעסיװ" זײנען געבליבען מיט אַ נאָז און האָבען זיך מיט חרפה ארויסגערוקט פון מיטינג־זאַל.

די סטראַטעגיע פון דער יוניאָן האָט זיך פולשטענדיג אײנגעגעבען. אין דעם מאָמענט, װאָס די געװערקשאפטען האָט זיך אַנטזאָגט ארײנ־צונעמען די נײע „יוניאָן", איז געקומען אַ סוף צו דער „פּראָגרעסיװער אידישער שריפטזעצער יוניאָן", און אַ שװערער קאַמף איז אויסגעמיטען געװאָרען.

## די יוניאָן פירט איין אַן אײגענעם „יוניאָן לײבעל"

די דערפאָרונג מיט דער „פּראָגרעסיװער אידישער שריפטזעצער יוניאָן" האָט געװיזען, װי גרינג עס איז דעמאָלט געװען פאָר יעדען אַװאַנטוריסט צוזאַמענצונעמען עטלאכע אומצופרידענע און זיך דערקלערען פאָר אַ יוניאָן. עס איז געװאָרען קלאָר, אַז אײדער װאָס־װען, אײדער די עפענטלאכקײט װעט זיך פאַנאַנדערקלײבען װעלכע יוניאָן איז די ריכטיגע און װעלכע ניט, קען דערװײל אַזאַ „יוניאָן" אָנטאָן אַ סך שאָדען. דאָס איז ספּעציעל אמת געװען אין יענער צײט, װען די אידישע אַרבעטער־באװעגונג בכלל האָט זיך נאָך געפונען אין אַ צושטאַנד פון אומסטאַבילי־טעט און איר פּרצוף־פּנים איז נאָך ניט געװען אויסגעקריסטאַליזירט.

דאָס האָט ארויפגעפירט די יוניאָן אויפ'ן געדאַנק, אַז אויסער אַ קאָנטראָל איבער די שעפער איז װינשענסװערט אײנצופירען אַ געװיסען קאָנטראָל איבער דער אַרבײט אין די דרוקערײען. עס איז נאָך ניט גענוג אײנצוגעװאוינען די פאַרבראויכער פון דרוק־אַרבעט, אַרבעטער־ און אַרבע־טער־פרײנדלאכע אָרגאַניזאַציעס, צו געבען זײערע אַרבעט אין אַזעלכע

דרוקערייען, וואו די אַרבעט ווערט געמאַכט אונטער יוניאָן־באַדינגונגען; עס דאַרף נאָך חוץ דעם איינגעפירט ווערען עפּעס אַ סימן, לויט וועלכען די וואָס קענען זיך ניט פאַנאַנדערקלייבען אין די אינערלאַכע סכסוכים אין די אַרבעטער־רייען זאָלען קענען גלייך דערקענען צי זייער דרוק־אַרבעט איז געמאַכט געוואָרען אונטער יוניאָן־באַדינגונגען אָדער ניט. ווען אַזאַ סימן וועט זיין, וועט שוין ניט זיין אַזוי גרינג פאַר עפּעס אַן אַוואַנטוריסט צו מאַכען זיך אַן אייגענע יוניאָן. כל זמן די באשטעלער פון דרוק־אַרבעט וועלען פאָדערען, אַז דער אַנערקענטער צייכען זאָל ארויפגעשטעלט ווערען אויף זייער אַרבעט, וועלען אַזעלכע דרוקערייען וואָס האָבען ניט דאָס געזעצלאַכע רעכט זיך צו באנוצען מיט אַט־דעם צייכען קיין סך אַרבעט ניט קענען קריגען.

עס איז דעריבער איינגעפירט געוואָרען אַ יוניאָן־לייבעל. דער לייבעל איז געווען דאָס אייגענטום פון דער יוניאָן, און קיינער האָט ניט געטאָרט באנוצען אים אָן דער דערלויבעניש פון דער יוניאָן. דער לייבעל איז געזעצלאך רעגיסטרירט געוואָרען, כדי מ׳זאָל אים ניט טאָרען נאָכמאַכען.

דער יוניאָן־לייבעל, וואָס ווערט איצט ארויפגעשטעלט אויף דרוק־אַרבעט, איז דאָס אייגענטום פון „עלייעד פּרינטינג טריידס קאָונסיל״, אַ קערפּערשאַפט אָן וועלכער עס זיינען אַנגעשלאָסען אַלע אָרגאַניזאַציעס פון דרוקער־פאַך. ווען אַלע אָרגאַניזאַציעס זיינען מסכים דערצו, ווערט אַ דרוקערייי געגעבען די דערלויבעניש דעם לייבעל צו באנוצען. אָבער דער לייבעל, וואָס די יוניאָן האָט איינגעפירט צו יענער צייט, האָט באַ־לאַנגט צו איר אַליין, איז דעריבער באשלאָסען געוואָרען ניט צו געבען דעם יוניאָן־לייבעל צום באַלעבאָס, נאָר צו געבען אים דעם זעצער וואָס אַרבעט ביי אים. דאָס האָט, אַגב, געזאָלט געבען דער יוניאָן אַ בעסערען קאָנטראָל איבער דעם לייבעל. ווען דער זעצער איז אַוועק פון דער אַרבעט, האָט ער דעם לייבעל מיטגענומען מיט זיך, און דער לייבעל האָט ניט געקענט באנוצט ווערען אויף אַרבעט וואָס איז געמאַכט געוואָרען ניט פון די מיטגלידער פון דער יוניאָן.

גלייכצייטיג מיט דער איינפירונג פון דעם יוניאָן־לייבעל האָט די יוניאָן אויפגעהויבען אַ שטאַרקע אַגיטאַציע דעם יוניאָן־לייבעל פּאָפּולער צו מאַכען. אידישע אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס און אַרבעטער־פריינט בכלל האָבען אָנגעהויבען פאָדערען דעם יוניאָן־לייבעל אויף זייערע דרוק־אַר־בעטען. חוץ דעם וואָס דאָס האָט געמאַכט שווער פאַר אַן אָפּאָזיציע־יוניאָן צו באקומען אַן אָנהאַלט אין פאַך, האָט עס אויך געשאַפען אַ סך מער אַרבעט אין די יוניאָן־דרוקערייען, וואָס דאָס האָט אויך געמיינט מער געלעגענהייטען פאַר יוניאָן־זעצער צו קריגען אַרבעט.

## דער אַרבעטס־טאָג ווערט פאַרקלענערט אויף 9 שטונדען

די יוניאָן האָט זיך דערפילט געקרעפטיגט און פול מיט האָפענונג אויף אַ גלאָררייכער צוקונפט. דערמוטיגט פון אירע לעצטע דערפאָלגען — דער געוואונענער סטרייק אין דער „אַרבעטער צייטונג״; דאָס בייקומען די אָפּאָזיציע־יוניאָן; דער דערפאָלג פון דער אַגיטאַציע פאַר דעם יוניאָן־לייבעל, וואָס האָט פאַרגרעסערט די צאָל באשעפטיגטע זעצער אין די דזשאָב־דרוקערייען — האָט די יוניאָן באשלאָסען ווידער צו פאַרקירצען דעם אַרבעטס־טאָג, פון 10 שטונדען אויף 9.

הגם די יוניאָן איז דעמאָלט געווען יונג אין יאָרען און אָרעם אין דערפאַרונג, האָט זי אָבער אינסטינקטיוו געפילט, אַז אַ קירצערער אַר־בעטס־טאָג איז פאַר אַרבעטער אַ גרעסערער געווינס ווי אַ העכערונג אין שכירות. עס איז באשלאָסען געוואָרען צו לאָזען די שכירות פון 9 דאָלאר פאַר וואָך־אַרבעטער ווי געוועזן, און פאָדערען פון די באַלעבאַטים אַ פאַר־קירצונג פון די שטונדען פון 10 אויף 9 און אַ העכערונג אין די פרייזען פון די שטיק־אַרבעטער, כדי זיי זאָלען אין 9 שעה פאַרדינען אַזוי פיל ווי פריער אין 10 שעה.

און ווידער אַמאָל האָבען די באַלעבאַטים נאָכגעגעבען די פאָדע־רונגען פון דער יוניאָן אָן אַ ווידערשטאַנד.

# אַ סטרייק ביי דער „פרייע אַרבעטער שטימע״

אַ קורצע צייט נאָכדעם ווי די סאָציאַליסטען האָבען אָנגעהויבען ארויסגעבען די „אַרבעטער צייטונג״ האָבען די אַנאַרכיסטען געגרינדעט אַן אייגענע וואָכענבלאַט — „די פרייע אַרבעטער שטימע״.

אין אָנפאַנג פון דער אימיגראַציע האָבען די פאַרשיידענע ראַדיקאַלע גרופען געלעבט צווישען זיך מער אָדער ווענינער בשלום. אמת, עס פלעגען פאָרקומען היציגע דיסקוסיעס און דעבאַטעס צווישען די גרופען בנוגע זייערע טעאָרעטישע און טאַקטישע דיפערענצען, אָבער פונדעסט־וועגען האָבען אַלע צוזאַמען פאַרגעשטעלט מיט זיך איין באַוועגונג. מיט דער צייט, אָבער, איז די באַוועגונג אויסגעקריסטאַליזירט געוואָרען אין צווי באַזונדערע ריכטונגען — אין סאָציאַליסטען און אַנאַרכיסטען. וועגען צוזאַמענאַרבעטען האָט שוין קיין רייד ניט געקענט זיין; איין ריכטונג האָט באַקעמפט די אַנדערע אויף לעבען און טויט. אַז די סאָציאַליסטען האָבען ארויסגעגעבען אַן אייגענע צייטונג, האָבען די אַנאַרכיסטען אויך ניט געקענט בלייבען אָהן אַן אָרגאַן, און זיי האָבען ארויסגעגעבען די „פרייע אַרבעטער שטימע״.

די אַנאַרכיסטען זיינען זיך פאַנאַנדערגעגאַנגען מיט די סאָציאַליסטען אין אַ סך פראַגען, אָבער, מאָדנע — אין זייער באַציהונג צו דער שריפט־זעצער יוניאָן זיינען זיי געווען ענלאך צו די סאָציאַליסטען טאַקע נאָר ווי איין טראָפען וואַסער אויף אַן אַנדערען.

ביים אָנשטעלען זעצער אין דער „פרייע אַרבעטער שטימע״ האָט די יוניאָן קיין שוועריגקייטען ניט געהאַט. ניט, חס ושלום, דערפאַר ווייל די ארויסגעבער פון דער צייטונג האָבען עפּעס געלערענט פון דעם סטרייק געגען דער „אַרבעטער צייטונג״, נאָר גיכער דערפאַר ווייל עס האָט זיך גראָד געמאַכט, אַז די זעצער וואָס זיינען געשיקט געוואָרען צו דער „פרייע אַרבעטער שטימע״ זיינען געווען אַנאַרכיסטישע סימפּאַטיקער. אָבער וואָס איז שייך דער פּינקטלאכער צאָלונג פון שכירות, האָבען די אַנאַרכיסטישע ארויסגעבער, פונקט ווי די סאָציאַליסטישע, דאָס באַטראַכט ניט נאָר פאַר אַן עולה, נאָר פאַר אַ נבלה, פאַר אַ הימעלשרייענדען פאַרברעכען. עס האָט גענומען ניט מער ווי עטלאכע וואָכען, ביז עס איז געקומען צו אַ צוזאַמענשטויס מיט דער „פרייע אַרבעטער שטימע״ וועגען אָט דער פראַגע.

די שכירות זיינען ניט געצאָלט געוואָרען רעגעלמעסיג. אייגער פון די זעצער האָט געפאָדערט זיינע שכירות, און ווען ער איז געוואָרען צו־

דרינגלאך, האָבען עס די אַרויסגעבער באַטראַכט פאַר אַזאַ חוצפה אַז זיי האָבען אים דערפאַר אָוועקגעשיקט פון דער אַרבעט. די יוניאָן איז, נאָכ־טירלאָך, באַשטאַנען אויף דעם, אַז דער זעצער זאָל צוריק אָנגעשטעלט ווערען, אָבער די ארויסגעבער פון דער „פ. א. ש.‟ האָבען זיך אַנטשיידען אַנטזאָגט דעם זעצער אָנצושטעלען, און אַ סטרייק איז גערופען געוואָרען.

דער סטרייק געגען דער „פרייע אַרבייטער שטימע‟ איז געפירט געוואָרען מיט גרויס עקשנות, און האָט געשאַפען אַ סך הייס בלוט און פאַראורזאַכט צוזאַמענשטויסען און געשלעגען.

די יוניאָן האָט תיכף דערקלערט אַ באָיקאָט געגען דער צייטונג. אין יענער צייט איז אַ באָיקאָט געווען אַ זעהר ווירקזאַמער קאַמפּס־מיטעל. אַזוי ווי דעם מאָל איז דער סטרייק אינדאָרסירט געוואָרען פון די פאַר־אייניגטע אידישע געווערקשאַפטען, און די יוניאָן האָט געהאַט אויף איר זייט די סימפּאַטיע און שטיצע פון דער גאַנצער אַרבעטער־באַוועגונג, איז דער באָיקאָט געווען ספּעציעל ווירקזאַם.

די ארויסגעבער פון דער „פרייע אַרבעטער שטימע‟ און זייערע אַנאַרכיסטישע אַנהענגער זיינען אויך ניט געשלאָפען. עס פלעגען פאַר־קומען פילע צוזאַמענשטויסען און געשלעגען צווישעןביידע צדדים, און פּאָליציי פלעגט זיך אָפט אריינמישען און אַרעסטירען וועמען זי האָט פריער געכאַפּט. ניט איין מאָל איז אויסגעקומען אַ מיטגליד פון דער סטרייק־קאָמיטע צו נעכטיגען אין „פּאָליס סטיישאָן‟, און ווען מ׳האָט אים אויף מאָרגען באַפרייט האָט ער געמוזט מאַכען אַ פאַרשפּרעכען זיך מער ניט צו באַטייליגען אין געשלעגען, אונטער דעם סטראַשונאָק, אַז אויב מ׳וועט אים נאָכאַמאָל אַרעסטירען וועט ער שטרענג באַשטראָפט ווערען. דאָס האָט אָבער ניט אָפּגעהאַלטען די אַנדערע, וואָס האָבען נאָך קיין פאַרשפּרעכען ניט געגעבען, צו טאָן אַלץ די צייטונג צו שעדיגען.

נאָך אַ קאַמף פון דריי וואָכען זיינען די ארויסגעבער פון דער „פרייע אַרבעטער שטימע‟ געקומען צום שכל און זיי האָבען זיך אונטערגעגעבען.

געהאָלפען דער יוניאָן אין דעם קאַמף האָט זעהר אַ סך יוסף באַראָנ־דעס, דער אייביגער פריינט פון דער יוניאָן, און ער האָט געהאַט אַ גרויסען חלק אין דעם דערפאָלגרייכען אויסגאַנג פון סטרייק.

עס דאַרף דאָ, למען האמת והיושר, פאַרצייכענט ווערען, אַז די „פרייע אַרבעטער שטימע‟ פון יענער צייט איז ניט די איצטיגע וואָכענבלאַט מיט דעם זעלבען נאָמען. די איצטיגע „פרייע אַרבעטער שטימע‟ איז געגרינדעט געוואָרען מיט עטלאָכע יאָר שפּעטער און איז תמיד ארויס־געגעבען געוואָרען אונטער די בעסטע יוניאָן־באַדינגונגען. חוץ דעם, איז זי אַלעמאָל געווען די גרעסטע שטיצע פון דער יוניאָן אין אַלע אירע קאַמפּען.

# אַ ברענטש פון דער יוניאָן אין פילאַדעלפיע

אין די נײַנציגער יאָרען פון פאָריגען יאָרהונדערט האָבען אין פילאַדעלפיע אָנגעהויבען ארויסגיין עטלאכע אידישע וואָכענבלעטער. דוד אַפּאָטהעקער האָט ארויסגעגעבען „די געגענוואַרט", חיים מאַליץ און משה פרימאַן האָבען ארויסגעגעבען „די שטאַאַטסצייטונג", און יאָהאַן פּאַליי האָט ארויסגעגעבען דעם „וועקער". אַזוי ווי אין פילאַדעלפיע זײַנען קיין אידישע זעצער ניט געווען, זײַנען עטלאכע זעצער פון ניו יאָרק געפאָרען אַרבעטען אויף די פילאַדעלפיער צייטונגען.

נאָכדעם ווי די זעצער האָבען אָפּגעאַרבעט אין פילאַדעלפיע עטלאכע וואָכען האָבען זיי אײַנגעזען ווי נויטיג עס איז פאַר זיי זיך צוזאַמענצורײדען און אויסצואַרבעטען באַשטימטע אַרבעטס־כּללים. זיי האָבען אַראַנזשירט אַ מיטינג אויף אַ געוויסען זונטאָג, און האָבען זיך געווענדט צו דער ניו יאָרקער יוניאָן, זי זאָל שיקען צו זייער מיטינג אירען אַ פאַרטרעטער, וועלכער זאָל זיי העלפען מיט ראַט און טאַט. די יוניאָן האָט דעם פאַרלאַנג באַוויליגט און האָט געשיקט ראָזענסאָנען צום מיטינג אין פילאַדעלפיע.

דער מיטינג האָט זיך דערדעדט צום אויספיר, אַז אַזוי ווי קלענערע סכסוכים קומען פאָר כמעט טעגלאך און עס נעמט צו לאַנג ביז די יוניאָן אין ניו יאָרק קען אנטשיידען איבער אַזעלכע סכסוכים, וואָלט געווען די גלײַכסטע זאַך, אַז עס זאָל געגרינדעט ווערען אַ פילאַדעלפיער ברענטש פון דער ניו יאָרקער יוניאָן. ראָזענסאָן האָט ניט געהאַט די אויטאָריטעט אַליין אַזאַ פאַרלאַנג צו באַוויליגען. ער איז צוריקגעקומען קיין ניו יאָרק און האָט פאָרגעבראַכט דעם פאַרלאַנג פאַר דעם מיטינג פון דער יוניאָן, וואָס איז געהאַלטען געוואָרען דעם פאָלגענדען פרײַטאָג. דער מיטינג האָט דעם פאַרלאַנג באַוויליגט און ראָזענסאָן איז דעלעגירט געוואָרען צו פאָרען נאָכאַמאָל קיין פילאַדעלפיע דעם קומענדען זונטאָג און אָרגאַניזירען דאָרט אַ ברענטש פון דער ניו יאָרקער יוניאָן.

עס זײַנען ניט אַריבער קיין צוויי וואָכען, און עס איז אויסגעבראָכען אַ סטרייק אין אײנער פון די צייטונגען. די סיבה איז געווען, וואָס די ארויסגעבער האָבען ניט געוואָלט צאָלען די יוניאָן־שכירות.

די פילאַדעלפיער צייטונג האָט אַראָפּגעבראַכט פון ניו יאָרק אַ גע־

וויסען זעצער אַלס סטרייק־ברעכער. די ארויסגעבער זיינען געפאַלען אויף אַ פּלאַן, אַז ווען זיי זאָל געלינגען צו מאַכען דעם סטרייק־ברעכער פאַר אַ מיטגליד פון דער פילאַדעלפיער יוניאָן, וועט די גאַנצע זאַך ניט אויסקוקען ווי אַ סטרייק נאָר ווי אַ יוריסדיקציע־סכסוך צווישען צוויי יוניאָנס. זיי האָבען גערעכענט, אַז דאָס וועט זיך זיי גרינג איינגעבען, ווארים דעמאָלט האָט די אידישע שריפטזעצער יוניאָן נאָך ניט באַלאַנגט צו דער „אינטערנעשאָנאל טיפּאָגראַפיקאל יוניאָן”, בעת די פילאַדעלפיער ענגלישע יוניאָן האָט יאָ באַלאַנגט צו דער אינטערנעשאָנאל. זיי האָבען דעם סטרייק־ברעכער פאַרגעשלאָגען אַלס מיטגליד אין דער יוניאָן.

אָבער זיי האָבען דאָ געמאַכט דעם חשבון אָן דעם באַלעבאָס. אַזוי שנעל ווי די יוניאָן האָט זיך דערוואוסט וועגען דעם, האָט זי ווידער אַמאָל געשיקט ראָזענסאָנען קיין פילאַדעלפיע. ראָזענסאָן איז דערשינען פאַר דעם מיטינג פון דער פילאַדעלפיער שריפטזעצער יוניאָן, לאָקאַל 2, האָט אויפגעקלערט דעם גאַנצען ענין, און געבעטען מ׳זאָל דעם ניו יאָרקער זעצער ניט אויפנעמען פאַר אַ מיטגליד. די פילאַדעלפיער יוניאָן האָט געהאַנדעלט ווי אַ יוניאָן דאַרף האַנדלען אין אַזאַ פאַל, און האָט זיך אָנט־זאָגט אריינצונעמען דעם סטרייק־ברעכער פון ניו יאָרק. כדי צו זיין זיכער, אַז דער „בחור” וועט ניט גיין צוריק צו דער אַרבעט, האָט ראָזענ־סאָן אים פשוט גענומען פאַר׳ן קאָלנער און אים געבראכט צוריק קיין ניו יאָרק.

נאָך אַ סטרייק פון צוויי וואָכען זיינען די סטרייקער צוריקגעגאַנגען זיגרייך צו דער אַרבעט.

# די יוניאָן ווערט לאָקאַל 83 פון דער אינטערנעשאָנאַל

רייסערייען צווישען די פירער. — אַ נייע אָפּאָזיציע־יוניאָן — די 317. — די יוניאָן ווערט אַ טייל פון דער אינטערנעשאָנאַל.

אָהן מורא פאַר איבערטרייבונג, מעג געזאָגט ווערען, אַז אין אַלגעמיין איז די מיטגלידערשאַפט פון דער יוניאָן באַשטאַנען פון אַן אויסערגעווײנלאַך אַקטיווען און ענערגישען עלעמענט. הגם די יוניאָן פלעגט אָפּהאַלטען מיטינגען יעדען פרייטאָג, פלעגט זעלטען פּאַסירען, אַז אַ מיטגליד זאָל דורכלאָזען אַ מיטינג. די גאַנצע מיטגלידערשאַפט האָט זיך באַטייליקט סיי אין דעם לעבען פון דער אָרגאַניזאַציע און סיי אין יעדען קאַמף אירען. פונדעסטוועגען זיינען געווען צווישען די מיטגלידער עטלאַכע, וועלכע האָבען באַזעסען מער ווי דורכשניטלאַכע פעהיגקייטען, וועמעס „קעפּ" האָבען ארויסגעשטעקט איבער דער מאַסע — אָט אַזוי ווי די געציילטע זאַנגען וואָס שטעקען ארויס זייערע קעפּ איבער אַ תבואה־פעלד. און צווישען אָט־די עטלאַכע הויכע „זאַנגען" האָט זיך אין גיכען פאַנאַנדערגעפלאַקערט אַ פייער פון קנאה־שנאה, וואָס האָט פאַראורזאַכט אַ סך צרות דער יוניאָן.

## רייסערייען צווישען די פירער

די באַאַמטע פון דער יוגיאָן זיינען דעמאָלט באַשטאַנען פון אַ פּראָטאָקאָל־סעקרעטאַר, אַ פינאַנץ־סעקרעטאַר, אַ טרעזשורער און אַ „רייע־קיפּער". קיין שטענדיגער פּרעזידענט איז ניט געווען. אין יענער צייט איז עס באַטראַכט געוואָרען אַלס אַן עבירה פאַר אַ פּאָרטגעשריטענער אָרגאַניזאַציע צו האָבען אַ פּרעזידענט; דער פּרינציפּ פון אמת'ן דעמאָקראַטיזם האָט דיקטירט, אַז אָנשטאָט אַ שטענדיגען פּרעזידענט זאָל ביי יעדען מיטינג דערוויילט ווערען אַ טשערמאַן, אַ פּאָרזיצער פאַר'ן אָוונט. עס קען זיך אויסווייזען, אַז דאָס איז אַ קליינינקייט, אָבער פון אָט דער קליינינקייט זיינען ארויסגעקומען אַן אַ שיעור מחלוקת'ן.

וואָלט די יוניאָן דערוויילט אַ פּרעזידענט, לאָמיר זאָגען אויף זעקס חדשים אָדער אויף אַ יאָר, וואָלט די קאָנקורענץ פאַר דעם אַמט לפּחות געווען באַגרענעצט אויף דער צייט פון די וואַלען. אָבער ביי דער סיסטעם פון דערוויילען אַ פּאָרזיצער ביי יעדען וועכענטלאַכען מיטינג, איז דער פלאַם פון קנאה צווישען די עטלאַכע פירער כסדר אויפגעבלאָזען געוואָרען ביז ער איז פאַרוואַנדעלט געוואָרען אין אַ גיהנום פון שנאה.

די דרײ מיטגלידער, װאָס האָבען צװישען זיך קאָנקורירט פאַר דעם כבוד פון פירערשאפט פון דער יוניאָן, זײנען געװען: ראָזענסאָן, ליבער־מאַן און ראַפּאַלאָװיטש (שפּעטער רײפּעל). בײ יעדען מיטינג פלעגען אַט די דרײ נאָמינירט װערען אַלס פּאָרזיצער, אָבער מערסטענס פלעגט דערװײלט װערען ראָזענסאָן.

װי עס איז צו זען, איז דאָס ניט געװען קײן מחלוקת לשם שמים, װי צװישען בית שמאי און בית הלל, נאָר אַ מחלוקת לשם כבוד, װי פון קרח ועדתו. די דרײ „פירער" האָבען זיך ניט געקענט אײנטײלען מיט'ן כבוד, און די יוניאָן האָט דערפון אַ סך געליטען. דאָס האָט געפירט צו כסדר־דיגע רײסערײען בײ די מיטינגען. עס איז דערגאַנגען אַזױ װײט, אַז װען אײנער האָט געזאָגט „טאָג" האָט דער אַנדערער געזאָגט „נאַכט". ראָזענסאָן פלעגט אָבער אַלעמאָל ארױסקומען דער זיגער, װאָרים די מיט־גלידער האָבען געהאַט מער צוטרױ צו אים אײדער צו די אַנדערע צװײ.

## אַ נײע אָפּאָזיציע־יוניאָן — די 317

װען רײפּעל האָט אײנגעזען, אַז אים װעט ניט געלינגען ראָזענסאָנען בײצוקומען, האָט ער זיך אַנטשלאָסען אויף אַ געװאָגטען שריט — צו פּרובירען פאַרניכטען די גאַנצע יוניאָן. ער האָט באַשלאָסען צו גרינדען אַן אײגענע יוניאָן, װאו ער װעט קענען זײן דער אומבאַשטרײטבאַרער פירער.

רײפּעל האָט צונױפגענומען עטלאַכע אידישע זעצער, װאָס האָבען געאַרבײט אין ניט־יוניאָן שעפּער אויף ענגלישער אַרבײט; אויך די שירײם פון דער צעפאַלענער „פּראָגרעסיװער" אָפּאָזיציע־יוניאָן און אַ פּאָר גע־װעזענע סטרײק־ברעכער, און האָט פון זײ געמאַכט אַ יוניאָן.

כדי צו האָבען אַ ממשות, האָט די נײע יוניאָן געמוזט זוכען עפּעס אַ פאַרבינדונג מיט דער אַלגעמײנער אַרבעטער־באַװעגונג. מיר האָבען שוין געזען, װי די „פּראָגרעסיװע" אָפּאָזיציע־יוניאָן האָט פּרובירט זיך אַרײנ־כאַפּען אין די פאַראײניקטע אידישע געװערקשאַפטען. איצט אָבער, װען אונזער יוניאָן איז װידער געװען אַ טײל פון די געװערקשאַפטען, האָט די נײע יוניאָן אַפילו ניט געקענט טראַכטען װעגען װענדען זיך צו די גע־װערקשאַפטען. איז רײפּעל געפאַלען אויף דעם פּלאַן צו פאַרבינדען זײן יוניאָן מיט דער אַרבעטער־באַװעגונג פון לאַנד.

די מיטגלידער פון די אידישע יוניאָנס זײנען דעמאָלט נאָך געװען „גרינע" אין לאַנד, און דער האָריזאָנט פון די אידישע יוניאָנס איז געװען זעהר אַ שמאָלער. זײ האָבען געלעבט אויף דער איסט־סײד, און דאָ האָבען זײ געװירקט. די גרויסע ברײטע אַמעריקע אויף יענער זײט פון דער באַוערי צו מערב־צו און אויף יענער זײט האָוסטאָן סטריט אין צפון־

זייט איז פאַר זיי געווען אַ פרעמדע וועלט. ניט זיי האָבען זיך שטאַרק אינטערעסירט מיט אָט דער וועלט, און ניט זיי האָבען באטראכט פאַר וויכטיק צו זיין פאַרבונדען מיט די יוניאָנס פון יענער אומבאַקאַנטער, טשיקאַווער וועלט. קיין אידישע יוניאָן איז דעמאָלט ניט געווען פאַר־בונדען מיט דער אַמעריקאַנער אַרבעטער־באַוועגונג, און די אידישע שריפטזעצער יוניאָן אויך ניט. האָט רייפעל זיך מיישב געווען און אָוועק־געשריבען צו דער אינטערנעשאָנאַל טייפּאָגראַפיקאַל יוניאָן, אַז היות עס האָט זיך געגרינדעט אין ניו יאָרק אַ יוניאָן פון אידישע שריפטזעצער, פאַרלאַנגט זי אַ טשאַרטער פון דער אינטערנעשאָנאַל. און עס איז דער נייער יוניאָן ארויסגעגעבען געוואָרען אַ טשאַרטער, אַלס לאָקאַל 317.

די נייע יוניאָן האָט אויף אַזאַ אופן גלייך באַקומען אין אירע הענט צוויי וויכטיגע געווער — ערשטענס, אַ טשאַרטער פון דער אינטערנעשאָ־נאַל און, צווייטענס, דעם יוניאָן־לייבעל פון דער אינטערנעשאָנאַל. אָנ־געגורט מיט אָט די געווער האָט רייפעל זיך אַוועקגעלאָזט איבער דער איסט־סייד איינצונעמען די יוניאָן־פּעסטונגען. משמעות, אַז רייפעל האָט געמיינט, אַז מיט דעם כשוף פון אָט די געווער וועט ער איינס־צוויי די פעסטונגען איינגעמען. עס איז אָבער ווייט ניט געווען אַזוי גרינג. ווען ער האָט זיך געווענדט צו מר. שרהזאָן, דעם ארויסגעבער פון „טאָגעבלאַט", האָט אים שרהזאָן געענטפערט, אַז אויב ער וואָלט אים געקענט וויזען אַ וועג ווי אַזוי אינגאַנצען פּטור צו ווערען פון יוניאָנס, וואָלט ער געווען שטאַרק פאַראינטערעסירט אין דעם, אָבער אויסבייטען איין יוניאָן אויף אַ צווייטער איז ביי אים דאָס זעלבע ווי אויסבייטען אַ הוסט אויף אַ קדחת... דעם זעלבען אָפּשניט האָט רייפעל געכאַפּט איבעראַל.

כאָטש דער „317" האָט זיך ניט איינגעגעבען ארויסצורייסען דעם קאָנטראָל איבער די אידישע דרוקערייען פון דער יוניאָן, האָט זי אָבער פאַרשאַפט אַ סך צרות דער יוניאָן. די עקזיסטענץ גופא פון דער 317 האָט זעהר פיל אָפּגעשוואַכט די פּאָזיציע פון דער יוניאָן און אירע מיט־גלידער האָבען זיך ניט געקענט פילען איבעריגס שטאַרק אויף זייערע אַרבעטס־פּלעצער.

אַז די אידישע יוניאָנס זיינען אַלע געווען אויף דער זייט פון אונזער יוניאָן איז איבעריג צו זאָגען. די יוניאָן האָט אָנגעפירט אַ באָיקאָט געגען די עטלאכע קלענערע דרוקערייען, וואָס האָבען באשעפטיגט זעצער פון דער 317 און האָבען באנוצט דעם אינטערנעשאָנאַל יוניאָן־לייבעל, און אַ דאַנק דער אונטערשטיצונג פון דער אידישער אַרבעטער־באַוועגונג איז דער באָיקאָט געווען זעהרווירקזאַם.

איין פּאַסירונג פאַרדינט דאָ פאַרצייכענט צו ווערען, דערפאַר ווייל זי איז זעהר כאַראַקטעריסטיש סיי פאַר די באַדינגונגען אונטער וועלכע

דער קאַמף מיט דער 317 איז געפירט געוואָרען און סײ פאַר דער גרײט־קײט פון די אַנדערע יוניאָנס צו העלפען אונז מיט וואָס נאָר זײ האָבען געקענט.

דער „317" איז געלונגען צו פאַרכאַפּען אונזערען אַ שאַפּ אין בראַנז־וויל. די יוניאָן האָט, פאַרשטײט זיך, דעם שאַפּ באַקעמפט דורך פאַרזאַמ־לונגען און אויף אַנדערע אופנים. אויף אײנער פון די פאַרזאַמלונגען האָט מען פאַרגעסען מיטצוברענגען דעם טשאַרטער פון דער יוניאָן, און אַזוי ווי אָהן אַ טשאַרטער האָט מען דעמאָלט ניט געטאָרט אָפּהאַלטען קײן מיטינג, האָבען די חברה פון דער 317 געבראַכט פּאָליצײ דעם מיטינג צו צעטרײבען. אָבער דאָ איז אונז שנעל געקומען צו־הילף דער טשערמאַן פון דער בראַנז־ווילער שוירט־מאַכער יוניאָן; ער האָט אונז אָנטליען דעם טשאַרטער פון דער שוירט־מאַכער יוניאָן. אַזוי ווי די פּאָליצײ האָט זיך ניט גע־קענט פאַנאַנדערקלײבען אין דעם אונטערשײד צווישען שוירט־מאַכער און שריפטזעצער, איז אין זײערע אויגען דער מיטינג געכשר'ט געוואָרען און זײ זײנען אַוועק צופרידען.

אַגב, דער באַיקאָט פון דער יוניאָן געגען אָט דעם בראַנזווילער שאַפּ איז געווען אַזוי ווירקזאַם, אַז די דרוקערײ האָט זיך אין גיכען געמוזט פאַרמאַכען.

און ניט בלויז די אידישע יוניאָנס זײנען געווען אויף אונזער זײט. אויך די גויאישע שריפטזעצער יוניאָנס אין ניו יאָרק — די ענגלישע און די דײטשע — זײנען געווען מיט לײב און לעבען אויף אונזער זײט. כאָטש מיר זײנען ניט געווען פאַרבונדען מיט אָט־די צוויי יוניאָנס אָרגאַ־ניזאַציאָנעל, האָבען מיר אָבער תמיד קאָאָפּערירט מיט זײ און זײ גע־האָלפען ווי ווײט מיר האָבען געקענט. ווען די דײטשע יוניאָן האָט גע־פירט אַ סטרײק געגען דער „שטאַאַטס־צײטונג" און די ענגלישע יוניאָן האָט געהאַט אַ סטרײק אין אַן ענגלישער צײטונג, האָט אונזער יוניאָן צונויפגענומען אַלע צײטונגס־פאַרקויפער און געווירקט אויף זײ ניט צו פאַרקויפען די צײטונגען, בײ וועלכע סטרײקס גײען אָן. דאָס האָט פיל געהאָלפען די סטרײקס צו געווינען. עס איז דעריבער פאַרשטענדלאַך, פאַרוואָס די סימפּאַטיע פון אָט די צוויי יוניאָנס איז געווען אויף דער זײט פון אונזער יוניאָן.

אָבער די ענגלישע יוניאָן נומער 6 און די דײטשע יוניאָן נומער 7 האָבען זיך געפונען אין אַ זעהר שווערער לאַגע. פון אײן זײט, זײנען זײערע הערצער געווען אײנגאַנצען מיט אונז. פון דער אַנדערער זײט, אָבער, זײנען זײ געווען געצוואונגען צו אָנערקענען די „317", ווײל זי האָט דאָך באַלאַנגט צוזאַמען מיט זײ אין דער זעלבער אינטערנעשאָנאַל יוניאָן. אויך פאַר דער אינטערנעשאָנאַל גופא איז די לאַגע אויף דער

איסט־סייד געווען העכסט אומאָנגענעם, ווען זי האָט באַגריפען אַז אין דער צייט ווען זי האָט ארויסגעגעבען אַ טשאַרטער צו אַ „יוניאָן" איז גאָר די אידישע שריפטזעצער יוניאָן די אמת'ע יוניאָן אויף דער ניו יאָרקער איסט־סייד. אַלע צדדים זיינען דעריבער געווען שטאַרק פאַראינטערעסירט אין ברענגען צו אַ שלום צווישען די צוויי יוניאָנס.

## די יוניאָן ווערט אַ טייל פון דער אינטערנעשאָנאַל

באַרני גרינבערג און סעם קאַץ פון דער ענגלישער יוניאָן האָבען אומ־דערמידלאַך געאַרבעט פאַר שלום. די דייטשע יוניאָן, טיפּאָגראַפיא נומער 7, האָט זאָגאַר דערוויילט אַ ספּעציעלע קאָמיטע פון אירע פּראָמינענטסטע מיטגלידער — מערטענס, סטיפען, שנעפּע און הוגאָ מילער, וויס־פּרעזי־דענט פון דער אינטערנעשאָנאַל — צו פאַרענדיגען דעם ברודער־קריג; און ענדלאַך, נאָכדעם ווי מערערע קאָנפערענצען זיינען אָפּגעהאַלטען גע־וואָרען, איז געלונגען צו אַראַנזשירען אַ שלום אויף פאָלגענדע באַדינגונגען: די אינטערנעשאָנאַל זאָל צוריקציען דעם טשאַרטער נומער 317; אַנשטאָט דעם זאָל אַ נייער טשאַרטער ארויסגעגעבען ווערען דער אַלטער יוניאָן, ד. ה. דער אידישער שריפטזעצער יוניאָן; אַלע מיטגלידער פון דער „317" זאָלען אַלס אַ גרופּע צוטרעטען צו דער אידישער שריפטזעצער יוניאָן.

דעם 21טען יוני, 1894, איז אָפּגעהאַלטען געוואָרען דער פאַראייני־גונגס־מיטינג, ביי וועלכען אַלע מיטגלידער פון דער 317 זיינען אויך אַנוועזענד געווען. ביי יענעם מיטינג האָט הוגאָ מילער אינסטאַלירט די יוניאָן אַלס לאָקאַל 83 פון דער „אינטערנעשאָנאַל טייפּאָגראַפיקאַל יוניאָן". די באַאַמטע פון דער יוניאָן זיינען געבליבען די זעלבע, וואָס פריער.

פון דעמאָלט אָן ביז אויף היינטיגען טאָג איז די אידישע שריפט־זעצער יוניאָן פאַרבליבען אַן אינטעגראַלער טייל פון דער אַלגעמיינער אָרגאַניזאַציע פון די שריפטזעצער פון די פאַראייניגטע שטאַאַטען און קאַנאַדע — פון דער „אַי. טי. יו.".

# די יוניאָן געווינט אַן אַכט־שטונדיגען אַרבעטס־טאָג

(1894)

די וואונדען פון דעם ברודער־קריג זיינען גיך פאַרהיילט געוואָרען — פיל גיכער ווי מ'האָט דערוואַרט. ווי מיר האָבען געזען, זיינען קיין פּרינ־ציפּיעלע דיפערענצען צווישען די צוויי צדדים ניט געווען, און דער פּער־זענלאכער אַנטאַגאָניזם האָט זיך אויסגעוועפּט. אין די שעפּער האָט מען זיך אָנגעהויבען פילען זיכערער און מוטיגער. די יוניאָן בכלל האָט זיך דערפילט געשטאַרקט דורך דעם פּרעסטיזש פון דער אינטערנעשאָנאל און פון דעם נייעם יוניאָן־לייבעל. האָבען זיך אַלע געפרייט מיט'ן שלום און האָבען מיט פרישען ענטוזיאַזם זיך גענומען וויטער בויען די יוניאָן.

מיט צען יאָר פריער, אין 1884, האָט זיך אין די פאַראייניגטע שטאַטען אָנגעהויבען אַ גרויסע באַוועגונג צווישען די אַרבעטער־מאַסען פאַר דעם אַכט־שטונדיגען אַרבעטס־טאָג. די דאָזיגע באַוועגונג האָט געמאַכט אַ רושם אין לאַנד און זי האָט מיט איר אימפּעט אריינגעצויגען ברייטע מאַסען אַרבעטער אין די יוניאָנס. די באָמבע, וואָס האָט אויפגעריסען דעם 4טען מאַי 1886 אויף העימאַרקעט סקוועאַר אין שיקאַגאָ, האָט גע־מאַכט אַ סוף צו אָט־דער באַוועגונג, אָבער דער אַכט־שטונדיגער אַרבעטס־טאָג איז פאַרבליבען דער זיסער חלום, צו וועלכען אַלע אָרגאַ־ניזירטע אַרבעטער האָבען דעמאָלט געשטרעבט. פון אַלע בוכדרוקער־אַרבעטער איבער'ן לאַנד האָבען בלויז די דייטשע שריפטזעצער אין ניו יאָרק זיך דערשלאָגען צום אַכט־שטונדיגען אַרבעטס־טאָג אין יאָר 1886. איצט, ווען עס האָט געהערשט שלום און אייניגקייט און די יוניאָן האָט זיך דערפילט געקרעפטיגט, איז געקומען דער מאָמענט דורכצופירען דעם אַכט־שטונדיגען אַרבעטס־טאָג אין דעם געביט פון דער אידישער שריפט־זעצער יוניאָן.

דער מיטינג פון דער יוניאָן, אויף וועלכען עס איז באַשלאָסען גע־וואָרען צו פאָדערען פון די באַלעבאַטים אַן אַכט־שטונדיגען אַרבעטס־טאָג, איז געווען זעהר אַ פייערלאכער. בנימין פייגענבוים איז ספּעציעל איינ־געלאַדען געוואָרען צו אַדרעסירען דעם מיטינג וועגען דער באַדייטונג און וויכטיגקייט פון דעם אַכט־שטונדיגען טאָג. פייגענבוים האָט מיט זיין רעדע די מיטגלידער ממש אָנגעצונדען מיט באַגייסטערונג, און ווען עס איז גע־

קומען צו דער אָפּשטימונג וועגען דער פראַגע איז אָט די פאָדערונג אָנגענומען געוואָרען פון דער יוניאָן איינשטימיג.

חוץ דער רעדוצירונג פון דער אַרבעטס־צייט איז אויך באשלאָסען געוואָרען צו פאָדערען אַ העכערונג פון 1 דאָלאר אַ וואָך אויף די שכירות. די נייע „סקייל" האָט, הייסט עס, געפאָדערט 10 דאָלאר אַ וואָך פאַר 8 שטונדען אַרבעט אַ טאָג. דער פרייז פון שטיק־אַרבעט איז, פאַרשטייט זיך, געהעכערט געוואָרען פּראָפּאָרציאָנעל.

נאָכדעם ווי די פאָדערונגען זיינען אויסגעאַרבייט געוואָרען, האָט דער מיטינג אויסגעקליבען אַ קאָמיטע — וואָס איז באשטאנען פון ראָזענסאָן, דראָשער און וויליאמס — פאַרצולייגען די פאָדערונגען פאַר די באַלעבאַטים.

ביי דעם נעקסטען מיטינג פון דער יוניאָן האָט די קאָמיטע באַריכטעט, אַז אין פאַרלויף פון בלויז צווי טעג האָבען אַלע באַלעבאַטים מסכים געווען צו די נייע פאָדערונגען און דער אַכט־שטונדיגער אַרבעטס־טאָג איז פון אַ חלום געוואָרען אַ ווירקלאכקייט.

די דורכפירונג פון דעם אַכט־שטונדיגען אַרבעטס־טאָג אין די אידישע דרוקערייען מעג באטראכט ווערען פאַר אַ נייער „רעוואָלוציע" אין פאַך. און פונקט ווי די ערשטע „רעוואָלוציע" — די אָרגאַניזירונג פון די דרוקערייען — איז געווען אַ בלוטלאָזע, אזוי איז אויך די צווייטע „רעוואָלוציע" דורכגעפירט געוואָרען פרידלאך, אָהן אַ צוזאַמענשטויס. דאָס אַליין זאָגט עדות, בעסער ווי די שענסטע רייד, ניט נאָר אויף דער קאָמפּסלוסטיגקייט פון די אידישע זעצער נאָר אויך אויף זייער אומבאגרענעצטער לאָיאַליטעט און איבערגעבענקייט צו דער יוניָאָן.

דעם מאָל האָט די יוניאָן אונטערגעשריבען אַ פאָרמעלען קאָנטראַקט מיט די באַלעבאַטים. דאָס איז געווען דאָס ערשטע מאָל, ווען די באַדינגונגען אויף וועלכע די יוניאָן איז באשטאנען, זיינען אויפגעשריבען געוואָרען אין דער פאָרם פון אַ לעגאַלען אָפּמאַך, און אַ קאָנטראַקט איז אונטערגעשריבען געוואָרען מיט יעדען באַלעבאָס באזונדער. אויסגעאַרבעט דעם קאָנטראַקט האָט יצחק אייזיק הורוויטש.

# די העפטען־מגפה

די אידישע אימיגראַציע האָט דערווייל געהאַלטען אין איין שטייגען, און צוזאַמען מיט דער אימיגראַציע איז אויך געוואַקסען די אידישע פּרעסע. עס האָט דעמאָלט שוין עקזיסטירט ניט איין טעגלאכע צייטונג, נאָר גאַנצע דריי — „דאָס אידישע טאָגעבלאַט", „דאָס אַבענדבלאַט" און „דער אידישער העראָלד". דער אידישער עולם האָט ביסלאכווייז אָנגע־הויבען זיך צוגעוואוינען צו לייענען אַ צייטונג.

אויף ביכער איז אָבער נאָך אַלץ קיין פאָדערונג ניט געווען. איז איינעם פון די אידישע דרוקער, יעקב סאַפּירשטיין, איינגעפאַלען אַ גע־דאַנק, אַז אויב עס זיינען ניטאָ קיין בעלנים אויף גאַנצע ביכער, — אַלץ איינס, צי דערפאַר ווייל אַ גאַנצער בוך קאָסט צו טייער, אָדער ווייל עס איז צו שווער איבערצולייענען אַ בוך פאַר אַמאָל — וואָלט אפשר געווען אַ פּלאַן ארויסצוגעבען ביכער אין פאַרטזעצונגען. ניט טראַכטענדיג קיין סך, האָט ער געמאַכט אַ פּראָבע און ארויסגעלאָזען אַ העפט פון 16 זייטען — און . . . עס האָט גלייך „אָנגעריסען". די אונטערנעמונג איז געווען אַ גרויסער דערפאָלג. ניט נאָר איז די ערשטע העפט צעכאַפּט געוואָרען ווי מצה־וואַסער, נאָר דער עולם האָט זיך קוים געקענט דער־וואַרטען אויף דער צווייטער העפט.

דער פּלאַן איז גלייך נאָכגעטאָן געוואָרען פון נחום מאיר שייקע־וויטש (שמ"ר), וועלכער איז צו יענער צייט אַריבערגעקומען קיין אַמע־ריקע און געעפענט אַ דרוקעריי, און מיט דער צייט אויך פון קאַנטאָראָוויטש'ן און פון נאָך אַנדערע. עס האָט ניט לאַנג גענומען און די אידישע גאַס איז פאַרפלייצט געוואָרען מיט אַ מבול פון „העפטען". ווער עס האָט געהאַט גאָט אין האַרצען האָט אָנגעהויבען דרוקען פּעפּערדיגע, „שפּאַ־נענדע" ראָמאַנען אין פאַרטזעצונגען — יעדע וואָך אַ נייע העפט פון 16 זייטען.

דאָס האָט, נאַטירלאַך, אויך געהאַט אַ ווירקונג אויף דעם אידישען דרוקער־פאַך. לכתחילה איז די ווירקונג געווען צום גוטען — ווייל עס האָט געשאַפען אַ סך נייע אַרבעט. אָבער שפּעטער, ווען די קאָנקורענץ צווישען די העפטען־ארויסגעבער איז געוואָרען זעהר שאַרף, האָט עס אָנ־געהויבען אונטערגראָבען דעם אַכט־שטונדיגען אַרבעטס־טאָג.

פּאַראַלעל מיט דער קאָנקורענץ צווישען די העפטען־ארויסגעבער איז

אויך אויפגעקומען אַ קאָנקורענץ צווישען די זעצער גופא. דער אונטער־שייד צווישען דעם שנעלען זעצער, דעם דורכשניט־זעצער און דעם שוואַ־כען זעצער האָט געגומען שפּילען אַ ראָלע. דאָס האָט געבראַכט צו דעם, אַז עס האָט זיך אויסגעאַרבייט אַ געוויסער „ציל" און דער זעצער האָט זיך געפילט פאַרפליכטעט צו פּראָדוצירען אַ געוויסע צאָל זייטען פאַר די 10 דאָלאַר אַ וואָך וואָס ער באַקומט. אָנשטאָט דעם, אַז אויך דער לאַנג־זאַמערער זעצער זאָל ביי אַן אַכט־שטונדיגען אַרבעטס־טאָג קענען אויס־אַרבעטען זיינע 10 דאָלאַר אַ וואָך, האָט ער געמוזט בשתיקה צואַרבעטען לענגער כדי דעם „ציל" צו פּראָדוצירען.

דער פּועל־יוצא פון דעם איז געווען, אַז בעת אין די צייטונגען, וואו מ'האָט געאַרבעט פון שטיק, איז דער אַכט־שטונדיגער טאָג דורכגעפירט געוואָרען ווי געהעריג, איז ער אין די העפטען־דרוקערייען, וואו מ'האָט געאַרבעט פון וואָך, ווייט ניט דורכגעפירט געוואָרען. אַז דאָרט וואו עס ווערט געאַרבעט פון שטיק זאָל דער אַכט־שטונדיגער טאָג אָפּגעהיט ווערען, און דאָרט וואו עס ווערט געאַרבעט פון וואָך זאָל ער ניט אָפּגעהיט ווערען, איז אַ פּאַראַדאָקס וואָס לעגט זיך שווערלאך אויפ'ן שכל, אָבער אַזאַ טבע האָט שוין דאָס לעבען — עס לאַכט זיך אויס פון שכל און לאָגיק.

דאָס האָט דער יוניאָן פאַרשאַפט אַ סך זאָרג. ביי די מיטינגען פון דער יוניאָן פלעגט מען אָפט ארומרעדען דעם דאָזיגען איבעל אין די העפּ־טען־דרוקערייען. די יוניאָן האָט וואָס ווייטער אַלץ מער איינגעזען די געפאַר, וואָס עס שטעקט אין אָט דער אַרבעטס־סיסטעם און זי האָט ניט גערוט ביז זי האָט איר אויסגעקאָרעניעט מיט'ן וואָרצעל.

אגב, איז דאָס העפטען־געשעפט אין אַ קורצער צייט ארום איינגאַנצען אָפּגעשטאָרבען. צוויי פאַקטאָרען האָבען גורם געווען דערצו: ערשטענס, האָבען די צייטונגס־פאַרקויפער פון דער איסט־סייד, די אַזוי גערופענע סטענד־קיפּערס, גענומען אויסלייען די העפטען צום איבערלייענען, פאַר אַ סענט אַ העפט, און אַ היפּשער טייל פון עולם פלעגט בעסער נעמען העפטען אויף „פּראָקאַט" איידער צו קויפען זיי און צאָלען 5 סענט אַ העפט. צווייטענס, האָבען די טעגלאַכע צייטונגען גענומען דרוקען דעם זעלבען מין „שפּאַנענדע" ראָמאַנען אין פאָרטזעצונגען, און האָבען אַזוי־נאָך אָפּגע־צויגען די לעזער פון די העפטען.

צוליב אָט די צוויי סיבות, האָט דאָס העפטען־געשעפט זיך אויפגעהערט באַצאָלען און איז איינגאַנצען אַראָפּ פון דער סצענע.

# די זעץ־מאַשין ווערט אריינגעבראכט אין די אידישע צייטונגען
(1895)

דערפינדער פון אַ סך לענדער האָבען שוין לאַנג עקספּערימענטירט מיט אַ מאַשין, וואָס זאָל זעצען שריפט מעכאַניש, אַנשטאָט מיט דער האַנט. קיינע פון די מאַשינען זיינען אָבער ניט געווען פּראַקטיש דערפאָלגרייך, ביז עס איז געקומען אָטמאַר מערגענטאַלער, אַן אַמעריקאַנער, און האָט אין 1884 דערפונדען די ליינאָטייפּ־מאַשין, וואָס האָט דעם זעץ־מאַשין־טרוים פאַרוואַנדעלט אין אַ פּראַקטישער ווירקלאכקייט.

די זעץ־מאַשין האָט אָנגעמאַכט אַ גאַנצע איבערקערעניש אין דעם דרוקער־פאַך, ספּעציעל אין די צייטונגס־דרוקערייען. אין גרונט גענומען, זיינען מאַשינען ניט קיין קללה, נאָר אַ ברכה פאַר די אַרבעטער. פון איין זייט, פאַרגרעסערט די מאַשין די פּראָדוקטיוויטעט פון דעם אַרבעטער, מעגלאך מאַכענדיג בעסערע אַרבעטס־באַדינגונגען. פון דער אַנדערער זייט, פאַרקלענערט די מאַשין די קאָסטען פון פּראָדוקציע און דער פּרייז פון דעם פּראָדוקט ווערט דורכדעם אַ סך ביליגער. דאָס, ווידער, סטימו־לירט אַ גרעסערע נאָכפראַגע אויף פּראָדוקטען, און די אַרבעטער וואָס די מאַשין האָט לכתחילה ארויסגעוואָרפען פון דער אַרבעט, ווערען גאָר גיך צוריק אריינגעצויגען אין דער שטאַרק אויסגעברייטערטער אינדוס־טריע. אָבער דאָס איז אַ פּראָצעס, וואָס נעמט צייט. ביז וואָס־ווען, ביז די אינדוסטריע פּאַסט זיך צו צו די נייע באַדינגונגען, ברענגט יעדע מאַשין אין אָנהויב אַרבעטסלאָזיגקייט, נויט און ליידען פאַר די אַרבעטער.

דאָס זעלבע האָט פּאַסירט מיט דער זעץ־מאַשין. די מאַשין זעצט אומגעפער זעקס מאָל אַזוי שנעל ווי דער האַנט־זעצער. די איינפירונג פון דער זעץ־מאַשין האָט דעריבער געמוזט פאַראורזאַכען אַ גרויסע אַר־בעטסלאָזיגקייט. אין די ענגלישע צייטונגען האָט די זעץ־מאַשין טאַקע אָנגעמאַכט אַ חורבן.

ווען די אידישע צייטונגען האָבען (אין 1895) זיך געגרייט אריינצו־צושטעלען זעץ־מאַשינען אין זייערע דרוקערייען, איז די אידישע שריפט־זעצער יוניאָן געווען אַנטשלאָסען צו מאַכען די זעץ־מאַשין פאַר אַ ברכה גלייך פון אָנהויב אָן.

אין די ענגלישע צייטונגען זיינען די שכירות פון אַ מאַשין־זעצער (אַ ליינאָטייפּ־אָפּערייטאָר) דעמאָלט געווען 22 דאָלאַר אַ וואָך. האָט די

יוניאָן באשלאָסען, אַז די זעלבע שכירות זאָלען געצאָלט ווערען אויך די אידישע מאַשין־זעצער. אָבער כדי קיינער זאָל דורך די מאַשינען ניט ווערען אַרבעטסלאָז, זאָל דער אַרבעטס־טאָג געטיילט ווערען אין צווייען, און יעדער מאַשין־זעצער זאָל אַרבעטען 4 שטונדען אַ טאָג פאַר 11 דאָלאר אַ וואָך.

ווען די יוניאָן איז צוגעטראָטען דורכצופירען די נייע באדינגונגען פאַר מאַשין־אַרבעט האָט זי זיך אָנגעשטויסען אָן אַן עקשנות'דיגען ווידער־שטאַנד מצד דעם ארויסגעבער פון „טאָגעבלאַט", וועלכער איז געווען דער ערשטער אריינצושטעלען זעץ־מאַשינען. דער באַלעבאָס פון „טאָגעבלאַט" איז געווען גרייט צו צאָלען די שכירות פון 22 דאָלאר אַ וואָך, אָבער ער האָט בשום אופן ניט געוואָלט צושטימען דערצו, אַז דער 8־שעה'דיגער טאָג זאָל געאַרבעט ווערען פון צוויי זעצער צו 4 שטונדען יעדער.

די פאָרטרעטער פון דער יוניאָן האָבען איינגע'טענה'ט מיט'ן באַלע־באָס פון „טאָגעבלאַט". זיי האָבען אַפּעלירט סיי צו זיין יושר־געפיל און סיי צו זיין קעשענע־אינטערעס. זיי האָבען אַרגומענטירט, אַז אַן אַרבעטער פּראָדוצירט אין די ערשטע 4 שטונדען פון טאָג מער ווי אין די אַנדערע 4 שטונדען, און דורכדעם וואָס ער וועט האָבען יעדע 4 שעה פרישע זעצער וועט ער געווינען. עס האָבען ניט געהאָלפען די רייד. ער איז געבליבען איינגעשפּאַרט, אַז ער וויל ניט האָבען ביי זיך אין דרוק אַזוי פיל זעצער.

פאַר דער יוניאָן איז געווען אוממעגלאך נאָכצוגעבען אין אָט־דער פראַגע, ווייל דאָס איז געווען ממש אַ לעבענס־פראַגע פאַר דער יוניאָן. איז באשלאָסען געוואָרען צו רופען אַ סטרייק אין „טאָגעבלאַט". אַזוי ווי קיין לאָקאַל פון דער אינטערנעשאָנאַל טאָר ניט רופען קיין סטרייק אָהן דער גוטהייסונג פון דער אינטערנעשאָנאַל, האָט די יוניאָן זיך געמוזט ווענדען צו דער אינטערנעשאָנאַל און זי האָט דעם סטרייק סאַנקציאָנירט. דאָס איז, אַגב, געווען דאָס ערשטע מאָל, וואָס די יוניאָן האָט געדאַרפט בעטען דערלויבעניש צו סטרייקען פון אַן אַנדער קערפּערשאַפט.

דעם ארויסגעבער פון „טאָגעבלאַט" האָט זיך איינגעגעבען צו קריגען סטרייק־ברעכער און די צייטונג איז ארויסגעגאַנגען טראָץ דעם סטרייק. האָט די יוניאָן געמוזט אָנווענדען פאַרשיידענע מיטלען דעם ווידערשטאנד פון באַלעבאָס צו ברעכען.

די יוניאָן האָט ארויסגעגעבען אַן אייגענע צייטונג אונטער'ן נאָמען „די יוניאָן צייטונג", אום צו באקעמפען „דאָס טאָגעבלאַט". געאַרבעט אויף דער צייטונג האָבען די סטרייקער גופא און די אַנדערע מיטגלידער האָבען זיי ארויסגעהאָלפען, און אַרטיקלען פאַר דער צייטונג זיינען גע־שריבען געוואָרען פון פיליפ קראַנץ, בנימין פייגענבוים און אַנדערע, ווי אויך פון מיטגלידער פון דער יוניאָן. עס האָט זיך ארויסגעשטעלט, אַז

„די יוניאָן־צײטונג” איז געװען זעהר אַ װירקזאַמער קאַמפּס־מיטעל. די צײטונג האָט כסדר געהאַלטען דער עפענטלאַכקײט אינפאָרמירט װעגען דעם גאַנג פון דעם קאַמף און האָט פיל געשעדיגט דעם פאַרקויף פון „טאַגעבלאַט”.

מיט אָט דעם אינדירעקטען װעג אונטערצושלאָגען דעם פאַרקויף פון „טאַגעבלאַט” האָט די יוניאָן זיך ניט באַנוגענט. עס האָט זיך אויך גע־פאָדערט אַ מער דירעקטער װעג צוצונעמען די לעזער פון „טאַגעבלאַט”, און די יוניאָן איז ניט געשלאָפען. די צײטונגס־פאַרקויפער, די ניוס־באָיס, זײנען שנעל אָרגאַניזירט געװאָרען, און זײ האָבען אויף זיך גענומען ניט נאָר אַלײן „דאָס טאַגעבלאַט” ניט צו פאַרקויפען, נאָר אויך ניט צו דערלאָזען אַז אַנדערע זאָלען עס פאַרקויפען. און זײ האָבען זײער באַשלוס דורכגעפירט. האָבען זײ געפּאַקט אײנעם װאָס האָט פאַרקויפט „דאָס טאַגעבלאַט”, איז אין אײן מינוט פון זײנע צײטונגען גאָרנישט געבליבען.

דער סטרײק האָט זיך געצויגען גאַנצע 14 װאָכען, און ער איז געװען זעהר אַ שװערער און אַ פאַרביטערטער. פאַרשטײט זיך, אַז די יוניאָן האָט געמוזט שטיצען די סטרײקער די גאַנצע צײט פון סטרײק. חוץ די סטרײק־בענעפיט, װאָס די אינטערנעשאָנאַל האָט געצאָלט — 7 דאָלאַר אַ װאָך פאַר פאַרהײראַטע און 5 דאָלאַר פאַר אומפאַרהײראַטע — האָט די יוניאָן פון איר קאַסע מיטגעהאָלפען, אַז די סטרײקער זאָלען ניט דאַרפען לײדען קײן נויט. כדי צו דעקען די גרויסע הוצאות פון דעם סטרײק האָט די יוניאָן אַראַנזשירט אַ קאָנצערט אין אַ גרויסען אידישען טעאַטער, און דער אָפּרוף איז געװען אַזוי גרויס, אַז פילע האָבען געמוזט גײן צוריק, װײל עס איז שוין מער קײן פּלאַץ ניט געװען אין טעאַטער. דער קאָנ־צערט האָט אַרײנגעבראַכט אַ היפּשע סומע.

מיט אָט די אַלע מיטלען האָט זיך דער יוניאָן אײנגעגעבען צו גע־װינען אויף איר זײט די סימפּאַטיע פון אַלע קלאַסען פון דער אידישער באַפעלקערונג, און נאָך אַ סטרײק פון 14 װאָכען איז דער ארויסגעבער פון „טאַגעבלאַט” געװען געצװאונגען נאָכצוגעבען די פאָדערונגען פון דער יוניאָן, און די סטרײקער זײנען זיגרײך צוריקגעגאַנגען צו דער אַרבעט.

אַזוי־נאָך זײנען אײנגעשטעלט געװאָרען אין די צײטונגען די פאָל־גענדע אַרבײטס־באַדינגונגען: מאַשין־זעצער אַרבײטען 4 שעה אַ טאָג פאַר 11 דאָלאַר אַ װאָך, און אַלע אַנדערע זעצער, װאָס אַרבעטען בײם האַנט, קריגען 15 דאָלאַר אַ װאָך פאַר 8 שעה אַ טאָג. שטיק־אַרבעט איז אינגאַנצען אָפּגעשאַפט געװאָרען אין די „מאַשין־שעפּער”.

די אַנדערע צײטונגען, װעלכע האָבען אין גיכען אויך אַרײנגעשטעלט לײנאָטײפּ־מאַשינען, זײנען שוין נאָכגעקומען די דאָזיגע באַדינגונגען אָהן אַ קאַמף.

# „גאָט, באַשיץ מיך פון מיינע פריינט . . . ״

„קרח מכאן וקרח מכאן״. — אַלע מאָנטאג און דאָנערשטאג
ווערט די יוניאָן אויסגעשלאָסען פון די געווערקשאַפטען. —
די יוניאָן גייט זיך איר אייגענעם וועג.

אין דער גמרא ווערט דערציילט אַ מעשה׳לע, וואָס איז ווי אָנגע־מאָסטען אויף דער לאַגע, אין וועלכער אונזער יוניאָן האָט זיך געפונען:

אַן עלטערען מאַן האָט זיך פאַרגלוסט נעמען אַ צווייטע ווייב. דאָס איז געווען נאָך פאַר דעם „חרם דרבינו גרשם״ און אַ איד האָט דעמאָלט געמעגט האָבען מער ווי איין ווייב. האָט ער אַלס צוגאָב צו דער אַלטער ווייב, וועלכע איז געווען אין זיינע יאָרען, זיך גענומען נאָך אַ ווייב, אַ יונגע. אַזוי שנעל ווי ער האָט דאָס יונגע ווייבעל געבראַכט אַהיים איז אין שטוב געוואָרען אַן אמת׳ער גיהנום. צוויי „קעץ״ אין איין זאַק. די גמרא דערציילט, אַז די אַלטע ווייב האָט אים געהאַלטען אין איין אויסרייסען די שוואַרצע האָר, וואָס ער האָט נאָך געהאַט, כדי ער זאָל זיך ניט איינריידען אַז ער איז אַ יונגערמאַנטשיק; און די יונגע ווייב האָט אים געצופּט די גרויע האָר, כדי צו מאַכען אים פילען אַז ער איז נאָך יונג. דער פּועל יוצא פון דעם איז געווען, אַז ער איז געבליבען אַן האָר...

## „קרח מכאן וקרח מכאן״

אָט די אינטערעסאַנטע מעשה, וואָס ווערט אין דער גמרא טאַקע געבראַכט אַלס אַ משל, איז באַקאַנט אונטער דעם אויסדרוק „קרח מכאן וקרח מכאן״ — אַ פּליך דאָ, און אַ פּליך דאָרט.

אויף דעם גורל פון דער אידישער שריפטזעצער יוניאָן איז אויס־געפאַלען „געצופּט״ צו ווערען פון צוויי ריכטונגען — סיי פון אירע אמת׳ע שונאים און סיי פון אירע פריינט. לאַ־די וואָס די יוניאָן האָט געמוזט פירען אַ קאַמף געגען די באַלעבאַטים פאַר בעסערע אַרבעטס־באַדינגונגען, איז איר אויך אויסגעקומען צו האָבען אָפטע מיספאַרשטענד־נישען מיט די אַנדערע אידישע יוניאָנס, ריכטיגער געזאָגט, מיט זייער צענטראַלער קערפּערשאַפט, די פאַראייניגטע אידישע געווערקשאַפטען.

מיר האָבען אויבען געזען, ווי אַזוי די געווערקשאַפטען האָט אויס־געשלאָסען אונזער יוניאָן אין צייט פון דעם צווייטען סטרייק אין דער „אַרבעטער צייטונג״ אַפילו אָן אַ פאַרהער. דאָס איז אָבער ניט געווען

דאָס אײנציגע מאָל וואָס די געווערקשאַפטען האָט אויסגעשלאָסען די יוניאָן. יענע ערשטע „מיספארשטענדניש“ איז ארויסגעקומען קודם כל צוליב דעם, וואָס אַחוץ דעם וואָס די זעצער זײַנען אַ טײל פון דער אַל־געמײנער אַרבעטער־באַוועגונג זײַנען זײ אויך אָנגעדונגענע אַרבעטער אין די צײַטונגען פון דער באַוועגונג. אָבער דער אומשטאַנד אַלײן, וואָס די זעצער האָבען דעם מזל אָדער שלימזל צו אַרבעטען בײַ דער פּרעסע, דעם מעכטיגסטען אינסטרומענט פון דער עפענטלאַכער מײנונג, האָט געפירט צו נאָך אַ סך אַנדערע „מיספארשטענדנישען“.

ווען אַ יוניאָן האָט געפירט אַ קאַמף געגען באַלעבאַטים האָט זי דערוואָרט די שטיצע פון די אַנדערע יוניאָנס. די שטיצע נעמט געוויינ־לאַך אָן די פאָרם פון מאָראַלישער און פינאַנציעלער הילף. אָבער די אַנדערע יוניאָנס זײַנען אין די פרעמדע סטרייקס דירעקט ניט פאַרוויקעלט געוואָרען. שנײַדער האָבען ניט געדאַרפט סטרייקען פאַר בעקערס, קעפּ־מײַקערס האָבען ניט געדאַרפט סטרייקען פאַר אַקטיאָרען א. א. וו. פון דער אידישער שריפטזעצער יוניאָן איז אָבער דערוואָרט געוואָרען פיל מער.

## אַלע מאָנטאָג און דאָנערשטאָג ווערט די יוניאָן אויסגעשלאָסען פון די געווערקשאַפטען

ווען בעקערס, צום בײַשפּיל, זײַנען ארויס אין סטרייק האָט די אַרבעטער־פּרעסע זײ געהאָלפען פאַרלײַגען זײער צד פאַר דעם עולם. די באַלעבאַטים, ווידער, פלעגען זײער צד פאַרלײַגען דורך די פּריוואַטע, אָדער „קאַפּיטאַליסטישע“, צײַטונגען. זײ פלעגען דאָס געוויינלאַך טאָן פשוט דורך אַדווערטײַזמענטס, פאַר וועלכע זײ פלעגען באַצאָלען גוט געלט. די סטרייק־פירענדע יוניאָן האָט דאָס באַטראַכט פאַר אַ פאַרראַט מצד דער צײַטונג, וואָס דרוקט אַזעלכע אַדווערטײַזמענטס פון די באַלע־באַטים; די געווערקשאַפטען האָט ניט געזשאַלעוועט תיכף צו פּראָ־קלאַמירען אַ בויקאָט געגען דער צײַטונג; און גלײַך נאָכדעם איז גע־קומען אַן אויפפאָדערונג צו דער שריפטזעצער יוניאָן צו דערקלערען אַ סטרייק געגען דער צײַטונג. ווען די יוניאָן האָט זיך אָנטזאָגט צו רופען אַ סטרייק אין אַ צײַטונג, מיט וועלכער זי אַלײן האָט קײן שום סכסוך ניט געהאַט, איז זי דערפאַר אויסגעשלאָסען געוואָרען פון די געווערקשאַפטען.

די אידישע אַקטיאָרען־יוניאָן פירט אַ סטרייק געגען אַ געוויסען אידישען טעאַטער. די אַדווערטײַזמענט פון דעם טעאַטער דערשײַנט ווײַטער אין אַ פּריוואַטער צײַטונג, ווי קײן סטרייק וואָלט גאָר אויף דער וועלט ניט געווען. דאָס פאַרדריסט, נאַטירלאַך, דער אַקטיאָרען־יוניאָן,

און עס נעמט ניט לאַנג ביז די געווערקשאַפטען פאָדערט־אויף דער שריפטזעצער יוניאָן צו דערקלערען אַ סטרייק אין דער צייטונג. אַז די יוניאָן אַנטזאַגט זיך דאָס צו טאָן, ווערט זי ווידער אַמאָל אויסגעשלאָסען פון די געווערקשאַפטען.

די סיגאַרעטען־מאַכער יוניאָן פירט אַ קאַמף געגען דעם טאַבעקאָ־טראַסט. זי ווענדט זיך צום פובליקום צו באָיקאָטירען די סיגאַרעטען פון טראַסט, איבערהויפּט די „טאָלסטאָי״ און די „וואָלגאַ״, וועלכע זיינען דעמאָלט געווען זעהר פּאָפּולער ביי אידישע רויכערער. די אַרבעטער־צייטונגען האָבען זיך אָפּגעזאָגט ווייטער צו דרוקען די אַדווערטייזמענטס פון טראַסט, אָבער צוויי פּריוואַטע צייטונגען האָבען די אַדווערטייזמענטס יאָ געדרוקט. האָט די געווערקשאַפטען אויפגעפאָדערט דער יוניאָן ניט מער און ניט ווייניגער ווי צו דערקלערען אַ סטרייק אין די צוויי צייטונגען. די יוניאָן האָט זיך אַנטזאַגט דאָס צו טאָן, און זי איז ווידער אמאל אויס־געשלאָסען געוואָרען פון די געווערקשאַפטען.

## די יוניאָן גייט זיך איר אייגענעם וועג

מאָדנע: די זעלבע מענשען, וואָס האָבען אין דער צייט פון דעם צווייטען סטרייק אין דער „אַרבעטער צייטונג״ באַשולדיגט דער יוניאָן אין וועלען זיין דער „צענזאָר״, דער „זשאַנדאַרם״ איבער דער פּרעסע, האָבען ביי דער ערשטער געלעגענהייט געפאָדערט פון דער יוניאָן טאַקע אויף אַן אמת צו ווערען דער זשאַנדאַרם איבער דער פּרעסע.

פון דעם סטרייק אין דער „אַרבעטער צייטונג״ האָט אָבער די יוניאָן געלערענט, אַז זי האָט ניט קיין גערעצלאַכען און קיין מאָראַלישען רעכט צו זאָגען אַ דעה די באַלעבאַטים וואָס יאָ און וואָס ניט צו דרוקען אין זייערע צייטונגען. פּונקט אַזוי ווי דער בעקער־אַרבעטער האָט ניט קיין רעכט אָנצוציגען זיין באַלעבאָס וועמען צו פאַרקויפען זיינע ברויטען און בולקעס, צו קאַפּיטאַליסטען אָדער צו אַרבעטער, אַזוי האָט אויך דער זעצער ניט קיין רעכט צו זאָגען דעם צייטונגס־ארויסגעבער וועמעס אַדווערטייזמענטס צו דרוקען און וועמעס ניט. און די אידישע שריפט־זעצער יוניאָן האָט זיך געהאַלטען ביי אָט דעם באַשלוס אירען, טראָץ די אָפּטע אַטאַקעס און שימפּערייען וואָס זיינען געפאַלען אויף איר קאָפּ דערפאַר. די יוניאָן איז געווען אַנטשלאָסען זיך צו באַגרענעצען אויס־שליסלאַך אויף די אַרבעטס־באַדינגונגען פון די זעצער אין די צייטונגען, און דערביי האָט זי זיך שטרענג געהאַלטען.

עס דאַרף באַטאָנט ווערען, אַז די טענות פון די געווערקשאַפטען צו דער יוניאָן האָבען אייגענטלאַך גאָרנישט געהאַט צו טאָן מיט געוויינלאַכער

אַרבעטער־סאָלידאַריטעט. וואָלט די גאַנצע אידישע אַרבעטער־באַוועגונג, למשל, באַשלאָסען אַרויסצוגיין אין אַ סימפּאַטיע־סטרייק מיט אַרבעטער פון אַ געוויסען פאַך וואָס שטייען אין אַ סטרייק, וואָלט די אידישע שריפטזעצער יוניאָן מסתמא אויך ניט אָפּגעשטאַנען. די יוניאָן האָט אָבער בשום אופן ניט געקענט איינזען, פאַרוואָס בעת די אַנדערע יוניאָנס קומען אָפּ מיט אַ פּאָר דאָלאַר שטיצע זאָל זי זיין די איינציגע צו דאַרפען סטרייקען ביי יעדער געלעגענהייט פאַר די בעקערס, פאַר די אַקטיאָרען, פאַר די סיגאַרעטען־מאַכער און פאַר אַנדערע.

אַגב, האָט די „אינטערנעשאָנאַל טייפּאָגראַפיקאַל יוניאָן" אַזעלכע סטרייקס ניט דערלויבט. זי איז באַשטאַנען דערויף, אַז אַזוי לאַנג ווי אַן אַרויסגעבער פון אַ צייטונג היט אָפּ די פּונקטען פון דעם געשריבענעם אָפּמאַך, טאָר אין זיין צייטונג קיין סטרייק ניט גערופען ווערען.

עס איז ניט וויכטיג איצט פעסטצושטעלען, צי די שטעלונג פון די געווערקשאַפטען האָט זיך גענומען פון דער אַלגעמיינער איינזייטיגקייט, וואָס האָט דעמאָלט געהערשט אין דער אידישער אַרבעטער־באַוועגונג, אָדער ווייל זי האָט ניט געהאַט דאָס האַרץ אָפּצוזאָגען אַ פאָדערונג פון יוניאָנס, וואָס שטייען אין קאַמף מיט באַלעבאַטים. יעדענפאַלס, נאָכדעם ווי די סטרייקס זיינען פאַרענדיגט געוואָרען, איז די אידישע שריפט־זעצער יוניאָן יעדען מאָל צוריק אַריינגענומען געוואָרען אין די פאַר־אייניגטע אידישע געווערקשאַפטען.

# די שפּאַלטונג אין דער ס. ל. פּ. און ווי דאָס האָט געווירקט אויף דער יוניאָן

א נאָכגעמאַכטע 83. — די גרינדונג פון „פאָרווערטס". — דער לאָקאַוט פון די זעצער אין „אַבענדבלאַט".

נאָכדעם ווי די אַנאַרכיסטען און די סאָציאַליסטען זיינען זיך פאַנאַנדער־געגאַנגען, אין יאָר 1889, זיינען געקומען עטלאכע יאָר פון האַרמאָניע אין דער אידישער סאָציאַליסטישער באוועגונג. דעם 7טען מערץ, 1890, האָט אָנגעהויבען דערשיינען די „אַרבעטער צייטונג"; אין יאַנואַר, 1892, איז ארויס דער ערשטער נומער פון דער מאָנאַטלאכער „צוקונפט"; און אין אָנהויב 1894 האָט די סאָציאַליסטישע באוועגונג שוין געהאָט אַן אייגענע טעגלאכע צייטונג, „דאָס אַבענדבלאַט".

לאַנג האָט אָבער די האַרמאָניע אין דער סאָציאַליסטישער באוועגונג ניט אָנגעהאַלטען. דעניעל דעליאָן, וועלכער איז אריינגעטראָטען אין דער „סאָשעליסט לייבאָר פּאַרטי" (ס. ל. פּ.) אין 1890, האָט אין אַ קורצער צייט אריינגעקראָגען אין זיינע הענט דעם קאָנטראָל איבער דעם פּאַרטיי־אַפּאַראַט און ער האָט געשטופּט די פּאַרטיי אויף וועגען פון דעם שטרענג־סטען צענטראַליזם, וואָס האָט ארויסגערופען גרויס אומצופרידענקייט צווי־שען די מיטגלידער פון דער פּאַרטיי.

אונטער דעליאָנ'ס איינפלוס האָט די ס. ל. פּ. פאַרלאָזען דעם אַלטען וועג פון פּרעדיגען דעם סאָציאַליזם אין די עקזיסטירענדע יוניאָנס, פון „בויערען פון אינעווייניג", ווי דאָס האָט דעמאָלט געהייסען, און אין 1895 איז געגרינדעט געוואָרען די „סאָשעליסט טרייד ענד לייבאָר עלייענס". לכתחילה האָט די „עלייענס" געזאָלט אריינגעמען יוניאָנס, וואָס באַלאַנגען סיי צו די „נייטס אָוו לייבאָר" און סיי צו דער „אַמעריקען פעדעריישאָן אָוו לייבאָר", ווי אויך אַנדערע יוניאָנס וואָס זיינען סאָציאַליסטיש גע־שטימט. דערצו האָט די „עלייענס" געזאָלט זיך אָפּגעבען מיט אָרגאַניזירען אַרבעטער, וואָס זיינען נאָך אינגאַנצען ניט אָרגאַניזירט. עס האָט אָבער ניט לאַנג גענומען און די „עלייענס" האָט אָנגעהויבען גרינדען אָפּאָזיציע־יוניאָנס, און די אָפּאָזיציע־יוניאָנס האָבען געשיקט זייערע מיטגלידער אַר־בעטען דאָרט וואו עס זיינען אָנגעגאַנגען סטרייקס פון די אַלטע יוניאָנס.

אָט דער פּשוטער סקעביזם פון דער „עלייענס" איז שוין געווען צופיל פאַר דעם גרעסטען טייל מיטגלידער פון דער ס. ל. פּ. און האָט געפירט צו אַ שפּאַלטונג אין דער פּאַרטיי. די שפּאַלטונג האָט אָנגעמאַכט אַ חורבן

ניט נאָר אין דער פּאַרטײ, נאָר אױך אין דער גאַנצער אידישער אַרבעטער־באַװעגונג. אַ געװיסע צײט איז פון די פאַראײניגטע אידישע געװערקשאַפטען געבליבען בלױז אַ שאָטען פון אַן אָרגאַניזאַציע. און אַט דער אינערלאַכער קאַמף אין דער אַרבעטער־באַװעגונג, װעלכער איז געפירט געװאָרען מיט פאַרביטערונג און ריקזיכטסלאָזיגקײט, האָט אױך אָנגערירט דער אידישער שריפטזעצער יוניאָן.

## אַ נאָכגעמאַכטע 83

אין דער ערשטער רײ איז געקומען אַ פּאַרזוך מצד דער „עלײענס" צו גרינדען אַן אָפּאָזיציע־יוניאָן געגען דער אידישער שריפטזעצער יוניאָן. אַ פּאָר באַלעבאָטים פון קלענערע דרוקערײען אױף דער איסט־סײד האָבען געדענקט, אַז זײ װעלען קענען אױסנוצען דעם קאַמף אין דער אַרבעטער־באַװעגונג פאַר זײערע אײגענע קעשענע־אינטערעסען, און האָבען געגרינדעט אַ שריפטזעצער יוניאָן פון דער „סאָשעליסט טרײד ענד לײבאָר עלײענס", קאָפּירענדיג דעם גאַנצען נאָמען פון דער יוניאָן, אַפילו מיט'ן נומער 83.

גערעכענט האָבען זײ, אַז מיט דעם נומער 83 װעט זײ געלינגען אָפּצונאַרען דער עפענטלאַכקײט און זײערע דרוקערײען װעלען אָנגענומען װערען פאַר אמת'ע יוניאָן־שעפּער. אָבער דאָס האָט זיך זײ ניט אײנגעגעבען. די דאָזיקע „יוניאָן" איז געװען אַ מיאוסער דורכפאַל. אַזױ װי מיר האָבען ניט געװאוסט פון װאַנען זי איז געקומען, אַזױ האָבען מיר ניט געװאוסט װאו זי איז אַהינגעקומען.

## די גרינדונג פון „פאָרװערטס"

„דאָס אָבענדבלאַט" איז געװען דער אָפיציעלער אָרגאַן פון דער ס. ל. פּ. און נאָכדעם װי די פאַרטײ האָט זיך פאַרנומען אױף איר יוניאָן־ברעכערישען װעג מיט דער „עלײענס" איז אין „אָבענדבלאַט" אַפילו ניט דערלויבט געװאָרען קײן דיסקוסיע איבער אָט־דער פראַגע. אַב. קאַהאַן, מאָריס װינטשעװסקי, לואיס מילער און מ. זאַמעטקין זײנען ארויסגעטראָטען פון דער „אָבענדבלאַט"־רעדאַקציע און האָבען אָנגעהױבען פירען אַן אָפענעם קאַמף געגען דער טאַקטיק פון דער פירערשאַפט פון דער פּאַרטײ.

זײ האָבען גוט פאַרשטאַנען, אַז אָהן אַ טעגלאַכער צײטונג, װאָס זאָל באַקעמפען „דאָס אָבענדבלאַט", װעלכע האָט פאַרטראָטען דעם אָפיציעלען שטאַנדפּונקט פון דער פּאַרטײ, װעלען זײ קײן סך ניט קענען דערגרײכען. עס איז גלײך אָנגעהױבען געװאָרען אַ באַװעגונג צו גרינדען אַן אײגענע צײטונג. אַ נאָמען פאַר דער צײטונג איז גלײך באַשטימט געװאָרען — „פאָרװערטס". עס האָט אָבער געפעלט אײן „קלײניגקײט" — געלט.

איז אָנגעהויבען געוואָרען אַ ברייטע אַקציע צו שאַפען געלט צו קענען ארויסגעבען דעם „פאָרווערטס". אימיצען איז איינגעפאַלען דער געדאַנק, אַז נאָך איידער דער „פאָרווערטס" וועט קענען דערשיינען זאָל מען שוין אָנהויבען ארויסגעבען די צייטונג „בעל־פּה", און אויף די פאַר־זאַמלונגען, וואָס זיינען צונויפגערופען געוואָרען אין די גרעסטע טעאַטערס צו שאַפען געלט, פלעגט דער „פאָרווערטס" פאָרגעלייענט ווערען פון מאַנוסקריפּט, ניט געדרוקטערהייט.

דאָס איז געווען אפשר די ערשטע צייטונג אין דער וועלט, וואָס איז דערשינען אָהן זעצער. אָבער אָט־דער איינפאַל איז געווען אַזאַ גוטער און ער האָט אַזוי אויסגענומען, אַז ער האָט געשפּילט אַ באַדייטענדע ראָלע אין די געלט־זאַמלונגען, כדי דער „פאָרווערטס" זאָל ענדלאַך קענען ארויס־געגעבען ווערען מ י ט זעצער. דער ערשטער געדרוקטער נומער פון „פאָרווערטס" איז ארויס דעם 22טען אַפּריל, 1897.

מיט דער דערשיינונג פון „פאָרווערטס" האָט זיך דער קאַמף געגען דער ס. ל. פּ. און געגען דעם „אַבענדבלאַט" ערשט ריכטיג צעברענט. „דאָס אַבענדבלאַט" האָט גאַנץ שנעל אָנגעהויבען פאַרלירען אירע לעזער און איר איינפלוס.

חוץ דעם וואָס דער „פאָרווערטס" און די „פאָרווערטסיסטען" האָבען געפירט אַ קאַמף געגען דער פאַרטיי פון דרויסען, איז אין דער פאַרטיי גופא ווייטער אָנגעגאַנגען דער קאַמף געגען דער טאַקטיק פון אַטאַקירען און באַשימפען די יוניאָנס און פון גרינדען אָפּאָזיציע־יוניאָנס. די, וואָס האָבען נאָך אַלץ געהאָפט, אַז זיי וועט געלינגען צו באַוועגען דער פאַרטיי צו ענדערען איר פּאָליטיק בנוגע די יוניאָנס, האָבען אָבער אין גיכען זיך ארומגעזען אַז דאָס איז אַ פוסטער חלום, און אַ צווייטע שפּאַלטונג איז פאַרגעקומען אין דער פאַרטיי. אָט די שפּאַלטונג איז געשען אין 1899, און די נייע אָפּגעשפּאָלטענע זיינען פון דעליאָנען אָנגערופען געוואָרען „קענגערוס" — נאָך דער חיה מיט די צווי פיס, וואָס קען ניט איינשטיין אויף איין אָרט. ביי אָט דער צווייטער שפּאַלטונג זיינען פון „אַבענדבלאַט" ארויסגעטראָטען פיליפּ קראַנץ, דער רעדאַקטאָר; ב. פייגענבוים, דער מיט־רעדאַקטאָר; דר. מ. באַראַנאָוו, י. מאַגידאָוו און דער געשעפטס־פאַר־וואַלטער לעווין. ערשט מיט אַ פּאָר יאָר שפּעטער האָבען די „פאָרווערט־סיסטען" און די „קענגערוס" זיך פאַראייניגט און זיך אָנגעשלאָסען אָן דעבס' ניי־געגרינדעטער „סאָשעל דעמאָקראַטיק פעדערייישאָן". אין אָנ־הויב אָבער האָבען די „קענגערוס" געמיינט, אַז אַזוי ווי זיי זיינען געווען די מערהייט אין דער פאַרטיי וועט זיך זיי איינגעבען דורכ'ן געריכט צו געווינען דאָס רעכט אויף דעם נאָמען ס. ל. פּ. און אויף די צייטונגען פון דער פאַרטיי. אין געריכט האָבען זיי נאָכדעם פאַרלוירען, אָבער ביז

וואָס־ווען האָבען זיי זיך ניט געוואָלט אָנשליסען אַן די „פאָרווערטסיסטען" און האָבען ארויסגעגעבען אַן אייגענע צייטונג, „די פאָלקסצייטונג".

די אָפּשפּאַלטונג פון די „קענגערוס" האָט אינגאַנצען איבערגעלאָזען די פּאַרטיי אין די הענט פון אַ קליינער גרופּע פאַרביסענע פאַנאַטיקער, אונטער דער אָנפירונג פון דעליאָנען, וואָס האָט ניט געוואָלט הערען פון גײן צוריק. אָט ביי דער גרופּע איז אויך פאַרבליבען „דאָס אַבענדבלאַט" און זי האָט געפירט אַ פאַרצווייפעלטען קאַמף אָנצוהאַלטען איר עקזיסטענץ.

## דער לאַקאַוט פון די זעצער אין „אַבענדבלאַט"

אַזוי ווי „דאָס אַבענדבלאַט" האָט כסדר פאַרלאָרען לעזער און איר לאַגע איז געוואָרען קריטיש, האָבען די ארויסגעבער זיך אַנטשלאָסען אויף אַ לעצטען געוואַגטען שריט. זיי האָבען אויסגעשלאָסען די זעצער, וואָס האָבען געאַרבעט ביי דער צייטונג פון דעם ערשטען טאָג וואָס זי האָט אָנגעהויבען דערשיינען, און אויף זייערע פּלעצער זיינען אָנגעשטעלט געוואָרען געטרייע פאַרטיי־מיטגלידער, ניט קיין יוניאָן־לייט.

גלייך פון אָנהויב איז געווען קלאָר פאַר דער יוניאָן, אַז פון די פאַנאַטיקער פון דער ס. ל. פּ. איז אוממעגלאך צו דערוואַרטען, אַז זיי זאָלען זיך אונטערגעבען, און אַז די יוניאָן האָט פאַר זיך די אויפגאַבע ניט צו געווינען דעם סטרייק, נאָר די צייטונג אינגאַנצען צו פאַרניכטען. די זעצער, וואָס זיינען אויסגעשלאָסען געוואָרען פון „אַבענדבלאַט", האָבען גלייך געקראָגען פּלעצער אין דעם „מאָרגען זשורנאַל", וועלכער האָט גראָד דעמאָלט אָנגעהויבען דערשיינען, אָבער די יוניאָן האָט ניט געקענט דולדען אַז אַ אידישע צייטונג זאָל דערשיינען אונטער ניט־יוניאָן באַדינגונגען, און זי האָט מיט דער גרעסטער ענערגיע זיך אריינגעוואָרפען אין דעם קאַמף „דאָס אַבענדבלאַט" אונטערצוברענגען.

קודם כל איז אויפגעלעבט געוואָרען די „יוניאָן צייטונג", וועלכע די יוניאָן האָט געהאַט ארויסגעגעבען אין דער צייט פון דעם סטרייק אין „טאַגעבלאַט". די „יוניאָן צייטונג" איז רעדאַגירט געוואָרען פון בנימין פייגענבוים, און זי האָט געשפּילט אַ גרויסע ראָלע אין דעם קאַמף צוצונעמען פון „אַבענדבלאַט" דאָס לעצטע ביסעל לעזער.

כדי צו פינאַנצירען די „יוניאָן צייטונג" האָט די יוניאָן ארויסגעלאָזען אַן אַפּיל נאָך געלט־שטיצע צו די לאָקאַל־יוניאָנס פון דער אינטערנעשאָנאל איבער'ן לאַנד. די לאָקאַלס פון דער אינטערנעשאָנאל האָבען זיך זעהר וואַרים אָפּגערופען, און דערמוטיגענדע בריוו מיט טשעקס האָבען אָנגעהויבען אריינקומען פון איבעראַל. באַזונדער האָבען זיך אויסגעצייכענט אונזערע ניו יאָרקער שוועסטער־יוניאָנס — די דייטשע „טיפּאָ־

גראַפיאַ״ נומער 7 מיט 200 דאָלאר און די ענגלישע „ביג סיקס״ מיט 400 דאָלאר. דערצו האָבעןביידע יוניאָנס צוגעזאָגט נאָך שטיצע, אויב עס וועט זיין נויטיג.

נאָכדעם ווי „דאָס אַבענדבלאַט״ האָט שוין פּאַקטיש קיין לעזער ניט געהאַט, האָט זי אָבער נאָך אַלץ געהאַט אַ באדייטענדע הכנסה פון אַדווער־טייזמענטס, ווייל איר פריערדיגער פּרעסטיזש איז נאָך ניט געווען אינ־גאַנצען טויט. האָט די יוניאָן זיך קאָנצענטרירט אויף דער אויפגאַבע ארויסצונעמען די אַדווערטייזמענטס פון דער צייטונג.

אַ ספּעציעלע קאָמיטע פון ראָזענאַוער, העלפמאַן און שיינפעלד איז באשטימט געוואָרען פון דער יוניאָן פאַר דעם דאָזיגען צוועק, און די סיסטעמאַטישע, טיכטיגע אַרבעט פון דער קאָמיטע סיי דורך קאָרעספּאָנ־דענץ און סיי דורך פּערזענלאכען קאָנטאַקט האָט געבראכט די געווינשטע רעזולטאַטען. אין משך פון אַ פּאַר חדשים איז „דאָס אַבענדבלאַט״ אויס־געליידיגט געוואָרען פון באַצאָלטע אַדווערטייזמענטס.

אַלץ אָפּטער האָבען געענומען דערשיינען אויף די אַדווערטייזמענט־זייטען פון „אַבענדבלאט״ כלומרשטע אנאָנסען מיט בלויז עטלאכע ווער־טער אין מיטען פון אַ גרויסער ווייסער לאַטע: „וואַטשט דיזען פּלאַץ״. מבינים האָבען זעהר גוט געוואוסט, וואָס דאָס באדייט, און זיי האָבען טאַקע „געוואַטשט״ אַזוי לאַנג . . . ביז „דאָס אַבענדבלאַט״ איז געצוואונגען געווען אינגאַנצען זיך אָפּשטעלען און מ׳האָט שוין מער ניט גענדאַרפט „וואַטשען״.

# די יוניאָן העלפט יוניאָניזירען אַלע מעכאַנישע דעפּאַרטמענטס אין די צייטונגען

חוץ שריפטזעצער ווערען ביי אַ מאָדערנער צייטונג באַשעפטיגט אויך אַנדערע אַרבעטער — סטערעאָטייפּערס, פּרעסלייט, לייַנאָטייפּ־מאַשיניסטען, מעילערס, מעיל־אַוועקפּירער. אין די ענגלישע און דייטשע צייטונגען זיינען אָט די אַלע מינים אַרבעטער שוין לאַנג פריער געווען אָרגאַניזירט און זיי האָבען געהאַט שטאַרקע יוניאָנס. אין די אידישע צייטונגען אָבער זיינען אָט די אַרבעטער ניט געווען אָרגאַניזירט. אָפּילו דעמאָלט ווען עס האָבען שוין עקזיסטירט גאַנצע זעקס טעגלאַכע אידישע צייטונגען — „טאָגעבלאַט", „אָבענדבלאַט", „אידישער העראָלד", „פאָרווערטס", „אָבענד פּאָסט" און „מאָרגען זשורנאַל" — האָבען די יוניאָנס פון אָט די פאַכען נאָך אַלץ געקוקט מיט ביטול אויף די אידישע צייטונגען, ווי אויף „אויך מיר צייטונגען". די אַרבעטער, וואָס האָבען געטאָן די דאָזיגע אַרבעטען אויף די אידישע צייטונגען, הגם זיי זיינען געווען פּונקט אַזעלכע גוטע באַלמעלאָכעס ווי די וואָס האָבען געאַרבעט אויף די ניט־אידישע צייטונגען, זיינען, — משמעות, דערפאַר ווייל זיי זיינען געווען אידישע אימיגראַנטען, — איבערגעלאָזען געוואָרען צו זייער אייגענעם שיקזאַל, און זיי זיינען גאַנץ היפּש עקספּלואַטירט געוואָרען פון די באַלעבאַטים.

אויף די מיטינגען פון אונזער יוניאָן פלעגט די דאָזיגע לאַגע אָפט דיסקוטירט ווערען. ניט איין מאָל האָט די יוניאָן פּרובירט באַוועגען די יוניאָנס פון די באַטרעפענדע פאַכען צו קומען אויף דער איסט־סייד און אָרגאַניזירען די אַרבעטער פון זייערע פאַכען אין די אידישע צייטונגען. די דעלעגאַטען פון דער יוניאָן צום „עלייד פּרינטינג טריידס קאַונסיל" האָבען די פראַגע אויפגעהויבען ביי די מיטינגען פון אָט דער צענטראַלער קערפּערשאַפט פון אַלע דרוקער־יוניאָנס. די דאָזיגע אַלע רייד זיינען אָבער געבליבען ווי אַ „קול קורא במדבר".

ערשט דעם 18טען יולי, 1901, איז ביי דעם מיטינג פון דער יוניאָן פאַרגעלייגט געוואָרען אַ צושריפט פון דער „סטערעאָטייפּערס און עלעקטראָטייפּערס יוניאָן נומער 1", אין וועלכען זי לאָזט וויסען אַז זי האָט באַשלאָסען צו יוניאָניזירען די סטערעאָטייפּ־דעפּאַרטמענטס פון די אידישע צייטונגען, און זי בעט אַז די יוניאָן זאָל איר העלפען דעם באַשלוס דורכפירען. מיט פריד האָט די יוניאָן אויפגענומען די ווענדונג פון דער

סטערעאָטייפּערס יוניאָן, און אַ קאָמיטע איז תיכף דערוויילט געוואָרען צו העלפען דער סטערעאָטייפּערס יוניאָן.

דער ערשטער שריט פון דער סטערעאָטייפּערס יוניאָן איז געווען אריינצונעמען אַלס מיטגלידער אַלע סטערעאָטייפּערס פון די אידישע צייטונגען. נאָכדעם האָט די סטערעאָטייפּערס יוניאָן זיך געווענדט צו די ארויסגעבער איינצושטעלען יוניאָן־באַדינגונגען אין זייערע סטערעאָטייפּ־דעפּאַרטמענטס. דאָס האָט געמיינט ניט בלויז אַ העכערונג אין שכירות, נאָר אויך די פאַרגרעסערונג פון דער צאָל באשעפטיגטע.

די ארויסגעבער פון די צייטונגען האָבען ניט געוואָלט הערען און זען דערפון, און עס איז ניט גרינג אָנגעקומען ביז זיי האָבען ענדלאך מסכים געווען נאָכצוגעבען די דאָזיגע פאָדערונג. נאָך מערערע אומגעלונגענע קאָנפערענצען, אין וועלכע די קאָמיטע פון דער אידישער שריפטזעצער יוניאָן האָט אויך אָנטייל גענומען, איז די סטערעאָטייפּערס יוניאָן גע־צוואונגען געווען די סטערעאָטייפּערס ארויסצורופען אין סטרייק. דער סטרייק פון די סטערעאָטייפּערס איז גערופען געוואָרען צוערשט אין „מאָר־גען זשורנאַל", וואו די צייטונג ווערט געמאַכט אין אָווענט, און אויף מאָרגען האָט דער סטרייק געזאָלט גערופען ווערען אויך אין די אַנדערע צייטונגען.

דעם זעלבען אָווענט האָט די אידישע שריפטזעצער יוניאָן אָפּגע־האַלטען אַ ספּעציעלען מיטינג, און עס איז באשלאָסען געוואָרען, אַז די זעצער זאָלען אָפּשטעלען די אַרבעט ביז די פאָדערונגען פון דער סטערעאָ־טייפּערס יוניאָן וועלען נאָכגעגעבען ווערען. אַ קאָמיטע פון דער יוניאָן, צוזאַמען מיט דעם אָרגאַנייזער פון דער אינטערנעשאָנאַל, וועלכער איז ספּעציעל געקומען צום מיטינג פון דער יוניאָן, איז אַוועק אין „מאָרגען זשורנאַל" ארונטערצונעמען די זעצער פון דער אַרבעט און ברענגען זיי צום מיטינג. בשעת ביי דעם מיטינג פון דער יוניאָן זיינען געמאַכט גע־וואָרען פּלענער ארויסצורופען אויף מאָרגען אויך די זעצער פון די נאָכ־מיטאָג־צייטונגען, זיינען דערווייל אָנגעגאַנגען פאַרהאַנדלונגען צווישען דעם ארויסגעבער פון „מאָרגען זשורנאַל" און די קאָמיטעס פון די סטערעאָ־טייפּערס און שריפטזעצער יוניאָנס. נאָך אַ סטרייק פון אַנדערהאַלבען שעה, האָט דער ארויסגעבער פון „מאָרגען זשורנאַל" אונטערגעשריבען אַ קאָנטראַקט מיט דער סטערעאָטייפּערס יוניאָן, און אַלע אַרבעטער זיינען צוריקגעשיקט געוואָרען ארויסצוגעבען די צייטונג.

די אַנדערע צייטונגען האָבען אויף מאָרגען אונטערגעשריבען קאָנ־טראַקטען מיט דער סטערעאָטייפּערס יוניאָן שוין אָן אַ ווידערשטאַנד.

די יוניאָניזירונג פון די סטערעאָטייפּ־דעפּאַרטמענטס אין די אידישע צייטונגען האָט געבראַכט דאָס אייז, און די אַנדערע יוניאָנס האָבען זיך

אויך געגומען אָרגאַניזירען זייערע דעפּאַרטמענטס. אין אַ גאנץ קורצער צייט נאָכדעם זיינען אַלע מעכאַנישע דעפּאַרטמענטס אין די אידישע צייטונגען געװען פולשטענדיג יוניאָניזירט.

און געשען איז דאָס הויפּטזעכלאך צו פאַרדאַנקען דער איניציאַטיװע פון דער אידישער שריפטזעצער יוניאָן. די אַנדערע יוניאָנס האָבען דאָס טאַקע עפענטלאך אַנערקענט. דורך רעזאָלוציעס, װאָס די דאָזיגע יוניאָנס האָבען אָנגענומען, האָבען זיי אויסגעדריקט אַ דאַנק דער אידישער שריפטזעצער יוניאָן און אַ גרייטקייט צו העלפען דער יוניאָן אין יעדען קאַמף װאָס איר װעט אויסקומען צו פירען אין דער צוקונפט.

# אַ סטרייק אין „אידישען העראַלד״

טאָמער איז געווען אַ געפאַר, אַז די יוניאָן זאָל ווערען זעלבסט־צופרידען און זאָל אַנטשלאָפען ווערען, האָבען שוין אַנדערע געזאָרגט דער־פאַר, אַז דאָס זאָל ניט פּאַסירען. אַזוי גיך ווי מ׳איז פאַרטיג געוואָרען מיט איין צרה, האָט זיך אונטערגערוקט אַ נייע.

דאָס מאָל האָט זיך אויף דער יוניאָן „מרחם״ געווען דער באַלעבאָס פון „אידישען העראַלד״.

דער ארויסגעבער פון „הערלד״ האָט געהאַט, וואָס מען רופט אויף אַן אידעלער שפּראַך, אַ „לויזע צונג״. ער פלעגט זיך באַנעמען זעהר ניט אידעל צו זיינע אַנגעשטעלטע בכלל, און מיט די זעצער האָט ער קיין אויסנאָם ניט געמאַכט. ער פלעגט שרייען און זידלען זיך מיט אַזעלכע וואולגאַרע אויסדרוקען, אַז די זעצער פלעגען דאָס ניט קענען אַריבער־טראָגען. חוץ דעם פלעגט ער די שכירות ניט צאָלען פּינקטלאַך. די זעצער פלעגען דאָס באַריכטען צו דער יוניאָן, און די יוניאָן איז כסדר געווען „ביזי״ מיט דעם ארויסגעבער פון „הערלד״.

צו דעם איז נאָך צוגעקומען אַ נייער סכסוך. ווען עס זיינען אָרגאַ־ניזירט געוואָרען די אַנדערע מעכאַנישע דעפּאַרטמענטס פון די אידישע צייטונגען, איז דער ארויסגעבער פון „הערלד״ געווען דער איינציגער, וואָס האָט זיך איינגעשפּאַרט, אַז ער וועט בשום אופן ניט באַשעפטיגען ניט קיין יוניאָן־מאַשיניסט פאַר די ליינאָטייפּ־מאַשינען און ניט קיין יוניאָן־סטערעאָטייפּערס.

די יוניאָן האָט באַשלאָסען, אַז עס איז געקומען די העכסטע צייט צו איבערצייגען דעם ארויסגעבער פון „הערלד״, אַז עס איז ניט פאַר זיינע כחות זיך צו שטעלען געגען דער יוניאָן, און איינצושטעלען אין „הערלד״ יוניאָן־באַדינגונגען אין אַלע הינזיכטען. אַ סטרייק פון די זעצער איז גערופען געוואָרען דעם 15טען מאַי, 1902.

נאָך אַ סטרייק פון עטלאַכע שעה האָט דער באַלעבאָס פון „הע־ראַלד״ קאַפּיטולירט און האָט אונטערגעשריבען אַ קאָנטראַקט מיט דער יוניאָן, אין וועלכען ער האָט זיך פאַרפליכטעט דורכצופירען די פאָלגענדע הויפּט־פּונקטען:

1) אַנצושטעלען אַ יוניאָן־מאַשיניסט ביי די ליינאָטייפּ־מאַשינען;

2) צו באַשעפטיגען יוניאָן־סטערעאָטייפּערס;

3) צו צאָלען די שכירות יעדען פרײטאָג;
4) ניט צו באַלײדיגען אָדער זידלען די זעצער.

קענענדיג אָבער דעם באַלעבאָס און װיסענדיג װי שװער עס איז פאַר אים געװען צו קאָנטראָלירען זײן צונג, איז די יוניאָן באַשטאַנען דערויף, אַז דער באַלעבאָס זאָל באַצאָלען אַ געלט־שטראָף יעדען מאָל װען ער װעט זיך באַנעמען גראָב צו אַ זעצער. אַלס גאַראַנטיע, אַז די שטראָף װעט באַצאָלט װערען, האָט דער ארויסגעבער פון „העראָלד" גע־מוזט אײנלעגען אַ באַנד פון הונדערט דאָלער.

אָט דער אײנגעלײגטער באָנד איז אײנער פון די קוריאָזען אין דער געשיכטע פון דער אידישער שריפטזעצער יוניאָן, און איז געװען אַ קװאַל פאַר שפאַס און הומאָר אין יוניאָן־קרײזען אַ לאַנגע צײט. יעדען מאָל װען זעצער פלעגען זיך צוזאַמענקומען, פלעגט מען דערצײלען װי אַזוי דער באַלעבאָס פון „העראָלד" פלעגט אויס מורא פאַר דער געלט־שטראָף מוזן פאַרשטשימען די צײן װען ער פלעגט ארײן אין אַ רציחה און שװײ־גען — און דער עולם פלעגט דערבײ לאַכען און הנאה האָבען.

# נייע „סקייל״ פון שכירות ווערט דורכגעפירט אין 1903

אויף דעם מיטינג פון דער יוניאָן דעם 2טען יאַנואַר, 1903, איז פון דער יוניאָן גוטגעהייסען געוואָרען אַ נייע „סקייל״, מיט אַ העכערונג אויף די שכירות סיי אין די דזשאַב־דרוקערייען און סיי אין די צייטונגען.

די שכירות אין די דזשאַב־דרוקערייען זיינען געהעכערט געוואָרען צו 15 דאָלאַר פאַר אַ 46־שטונדיגער וואָך. אין די צייטונגען, ווידער, זיינען די נייע שכירות געווען 15 דאָלאַר אַ וואָך פאַר די מאַשין־זעצער פאַר אַ 4־שטונדיגען אַרבעטס־טאָג, און פאַר די האַנט־זעצער 18 דאָלאַר אַ וואָך פאַר אַן 8־שטונדיגען אַרבעטס־טאָג.

אין די דזשאַב־דרוקערייען איז די נייע „סקייל״ דורכגעפירט געוואָרען אָן שוועריגקייטען. די צייטונגס־אַרויסגעבער, אָבער, האָבען באַשלאָסען זיך צו שטעלען געגען דער נייער „סקייל״. כדי צו פאַרשטאַרקען זייער פּאָזיציע, האָבען זיי זיך פאַראייניגט אין אַ אידישער „ניוס־פּייפּער פּאַבלישערס אַסאָסיאיישאָן״ און האָבען אָפּגעמאַכט צווישען זיך צו שטיצען זיך געגענזייטיג געגען דער יוניאָן. די איינציגע צייטונג, וואָס האָט זיך ניט אָנגעשלאָסען אָן דער אַסאָסיאיישאָן, איז געווען דער „פאָרווערטס״.

דער פּרעזידענט פון דער יוניאָן איז דעמאָלט געווען ב. דראָשער. די יוניאָן האָט אים אינסטרואירט די נייע „סקייל״ דורכצופירען, און האָט אים געגעבען „פולמאַכט״ צו רופען סטרייקס ווען און וואו נויטיג. אַזוי ווי דראָשער אַליין האָט געאַרבעט אין „העראַלד״, און דער באַלעבאָס פון אָט־דער צייטונג האָט זיך אָנטזאָגט צו צאָלען די נייע שכירות, האָט ער דאָרטען אַרויסגערופען די זעצער אין סטרייק. די אַנדערע צייטונגס־אַרויסגעבער זיינען תיכף געקומען צו־הילף זייער קאָלעגע־אַרויסגעבער פון „העראַלד״ און זיי האָבען אים געגעבען שיקען פאַרטיגען זאַץ, כדי ער זאָל קענען אַרויסקומען מיט דער צייטונג, וועלכע איז אָפּגעשטעלט געוואָרען אין מיטען דער אַרבעט. האָבען די סטרייקער פון „העראַלד״ גלייך אַוועקגעמאַרשירט צו די אַנדערע צייטונגען. די זעצער פון דער „אידישער וועלט״, „טאָגעבלאַט״ און „אַבענד־פּאָסט״ פאַרלאָזען אויך זייערע פלעצער, און דער סטרייק ווערט כמעט אַן אַלגעמיינער. צוזאַמען מאַר־שירען די זעצער אַוועק צום „פאָרווערטס״, וועלכען מ׳האָט איבערגעלאָזען אויף צו־לעצט. דער פאַרוואַלטער פון „פאָרווערטס״ דערלאָזט אָבער ניט,

אַז די זעצער פון „פאָרווערטס״ זאָלען אויך ארונטערגײן, און ער זאָגט־צו נאָכצוקומען די זעלבע באדינגונגען וואָס די יוניאָן וועט אויסקעמפען אין די אַנדערע צײטונגען. די קאָמיטע פון דער יוניאָן איז צופרידען געווען מיט אָט דעם פאָרשלאג, און די זעצער פון „פאָרווערטס״ זײנען געבליבען בײ דער אַרבעט.

דער סטרײק האָט געדויערט צען שטונדען. דעם זעלבען אָווענט האָבען די צײטונגס־ארויסגעבער — דורך אַ קאָמיטע פון יאָהאַן פאַלײ, רעדאַקטאָר פון „טאַגעבלאַט״, און הערמאַן װײנער — זיך געווענדט צו דער יוניאָן און איר גערופען צו אַ פרידענס־קאָנפערענץ. די קאָנפערענץ איז תיכף אַראַנזשירט געוואָרען, און דער סטרײק איז פאַרענדיגט געוואָרען מיט אַ פולשטענדיגען זיג פאַר דער יוניאָן.

דאָס איז געווען דעם ערשטען מאָל ווען די יוניאָן איז געשטאַנען פאַר אַ פאַראײניגטען פראָנט פון אַלע צײטונגען, און אויב עס איז ווען געווען אַ קאַמף, וואָס איז געוואונען געוואָרען דורך מוטיגער, אַנטשלאָסענער האנדלונג, איז עס געווען אָט דער סטרײק. די בליץ־שנעלע האַנדלונג פון דער יוניאָן, אונטער דער ענערגישער פירערשאפט פון נ. דראָשער, האָט מיט אײן קלאַפּ פאַרניכטעט אַלע פלענער, וואָס די ארויסגעבער האָבען געהאַט געמאכט, און זײ האָבען דאָס אין אַלע שפּעטערע יאָרען קײנמאָל ניט פאַרגעסען.

אויף מאָרגען האָט די יוניאָן באקומען אַ לאַנגע טעלעגראמע פון דעם פרעזידענט פון דער אינטערנעשאָנאל טײפּאָגראַפיקאל יוניאָן, דזשײמס לינטש, אין וועלכער ער האָט אין נאָמען פון גאַנצען עקזעקוטיוו קאַונסיל גראַטולירט דער יוניאָן אויף איר שנעלען זיג.

# עטלאכע „רוהיגע״ יאָרען

טיילען זיך מיט דער אַרבעט. — אַ מיטגליד ווערט ארויסגעראַטעוועט פון די נעגעל פון טויט. — די פאַרוואַלטונג און פינאַנצען פון דער יוניאָן. — אַ קלענערער סכסוך מיט באַלעבאַטים. — אַ סטרייק פון שרייבער אין דער „אידישער וועלט״. — אַ קאָאָפּעראַטיווע דרוקעריי. — אַ נייע סקייל ווערט דורכגעפירט אין 1905.

אין רוהיגע צייטען, ווען דער יוניאָן איז ניט אויסגעקומען צו פירען קאַמפּען מיט די באַלעבאַטים, פלעגט זי זיך פאַרנעמען מיט אויסבעסערען די באַציאונגען פון די מיטגלידער צווישען זיך.

## טיילען זיך מיט דער אַרבעט

אַזוי געפינען מיר, אַז דעם 17טען יולי, 1903, האָט די יוניאָן אָנגענומען אַ נייע רעגולאַציע, אַז ווען עס פאַלט אָפּ אַרבעט אין אַ שאַפּ זאָל דער לעצטער זעצער ניט גלייך אָפּגעלייגט ווערען, נאָר מען זאָל זיך טיילען מיט דער אַרבעט אַ געוויסע צייט.

געוויינלאך ווערט אין די דרוקערייען ווייניגער אַרבעט זומער־צייט. ביז דעמאָלט האָט זיך געפירט, אַז די לעצטע זעצער פלעגען ניט באַקומען קיין אַרבעט ביז די פריערדיגע האָבען געהאַט אַ פולע וואָך אַרבעט. האָט די יוניאָן איינגעזען, אַז עס איז ניט יושר׳דיג, אַז אין די שוואַכע סעזאָנען זאָלען די ערשטע זעצער אַרבעטען פולע וואָכען בעת די לעצטע זאָלען גאָרנישט אַרבעטען. עס איז דעריבער באַשלאָסען געוואָרען, אַז ווען אין אַ דרוקעריי ווערט ווייניגער אַרבעט זאָלען פאַר אַ משך פון אַכט וואָכען די זעצער וואָס זיינען דאָרט באַשעפטיגט זיך טיילען מיט דער אַרבעט. ערשט נאָך די 8 וואָכען, אויב עס קומט ניט צו קיין נייע אַרבעט, ווערט די לאַגע באַטראַכט פאַר אַ פּערמאַנענטער, און די לעצטע דאַרפען דעם שאַפּ פאַרלאָזען.

די דאָזיגע איינפירונג האָט באַצוועקט צו באַשיצען די לעצטע אין די שעפער און פאַרמיידען אַז זעצער זאָלען ווערען אַרבעטסלאָז. אין די מערסטע פאַלען פלעגט אין משך פון די אַכט וואָכען צוקומען נייע אַרבעט און די לעצטע זעצער פלעגען טאַקע בלייבען אין די שעפּער, אַנשטאָט ארויסצופאַלען פון די שעפער אינגאַנצען.

אָבער עס איז ניט גרינג אָנגעקומען די דאָזיגע נייע רעגולאַציעס דורכצופירען. סיי די ערשטע זעצער און סיי די באַלעבאַטים פון די

דרוקערייען זיינען געווען געגען דער נייער איינפירונג. עס איז פאַר־שטענדלאך פאַר וואָס. די ערשטע זעצער האָבען ניט געקענט זיין שטאַרק באַגייסטערט דערפאַר, אַז גאַנצע אַכט וואָכען צייט זאָלען זיי אַרבייטען ניט מער ווי 4 טעג אַ וואָך, וואָס איז געווען דער מינימום, אַזוי לאַנג ווי עס זיינען דאָ אַרבעטסלאָזע זעצער אין שאָפּ. די באַלעבאַטים, ווידער, האָבען מורא געהאַט, אַז די אַרבעט וועט זיי אפשר קאָסטען טייערער ווען מען וועט זיך טיילען מיט דער אַרבעט, וואָרים קיינער וועט דאָך ניט וועלען ארויסטרייבען פון זיך די נשמה כדי . . . ער זאָל אַהיימגיין מיט וועניגער שכירות. מיט דער צייט אָבער האָבען זיך סיי די מיטגלידער און סיי די באַלעבאַטים צוגעוואוינט צו דער נייער תקנה, וואָס איז פאַרבליבען אַ פּערמאַנענטער איינפיר אין דער יוניאָן ביז אויף היינטיגען טאָג.

## אַ מיטגליד ווערט ארויסגעראַטעוועט פון די נעגעל פון טויט

ווי באַוואוסט, זיינען שריפטזעצער ספּעציעל אויסגעזעצט צו דער ווייסער פּעסט, צו טובערקולאָזיס.

די אינטערנעשאָנאַל טייפּאָגראַפיקאַל יוניאָן האָט אויפגעבויט אַן אייגע־נע היים אין קאָלאָראַדאָ ספּרינגס, קאָלאָראַדאָ, צו העלפען ראַטעווען די לעבענס פון זעצער, וואָס זיינען פון דער קראַנקהייט אָנגעגריפען געוואָרען. שוין אין די ערשטע עטלאכע יאָר וואָס אונזער יוניאָן האָט געהערט צו דער אינטערנעשאָנאַל האָט די יוניאָן אָוועקגעשיקט צוויי טובערקולאָזע מיטגלידער אין דער „יוניאָן פּרינטערס האָום". און פון צייט צו צייט זיינען צוגעקומען נייע קרבנות.

אַ געוויסער מיטגליד פון דער יוניאָן, אַ פאַרהייראַטער, מיט אַ פאַמיליע, איז אין אַפּריל, 1904, קראַנק געוואָרען אויף שווינדזוכט. דער דאָקטאָר האָט אים געזאָגט, אַז ער טאָר ווייטער ניט בלייבען אַרבעטען אין אַ דרוקעריי. האָט ער זיך געווענדעט צו דער יוניאָן, זי זאָל העלפען ראַטעווען זיין לעבען, און די יוניאָן האָט באַשלאָסען אים צו העלפען.

די יוניאָן האָט ארויפגעלעגט אַ שטייער אויף די מיטגלידער פאַר אָט־דעם ספּעציעלען צוועק, וואָס האָט אריינגעבראַכט אַ באַדייטענדע סומע. אַ צדקה־געזעלשאַפט, וועלכע האָט זיך פאַראינטערעסירט מיט דער לאַגע פון דעם קראַנקען זעצער, האָט אויך בייגעשטייערט אַ באַשטימטע סומע. מיט דעם געלט פוןביידע קוואַלען האָט מען דעם קראַנקען געקויפט אַ שטיקעל געשעפט, פון וועלכען ער זאָל קענען ציען פּרנסה פאַר זיך און זיין פאַמיליע, און זיין לעבען איז פאַרלענגערט געוואָרען אויף פילע יאָרען.

ביי אָט דער געלעגענהייט איז ניט איבעריג צו דערמאָנען, אַז די יוניאָן פלעגט אין יענער צייט איינלאַדען דאָקטוירים צו אַדרעסירען די מיטגלידער און זיי אויפקלערען ווי אַזוי זיך אויסצוהיטען פון שווינדזוכט.

צוזאַמען מיט אַנדערע יוניאָנס פלעגט די יוניאָן אויך נעמען אַן אַנטייל אין אָרגאַנזשירען לעקציעס וועגען שווינדזוכט אין עדיוקיישאָנאַל עלייענס פאַר דעם אַלגעמיינעם אַרבעטער־עולם פון דער איסט־סייד.

## די פאַרוואַלטונג און פינאַנצען פון דער יוניאָן

די יוניאָן האָט זיך געפירט העכסט דעמאָקראַטיש, וואָס דעמאָקראַטישער קען שוין ניט זיין.

הגם עס זיינען געווען דערוויילטע באַאַמטע, האָבען אָבער סיי די באַאַמטע און סיי די קאָמיטעטען וואָס האָבען פאַרוואַלטעט די עסקים פון דער יוניאָן געאַרבעט אָהן געצאָלט. די זעצער, וואָס אַרבעטען אין די נאָכמיטאָג־צייטונגען, שטעלען זיך אַרבעטען פאַרטאָג און ווערען פאַרטיג ארום מיטאָג־צייט. ווידער, די וואָס אַרבעטען אויף מאָרגען־צייטונגען, שטעלען זיך אַרבעטען ארום 5 אַזייגער פאַרנאַכט. אַלע צייטונגס־זעצער האָבען, אַלזאָ, אַ געלעגנהייט צו האָבען די נאָכמיטאָגען פריי, און אַ סך פון זיי גיבען אָפּ זייער פרייע צייט פאַר דער יוניאָן.

קיין געלט אין דער קאַסע האָט די יוניאָן קיינמאָל ניט געהאַט. דער פערטעל־יערלאכער באריכט, וואָס איז פאָרגעלייענט געוואָרען ביים מיטינג פון 22טען אויגוסט, 1903, גיט איבער אַ ריכטיג בילד פון די פינאַנצען פון דער יוניאָן און איז זעהר כאַראַקטעריסטיש. אָט זיינען די סך־הכל'ען: מיטגלידער — 87; איינגעאָמען פאַר'ן קוואַרטאַל — 309.72 דאָלאַר; אויסגאַבען — 300.21 דאָלאַר; אין באַנק — 17.98 דאָלאַר; סך־הכל דעפיציט — 8.47 דאָלאַר. נאָכדעם ווי מ'האָט באַצאָלט דער אינטערנעשאָנאַל און די אַנדערע קערפּערשאַפטען, אַן וועלכע די יוניאָן איז געווען אַנגעשלאָסען, ווי אויך אויסגעטיילט שטיצע צו אַנדערע יוניאָנס, פלעגט געוויינלאָך פאַרבלייבען אַ דעפיציט פון . . . אומגעפער 8.47 דאָלאַר. דער צושטאַנד פון דער יוניאָנ'ס פינאַנצען האָט אָבער קיינעם קיין עגמת־נפש ניט פאַרשאַפט. פאַרקערט, די מיטגלידער פלעגען קוקען מיט אַ געוויסען שטאָלץ אויף דעם דאָזיגען צושטאַנד.

אויסער פינאַנצען, איז אָבער געווען נאָך עפּעס, וואָס דער יוניאָן האָט געפעלט, וואָס האָט יאָ אַנגעהויבען באַאומרוהיגען די פירענדע מיט־גלידער. דאָס איז געווען אַן אָפיס, אַ היים. זעכצען יאָר האָט די יוניאָן אָפּגעלעבט אָפילו אָהן אַן אייגענעם אַדרעס. ווען אימיצער האָט געדאַרפט מיט עפּעס אַנקומען צו דער יוניאָן האָט ער זיך געמוזט ווענדען צו אירע מיטינגען, וועלכע פלעגען אָפּגעהאַלטען ווערען יעדען פרייטאָג אָוונט. אין דער צווישען־צייט פלעגט מען מוזען אויסזוכען דעם פרעזידענט אָדער דעם סעקרעטאַר אין די פלעצער, וואו זיי האָבען געאַרבעט.

דעם 3טען פעברואַר, 1904, באַשליסט ענדלאָך די יוניאָן צו עפענען

אַן אייגענעם אָפיס. עס רעדט זיך נאָר אַזוי. אין אמת'ן האָט עס גע־מיינט — דינגען אַ צימער אין איינעם פון די איסט־סיידער קלובען, וואָס זאָל אויספילען די פונקציע פון אַן אַדרעס פאַר דער יוניאָן און וואו עס זאָלען אויך קענען געהאַלטען ווערען שאַפּ־מיטינגען און עקזעקוטיוו־קאָמיטע מיטינגען.

אַזוי ווי די יוניאָן האָט ניט געמאַכט קיין אַפּראָפּריאַציע פאַר די נויטיגע הוצאות צו „אויסמעבלירען" אַן אָפיס מיט אַ טיש, בענקלאך און אפשר אַן אַלטען דעסק דערצו, איז געמאַכט געוואָרען אַ קאָלעקשאָן צווישען די מיטגלידער, וואָס האָט אריינגעבראַכט די ריזיגע סומע פון 8 דאָלאַר — און אַ סוחר פון „סעקאָנד־הענדיגע" מעבעל האָט געהאַט פדיון...

אָט אַזוי האָט די יוניאָן באַקומען איר ערשטע היים, וואָס איז געווען אין אָפיס פון דער „וואָיס אָוו לייבאָר", אויף העגרי סטריט.

## אַ קלענערער סכסוך מיט באַלעבאַטים

די טעגלאַכע צייטונגען פלעגען באַשעפטיגען איינעם אָדער מער לייגאָטייפּ־מאַשיניסטען, וועלכע האָבען אויפגעפּאַסט, אַז די מאַשינען זאָלען אַרבעטען ווי געהעריג און האָבען פאַרריכט וואָס עס האָט זיך געפּאָדערט. דאָס איז אַזוי ביז היינט־צו־טאָג, ווארים די לייגאָטייפּ־מאַשין איז זעהר אַ קאָמפּליצירטע און פאָדערט די אויפזיכט פון אַ ספּעציאַליזירטען מעכאַ־ניקער. איבערהויפּט איז דאָס געווען אַזוי אין אָנהויב, ווען, פון איין זייט, די מאַשינען זיינען נאָך ניט געווען אַזוי פאַרפולקאָמט ווי היינט, און, פון דער אַנדער זייט, זיינען די זעצער נאָך ניט געווען גענוג באַקאַנט מיט די מאַשינען.

די אַנדערע דרוקערייען, וואָס האָבען זיך איינגעשאַפט זעץ־מאַשינען, האָבען אָבער ניט געקענט זיך פאַרגינען דעם לוקסוס צו באַשעפטיגען אַן אייגענעם מאַשיניסט. יעדען מאָל ווען די מאַשין פלעגט עפּעס קאַליע ווערען, האָט מען געמוזט טעלעפאָנירען נאָך אַ מאַשיניסט, און ביז דער מאַשיניסט איז געקומען פלעגט פאַרלוירען גיין אַ היפּשע צייט. דערפון זיינען ארויסגעקומען אָפטע סכסוכים צווישען די זעצער און די באַלעבאַטים.

די באַלעבאַטים פלעגען פאָדערען, אַז די זעצער זאָלען אָפּאַרבעטען די פאַרלאָרענע צייט. די זעצער, ווידער, האָבען ניט געקענט איינזען דעם יושר דערפון, אַז דערפאַר וואָס די מאַשין איז קאַליע געוואָרען זאָלען זיי דאַרפען אַרבעטען שפּעטער. אַזוי ווי קיין גזלנים זיינען די זעצער ניט, פלעגען זיי זיך געוויינלאַך אויסגלייכען מיט זייערע באַלעבאַטים. למשל, ווען אַ מאַשין פלעגט קאַליע ווערען גלייך אין אָנהויב פון אַרבעטס־טאָג, פלעגט דער זעצער אַהיימגיין און ניט רעכענען פאַר דעם טאָג. אָבער ווען עפּעס פלעגט קאַליע ווערען אין מיטען אָדער צום סוף פון טאָג און

די צייט־פאַרלוסט איז ניט געווען קיין גרויסע, פלעגען די זעצער באַטירלאך ניט וועלען ליידען דעם פאַרלוסט.

אַזוי ווי אַט די סכסוכים פלעגען פאָרקומען טאָג־טעגלאך, און די באַמטע פון דער יוניאָן האָבען אָפט געהאַט אויסצוגלייכען אַט־די קליינע סכסוכים, איז די פראַגע סוף־כל־סוף אויפגענומען געוואָרען אויף דעם מיטינג פון דער יוניאָן, דעם 22טען אויגוסט, 1903. און דעמאָלט איז איינמאָל פאַר אַלעמאָל באשלאָסען געוואָרען, אַז די זעצער זיינען ניט מחויב צו ליידען צוליב דעם וואָס די מאַשין ווערט קאַליע.

דערמיט זיינען, פאַרשטייט זיך, די סכסוכים וועגען צייט־פאַרלוסט ניט עלימינירט געוואָרען גאָר אינגאַנצען. אָבער די פעסטע שטעלונג פון דער יוניאָן אין דער פראַגע האָט געפירט דערצו, אַז אַזעלכע סכסוכים זיינען רעדוצירט געוואָרען צו אַ מינימום.

## אַ סטרייק פון שרייבער אין דער „אידישער וועלט"

„די אידישע וועלט" איז געווען אַ טעגלאכע צייטונג, וואָס האָט זיך געשטעלט די אויפגאַבע צו אַמעריקאַניזירען די אידישע אימיגראַנטען. ארויסגעגעבען איז זי געוואָרען פון פריוואַטע געשעפטסלייט און סובסידירט איז זי געוואָרען פון רייכע דייטשע יאַהודים.

אין אָקטאָבער, 1903, זיינען די שרייבער פון דער „אידישער וועלט" ארויס אין אַ סטרייק. אַזוי ווי קיין יוניאָן פון שרייבער האָט דעמאָלט ניט עקזיסטירט, האָבען די סטרייקער זיך געווענדט צו די פאַראייניגטע אידישע געווערקשאפטען, און די געווערקשאפטען האָט דעם קאַמף פון די שרייבער אויפגענומען. די געווערקשאפטען, ווידער, האָט זיך גלייך געווענדט צו דער אידישער שריפטזעצער יוניאָן ארויסצורופען די זעצער אין אַ סימפּאַטיע־סטרייק מיט די שרייבער.

דעם אמת געזאָגט, האָט די יוניאָן קיין שטאַרקען חשק ניט געהאַט צו גיין סטרייקען פאַר די שרייבער פון דער „אידישער וועלט", צוליב אַ סך טעמים. ערשטענס, איז שרייבעריי ניט באטראכט געווען פאַר אַ פאַך, נאָר, פון איין זייט, ווי אַ קונסט, און, פון דער צווייטער זייט, ווי גאָר ניט קיין מלאָכה, וואָרים וועלכער איד קען דאָס ניט שרייבען? צווייטענס, זיינען די שרייבער אין די אַנדערע צייטונגען ניט געווען אָרגאַניזירט און קיין יוניאָן פון שרייבער איז ניט געווען, טאָ וואָס פאַר אַ מחותן איז די שריפטזעצער יוניאָן צו גיין סטרייקען? דריטענס, האָט די יוניאָן גלאַט מורא געהאַט צו מאַכען אַ פּרעצעדענט פון גיין סטרייקען יעדען מאָל ווען עס קומט פאַר עפּעס אַ סכסוך צווישען אַ צייטונג און אירע „אַנגעשטעלטע", וואָס זיינען ניט געווען אָרגאַניזירט און זיינען געוויינלאך אַפילו ניט באטראכט געוואָרען פאַר „ארבעטער".

די געװערקשאַפטען איז אָבער צוגעשטאַנען צו דער יוניאָן, און דערצו האָט זי גענומען סטראַשען, אַז אויב די יוניאָן װעט ניט אַרויסרופען די זעצער פון דער „אידישער װעלט" אין סטרייק װעט די יוניאָן אויסגע־שלאָסען װערען פון די געװערקשאַפטען. אונטער אָט דעם דרוק, האָט די יוניאָן, אויף איר מיטינג דעם 22טען אָקטאָבער, באַשלאָסען אַרויסצורופען די זעצער אויף אַ סימפּאַטיע־סטרייק.

די אינטערנעשאַנאַל טייפּאָגראַפיקאַל יוניאָן, װעלכע האָט געדאַרפט גוטהייסען די סטרייק־אָפּשטימונג, האָט זיך אָבער אַנטזאָגט דאָס צו טאָן. נאָך מער. זי האָט ספּעציעל געשיקט איר אָרגאַנייזער מיט אינסטרוקציעס צו װאָרנען דער יוניאָן, זי זאָל זיך ניט דערװעגען אַרויסצורופען אַ סטרייק אין דער „אידישער װעלט". דער אָרגאַנייזער איז געקומען; ער האָט פאָרגעלייענט די קאָנסטיטוציע פון דער אינטערנעשאַנאַל, װאו עס שטייט געשריבען שװאַרץ אויף װייס, אַז קיין סטרייק טאָר ניט גערופען װערען געגען אַ באַלעבאָס װאָס האָט אונטערגעשריבען אַ קאָנטראַקט מיט אַ יוניאָן און האָט דעם קאָנטראַקט ניט פאַרלעצט; און ער האָט אונז שטרענג גע־װאָרענט, אַז אויב די יוניאָן װעט רופען אַ סטרייק װעט די אינטערנעשאַנאַל צוריקציען דעם טשאַרטער פון דער יוניאָן.

אונטער די אומשטענדען האָט די יוניאָן באַשלאָסען אויסצופאָלגען די אינסטרוקציעס פון דער אינטערנעשאַנאַל, און די געװערקשאַפטען האָט װידער אַמאָל אויסגעשלאָסען די יוניאָן. די יוניאָן האָט דערװיילט אַ ספּעציעלע פּרעס־קאָמיטע אויפצוקלערען איר צד פאַר דער עפענטלאכקייט און צו ענטפערען אויף די אָנגריפען פון די געװערקשאַפטען.

## אַ קאָאָפּעראַטיװע דרוקעריי

נאָך דעם סטרייק פון די שרייבער אין דער „אידישער װעלט" האָבען די דייטשע יאהודים פון דער צייטונג זיך אָפּגעטרייסעלט. די צייטונג צוזאַמען מיט דער דרוקעריי איז פאַרקויפט געװאָרען צו יחזקאל שרהזאָן, אייגער פון די באַלעבאַטים פון „טאָגעבלאַט". שרהזאָן האָט די צייטונג פּרובירט אַרויסגעבען אַלס אַ „מאָרגען־בלאַט". דערצו האָט ער געגריג־דעט די װאָכענבלאַט „אַמעריקאַנער". אין אַ קורצער צייט איז שרהזאָן געצװאונגען געװען אָפּצושטעלען די מאָרגען־בלאַט, און געבליבען איז בלויז דער „אַמעריקאַנער".

דער גאַנצער סטעף זעצער איז געבליבען בלויז מיט'ן „אַמעריקאַנער". אַזוי װי קיין געלעגענהייטען צו באַקומען אַרבעט האָבען זיך אין דעם מאָמענט ניט געװיזען, האָבען די זעצער באַשלאָסען צו גרינדען אַ קאָאָפּע־ראַטיװ. זיי האָבען אָפּגעדונגען די מאַשינען ביים אייגענטימער. מיט'ן „אַמעריקאַנער" אַלס אַ התחלה, האָבען זיי זיך געקליבען אַנצונעמען צום

דרוקען ביכער און אַנדערע אויסגאַבען און אַרבעטען אַלס אַ קאָאָפּעראַטיוו.ביים מיטינג פון דער יוניאָן, דעם 19טען יוני, 1905, האָבען די באַטרע־פענדע זעצער זייער פּלאַן פאַרגעלייגט און געבעטען, אַז די יוניאָן זאָל דעם קאָאָפּעראַטיוו גוטהייסען.

די יוניאָן איז ניט געווען שטאַרק באַגייסטערט פאַר דעם פּלאַן. אַ סך מיטגלידער האָבען מורא געהאַט, אַז פון אַ קאָאָפּעראַטיוו וועט די אונטערנעמונג מיט דער צייט דעגענערירט ווערען אין פּשוט'ער ציל־אַרבעט, וואָס וועט אונטערגראָבען די איינגעשטעלטע יוניאָן־באַדינגונגען. דערצו האָט געהערשט אַ שטאַרקער פּאַראָורטייל געגען האָבען באַלעבאַטים אַלס מיטגלידער אין דער יוניאָן. אָבער אַזוי ווי די יוניאָן האָט ניט גע־קענט באַזאָרגען די זעצער מיט אַרבעט, איז זי געצוואונגען געווען דעם קאָאָפּעראַטיוו גוטצוהייסען, הגם געטאָן האָט זי עס מיט אַ שווער האַרץ.

שפּעטער האָט זיך אַרויסגעשטעלט, אַז דער יוניאָנ'ס מורא איז געווען אָן אומזיסטע. ניט נאָר איז דער קאָאָפּעראַטיוו ניט געוואָרען קיין געפאַר פאַר דער יוניאָן, נאָר פאַרקערט, ביי דער ערשטער געלעגענהייט האָט דער קאָאָפּעראַטיוו זיך אַרויסגעוויזען צו זיין אַ גרויסע שטיצע פאַר דער יוניאָן. אין איינעם פון די ביטערסטע קאַמפען, וואָס דער יוניאָן איז קורץ נאָכדעם אויסגעקומען דורכצומאַכען, האָט דער קאָאָפּעראַטיוו זיין דרוקעריי געשטעלט צום דינסט פון דער יוניאָן, און דאָס האָט אַ סך געהאָלפען דעם קאַמף צו געווינען.

לאַנג עקזיסטירען איז דעם קאָאָפּעראַטיוו ניט באַשערט געווען. ביי דער ערשטער מעגלאַכקייט צו באַקומען אַרבעט אין אַנדערע פּלעצער, זיינען די „קאָאָפּעראַטאָרס" בּיסלאַכווייז זיך צעקראָכען.

## אַ נייע סקייל ווערט דורכגעפירט אין 1905

אין פעברואַר, 1905, האָט די יוניאָן געשלאָסען אַ נייעם אָפּמאַך סיי מיט די צייטונגען און סיי מיט די בוך־ און דזשאָב־דרוקערייען. דער קאָנ־טראַקט איז געווען אויף צוויי יאָר צייט.

די שכירות אין די צייטונגען זיינען געהעכערט געוואָרען ווי פאָלגט: פאַר די האַנט־זעצער, וואָס האָבען געאַרבעט אַכט שטונדען אַ טאָג — פון 18 דאָלאַר אויף 22 דאָלאַר אַ וואָך; פאַר די מאַשין־זעצער, וואָס האָבען געאַרבעט 4 שטונדען אַ טאָג — פון 15 דאָלאַר אַ וואָך אויף 16 דאָלאַר דאָס ערשטע יאָר און 17 דאָלאַר דאָס צווייטע יאָר.

די שכירות פון די זעצער אין די בוך־ און דזשאָב־דרוקערייען זיינען געהעכערט געוואָרען פון 15 אויף 18 דאָלאַר אַ וואָך פאַר אַכט שטונדען אַ טאָג, אויסער שבת אָדער זונטאָג, ווען דער טאָג דאַרף באַשטיין בלויז פון 6 שטונדען, דאָס הייסט — 46 שטונדען אַ וואָך.

# אַ סטרייק אין „פאָרווערטס"

די אידישע לעגענדע דערציילט, אַז צוליב אַן אַקס פון אַ וואָגען איז חרוב געוואָרען די שטאָט ביתר. דער זין פון אָט דער לעגענדע איז, אַז גרויסע היסטאָרישע פּאַסירונגען הויבען זיך אָפּט אָן פון קלייניגקייטען. פון אָט־אַזאַ „קלייניגקייט" איז ארויסגעקומען אַ סטרייק אין „פאָרווערטס" — איינער פון די געפערלאכסטע קאַמפען אין דעם לעבען פון דער יוניאָן.

אָט אין וואָס די „קלייניגקייט" איז באשטאנען:

אין הערבסט פון יאָר 1905 האָט דער „פאָרווערטס" זיך געקליבען ארויסצוגעבען נאָך אַן אויפלאַגע פון דער צייטונג און עס איז דאָרט גע־וואָרען פּלאַץ פאַר נאָך אַ זעצער. האָט די יוניאָן געשיקט אהין אַרבעטען איינעם פון די זעצער, וואָס איז געבליבען אַרבעטסלאָז ווען די „אידישע וועלט" איז אונטערגעגאַנגען. דער מענעדזשער פון „פאָרווערטס" האָט אָבער געהאַט אַן אָפּמאַך מיט אַ זעצער פון „טאַגעבלאַט", וועלכער האָט געהאַט אַ רעפּוטאַציע פאַר זעהר אַ שנעלען אַרבעטער, אַז ער זאָל אַריבער־גיין אַרבעטען אין „פאָרווערטס". האָט דער מענעדזשער אָנגעהויבען זוכען חסרונות אויף דעם זעצער, וואָס די יוניאָן האָט געשיקט, און ער האָט דעם זעצער אַוועקגעשיקט.

פון אָט דעם אינצידענט האָט זיך צעפלאַקערט אַ קאַמף, וואָס אין ביטערקייט און אין ליידענשאַפט האָט ער קיין גלייכען ניט צו זיך אין דער גאַנצער געשיכטע פון דער יוניאָן.

פאַר דער יוניאָן איז אָט די קלייניגקייט געווען זעהר אַ וויכטיגער ענין. זי האָט ניט געקענט דערלאָזען, אַז אירער אַ מיטגליד, וועלכער האָט שוין געהאַט פעסטגעשטעלט זיין קאָמפּעטענץ אַלס אַרבעטער אין דער „אידישער וועלט", זאָל דערקלערט ווערען אומקאָמפּעטענט, בלויז דערפאַר ווייל דעם מענעדזשער פון „פאָרווערטס" גלוסט זיך אַ שנעלערער זעצער. וואָס פאַר אַ פּנים קען האָבען אַ יוניאָן, וואָס באשטייט ניט אויף דאָס רעכט אויף אַרבעט פון דעם שוואַכערען אַרבעטער אויך; וואָס דערלויבט אַ באַלעבאָס, ווער דער באַלעבאָס זאָל ניט זיין, אויסצוקלייבען וועלכע אַר־בעטער אים ווילט זיך? דוכט זיך, דאָס איז טרייד־יוניאָניסטישער אלף־בית.

דעם מענעדזשער פון „פאָרווערטס" איז אָבער שוין ניט געגאַנגען

אַזוי אין דעם זעצער, ווי אין ווייזען אַז ער קען אויספירען געגען דער יוניאָן. מיט כיטרע ריידעלאך, אויף וועלכע ער איז געווען אַ בריה, האָט זיך אים איינגעגעבען איינצורעדען די הויפּט־טוער ארום „פאָרווערטס״, אַז די יוניאָן האָט געמאַכט אַ פאַרשווערונג דעם „פאָרווערטס״ אונטער־צוברענגען, רחמנא לצלן.

אַזוי שנעל ווי דער זעצער איז אַוועקגעשיקט געוואָרען, האָט די יוניאָן באשלאָסען, אַז די זעצער אין „פאָרווערטס״ זאָלען ניט אַרבעטען קיין „אָווערטיים״, אַזוי לאַנג ווי דער אַנטזאָגטער זעצער וועט ניט אַנגעשטעלט ווערען צו דער אַרבעט. עס איז אויך אָנגענומען געוואָרען אַ באשלוס, אַז קיין מיטגליד פון דער יוניאָן טאָר ניט פאַרנעמען דעם פּלאַץ פון דעם אַנטזאָגטען זעצער. די רעכענונג דערביי איז געווען, אַז דאָס וועט אויף אַ פרידלאכען אופן צווינגען דעם מענעדזשער פון „פאָרווערטס״ דעם זעצער צוריק אָנצושטעלען צו דער אַרבעט.

דער מענעדזשער איז אָבער געבליבען איינגעשפּאַרט. אָנשטאָט אָנ־צושטעלען יענעם זעצער, האָט ער דוקא אַוועקגעשטעלט צו דער אַרבעט דעם זעצער פון „טאָגעבלאַט״.

די יוניאָן האָט תיכף געשטעלט אונטער קלאָגעס דעם זעצער, וואָס האָט פאַרלאָזען זיין פּלאַץ אין „טאָגעבלאַט״ און האָט זיך געשטעלט אַר־בעטען אין „פאָרווערטס״. ביי אַ ספּעציעלען מיטינג פון דער יוניאָן, דעם 25טען סעפּטעמבער, 1905, איז אָט־דער זעצער גע׳משפט געוואָרען פאַר ברעכען דעם אויסדריקלאכען באשלוס פון דער יוניאָן, און ער איז פון דער יוניאָן אויסגעשלאָסען געוואָרען.

אויף מאָרגען האָט אַ קאָמיטע פון דער יוניאָן, מיט פּרעזידענט רעז־ניק, וועלכער האָט אַליין געאַרבעט אין „פאָרווערטס״, זיך געווענדט צום מענעדזשער און אים אויפגעפאָדערט ער זאָל דעם זעצער פון „טאָגע־בלאַט״ ארונטערשיקען, ווייל ער איז מער ניט קיין מיטגליד אין דער יוניאָן. דער מענעדזשער האָט זיך אנטשיידען אַנטזאָגט דאָס צו טאָן. דעמאָלט האָט די קאָמיטע פון דער יוניאָן אויפגעפאָדערט די זעצער פון „פאָרווערטס״ זיך צו אַנטזאָגען צו אַרבעטען מיט דעם אויסגעשלאָסענעם זעצער, און אַלע, אַחוץ איינעם, האָבען תיכף געוואָרפען די אַרבעט. דאַן האָט די יוניאָן אויסגעשלאָסען דעם זעצער, וואָס האָט זיך אַנטזאָגט ארונ־טערצוגיין פון דער אַרבעט, און האָט דערקלערט דעם „פאָרווערטס״ אין סטרייק.

מיט דער הילף פון עטלאכע סטרייק־ברעכער, אונטער דער השגחה פון דעם זעצער פון „טאָגעבלאַט״ און דעם זעצער וואָס האָט זיך אַנטזאָגט ארונטערצוגיין אין סטרייק, איז דעם „פאָרווערטס״ געלונגען ווייטער צו דערשיינען — פאַרשטייט זיך, אַ סך פאַרקלענערט.

דער קאַמף אין „פאָרווערטס" און דער אופן ווי אַזוי ער איז גע־פאָכטען געוואָרען שטעלט מיט זיך פאָר אַן אויסגעצייכענטען מוסטער אין מיניאַטור פון דער נאַטור און כאַראַקטער פון קאַמפען בכלל.

קודם כל דער קאַמף גופא. וואָלט די יוניאַן פאַראויסגעזען, אַז דער אומשולדיגער באשלוס צו פאָרווערען די זעצער פון „פאָרווערטס" צו אַר־בעטען „אָווערטיים" ביז דער אַנטזאַגטער זעצער וועט צוריק אַנגעשטעלט ווערען, וועט פירען צו אַ סטרייק, — קען גאָר קיין ספק ניט זיין, אַז די יוניאַן וואָלט דעם באשלוס ניט אַנגענומען. הגם די יוניאַן איז געווען איבערצייגט אין דער גערעכטיגקייט פון איר שטאַנדפונקט, וואָלט זי פונ־דעסטוועגען ניט נאָכגעפאָלגט די היציגערע יוניאַן־פירער ווען זי וויס אַפריער אַז דאָס וועט זיך פאַרענדיגען מיט אַ סטרייק. דאָס זעלבע איז אויך אמת וועגען דעם צד שכנגד. וואָלטען די פירער פון „פאָרווערטס" געוואוסט, אַז דער מענעדזשער פאַרפירט זיי אין אַזאַ קאַמף, וואָלטען זיי אים געוויס אָפּגעשטעלט באצייטענס. וועןביידע צדדים האָבען זיך געכאַפּט וואָס פאַר אַ קאַשע דאָ איז פאַרקאָכט געוואָרען, איז שוין אָבער געווען צו שפּעט צוריקצוטרעטען.

ווידער, נאָכדעם ווי אַ קאַמף ברעכט אויס, אַנטוויקעלט ער זיך לויט זיין אייגענער אינוועניגסטער לאָגיק. די „לאָגיק" פון מלחמה איז גאָר אַן אַנדערע ווי די לאָגיק פון פרידען. ווען דער קאַמף ווערט שוין גע־פירט, דאַן ווערט אַלץ געשטעלט אין קאָן, כדי אים צו געווינען. דעמאָלט קען מען זיך ניט אָוועקשטעלען איבערקלייבען די מיטלען, און אַלץ וואָס קען נאָר העלפען געווינען דעם קאַמף ווערט „כשר".

אַזוי זעען מיר, אַז אין די נומערען פון „פאָרווערטס", וואָס זיינען דערשינען אין משך פון דעם סטרייק, ווערט כמעט אינגאַנצען פאַרשוויגען די פראַגע צוליב וועלכער דער קאַמף איז אויסגעבראָכען. אַנשטאָט דעם קומט גאָר אויס, אַז דער גאַנצער קאַמף איז ארויסגעקומען כלומרשט צוליב דעם, וואָס די יוניאַן איז גאָר ניט קיין אמת'ע יוניאַן; וואָס זי איז אַ „טראָסט", רחמנא לצלן, וועלכער נעמט ניט אריין קיין נייע מיטגלידער א. א. וו.; און אַז דער קאַמף ווערט געפירט ניט פון „פאָרווערטס" אַליין נאָר פון דער גאַנצער אידישער אַרבעטער־באַוועגונג, וועלכע וועט זיך ניט באַרוהיגען ביז די אידישע שריפטזעצער יוניאַן וועט ווערען . . . אַן אמת'ע יוניאַן. לייענענדיג אַט די נומערען פון „פאָרווערטס" איז פאַר אַ זייטיגען מענשען געווען אוממעגלאַך צו דערגיין אַ טאָלק וועגען וואָס דער קאַמף ווערט געפירט.

די יוניאַן האָט זיך געפילט געצוואונגען ארויסצוקומען מיט אַן אייגע־נער צייטונג און אויפקלערען דער עפענטלאכקייט די אמת'ע אורזאַכען פון דעם סטרייק; אַז ער איז פאַראורזאַכט געוואָרען צוליב דעם וואָס די

יוניאָן האָט געזוכט צו באַשיצען דאָס רעכט אויף אַרבעט פון אירען אַ מיטגליד — דאָס וויכטיגסטע און הייליגסטע פון אַלע רעכטען אין די אויגען פון אַרבעטער. דעם מאָל האָט די יוניאָן ניט געדאַרפט ארויסגעבען די „יוניאָן צייטונג״, ווי אין פריערדיגע קאַמפען. „די פרייע אַרבעטער שטימע״ איז דער יוניאָן געקומען צו־הילף און האָט ניט נאָר געגעבען אַ געלעגענהייט דער יוניאָן פאַרצולייגען איר צד דורך אירע שפאַלטען, נאָר די צייטונג איז איינפאַך איבערגעגעבען געוואָרען אין דער יוניאָנ׳ס רשות. דערצו האָט דער קאָאָפּעראַטיוו אַנגעבאָטען זיין דרוקעריי דער יוניאָן אויף ארויסגעבען די צייטונג, און די יוניאָן האָט ארויסגעגעבען די „פרייע אַרבעטער שטימע״ טעגלאך אונטער דער רעדאַקציע פון וויליאם עדלין און אַ פּרעס־קאָמיטע פון די ברידער ז. לעווין, מ. ליוואַי און דזש. ראָזמאַן.

ווי אַלעמאָל, ווען די יוניאָן האָט זיך געפונען אין אַ קאַמף, איז אויך דאָס מאָל יוסף באַראָנדעס, דער יוניאָנ׳ס שטענדיגער פריינט, געקומען צו לויפען און האָט אַנגעבאָטען זיין הילף דער יוניאָן. ער איז ארויסגעטראָטען מיט אַרטיקלען אין דער „פרייע אַרבעטער שטימע״ געגען דעם „פאָרווערטס״ און פאַר דער יוניאָן.

דער קאַמף איז אָבער געווען זעהר אַ שווערער. דער יוניאָן איז אויסגעקומען צו קעמפען ניט מיט׳ן „פאָרווערטס״ אַליין, נאָר אויך מיט די פאַראייניגטע אידישע געווערקשאַפטען, וועלכע האָט זיך גלייך געשטעלט אויף דער זייט פון „פאָרווערטס״ און געגען דער יוניאָן. ביים מיטינג פון דער יוניאָן, דעם 28טען סעפּטעמבער, איז אַ קאָמיטע פון די געווערקשאַפטען דערשינען און דערקלערט, אַז אויב די יוניאָן וועט ניט צוריקשיקען תיכף די זעצער אין „פאָרווערטס״, וועט די געווערקשאַפטען גרינדען אַ נייע שריפטזעצער יוניאָן, אין וועלכער זיי וועלען, פאַרשטייט זיך, ארייננעמען די סטרייק־ברעכער.

די יוניאָן האָט זיך ניט געלאָזען אַזוי גרינג אָפּשרעקען און איז ווייטער אָנגעגאַנגען מיט דעם קאַמף, ביז די געווערקשאַפטען האָט דערוויילט אַ קאָמיטע זיך צו טרעפען מיט אַ קאָמיטע פון דער יוניאָן און פּרובירען געפינען אַ וועג ווי אַזוי דעם סטרייק צו פאַרענדיגען.

בעת די פאַרהאַנדלונגען האָט די יוניאָן נאַטירלאך געפאָדערט, אַז דער אַנטזאָגטער זעצער זאָל אָנגעשטעלט ווערען און די סטרייק־ברעכער זאָלען אַוועקגעשיקט ווערען. די פאַרטרעטער פון די געווערקשאַפטען זיינען אָבער געווען אַזוי בלינד־פּאַרטייאיש אויף דער זייט פון „פאָרווערטס״ און האָבען אָנגעווענדט אַזוי פיל אָראַטאָרישען טאַלאַנט מטהר צו זיין דעם סטרייק־ברעכענדען שרץ מיט ק״ן טעמים, אַז די יוניאָן איז ענדלאך איינגעגאַנגען אויף אַ קאָמפּראָמיס. דער קאָמפּראָמיס איז באַשטאַנען אין דעם, אַז צוזאַמען מיט דעם אַנטזאָגטען זעצער זאָלען בלייבען

אַרבעטען אין „פֿאָרווערטס״ אויך די אויסגעשלאָסענע מיטגלידער, וועלכע די יוניאָן האָט זיך פֿאַרפּליכטעט צוריק אויפצונעמען אַלס מיטגלידער.

שפּעט פֿאַרטאָג האָט מען זיך געאייניגט אויף אָט דער פּשרה, און גלייך אין דער פֿרי זיינען די זעצער צוריקגעגאַנגען צו דער אַרבעט. דער סטרייק אין „פֿאָרווערטס״ איז געענדיגט געוואָרען דעם 6טען אָקטאָבער, 1905, נאָך אַ קאַמף פֿון פֿינף טעג.

עס איז כדאי צו דערמאָנען, אַז די זעצער האָבען אַזוי ענג געמאַכט די פֿאַרבליבענע סטרייק־ברעכער, אַז גאָר אין קורצען האָבען זיי אַליין פֿאַרלאָזט זייערע פּלעצער אין „פֿאָרווערטס״. דער אַנטזאַגטער זעצער, אָבער, איז געבליבען אַרבעטען אין „פֿאָרווערטס״ אַ סך יאָרען, ביז צום סוף פֿון זיין נאַטירלאכען לעבען.

# אַפּקלאַנגען פון „פאָרווערטס״ סטרייק

די יוניאָן עהרט יוסף באַראָנדעס'ן. — באַציאונגען מיט די געווערקשאַפטען.

## די יוניאָן עהרט יוסף באַראָנדעס'ן

ווער עס איז באַקאַנט מיט דער געשיכטע פון דער אידישער אַרבע־טער באַוועגונג, ווייס וואָס פאַר אַ געוואַלדיגע ראָליע יוסף באַראָנדעס האָט געשפּילט פריער אין דער טרייד־יוניאָן באַוועגונג און נאָכדעם אין דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג. ערשט מיט איין יאָר פריער, אין 1904, איז באַראָנדעס געווען דער קאַנדידאַט פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי פאַר קאָנגרעסמאַן אין 12טען קאָנגרעשאָנאַל דיסטריקט, און זיין קאַמף יענעם יאָר איז געבליבען לעבען אין זכרון פון אַלטע סאָציאַליסטען ווי איינע פון די ליכטיגסטע עראַינערונגען. דאָך, ווען באַראָנדעס האָט זיך געשטעלט אויף דער זייט פון דער שריפטזעצער יוניאָן אין איר קאַמף מיט'ן „פאָר־ווערטס״, איז אין „פאָרווערטס״ געמאַכט געוואָרען אַ בייזוויליגע אַטאַקע אויף אים. אמת, באַראָנדעס איז ניט דערמאָנט געוואָרען ביים נאָמען. עס איז בלויז געשטאַנען, אַז די יוניאָן ווערט געשטיצט פון איינעם „אַן אינ־שורענס־אַגענט וואָס סעטעלט סטרייקס פאַר באָסעס״. אַלע האָבען אָבער גוט געוואוסט, וועמען דער „פאָרווערטס״ האָט דערמיט געמיינט.

באַראָנדעס האָט זיך געפילט זעהר שטאַרק געטראָפען פון דער דאָ־זיגער באַמערקונג אין „פאָרווערטס״, מיט וועלכען ער איז ביז צום סטרייק געשטאַנען אין נאָענטע באַציאונגען. ער איז געווען זעהר אַ שטאָלצער מענש, און זיין שטאָלץ איז טיף פאַרוואונדעט געוואָרען פון דער דאָזיגער אַטאַקע. דאָס האָט געפירט דערצו, אַז באַראָנדעס האָט אינגאַנצען פאַר־לאָזען די רייען פון די ראַדיקאַלען און איז אַריבער אין די רייען פון דעם אָרטאָדאָקסישען אידענטום.

די יוניאָן האָט געפילט, אַז זי איז שולדיג אַ דאַנק באַראָנדעס'ן פאַר זיין סאָלידאַריזירען זיך מיט איר אין אַ צייט פון קאַמף. באַראָנדעס'עס האַנדלונג איז פון דער יוניאָן באַטראַכט געוואָרען אַלס אַ מוטיגער אַקט פון אַן אמת'ן טרייד־יוניאָן־מאַן און סאָציאַליסט. און אויף דעם מיטינג פון דער יוניאָן, דעם 11טען אָקטאָבער, ווערט באַשלאָסען אויסצודריקען אַנערקענונג צו יוסף באַראָנדעס און אים אויפנעמען אַלס ערען־מיטגליד.

ביים מיטינג פון 8טען דעצעמבער איז יוסף באַראָנדעס דערשינען, און נאָכדעם ווי ער איז איינגעפירט געוואָרען אַלס ערען־מיטגליד האָט

אים די יוניאָן פּרעזענטירט מיט אַן אויסגעגראַווירטער רעזאָלוציע, אין וועלכער דער יוניאָנ׳ס דאַנק און אַנערקענונג צו אים ווערט אויסגעדריקט אויף אַ פּאַסיגען אופן.

## באַציאונגען מיט די געווערקשאַפטען

אַז דער „פאָרווערטס" האָט אין היץ פון קאַמף געמאַכט אומבאַגרינ־דעטע באַשולדיגונגען געגען דער יוניאָן, דאָס האָט מען נאָך געקענט פאַר־שטיין און אַרונטערשלינגען. האָט דאָך די אומפאַראַנטוואָרטלאַכקייט פון זײַן מענעדזשער אַוועקגעשטעלט דעם „פאָרווערטס" אין אַ זעהר שווערער לאַגע, און וואָס מ׳קען אַפּטאָן ווען מ׳געפינט זיך אין אַזאַ לאַגע דאַרף מען דעם דערפאַרענעם לעזער ניט דערציילען. אָבער דאָס וואָס די געווערק־שאַפטען איז אַרויסגעטראָטען געגען דער יוניאָן אין אַ צייט ווען זי האָט געפירט אַ קאַמף צו באַשיצען דאָס רעכט פון אירען אַ מיטגליד אויף אַרבעט, — דאָס האָט איבערגעלאָזען אַ געפיל פון פאַרביטערונג ביי די מיטגלידער. די יוניאָן האָט דאָס ניט געקענט פאַרשוויגען.

ביים מיטינג פון דער יוניאָן דעם 11טען אָקטאָבער, גלייך נאָך דעם סטרייק, איז דערוויילט געוואָרען אַ קאָמיטע, וואָס איר אויפגאַבע איז געווען זיך צו ווענדען דירעקט צו די אידישע יוניאָנס און זיי אויפקלערען דער יוניאָנ׳ס צד אין דעם סכסוך מיט׳ן „פאָרווערטס".

אויף די אַטאַקעס געגען דער יוניאָן, אַז זי איז כלומרשט אַ „טראַסט" און נעמט ניט אויף קיין נייע מיטגלידער, האָט די יוניאָן ניט פאַרשוויגען. זי האָט אויף דעם געענטפערט מיט אַ באַשלוס אַריינצושטעלען אַן אַנאָנס אין אַלע אידישע צייטונגען, אַז יעדער אידישער זעצער קען קומען און זיך אַנשליסען אַן דער יוניאָן, און אַז פאַר אַ משך פון צוויי חדשים וועט דאָס איינטריטס־געלט זיין ניט מער ווי 1 דאָלאַר (געוויינלאך איז דאָס איינטריטס־געלט געווען 5 דאָלאַר). אַלס באַוויז וויפיל אידישע זעצער, וואָס קענען זעצען אידיש, עס האָבען זיך דעמאָלט געפונען אויסערהאַלב דער יוניאָן, קען דינען דער פאַקט, וואָס פאַר די גאַנצע צוויי חדשים האָט זיך בלויז איין־איינציגער זעצער געמאָלדען און ער איז אויפגענומען גע־וואָרען מיט 1 דאָלאַר איינטריטס־געלט.

הגם דער „פאָרווערטס" גופא האָט נאָכ׳ן סטרייק אָפּגעשטעלט זיינע אַטאַקעס אויף דער יוניאָן, פלעגט אָבער אַ לאַנגע צייט נאָכדעם ביי די מיטינגען פון די געווערקשאַפטען די יוניאָן אָפט אַטאַקירט ווערען. ספּע־ציעל האָבען זיך אין דעם אויסגעצייכענט עטלאַכע דעלעגאַטען, וועלכע האָבען געזוכט נושא חן צו זיין ביים „פאָרווערטס", און זיי האָבען ניט דורכגעלאָזט קיין געלעגענהייט צו באַשימפען די יוניאָן און אירע דעלעגאַטען.

די דעלעגאַציע פון דער יוניאָן צו די געווערקשאַפטען איז דעמאָלט

באשטאנען פון די ברידער גאָטעסמאַן, דזשאָזעפסאָן און וואָהל. ביי די מיטינגען פון דער יוניאָן פלעגען זיי זיך באקלאָגען, אַז זיי קענען מער ניט פאַרטראָגען די באליידיגענדע באציאונג פון אַ טייל דעלעגאַטען פון די געווערקשאפטען. די יוניאָן האָט געשיקט שריפטלאכע פּראָטעסטען געגען דעם, אָבער דאָס האָט ניט געהאָלפען. דער קלימאַקס איז געקומען ביים מיטינג פון די געווערקשאפטען דעם 5טען נאָוועמבער, 1905.

א. גאָטעסמאַן האָט געענטפערט אויף אַן אַטאַקע געגען דער יוניאָן. ווער עס האָט געקענט גאָטעסמאַנען, וויס וואָס פאר אַ ריזיגע הויך ער פלעגט קענען דערגרייכען אַלס רעדנער ווען די גאַל איז אים איבערגעגאַנגען. זעלטען ווער האָט אים געקענט איבערשטייגען אין סאַרקאַזם און גאַליגקייט. די גאנצע אָנגעזאַמעלטע ביטערקייט פון דער לעצטער צייט האָט ביי דער געלעגענהייט געפונען אַ גלענצענדען אויסדרוק אין גאָטעסמאַנ׳ס ווערטער, וועלכע זיינען געווען אַן אמת׳ע אָנקלאָגע געגען די געווערקשאפטען. בשעת ער האָט אַזוי גערעדט איז איינער פון די דעלעגאַטען גאָטעסמאַנען באַפאַלען און אים צעשלאָגען. עס איז ביים מיטינג געוואָרען אַ גרויסער טומעל. אונזער דעלעגאַציע האָט געפאָדערט, אַז דער אַנגרייפער זאָל געשטעלט ווערען אונטער קלאָגען. אָבער אַזוי ווי דער אַנגרייפער איז געווען אַ גרויסער חשוב אין „פאָרווערטס״, האָט די מערהייט דעלעגאַטען געשטימט געגען אָנקלאָגען אים. אַלס פּראָטעסט געגען דעם האָבען די דעלעגאַטען פון דער שריפטזעצער יוניאָן דעמאָנסטראַטיוו פאַרלאָזען דעם מיטינג.

אויף דעם מיטינג פון 7טען נאָוועמבער האָט די יוניאָן באשלאָסען צו פּראָטעסטירען דורך דער פּרעסע געגען דעם איבערפאַל אויף איר דעלעגאַט ביי אַן עפענטלאכען מיטינג פון די געווערקשאפטען, און אויפצופאָדערען די געווערקשאפטען צו באשטראָפען דעם אַנגרייפער. די געווערקשאפטען האָט אָבער איגנאָרירט סיי דעם פּראָטעסט און סיי די אויפפאָדערונג פון דער יוניאָן.

דעמאָלט האָט די יוניאָן באשלאָסען צו ווייזען די געווערקשאפטען, אַז די יוניאָן איז גאָר ניט אַזוי הילפלאָז ווי די געווערקשאפטען מיינט. די יוניאָנס, וואָס זיינען אָנגעשלאָסען אָן די געווערקשאפטען, זיינען געווינלאך אויך לאָקאַלען פון אינטערנעשאָנאַל יוניאָנס וואָס באַלאַנגען צו דער „אַמעריקען פעדערייזשאָן אָוו לייבאָר״, און אַלע יוניאָנס פון גרויס-ניו יאָרק זיינען אָנגעשלאָסען אָן דער „סענטראַל פעדערייטעד יוניאָן״ (איצט הייסט זי: „סענטראַל טריידס ענד לייבאָר קאָונסיל״), אַ צענטראַלע קערפּערשאפט פון אַלע א. פ. ל.-יוניאָנס פון שטאָט. האָט דער דעלעגאַט פון דער שריפטזעצער יוניאָן ביי דער „סענטראַל פעדערייטעד יוניאָן״, ש. שיינפעלד, זיך באקלאָגט פאַר אָט דער יוניאָן-קערפּערשאפט אויף דער

ניט־ברידערלאכער באציאונג פון די געווערקשאפטען צו דער יוניאָן, און געבעטען דעם שוץ פון דער „סענטראַל פעדערײטעד יוניאָן”.

די פראַגע איז תיכף אויפגענומען געוואָרען ביים מיטינג פון דער „סענטראַל פעדערײטעד יוניאָן”. מערערע דעלעגאַטען האָבען אויסגע־דריקט זייער איבערראשונג און אנטריסטונג, אַז אויף דער איסט־סייד זאָל גאָר מעגלאך זיין פאַר אַ יוניאָן אַזוי טעראָריזירט צו ווערען, און דערצו נאָך פון אַן אַרבעטער־קערפערשאַפט. נאָך דער דיסקוסיע איז אָנגענומען געוואָרען אַ שאַרפע רעזאָלוציע מיט אַ וואָרנונג צו די געווערקשאפטען, אַז אויב זי וויל אויסמיידען אַ קאַמף מיט דער גאַנצער אָרגאַניזירטער אַרבעטער־שאַפט פון ניו יאָרק זאָל זי צו־רו לאָזען די שריפטזעצער יוניאָן.

די רעזאָלוציע מיט דער וואָרנונג פון דער „סענטראַל פעדערײטעד יוניאָן” איז איבערגעגעבען געוואָרען דעם דעלעגאַט פון דער אידישער שריפטזעצער יוניאָן, אַז ער זאָל דאָס פערזענלאך איבערגעבען צו די געווערקשאפטען ביי איר קומענדען מיטינג.

אָט דער שריט פון דער „סענטראַל פעדערײטעד יוניאָן” האָט גע־ווירקט אויף די געווערקשאפטען ווי אַ כשוף, און די אַטאַקעס געגען דער יוניאָן האָבען אויפגעהערט.

# די יוניאָן עהרט ה. ראָזענסאָנען

די ערשטע פופצען יאָר פון דער יוניאָנ'ס עקזיסטענץ זיינען געווען די שווערסטע. באַלעבאַטים פלעגען דעמאָלט קוקען אויף יוניאָנס ווי אויף צעשטערער, פון וועלכע מ'דאַרף זוכען פטור צו ווערען מיט אַלע מיטלען. כדי זיך צו דערשלאָגען צו אַ דעה אין די באַדינגונגען אונטער וועלכע זיי דאַרפען אַרבעטען, האָבען אַרבעטער דעמאָלט געמוזט קעמפען זעהר אַגרעסיוו און זאָגאַר ריקזיכטסלאָז. וואויל איז געווען יענער יוניאָן, וואָס דער צופאַל האָט פון אירע רייען אַרויסגערוקט מענשען מיט אַנט־שלאָסענקייט און מוט, וועלכע זיינען בכח צו שטעלען זיך געגען אַלע שטערונגען און זיי דערפאָלגרייך באַזייטיגען.

אַ היפשען חלק פון איר דערפאָלג האָט די אידישע שריפטזעצער יוניאָן געהאַט צו פאַרדאַנקען דער איבערמענשלאַכער טעטיגקייט און איבער־געבענקייט פון איינעם פון אירע ערשטע מיטגלידער — היימאַן ראָזענסאָן.

געבוירען איז ראָזענסאָן אין קאָוונע, ליטע. נאָך גאָר אַלס יונגער אינגעל איז ער געבליבען אַ יתום, האָבען קרובים אים אָפּגענומען פון חדר און אים אָוועקגעגעבען אין אַ דרוקעריי צו לערנען זיך דאָרט דעם זעצער־פאַך. עטלאַכע יאָר שפּעטער געפינט ער זיך שוין אין פּעטערבורג און אַרבעט דאָרט אויף רוסישע צייטונגען. אין די אַכציגער יאָרען קומט ער אָן קיין ניו יאָרק. ניט געפינענדיג קיין אַרבעט ביי זיין פאַך, פאַרדינגט ער זיינע ברייטע פּלייצעס און שטאַרקע אָרעמס אַלס „לאָנגשאָרמען" — ביים אָנלאָדען שיפען אין ניו יאָרקער האַפען. אין 1888 דערוויסט זיך ראָזענסאָן, אַז אידישע שריפטזעצער האָבען געגרינדעט אַ יוניאָן אויס־צוקעמפען אַ בעסער לעבען, וואַרפט ער אָוועק דעם „וואָטער־פראָנט" און שליסט זיך אָן אָן דער יוניאָן.

קערפּערלאַך אַ ריז, מיט אַן אומערשעפלאַכען קוואַל פון ענערגיע, האָט ראָזענסאָן געזוכט אַ באַדען, אויף וועלכען ער זאָל זיך קענען נוצלאַך מאַכען, און אין דער אידישער שריפטזעצער יוניאָן האָט ער אַזאַ באַדען געפונען. פון דעם מאָמענט אָן וואָס ער איז אריין אין דער יוניאָן ביז זיין לעצטען אָטעם־צוג, מיט צוועלף יאָר צוריק, האָט ראָזענסאָן אָוועק־געגעבען אַלע זיינע כחות און ענערגיע דער יוניאָן.

עס איז אוממעגלאַך פאַרבייצולאָזען פאַר דעם געדאַנקען־אויג די פאַר־שיידענע קאַמפען פון דער יוניאָן און ניט באַמערקען די אימפּאָזאַנטע,

מוטיגע און אַנטשלאָסענע פיגור פון ראָזענסאָנען. ער איז געווען אַן אמת'ער פייער־שפּײענדער וואולקאַן. אירע גרויסע דערגרייכונגען, אויף וועלכע די יוניאָן איז אַזוי שטאָלץ געווען, האָט זי ביז גאָר אַ הויכען גראַד געהאַט צו פאַרדאַנקען ראָזענסאָנען. ער איז תמיד געווען גרייט זיך צו ווידמענען די אינטערעסען פון דער יוניאָן און איז געווען אַן אינספּיראַציע פאַר די אינגערע מיטגלידער נאָכצוטאָן זיין ביישפּיל.

ראָזענסאָן איז אומצייליגע מאָל דערוויילט געוואָרען פּרעזידענט פון דער יוניאָן; ער האָט געדינט אויף קאָמיטעס, ווען אַנדערע מיטגלידער זיינען געווען פּרעזידענט; ער האָט פיל מאָל פאַרטראָטען דער יוניאָן אַלס דעלעגאַט צו די קאָנווענשאָנס פון דער „אינטערנעשאָנאַל טייפּאָגראַפיקאַל יוניאָן”; און ביים ערשטען רוף פון דער יוניאָן איז ער תמיד געווען גרייט זיך אריינצוװאַרפען אין קאַמף.

אין דער צייט פון דעם סכסוך מיט'ן „פאָרווערטס” איז דער פּרעזי־דעט פון דער יוניאָן געווען יוסף רעזניק, אָבער ראָזענסאָן איז תיכף ארויס־געשטופּט געוואָרען צום פראָנט און איז געווען דער אַנטרייבענדער כח אין אָט דעם קאַמף. ווען די יוניאָן איז אַטאַקירט און געזידעלט געוואָרען, איז אויך ראָזענסאָן ניט געשאָנעוועט געוואָרען.

כדי צו ווייזען דער עפענטלאכקייט וואָס די יוניאָן דענקט וועגען ראָזענסאָנען, און אַז ער איז באַליבט ביי די מיטגלידער אויך פאַר די שונאים וואָס ער האָט זיך געשאַפען, — איז אויף דעם מיטינג פון 4טען סעפּטעמבער, 1906, באַשלאָסען געוואָרען אויסצודריקען דער יוניאָנ'ס דאַנק און אַנערקענונג צו אים.

אַ קאָמיטע איז דערוויילט געוואָרען אויסצואַרבעטען אַ פּאַסיגע רעזאָ־לוציע, אין וועלכער דער דאַנק, די אַנערקענונג און די ליבע פון דער יוניאָן צו ראָזענסאָנען זאָל ווי געהעריג אויסגעדריקט ווערען. נאָכדעם ווי די רעזאָלוציע איז פאָרגעלייענט געוואָרען ביי אַ מיטינג און איז גוט־געהייסען געוואָרען, איז די קאָמיטע אינסטרואירט געוואָרען איינצופּאַסען אין אַ ראַם די רעזאָלוציע אַן אויסגעגראַווירטע צוזאַמען מיט ראָזענסאָנ'ס בילד.

ביים מיטינג פון דער יוניאָן דעם 6טען אָקטאָבער איז די רעזאָלוציע איבערגעגעבען געוואָרען צו ראָזענסאָנען אויף אַ פייערלאכען אופן. דער כבוד פון אָנפירען דעם צערעמאָניאַל איז צוגעטיילט געוואָרען צו יוסף באַראָנדעס, וועלכער האָט ביי דער געלעגענהייט געהאַלטען אַ פּאַסענדע רעדע. באַראָנדעס האָט אָנגעוויזען אויף ראָזענסאָנ'ס גרויסע פאַרדינסטען ניט נאָר פאַר דער אידישער שריפטזעצער יוניאָן נאָר אויך פאַר דער אַרבעטער באוועגונג בכלל, אין וועמעס קאַמפען ראָזענסאָן האָט זיך פיל מאָל באַטייליגט.

# אַ סעקרעטאר אַנטלויפט מיט דער קאַסע

דאָס יאָר 1907 האָט זיך אָנגעהויבען ניט זעהר מזל'דיג פאַר דער יוניאָן. ביים מיטינג פון 7טען יאנואר, 1907, באריכטעט פרעזידענט ראָזענסאָן, אַז דער סעקרעטערי־טרעזשורער פון דער יוניאָן, דזש. פינקעל־שטיין, איז אַנטלאָפען פון ניו יאָרק, מיטנעמענדיג די יוניאָן־קאַסע צוזאַמען מיט די פינאַנץ־ביכער. ווי עס האָט זיך שפּעטער ארויסגעצייגט, איז די סומע, וואָס ער האָט צוגענומען, געווען אַ גאַנץ היפּשע — איבער פופצען הונדערט דאָלאר.

כדי עס זאָל קיין וואונדער ניט זיין, פון וואַנען די יוניאָן האָט פלוצים געהאַט אין איר קאַסע פופצען הונדערט דאָלאר, בעת נאָך גאָר ניט לאַנג צוריק האָט זי אַפילו ניט געהאַט קיין געלט איינצוקויפען עטלאכע בענקלאך פאַר איר אָפיס, זאָל דאָ גלייך געזאָגט ווערען, אַז דאָס געלט איז טאַקע ניט געווען דער יוניאָנ'ס. דאָס געלט האָט באַלאַנגט צו דער „אינטער־נעשאָנאל טייפּאָגראַפיקאל יוניאָן".

אין יענער צייט האָט די אינטערנעשאָנאל געפירט אַ קאַמף איבער'ן גאַנצען לאַנד פאַר דעם אַכט־שטונדיגען אַרבעטס־טאָג. אין יעדער שטאָט זיינען געווען באַלעבאַטים, וואָס האָבען נאָכגעגעבען דעם אַכט־שטונדיגען טאָג און אַנדערע וואָס האָבען ניט געוואָלט נאָכגעבען און מ'האָט געמוזט פירען סטרייקס געגען די לעצטע. דער קאַמף האָט זיך געצויגען אַ לאַנגע צייט, און כדי צו געבען אַ מעגלאכקייט די סטרייקער אויסצוהאַלטען געגען זייערע באלעבאַטים זיינען די וואָס האָבען שוין דעם אַכט־שטונדיגען טאָג געוואונען באשטייערט געוואָרען מיט גאַנצע צען פּראָצענט פון זייערע פאַר־דינסטען פאַר דעם סטרייק. אַזוי ווי די אידישע שריפטזעצער יוניאָן האָט דאָך שוין לאַנג געהאַט געוואונען דעם 8־שטונדיגען אַרבעטס־טאָג פאַר אירע מיטגלידער, פלעגט זי ביי אירע מיטגלידער איינמאַנען די צען־פּראָצענטיגע באשטייערונג און עס איבערשיקען צו דער אינטערנעשאָנאל פאַר דעם סטרייק. די סומעס, וואָס פלעגען אריינקומען צום סעקרעטער פון אָט דעם ספּעציעלען אָפּצאָל, זיינען געווען באדייטענדע. אַזוי ארום האָט זיך דעמאָלט אין דער יוניאָן־קאַסע געדרייט אַ סך געלט.

דער סעקרעטאר האָט אויפגעהערט פּינקטלאך איבערשיקען צו דער אינטערנעשאָנאל דאָס געזאַמלטע געלט פאַר דעם סטרייק. דער אינטער־נעשאָנאל, וועלכע האָט אַ סך דערפאַרונג אין דעם ענין, איז די זאַך גע־וואָרען פאַרדעכטיג, און זי האָט געשיקט אירען אַ פאַרטרעטער איבערצו־קוקען די ביכער פון דער יוניאָן. דער סעקרעטאר האָט דערזען, אַז עס

האַלט שמאָל, איז ער אינגאַנצען נעלם געוואָרען, מיטנעמענדיג מיט זיך די ביכער.

פאַר דער יוניאָן איז דאָס געווען אַ גרויסער קלאַפּ. דאָס איז געווען אי אַ שאַנדע און אי אַ ווייטאָג. חוץ דעם, וואָס דער יוניאָן איז ניט אָנגעשטאַנען אַז אַזוינס זאָל ביי איר קענען טרעפען, און זי האָט זיך געשטיקט אַז די פּאַסירונג זאָל ניט ארויסקומען אין דער עפענטלאַכקייט, האָט די יוניאָן נאָך אויך געמוזט גוט־מאַכען דעם שאָדען צו דער אינטערנעשאָנאַל דורך ספּעציעלע באשטייערונגען אויף די מיטגלידער.

די אינטערנעשאָנאַל האָט גע'טענה'ט, — און מיט רעכט, — אַז די יוניאָן האָט ניט געטאָרט לאָזען איר סעקרעטאר פאַרוואַלטען די געלדער פון דער יוניאָן אָהן אַ געהעריגער באוואָרעניש, אָן אַ באָנד. ווען דער סעקרעטאר וואָלט געשטאַנען אונטער אַ באָנד, וואָלט ער ניט געוואָגט אָפּ־צוטאָן אַזאַ זאַך, וואָרים ניט נאָר וואָלט די באָנדינג־קאָמפּאַני גוט־געמאַכט דעם שאָדען, נאָר זי וואָלט דערצו דעם סעקרעטאר קרימינעל פּראָצעסירט. דאָס איז דער בעסטער וועג ווי אַזוי צו פאַרזיכערען, אַז קהל'שע געלדער זאָלען ניט צוגע'גנב'עט ווערען, און אַלע דערפאַרענע אָרגאַניזאַציעס ווייסען דאָס שוין היינט־צו־טאָג. דעמאָלט אָבער האָבען דאָס נאָך ניט אַלע אָר־גאַניזאַציעס פאַרשטאַנען. דער היזק איז, אַלזאָ, ארויסגעקומען צוליב דער נאַכלעסיגקייט פון דער יוניאָן, און זי האָט דעם שאָדען געמוזט גוט־מאַכען.

אין עטלאַכע חדשים ארום האָט מען אַפילו געלאָזט וויסען די באַ־אַמטע פון דער יוניאָן, אַז מ'האָט דעם בעל־דבר געזען אין אַ שטאָט ניט וויט פון ניו יאָרק. עס האָט זיך אויפגעהויבען די פראַגע, צי זאָל די יוניאָן איבערגעבען דעם ענין צו דער פּאָליציי, אָדער ניט. די יוניאָן האָט אָבער באשלאָסען דאָס ניט צו טאָן. די גאַנצע זאַך איז אַזוי ניט געווען צום האַרצען די מיטגלידער, אַז זיי האָבען בעסער געוואָלט פאַר־געסען אָן דעם אומאַנגענעמען אינצידענט. אַגב, דער חוב צו דער אינ־טערנעשאָנאַל איז שוין דעמאָלט געווען אָפּגעצאָלט, און דער כעס איז שוין געווען אָפּגעגאַנגען.

אייניגע מיטגלידער האָבען זיך אויסגעדריקט אָט אַזוי: נו, וואָס וועט זיין, אַז די יוניאָן וועט אים שוין לאָזען אַרעסטירען? אויב ער האָט ניט דאָס געלט, וועט דען די יוניאָן אים לאָזען גיין אין געפענגניש? עס קען זיך נאָך אויסלאָזען מיט דעם, אַז די יוניאָן אַליין זאָל אים נאָך דאַרפען „בעילען" — „אויסלייזען פון גויאישע הענט", הייסט דאָס... ער האָט דאָך אַ ווייב מיט קינדער, און „פדיון שבויים" איז ביי אידען ניט קיין קליינע מצוה...

די יוניאָן האָט דעריבער באשלאָסען צו פאַרגעסען אָן דער גאַנצער זאַך. אידישע גזלנים!...

# אידישע שריפטזעצער יוניאָנס אין אַנדערע שטעט ווערען געגרינדעט

הגם ניו יאָרק איז געווען דער הויפט־צענטער פון דער אימיגראַציע, האָבען אידישע אימיגראַנטען, ווי באַוואוסט, זיך באַזעצט אויך אין אַנדערע שטעט. אידישע קהלות זיינען אויפגעקומען אין פאַרשיידענע שטעט אין אַמעריקע, און טעגלאַכע און וועכענטלאַכע צייטונגען אין אידיש האָבען אָנגעהויבען דערשיינען אין מערערע גרויסע שטעט אויסער ניו יאָרק.

די אידישע שריפטזעצער יוניאָן אין ניו יאָרק האָט דעריבער אָנגעהויבען טראַכטען, צי קען זי ניט עפּעס טאָן אויפצוהויבען דעם מצב פון די אידישע זעצער וואָס אַרבעטען אויף די צייטונגען אין דער פּראָווינץ.

וועגען גרינדען ברענטשעס פון דער ניו יאָרקער יוניאָן אין אַנדערע שטעט האָט די יוניאָן שוין מער ניט געטראַכט. די דערפאַרונג מיט דעם ברענטש אין פילאַדעלפיע האָט געוויזען ווי אומפּראַקטיש דאָס איז. אָבער דער יוניאָן האָט זיך אויסגעוויזען, אַז עס איז מעגלאַך צו גרינדען ספּעציעלע אידישע שריפטזעצער יוניאָנס אין פאַרשיידענע שטעט, וועלכע זאָלען קודם כל באַשיצען די זעצער אויף די ערטער און אויך ניט דערלאָזען, אַז די אַנדערע דרוק־צענטערען זאָלען ווערען קאָנקורענטען פון ניו יאָרק דורך ביליגער אַרבעט.

אין פעברואַר, 1907, האָט די יוניאָן באַשלאָסען זיך צו ווענדען צו דער אינטערנעשאָנאַל מיט אַ פאָרשלאַג, אַז זי זאָל אָנשטעלען אַ ספּעציעלען אָרגאַנייזער, וועמעס עובדא עס זאָל זיין צו אָרגאַניזירען אידישע שריפטזעצער־יוניאָנס דאָרט, וואו עס זיינען פאַראַן גענוג אידישע זעצער. נאָך אַ לאַנגער קאָרעספּאָנדענץ, האָט דער עקזעקוטיוו קאַונסיל דעם דאָזיגען פּלאַן אָנגענומען און באַשטימט אַלס ספּעציעלען אָרגאַנייזער פאַר דער דאָזיגער אויפגאַבע ניט קיין אַנדערען ווי ה. ראָזענסאָנען, דעם פּרעזידענט פון אונזער יוניאָן.

פון אָנהויב איז די דאָזיגע אונטערנעמונג געווען אַן ערפאָלג. אידישע שריפטזעצער יוניאָנס זיינען געגרינדעט געוואָרען אין פילאַדעלפיע, שיקאַגאָ, קליוולאַנד און מאָנטרעאָל (קענעדע). ס'איז שוין אַפילו אויפגעקומען די האָפענונג צו קענען מיט דער צייט גרינדען אַ ספּעציעלע אידישע אָפּטיילונג אין דער אינטערנעשאָנאַל, לויט דעם מוסטער פון דער דייטשער „טיפּאָגראַפיא". עס האָט זיך אָבער אין גיכען ארויסגעשטעלט, אַז די

ניי־אָרגאַניזירטע יוניאָנס האָבען קיין גרויסע האָפּט ניט געהאַט. די עטלאכע יוניאָנס האָבען קיין לאַנגען קיום ניט געהאַט, און זייערע מיט־גלידער האָבען זיך אָנגעשלאָסען אָן די אַלגעמיינע שריפטזעצער יוניאָנס פון יענע שטעט.

דער איינציגער אויסנאָם איז שיקאַגאָ. פון אָנהויב איז די שיקאַגאָר אידישע שריפטזעצער יוניאָן געוואָרען אַ ברענטש פון דער שיקאַגאָר שריפט־זעצער יוניאָן נומער 16, אָבער אין פעברואַר, 1926, האָט אָט־דער ברענטש באקומען אַ טשאַרטער פון דער אינטערנעשאָנאל און איז געוואָרען אַ לאָקאַל פאַר זיך, אַלס לאָקאַל 903. אָט־די יוניאָן עקזיסטירט ביז היינטיגען טאָג און אירע אַרבעטס־באדינגונגען זיינען ענלאך צו די באדינגונגען פון דער אידישער שריפטזעצער יוניאָן אין ניו יאָרק.

# דער זעקס־שטונדיגער אַרבעטס־טאָג

אַרבעטס-טיילונג. — די ליקווידאַציע פון טאָפּעלטע פּרנסות.

כדי די זעץ־מאַשינען זאָלען ניט מאַכען אַ סך זעצער אַרבעטסלאָז, האָט די יוניאָן בעת די מאַשינען זיינען אריינגעשטעלט געוואָרען אין די אידישע צייטונגען אויסגעפירט, אַז דער אַכט־שטונדיגער ארבעטס־טאָג זאָל געשפּאָלטען ווערען אין צווייען. דאָס האָט אָבער געמיינט, אַז געשפּאָלטען געוואָרען איז ניט דער אַרבעטס־טאָג אַליין, נאָר אויך די שכירות. הגם די יוניאָן האָט יעדען מאָל ביים שליסען אַ נייעם אַגרימענט ארויפגעצויגען אַ דאָלאר אָדער צוויי אַ וואָך אויף די שכירות, זיינען זיי אָבער אַלץ ניט געווען גענוג אויף אַ לעבען צו מאַכען.

טייל מיטגלידער זיינען געווען געצוואונגען צו זוכען נאָך עפּעס אַ זייטיגען איינקונפט. אייניגע זיינען אין זייער פרייער צייט געוואָרען אַגענטען פון ביי־מאַשינען, פון אינשורענס, פון פּיאַנאָס א. א. וו.; אַנדערע האָבען זיך געקויפט סאָדע־וואַסער־סטענדס, ביי וועלכע די ווייב פלעגט ארויסהעלפען, א. א. וו.

די זעצער וואָס פלעגען האָבען זייטיגע פּרנסות פלעגען קומען צו דער אַרבעט אויסגעמאַטערטע און פלעגען אָפט ניט קענען טאָן זייער פולע פליכט צו דער צייטונג, ביי וועלכער זיי האָבען געאַרבעט. עס האָבען אויך דערביי ניט געפעלט קיין שפּאַסיגע סיטואַציעס. אַזוי האָט פּאַסירט איינמאָל, אַז אַ באַלעבאָס האָט געטראָפען אַ זעצער דרימלענדיג ביי דער מאַשין. דער זעצער האָט זיך פאַרענטפערט, אַז ער שלאָפט זיך ניט אויס גענוג, וואָרים ער האָט אַ סאָדע־וואַסערביידל, ביי וועלכן זיין ווייב שטייט בייטאָג און ער מוז שטיין ביינאַכט. „אפשר וואָלט איר ביי מיר אָפּגעקויפט דעם סאָדע־וואַסער־סטענד״, מאַכט ער צום באַלעבאָס, „וועל איך זיך קענען גוט אויסשלאָפען און געשמאַקער אַרבעטען״.

דאָס איז נאַטירלאַך געווען אַ וויץ. אָבער אָט דער וויץ כאַראַקטעריזירט די דעמאָלדיגע לאַגע ניט שלעכט.

דערצו האָט דער פיר־שטונדיגער אַרבעטס־טאָג פאַראורזאַכט אַ געוויסע צעטיילונג צווישען די מיטגלידער פון דער יוניאָן. אין איין און דער זעלבער צייטונג האָבען טייל זעצער געאַרבעט אַכט שטונדען און טייל — פיר שטונדען; די וואָס האָבען געאַרבעט אַכט שטונדען האָבען פאַרדינט מער, הגם ניט צוויי מאָל אַזוי פיל, און די וואָס האָבען געאַרבעט

פיר שטונדען האָבען פאַרדינט װייניגער. די האַרמאָניע אין די שעפּער איז דורכדעם זעהר פיל געשטערט געװאָרען.

די לאַגע איז געװען ניט קײן געזונטע, אָבער פונדעסטװעגען ניט אַזאַ אַז מ'זאָל איר ניט קענען אױסבעסערען. אַ דאַנק דעם אומאױפּהער־לאַכען שטראָם פון אימיגראַציע זײנען די צײטונגען געװאַקסען און גע־װאָרען אַ גוט געשעפט. די ארױסגעבער האָבען שױן מער ניט גע־טראַכט װעגען אײנשפּאָרען מענשען. דער װאוקס פון די צײטונגען, פון אײן זײט, און די צו קלײנע פאַרדינסטען פון די 4־שטונדיגע זעצער, פון דער אַנדערער זײט, האָט, אַגב, געבראַכט דערצו, אַז דאָס אַרבעטען „אָװער־טײם" איז געװאָרען אַ שטענדיגע אינסטיטוציע אין די צײטונגען.

אָט דאָס איז געװען די לאַגע אין 1907, װען דער צװײ־יאָריגער קאָנטראַקט מיט די צײטונגען האָט זיך געענדיגט. דער פאַקט אַלײן, װאָס די מאַשין־זעצער אין די צײטונגען האָבען שױן סײ װי סײ ניט געאַרבעט מער קײן 4 שטונדען, נאָר צוזאַמען מיט די „אָװערטײם" האָט עס שױן באַטראָפען אַ סך מער, האָט געגעבען דער יוניאָן אַ געלעגענהײט צו מאַכען אַ סוף צו דער אומנאָרמאַלער און אומגעזונטער לאַגע. דורך אײנפירען אַ זעקס־שטונדיגען אַרבעטס־טאָג האָט די יוניאָן דערזען אַ מעגלאַכקײט, ערשטענס, אױסצוגלײכען סײ די פאַרדינסטען און סײ די שטונדען פון אַלע זעצער אין די צײטונגען און, צװײטענס, צו שאַפען אַ מעגלאַכקײט פאַר די זעצער צו פאַרדינען גענוג אױף זײער אױסקומעניש, אַז זײ זאָלען ניט דאַרפען אָנקומען צו זײטיגע פּרנסות. און די יוניאָן האָט באַשלאָסען אַריבערצוגײן אױף אַ זעקס־שטונדיגען אַרבעטס־טאָג.

אױך די באַלעבאָטים האָבען ניט ארױסגעװיזען קײן גרױסע געגנער־שאַפט צו דער אײנפירונג פון דעם זעקס־שטונדיגען אַרבעטס־טאָג. נאָך עטלאַכע קאָנפערענצען מיט די צײטונגס־ארױסגעבער, איז אונטערגעשריבען געװאָרען אַ קאָנטראַקט אױף פינף יאָר, אין װעלכען דער הױפּט און װיכ־טיגסטער פּונקט איז געװען, אַז אַלע זעצער אין די צײטונגען זאָלען אַר־בעטען 36 שעה אַ װאָך, געטײלט אױף זעקס טעג צו זעקס שעה אַ טאָג, און די שכירות זאָלען זײן $25.50 דאָס ערשטע יאָר, מיט אַ העכערונג פון 50 סענט אַ װאָך יעדען יאָר, װאָס האָט געמײנט 27 דאָלאַר אַ װאָך דאָס לעצטע יאָר.

די זעצער אױף מאָרגען־צײטונגען, װידער, װעלכע אַרבעטען בײ־נאַכט, דאַרפען אַרבעטען 4½ שטונדען אָנשטאָט 6. אין דער הינזיכט איז די אידישע שריפטזעצער־יוניאָן װידער אַמאָל אַװעק אױף אַן אײגענעם װעג. אָנשטאָט צו פאַרלאַנגען פאַר נאַכט־אַרבעט העכערע שכירות, װי די ענגלישע יוניאָן פירט זיך, האָט די אידישע יוניאָן געלאָזט די שכירות

די זעלבע און האָט בעסער פאַרקירצט די אַרבעטס־צייט פאַר די, וועמען עס קומט אויס צו אַרבעטן ביינאַכט.

און אָט אַזוי איז דער זעקס־שטונדיגער אַרבעטס־טאָג איינגעפירט געוואָרען דעם 24טען מאַי, 1907 — דער ערשטער און איינציגער זעקס־שטונדיגער טאָג ניט נאָר אין אַמעריקע, נאָר, ווי ווייט אונז איז באַקאַנט, אין דער גאַנצער וועלט.

## אַרבעטס־טיילונג

אַלס אַ באוואָרעניש, אַז צוליב די צוויי צוגעגעבענע שטונדען ביי דער מאַשין־אַרבעט זאָל קיינער ניט ליידען, האָט די יוניאָן באשלאָסען, אַז קיינער פון די זעצער וואָס זיינען דעמאָלט געווען באשעפטיגט אין די צייטונגען זאָל ניט פאַרלירען קיין אַרבעט ; אַז אין פאַל עס וועט ניט זיין קיין פולע זעקס שעה אַרבעט פאַר יעדען אין שאַפּ זאָל מען זיך מיט דער אַרבעט טיילען גלייך אויף גלייך.

אָט דער באשלוס איז פּינקטלאך דורכגעפירט געוואָרען אין אַלע צייטונגען. דאָרט וואו עס איז ניט געווען גענוג אַרבעט צו געבען אַלעמען 36 שטונדען אַרבעט אַ וואָך, האָבען די זעצער אין די שעפּער זיך געטיילט מיט דער אַרבעט, און האָבען געוואַרט אויף דער צייט ווען אַלע וועלען האָבען פולע וואָכען אַרבעט. און לאַנג וואַרטען האָבען זיי אייגענטלאך ניט געדאַרפט — וואָרים די צייטונגען זיינען כסדר געוואַקסען, און עס האָט ניט לאַנג געדויערט ביז עס איז געווען אַרבעט פאַר אַלעמען.

## די ליקווידאַציע פון טאָפּעלטע פרנסות

ניט אַלע וואָס האָבען געהאַט צווייטיגע פרנסות האָבען געקענט ליקווידירען זייערע עסקים גלייך ווי דער זעקס־שטונדיגער אַרבעטס־טאָג איז איינגעפירט געוואָרען. מיט אָט אַזעלכע האָבען די איבעריגע זעצער זיך אָפּגעזאָגט צו טיילען זיך מיט דער אַרבעט. זיי האָבען גע׳טענה׳ט, אַז עס וואָלט געווען די גרעסטע עולה צו צווינגען מענשען, וואָס קוקען ארויס אויף חיונה פון זייער אַרבעט, זיך צו טיילען מיט׳ן ביסען מיט מענשען, וואָס האָבען אַ הכנסה פון אַן אַנדער קוואַל. נאָכדעם ווי די פראַגע איז דיסקוטירט געוואָרען ביי אַ מיטינג, האָט די יוניאָן אַנערקענט די גערעכטיגקייט פון דער דאָזיגער טענה, און עס איז באשלאָסען געוואָרען, אַז דער וואָס האָט אַ צווייטיגע הכנסה זאָל זיין בארעכטיגט צו אַרבעט ערשט דעמאָלט ווען די אַנדערע האָבען שוין געמאַכט אַ פולע וואָך אַרבעט.

די מיטגלידער מיט צווייטיגע פרנסות זיינען מיט דעם דאָזיגען באַשלוס ניט געווען צופרידען און האָבען אַפּעלירט געגען דער יוניאָן צו דער

אינטערנעשאָנאַל. אָבער נאָכדעם ווי די יוניאָן האָט דערקלערט איר צד האָט די אינטערנעשאָנאַל גוטגעהייסען דער יוניאָנ'ס באשלוס.

דאָס האָט געבראַכט דערצו, אַז די עטלאכע מיטגלידער, וואָס האָבען ניט געקענט אָדער ניט געוואָלט אויפגעבען זייערע זייטיגע געשעפטען, האָבען זיך איינגעאַנצען צוריקגעצויגען פון פאַך. די איבעריגע, ווידער, האָבען אויפגעגעבען זייערע זייטיגע פּרנסות און צוריק געוואָרען גלײכ־בארעכטיגטע מיטגלידער.

אין אַ באגרעניצטען זין קען דאָס אָנגערופען ווערען אַ מין „רייניגונג" פון דער יוניאָן. נאָך דער „רייניגונג" איז די יוניאָן פאַרבליבען אַ ריין־פּראָלעטאַרישע אָרגאַניזאַציע.

# אַ נייע דזשאָב־סקעיל

אָפּגעפּאַרטיגט זיך מיט די צייטונגען, האָט די סקעיל־קאָמיטע זיך געווענדט מיט אַ נייער סקעיל צו די באַלעבאַטים פון די דזשאָב־דרוקע־רייען.

גאַנץ אומדערוואַרטעט האָט די יוניאָן באַגעגענט אַ ווידערשטאַנד מצד די באַלעבאַטים פון די דזשאָב־דרוקערייען. זיי האָבען זיך פאַראייניגט אין אַן אַסאָסיאיישאָן אונטער דעם נאָמען „היברו פרינטערס ליג" און האָבען ארויסגעשטעלט געגען־פאָדערונגען צו דער יוניאָן. איינע פון די הויפּט־פאָדערונגען זייערע איז געווען, אַז די יוניאָן זאָל ערלויבען לער־נערס אין די דרוקערייען. הגם אין די ענגלישע יוניאָן־דרוקערייען ווערען יאָ דערלויבט לערנערס, לויט געוויסע רעגולאַציעס, האָט אָבער די אידישע שריפטזעצער יוניאָן קיינמאָל אַזוינס אין אירע שעפער ניט דערלויבט, פּשוט דערפאַר, ווייל די אימיגראַציע האָט צוגעשטעלט גענוג נייע זעצער און מען האָט זיי ניט געדאַרפט ערשט לערנען. האָבען די באַלעבאַטים איצט געפאָדערט, אַז די יוניאָן זאָל אויך דערלויבען לערנערס אין די אידישע דרוקערייען.

עס זיינען געפירט געוואָרען פילע אונטערהאַנדלונגען מיט די באַלע־באַטים. עס האָט שוין געהאַלטען ביי אַ סטרייק. אין דעם לעצטען מאָ־מענט איז אַ סטרייק אויסגעמיטען געוואָרען דורך אַ קאָמפּראָמיס. די יוניאָן האָט מסכים געווען דערצו, אַז יעדער שאָפּ וואָס באשעפטיגט דריי זעצער אָדער מער זאָל זיין בארעכטיגט צו אַ „טור־טהוירדער", דאָס הייסט צו איין זעצער וואָס זאָל דאָס ערשטע יאָר באקומען ניט קיין פולע שכירות נאָר צוויי־דריטעל פון די שכירות. קיין לערנערס זיינען אַלץ ניט דער־לויבט געוואָרען, נאָר אַזוי ווי די זעצער וואָס פלעגען אַריבערקומען פון אייראָפּע זיינען ניט געווען באַקאַנט מיט דער אַרבעטס־סיסטעם אין אַמע־ריקע, איז געמאַכט געוואָרען אַ קאָנצעסיע צו די באַלעבאַטים אַז אַזעלכע זעצער זאָלען ניט זיין בארעכטיגט גלייך אין אָנהויב צו די פולע שכירות פון אַ פולקאָמענעם אַרבעטער.

איז מען נאָר געקומען צו אַן אויסגלייך וועגען אָט דעם פונקט, איז שוין ניט געווען שווער זיך צו אייניגען וועגען די אַנדערע פונקטען. דער נייער קאָנטראַקט מיט דער „היברו פרינטערס ליג" האָט פאַרגעשריבען שכירות פון 21 דאָלאַר אַ וואָך פאַר 48 שטונדען אַרבעט, אויסער

אין די זומער־מאָנאַטען יוני, יולי און אויגוסט. אין אָט די מאָנאַטען האָט מען שבת געדאַרפט אַרבעטען בלויז 6 שטונדען אָנשטאָט 8.

דאָס איז געווען צום ערשטען מאָל אין דער געשיכטע פון דער יוניאָן, וואָס זי האָט אונטערגעשריבען אַ קאָלעקטיווען אָפּמאַך מיט אַ באָסעס־אַסאָסיאיישאָן, אָנשטאָט מיט יעדען באַלעבאָס באזונדער. אָט דעם פאַקט איז ווערט צו געדענקען, וואָרים דאָס האָט געפירט צו ווייטערע סכסוכים מיט דער „היברו פרינטערס ליג״ אין צוויי יאָר ארום, סוף 1909, ווען דער אַגרימענט האָט זיך געענדיגט.

# לייד און פרייד אין איין יאָר

יוניאָן-לייבעל קאַמפּאַניע. — אַרבעטסלאָזען פאַרזיכערונגס-פאָנד.—די יוניאָן פייערט איר צוואַנציג-יאָריגע עקזיסטענץ.

דריי פאַסירונגען פון אַ היסטאָרישען כאַראַקטער זיינען פאָרגעקומען אין דעם יאָר 1908, וואָס דאַרפען פאַרצייכענט ווערען:

1) אַן אויסערגעוויינלאך אינטענסיווער קאַמפּיין פאַר'ן יוניאָן-לייבעל;
2) די גרינדונג פון אַן אַרבעטסלאָזען פאַרזיכערונגס-פאָנד;
3) די פייערונג פון דעם צוואַנציגסטען געבורטסטאָג פון דער יוניאָן.

דער אַלגעמיינער קריזיס אין לאַנד, וואָס האָט זיך אָנגעהויבען אין יאָר 1907, האָט, פאַרשטייט זיך, געהאַט אַ ווירקונג צום שלעכטען אויך אויפ'ן דרוקער-פאַך. ספּעציעל האָט זיך עס געפילט אין די דזשאָב-דרוקערייען, וואו אַ סך אַרבעט איז אָפּגעפאַלען. ניט נאָר האָבען די זעצער אין די שעפּער ניט געאַרבעט קיין פולע צייט, נאָר אַ סך זיינען אינגאַנצען געבליבען אַרבעטסלאָז.

אין די צייטונגען איז נאָך אַלץ אָנגעגאַנגען דער פּראָצעס פון אויס-גלייכען די אַרבעט, אַלס רעזולטאַט פון דעם ניי-איינגעפירטען זעקס-שטונ-דיגען אַרבעטס-טאָג. אין איניגע פּלעצער איז נאָך אַלץ ניט געווען קיין פולע וואָכען אַרבעט פאַר אַלעמען, און מען האָט זיך געמוזט טיילען מיט דער אַרבעט. הגם די צייטונגען זיינען ניט אַזוי שטאַרק געטראָפען גע-וואָרען פון דעם קריזיס, איז אָבער פאַר נייע זעצער דאָרט קיין פּלאַץ ניט געווען.

## יוניאָן-לייבעל קאַמפּאַניע

די לאַגע פון די אַרבעטסלאָזע איז געווען זעהר אַ שווערע. עפּעס האָט געמוזט געטאָן ווערען זיי צו העלפען. נאָכדעם ווי די פראַגע איז גרינטלאך ארומגערעדט געוואָרען אויף די מיטינגען פון דער יוניאָן, איז מען געקומען צום אויספיר אַז די איינציגע אמת'ע לייזונג פון דער פראַגע איז . . . צו פּרובירען שאַפען מער אַרבעט אין די שעפּער. עס איז באַ-שלאָסען געוואָרען אָנצוהויבען אַ שטאַרקע קאַמפּאַניע פאַר דעם יוניאָן-לייבעל, ד. ה. פאַר יוניאָן דרוק-אַרבעט. אַ ספּעציעלע קאָמיטע איז דער-ווילט געוואָרען צו פירען דעם לייבעל-קאַמפּיין, און כדי צו שאַפען די מיטלען פאַר דעם קאַמפּיין זיינען אַלע אַרבעטענדע מיטגלידער באַשטייערט

געװאָרען מיט אײנס פּראָצענט פון זײערע פאַרדינסטען פאַר אָט דעם ספּעציעלען צװעק.

כאָטש די יוניאָן האָט אין אַלע צײטען אָנגעפירט אַן אַגיטאַציע פאַר דעם יוניאָן־לײבעל, איז אָבער יענער קאַמפּײן געװען דער גרעסטער אין איר געשיכטע. די יוניאָן האָט זיך ניט צופרידענגעשטעלט מיט אויס־קלײבען אַ קאָמיטע און זיך פאַרלאָזען אַז זי װעט שוין אַלץ אָפּטאָן פאַר איר. די גאַנצע יוניאָן האָט זיך פאַרװאַנדעלט אין אַ לײבעל־קאָמיטע, און יעדער מיטגליד איז געשטעלט געװאָרען אונטער דער דירעקציע פון דער אָפיציעלער לײבעל־קאָמיטע. יעדען אָװענט זײנען קאָמיטעס ארויס־געשיקט געװאָרען איבער די פאַרשײדענע האַלס, װאו פאַרשײדענע אָרגאַ־ניזאַציעס האַלטען אָפּ זײערע מיטינגען. די קאָמיטעס האָבען אַדרעסירט די מיטינגען און פאַרשפּרײט לײבעל־ליטעראַטור, װאָס איז געדרוקט גע־װאָרען אין די צענדליגער טויזענטער. אויך זײנען באַזוכט געװאָרען פאַרשײדענע אינסטיטוציעס און אַרבעטער־פרײנטלאַכע פּריװאַטע פירמעס, און זײ זײנען געבעטען געװאָרען צו פאָדערען דעם יוניאָן־לײבעל אויף זײערע דרוק־אַרבעטען.

## אַרבעטסלאָזען פאַרזיכערונגס־פאָנד

די אַרבעט איז געװען אַ סיסטעמאַטישע און אַ װײט־גרײכענדע. אָבער ביז דער לײבעל־קאַמפּײן װעט ברענגען ממשות'דיגע רעזולטאַטען האָט מען ניט געקענט לאָזען די אַרבעטסלאָזע אויף גאָט'ס באַראַט, און די יוניאָן האָט גענומען זוכען אַ װעג װי אַזוי זײ צו העלפען.

בײ יעדען מיטינג זײנען פאָרגעלײענט געװאָרען צושריפטען פון אַרבעטסלאָזע מיטגלידער, װאָס האָבען זיך געװענדט צו דער יוניאָן, זי זאָל זײ אויסלײען געװיסע סומען, װעלכע זײ האָבען פאַרשפּראָכען צוריק־צוצאָלען װען זײ װעלען אָנהויבען אַרבעטען. האָט די יוניאָן באַשטימט אַ קאָמיטע אויסצואַרבעטען אַ פּלאַן פון אַרבעטסלאָזען־פאַרזיכערונג, אַז װען אײנער איז אַרבעטסלאָז זאָל מען אים צאָלען אַ באַשטימטע סומע אַלס זײן רעכט און ניט אַלס צדקה. אויף דער רעקאָמענדאַציע פון דער קאָמיטע, איז געגרינדעט געװאָרען אַן אַרבעטסלאָזען פאַרזיכערונגס־פאָנד, פון װעלכען יעדער אַרבעטסלאָזער מיטגליד איז געװען בארעכטיגט צו באַקומען זעקס װאָכען אַרבעטסלאָזען־בענעפיט צו 5 דאָלאַר אַ װאָך. יעדער מיטגליד איז באַשטײערט געװאָרען מיט 75 סענט אַ מאָנאַט פאַר דעם דאָזיגען פאָנד.

## די יוניאָן פײערט איר צװאַנציג־יאָריגע עקזיסטענץ

הגם די צײט איז ניט געװען קײן זעהר גוטע; הגם די מיטגלידער פון דער יוניאָן האָבען אין דעם יאָר געהאַט צו טראָגען די ספּעציעלע

שווערע לאַסטען פון פינאַנצירען דעם יוניאָן־לייבעל־קאמפיין און פון דעם אַרבעטסלאָזען־פאָנד, האָט אָבער די יוניאָן זיך געקליבען צו פייערען איר צוואַנציג־יעריגע עקזיסטענץ אויף אַ געהעריגען אופן. די מיטגלידער פון דער יוניאָן האָבען געפילט, אַז טראָץ דער שווערער צייט טאָר ניט דורכגעלאָזען ווערען די דאָזיגע געלעגענהייט אָן אַ שמחה.

און די יוניאָן האָט געפייערט איר צוואַנציג־יאָריגען יובילעי דעם 18טען דעצעמבער, 1908, ביי אַ שיינעם באַנקעט אין קלינטאָן האָל. צוזאַמען מיט זייערע פרויען און פריינט, האָבען די מיטגלידער, פול מיט האָפענונג אויף בעסערע צייטען, דורכגעפירט די ערשטע פייערונג פון דער יוניאָן אויף אַן אמת יום־טוב'דיגען שטייגער.

# פינאַנציעלע רעפאָרמעס

עס איז שוין פריער דערמאָנט געוואָרען, אַז די יוניאָן האָט אין איר קאַסע קיינמאָל קיין געלט ניט געהאַט. אָבער דאָס האָט דער יוניאָן ניט צוריקגעהאַלטען, ניט פון מאַכען הוצאות פאַר דער יוניאָן־ארבעט גופא און ניט פון שטיצען אַנדערע אַרבעטער־קערפּערשאַפטען. ווען עס איז נויטיג געווען צו מאַכען געוויסע הוצאות, איז אין געלט קיין מניעה ניט געווען. די מיטגלידער פון דער יוניאָן פלעגען זיך באַשטייערען כדי צו דעקען די נויטיגע הוצאות, אָדער זיי פלעגען אויסלייען דער יוניאָן דאָס געלט.

אָט איז אַ כאַראַקטעריסטישער פאַל, וואָס קען דינען פאַר אַ גוטען מוסטער ווי אַזוי די יוניאָן האָט אַלעמאָל געפונען אַ וועג צו שאַפען געלט, ווען דאָס איז נויטיג געווען.

ביים מיטינג פון דער יוניאָן, דעם 10טען סעפּטעמבער 1909, איז דערשינען אַ קאָמיטע פון דער וועכענטלאכער צייטונג „אַרבעטער" און געבעטען, אַז די יוניאָן זאָל געבען דעם „אַרבעטער" אַ הלואה פון צוויי הונדערט דאָלאר כדי ער זאָל קענען איבערקומען אַ שלעכטע צייט. דער „אַרבעטער" איז געווען דער אָרגאַן פון דער ס. ל. פּ. אָבער אַזוי ווי די ס. ל. פּ. האָט שוין לאַנג געהאַט אויפגעגעבען איר יוניאָן־ברעכערישע טאַקטיק און איר וואָכענבלאַט איז געזעצט געוואָרען פון מיטגלידער פון דער יוניאָן, און אַזוי ווי דער „אַרבעטער" האָט דעמאָלט שוין געהאַט עקזיסטירט פינף יאָר צייט, — האָט די יוניאָן דאָס באַטראַכט פאַר ווינ־שענסווערט אים די הלואה צו געבען. דאָס וואָס די יוניאָן האָט קיין געלט ניט געהאַט אין דער קאַסע איז קיין מניעה ניט געווען; ביים מיטינג איז תיכף געמאַכט געוואָרען אַן אָפּיל צו די מיטגלידער צו לייען דער יוניאָן די צוויי הונדערט דאָלאר. דאָס געלט איז באַלד געשאַפען געוואָרען און די הלואה איז געמאַכט געוואָרען.

עס איז אויבען אויך געזאָגט געוואָרען, אַז די מיטגלידער פון דער יוניאָן האָבען זאָגאַר געפילט אַ געוויסען שטאָלץ אין דעם וואָס די יוניאָן האָט קיין געלט אין דער קאַסע ניט געהאַט. צו אַלץ איז אָבער פאַראַן אַ גרענעץ. ווען עס איז אויף אַ מיטינג פון דער יוניאָן אָנפאַנג 1910 פאַר־געלייענט געוואָרען דער פינאַנץ־באַריכט, און עס האָט זיך אַרויסגעשטעלט,

אַז די יוניאָן האָט אַ דעפּיציט פון 350 דאָלאַר, זיינען די מיטגלידער שוין גאָר ניט שטאָלץ געווען מיט דעם דאָזיגען צושטאַנד.

דער דעפּיציט פון די 350 דאָלער אַן און פאַר זיך איז ניט געווען אַזאַ שווערע פּראָבלעם. אָבער אַלס צוגאָב צו די גרויסע לאָסטען, וואָס די מיטגלידער איז אויסגעקומען צו טראָגען אין די לעצטע יאָרען, איז עס געווען „די שטרוי וואָס האָט צובראָכען דעם קעמעל'ס רוקען". די צען פּראָצענטיגע אָפּצאָלונגען פאַר דעם אַכט־שטונדיגען אַרבעטס־טאָג; די באַשטייערונג פאַר דעם יוניאָן־לייבעל־קאַמפּיין, פאַר דעם אַרבעטסלאָזען־פאַרזיכערונגס־פאָנד, פאַר דעם צוואַנציג־יאָריגען יובילעאום און פאַר אַנדערע צוועקען — אַט די אַלע שטייערען איבער אַ משך פון יאָרען האָבען שרעקלאַך אויסגעמאַטערט די מיטגלידער. די לופט איז שוין פון פריער געווען אָן עקספּלאָזיווע, און דער נייער דעפּיציט האָט פאַראורזאַכט ממש אַן אויפרייסונג, אַט אַזוי ווי בעת מ'וואַרפט אריין אַ שוועבעלע אין אַ מוניציע־סקלאַד.

מיט אַמאָל האָט מען זיך געכאַפּט, אַז די יוניאָן האָט ביז דעמאָלט „געלעבט אָן חשבון"; אַז די מיטגלידער האָבען זיך ביסלאַכווייז צוגעוואוינט צו פאַרלאָזען זיך אויף די עטלאַכע אַקטיווע טוער, אַז זיי וועלען שוין די גאַנצע אַרבעט פון דער יוניאָן אָפּטאָן און אַליין זיינען זיי געוואָרען פּאַסיוו; אַז אויב מ'וויל מאַכען אַ סוף צו די אַלע שטייגענדע הוצאות, מוז געמאַכט ווערען אַ סוף צו דעם דאָזיגען צושטאַנד. און די יוניאָן האָט דערווילט אַ קאָמיטע די גאַנצע פראַגע צו באַטראַכטען און אריינצוברענגען רעקאָמענדאַציעס ווי אַזוי די יוניאָן זאָל זיך ווייטער פירען, אַז די אויסגאַבען זאָלען ניט איבערשטייגען די איינגאַמען; ווי אַזוי, צו געברויכען אַ גרויס־וועלטיגען טערמין, דער בודזשעט זאָל זיך באַלאַנסירען.

צום מיטינג פון 15טען אַפּריל האָט די קאָמיטע אריינגעבראַכט אַ באַריכט, וועלכער האָט זיך געלייענט ווי פאָלגט:

„אַזוי ווי אין דער פאַרגאַנגענהייט האָט די יוניאָן געהאָט אַ מעגלאַכקייט אָנצוגיין מיט איר טעטיגקייט מיט גאַנץ קליינע אויסגאַבען, ווייל אַלע מיטגלידער האָבען גענומען אָן אָנטייל אין די פאַרהאַנדלונגען און אין אויספירען די אויפגאַבען פון דער יוניאָן, — קומט די קאָמיטע צום שלוס, אַז דער איצטיגער רעזשים, ביי וועלכען די גאַנצע אַרבעט פון דער יוניאָן ווערט איבערגעלאָזען פאַר די באַאַמטע, און זיי דאַרפען אָוועקגעבען צופיל צייט דער דאָזיגער אַרבעט, איז פאַראַנטוואָרטלאַך פאַר די גרויסע הוצאות. אַט די סיסטעם דאַרף, ווי ווייט מעגלאַך, אָפּגעשאַפט ווערען, און די מיטגלידער דאַרפען זיך צוריק פאַראינטערעסירען מיט דער אַרבייט פון דער יוניאָן און נעמען אַ גרעסערען אָנטייל אין איר, אַט ווי אין די ערשטע יאָרען.

„נעמענדיג אין אָנבאַטראַכט, אַז די געװײנלאַכע אויסגאַבען, װאָס די יוניאָן האָט די לעצטע צײט געהאַט, זײנען געװען דרײ מאָל אַזױ פיל װי די אײננאַמען, רעקאָמענדירט די קאָמיטע, אַז:

„1. אַ בודזשעט קאָמיטע זאָל דערװײלט װערען, װעמעס אויפגאַבע עס זאָל זײן צו קאָנטראָלירען די פינאַנצען, רעגולירען די אויסגאַבען און יעדען מאָנאַט אַרײנברענגען צו דער יוניאָן אַ גענויעם באַריכט װעגען דעם פינאַנציעלען צושטאַנד;

„2. פאַר קאָמיטע־אַרבעט זאָל פון הײנט אָן און װײטער ניט גע־צאָלט װערען;

„3. יעדער מיטגליד, װאָס װערט באַשטימט אין אַ קאָמיטע, איז מחויב צו דינען אין דער קאָמיטע און לײסטען זײנע בעסטע פעאיגקײטען צו גונסטען פון דער יוניאָן;

„4. פון קומענדען טערמין אָן און װײטער זאָל דער פּרעזידענט־אַמט באַטראַכט װערען אַלס אַן ערען־אַמט, און דער פּרעזידענט זאָל קײן שכירות ניט קריגען, חוץ אַ סומע ביז זעקס דאָלאַר אַ מאָנאַט פאַר אויסגאַבען;

„5. דער פינאַנץ־סעקרעטער זאָל באַקומען 4 דאָלאַר אַ מאָנאַט;

„6. דעלעגאַטען צו די פאַרשײדענע קערפּערשאַפטען אָן װעלכע די יוניאָן איז אָנגעשלאָסען זאָלען באַקומען צו 25 סענט פער מיטינג;

„7. די פינאַנץ־קאָמיטע זאָל פונקציאָנירען אָן געצאָלט;

„8. די עקזעקוטיװ קאָמיטע זאָל ניט מאַכען קײנע אויסגאַבען".

װאָס איז שײך דעם דעפיציט, רעקאָמענדירט די קאָמיטע, אַז אַ שטײער פון אַ האַלבען פּראָצענט פון די פאַרדינסטען זאָל אַרױפגעלעגט װערען פאַר דעם משך פון אַכט חדשים. די הכנסה פון אָט דעם שטײער װעט זײן גענוג, לויט דער אויסרעכענונג פון דער קאָמיטע, אָפּצואױשען דעם דע־פיציט פון 350 דאָלאַר.

די יוניאָן האָט גוטגעהײסען דעם באַריכט פון דער קאָמיטע און די רעקאָמענדאַציעס אירע זײנען אָנגענומען געװאָרען. אַ בודזשעט־קאָמיטע פון פינף מיטגלידער איז באַשטימט געװאָרען אויפצופּאַסען, אַז די אָנגע־נומענע באַשלוסען זאָלען װי געהעריג דורכגעפירט װערען און אַז דער בודזשעט פון דער יוניאָן זאָל באַלאַנסירט װערען.

# די יוניאָן גייט צו אַרביטריישאָן

דער קאָנטראַקט צווישן דער יוניאָן און די בוך־ און דזשאַב־דרוקערייען איז אויסגעגאַנגען דעם 31טען דעצעמבער, 1909. אַ שטיקעל צייט איידער דער קאָנטראַקט איז אויסגעגאַנגען האָט די יוניאָן פאָרגעלייגט אַ נייעם קאָנטראַקט פאַר די באַלעבאַטים. דער נייער אָפּמאַך האָט אַנטהאַלטען צוויי נייע פּונקטען: 1) אַ העכערונג אין די שכירות פון 1 דאָלאַר אַ וואָך, 2) די האַנט־זעצער, וואָס שטעלען צוזאַמען וועכענטלאַכע און צוויי־וועכענט־לאַכע צייטונגען, זאָלען אַרבעטען די זעלבע שטונדען און קריגען די זעלבע שכירות ווי צייטונגס־זעצער.

די באַלעבאַטים זיינען געווען שטאַרק אומצופרידען מיט דעם צווייטען פּונקט. אַז מאַשין־זעצער זאָלען אַרבעטען זעקס שטונדען, זיינען זיי שוין געווען צוגעוואוינט. אָבער אַז האַנט־זעצער, וועלכע עס קומט אויס צו אַרבעטען סיי ביי דזשאַב־אַרבעט און סיי ביי צייטונגען, זאָלען אַרבעטען אויף דזשאַבס 8 שטונדען און אויף צייטונגען 6 שטונדען, — דאָס האָט זיך ביי זיי אין מוח ניט געקענט פּאַטאָפּען. זיי האָבען גע'טענה'ט, אַז דאָס וועט פאַראורזאַכען אַ צעמישעניש אין די שעפּער. פונדעסטוועגען האָט די יוניאָן קיין שטאַרקען ווידערשטאַנד ניט דערוואַרט. די מערהייט פון די באַלעבאַטים האָבען דעם נייעם קאָנטראַקט אונטערגעשריבען. די איבע־ריגע, ווידער, וואָס זיינען געבליבען איינגעשפּאַרט, וואָלט מען דורך אַ קורצען סטרייק אויך געקענט צווינגען דעם קאָנטראַקט אונטערצושרייבען.

די יוניאָן האָט זיך דורכגעשריבען מיט דער אינטערנעשאָנאַל. די אינטערנעשאָנאַל האָט גוטגעהייסען די פּונקטען פון דעם נייעם קאָנטראַקט, און זי האָט פאַרשפּראָכען די געוויינלאַכע שטיצע אויב עס זאָל קומען צו אַ סטרייק. דער פּרעזידענט פון דער יוניאָן, א. וו. דזשאָזעפסאָן, האָט די עטלאַכע האַרטנעקיגע באַלעבאַטים געגעבען די לעצטע וואָרנונג. אָבער אין סאַמע לעצטען מאָמענט, ווען אַ סטרייק האָט אויסגעוויזען אומפאַרמייד־לאַך, האָבען די באַלעבאַטים פאַרלאַנגט אַ קאָנפערענץ.

די קאָנפערענץ איז אַראַנזשירט געוואָרען אויף דעם 11טען יאַנואַר, 1910. ווען דער פּרעזידענט מיט אַ קאָמיטע פון דער יוניאָן זיינען גע־קומען צו דער קאָנפערענץ האָבען זיי דאָרט געטראָפען אַ ל ע באַלע־באַטים — אויך די, וואָס האָבען דעם נייעם קאָנטראַקט שוין געהאַט אונ־טערגעשריבען. די באַלעבאַטים האָבען דערקלערט, אַז זיי זיינען אָרגאַ־

ניזירט אַלס „היברו פּרינטערס ליג", וואָס איז אַ ברענטש פון דער „יוניאָן פּרינטערס ליג", די נאַציאָנאַלע קערפּערשאַפט פון דרוקער־באַלעבאַטים, און זיי פאָדערען פון דער יוניאָן צווײ זאַכען:

1) אַז די יוניאָן זאָל אונטערשרייבען אַ קאָלעקטיווען אָפּמאַך מיט דער אָרגאַניזאַציע, אַנשטאָט מיט די איינצעלנע באַלעבאַטים; און

2) אַז די יוניאָן זאָל צושטימען איבערצוגעבען צו ארביטריישאָן יענע פּונקטען פון אָפּמאַך, מיט וועלכע די באַלעבאַטים זיינען ניט צופרידען. די בוררים זאָלען באשטיין פון דריי פאָרטרעטער פון דער „יוניאָן פּרינ־טערס ליג" און דריי פארטרעטער פון דער „אינטערנעשאָנאַל טייפּאָ־גראַפיקאַל יוניאָן", און זייער אנטשיידונג זאָל זיין בינדענד פאַרביידע צדדים.

די קאָמיטע פון דער יוניאָן איז ניט געווען איבערצייגט, אַז די אידישע דרוקער זיינען ווירקלאך אַנגעשלאָסען אָן דער „יוניאָן פּרינטערס ליג". ניט איין מאָל האָבען זיי געדעדט וועגען אַנשליסען זיך אָן דער נאַציאָ־נאַלער קערפּערשאַפט פון די יוניאָן־דרוקער, אָבער ווען עס איז געקומען צום צאָלען דעם אָפּצאָל איז דערפון גאָרנישט געוואָרען. די פאָרטרעטער פון דער יוניאָן האָבען גערעכענט, אַז דעם מאָל וועט זיך דער ענין אויך אַזוי פארענדיגען. כדי אויסצומיידען אַ סטרייק, האָט די קאָמיטע פון דער יוניאָן געמאכט צווײ געגען־פאָרשלאַגען:

1) פאָרלויפיג זאָל יעדערער פון די באַלעבאַטים אונטערשרייבען אַן אינדיווידועלען אַגרימענט מיט דער יוניאָן;

2) אויב די באַלעבאַטים וועלען אין משך פון צען טעג באווייזען, אַז זיי האָבען אַ טשאַרטער פון דער „יוניאָן פּרינטערס ליג", וועט די יוניאָן גיין צו ארביטריישאָן מיט זיי.

די באַלעבאַטים האָבען אָט די געגען־פאָרשלאַגען אַנגענומען, און אַ סטרייק איז פאַרמידען געוואָרען.

עס זיינען אַריבער צען טעג און נאָך עטלאכע צענדליג טעג, און מען האָט פון די באַלעבאַטים גאָרנישט געהערט. ערשט אין מערץ, אין צווײ חדשים ארום, האָט די „היברו פּרינטערס ליג" געשיקט אַ בריוו צו דער יוניאָן, אין וועלכען זי האָט געלאָזט וויסען אַז זי איז גרייט צו באווייזען אַז זי איז אַ ברענטש פון דער „יוניאָן פּרינטערס ליג" און זי פאָדערט אַז די יוניאָן זאָל נאָכקומען דעם אָפּמאַך און גיין צו ארביטריישאָן.

אַזוי ווי די צען טעג, אויף וועלכע ביידע צדדים האָבען זיך געהאַט געאייניגט, זיינען שוין לאַנג פאָראיבער, האָט די יוניאָן אַפילו געהאַט אַ רעכט זיך צו אַנטזאָגען פון ארביטריישאָן. די יוניאָן האָט אָבער ניט גע־וואָלט זיך באַנוצען מיט דעם דאָזיגען טעכנישען אויסרייד, און זי האָט באשלאָסען דורכצומאכען די ארביטריישאָן־פאַרהאַנדלונגען, לויט דעם אָפּ־

מאַך. אַלס פאַרטרעטער פאַרצולעגען איר צד פאַר דער ארביטריישאָן-באָארד האָט די יוניאָן באשטימט א. גאָטעסמאַן, דעם נייעם פרעזידענט, די צוויי פריערדיגע פרעזידענטען, דזשאָזעפסאָן און ראָזענסאָן, און אָט די דריי האָבען צוגעצויגען ש. שיינפעלד'ן אַלס פערטען.

די דריי ארביטרייטאָרס פון דער יוניאָנ'ס זייט זיינען געווען: דזשיימס לינטש, פרעזידענט פון דער אינטערנעשאָנאל טייפאָגראַפיקאל יוניאָן; דזשיימס טאָל, פרעזידענט פון דער ניו יאָרקער טייפאָגראַפיקאל יוניאָן נומער 6, און דזשאָרדזש סטיין, אָרגאַנייזער פון דער טאַיפאָגראַפיקאל יוניאָן נומער 6. די דריי ארביטרייטאָרס פאַר דעם צד פון דער „היברו פרינטערס ליג" זיינען געוועןְ: טשאַרלס פרענסיס, פרעזידענט פון דער „יוניאָן פרינטערס ליג"; דזש. מ. רייסבעק, פרעזידענט פון דער „סטערעאָ-טאַיפערס עמפלאָיערס אַסאָסיאיישאָן", און וויליאַם וואַן וואָרט.

די פירער פון דער יוניאָן האָבען געהאַט זעהר וועניג דערפאַרונג אין ארביטריישאָן-ענינים, ווארים דאָס איז געווען דאָס ערשטע מאָל אין איר לעבען ווען די יוניאָן איז געגאנגען צו ארביטריישאָן. פארשטאנען האָבען זיי, אַז ארביטרירט וועלען ווערען די נייע פונקטען פון דעם אָפּמאַך. זיי האָבען אָבער פאַרפעלט פעסטצושטעלען באשטימט די פונקטען, וואָס דארפען אַרביטרירט ווערען. און די באַלעבאַטים האָבען דאָס אויסגע-נוצט. ווען די קאָמיטע פון דער יוניאָן איז דערשינען פאַר דער ערשטער זיצונג פון אַרביטריישאָן-באָארד, דעם 20טען אויגוסט, איז זי איבער-ראַשט געוואָרען צו הערען, אַז די באַלעבאַטים האָבען פאָרגעלייגט גאַנצע עלף פונקטען וואָס דארפען ארביטרירט ווערען.

די קאָמיטע פון דער יוניאָן האָט תיכף פּראָטעסטירט,

ערשטענס, געגען דעם, וואָס די באַלעבאַטים לייגען פאָר פאַר אַרביט-ריישאָן אַזעלכע פונקטען, וואָס זיינען שוין יאָרען-לאַנג איינגעפירט אין פאַך;

צווייטענס, געגען דעם, וואָס די „היברו פרינטערס ליג" האָט אַפילו ניט געפונען פאר נויטיג צוצושטעלען דער יוניאָן אַ „קאָפּיע" פון די פונקטען, וואָס דאַרפען, לויט איר מיינונג, אַרביטרירט ווערען. אין פּראָ-טעסטען מכל המינים פירט זיך געוויינלאך, אַז דער צד שכנגד איז בארעכ-טיגט צו קריגען אַזאַ „קאָפּיע", אָדער אַ „ביל אָוו פּאַרטיקולאַרס", ווי דאָס הייסט אויפ'ן לעגאַליסטישען לשון.

דעם ערשטען פונקט פון פּראָטעסט האָט די ארביטריישאָן-באָארד צוריקגעוויזען. לויט'ן אַגרימענט, וואָס איז אונטערגעשריבען געוואָרען, — האָט די באָארד אנטשיידען, — האָט די „היברו פרינטערס ליג" אַ רעכט פאָרצוברענגען פאַר אַרביטריישאָן אַלץ וואָס זי געפינט פאַר נויטיג.

דעם צווייטען פונקט אָבער האָט די אַרביטריישאָן-באָארד אַנער-קענט אַלס גערעכטען. די באָארד האָט דעריבער אינסטרואירט די קאָ-

מיטעס פוןביידע צדדים זיך צוזאַמענקומען און אויסגלייכען צווישען זיך אַזוי פיל פון די פּונקטען וויפיל מעגלאַך, און יענע פּונקטען אין וועלכע די צדדים וועלען זיך ניט קענען פאַרגלייכען זאָלען נאָכאַמאָל פאַרגעלייגט ווערען פאַר דער ארביטריישאָן־באָארד אויף איר נעקסטער זיצונג, דעם 22טען סעפּטעמבער.

עס איז איבעריג צו זאָגען, אַז די קאָנפערענצען צווישען די קאָמיטעס פון דער יוניאָן און דער „היברו פּרינטערס ליג" האָבען צו גאָרנישט גע־פירט, און כמעט אַלע פּונקטען פון אַגרימענט האָבען געדאַרפט אַרביטרירט ווערען.

די זיצונגען פון דער ארביטריישאָן־באָארד האָבען געדויערט דריי טעג — דעם 22טען, 23טען און 24טען סעפּטעמבער. די ערשטע צוויי טעג זיינען אויסגעהערט געוואָרען די טענות פון ביידע צדדים, און דעם דריטען טאָג האָבען די בוררים דיסקוטירט די פּונקטען צווישען זיך און ארויסגעטראָגען זייער פּסק.

און — וואונדער איבער וואונדער! — אַלע פּונקטען זיינען אנט־שיידען געוואָרען צו גונסטען דער יוניאָן. נאָך גרעסער איז געווען די איבערראשונג, וואָס די אנטשיידונג לטובת דער יוניאָן איז דערגרייכט געוואָרען ניט דורך אַ מערהייט, נאָר איינשטימיג!

אין אָוונט פון יענעם טאָג, ווען דער אורטייל איז ארויסגעגעבען געוואָרען, האָט די יוניאָן גראָד געהאַט איר וועכענטלאכען מיטינג. די באַאַמטע פון דער יוניאָן האָבען אויסגענוצט די געלעגענהייט און האָבען איינגעלאַדען די ארביטרייטאָרס פון דער יוניאָנ'ס צד צו קומען צום מיטינג. עס איז שווער איבערצוגעבען דעם דראַמאַטישען מאָמענט און די פרייד פון די מיטגלידער פון דער יוניאָן בעת דזשאָרדזש סטיין האָט פאַרגעלייענט די אנטשיידונג פון די אַרביטרייטאָרס און עס האָט זיך ארויסגעשטעלט אַז אַלע פּונקטען, צוליב וועלכע די באַלעבאַטים האָבען אונז געשלעפּט צו אַרביטריישאָן, זיינען אנטשיידען געוואָרען איינשטימיג צו גונסטען פון דער יוניאָן.

מ'דאַרף דערביי האָבען אין זינען, אַז צווישען די מיטגלידער פון דער יוניאָן האָט געהערשט אַ שאַרפע מיינונגס־פאַרשיידענהייט וועגען דעם, צי די יוניאָן האָט בכלל געדאַרפט מסכים זיין צו גיין צו ארביטריישאָן. אַ היפּשע צאָל האָט געדענקט, אַז דער גאַנצער עסק איז געווען איבעריג, אַז אַ סטרייק וואָלט געווען בעסער ווי אַרביטריישאָן. אָבער איצט, ווען די יוניאָן האָט געוואונען אַלע פּונקטען, זיינען אַלע געווען העכסט גליקלאַך.

יאָרען־לאַנג פלעגען די באַלעבאַטים ממש פאַרפּעסטען די לופט מיט זייערע כסדר'דיגע טענות געגען דער יוניאָן. אפילו דייטיגע מענשען האָבען

זיך געטראכט, אַז עס מוז זיין עפּעס אמת אין די טענות פון די באלע־באַטים, אַז די יוניאָן איז צו שטרענג, צו דיקטאַטאָריש א. א. וו. און דאָ האָט די יוניאָן איבערגעגעבן אַלע טענות פון די באלעבאַטים צו אומ־פּאַרטייאישע מענשען. זעקס מענשען זיינען געזעסען אַלס ריכטער און, מ'קען זאָגען, גע'משפט דער יוניאָן — און זיי האָבען ארויסגעטראָגען אַן איינשטימיגען אורטייל, אַז די פירונגען און האַנדלונגען פון דער יוניאָן זיינען גערעכטע, מענשלאכע.

וואָס פאר אַ גרעסערען גליק קענען זיך מיטגלידער פון אַ יוניאָן ווינשען, ווי צו הערען אָט אַזאַ אורטייל איבער זייער יוניאָן!

# די יוניאָן דערלאָזט ניט אַז אַרבעט זאָל אַוועק פון ניו יאָרק

אין יאנואר, 1911, דערוויסט זיך די יוניאָן, אַז דריי אידישע זעץ־מאַשינען זיינען אויסגעשטאַט געוואָרען אין דער פאַבריק פון דער „מערגענטאַלער לײנאָטייפּ קאָ.", וועלכע דארפען אַוועקגעשיקט ווערען קיין פילאַדעלפיע. די יוניאָן האָט זיך גלייך פאַראינטערעסירט מיט דעם. צו וואָס קען פילאַדעלפיע דאַרפען האָבען גאנצע דריי אידישע זעץ־מאַשינען? עס האָט זיך ארויסגעשטעלט, אַז באשטעלט געוואָרען זיינען די מאשינען פון אַ ניו יאָרקער פאַרלעגער, פון יעקב סאפירשטיין, דעם ארויסגעבער פון „מאָרגען זשורנאַל" און „אַמעריקאנער", און געשיקט ווערען זיי קיין פילאַדעלפיע דערפאַר, ווייל אַזוי ווי מר. סאַפירשטיין גייט עפענען אַן אייגענעם פאַרלאַג ארויסצוגעבען אידישע ביכער, האָט ער זיך בארעכענט אַז אין פילאַדעלפיע וועט אים אַרבעטס־געלט קאָסטען ביליגער ווי אין ניו יאָרק. מר. דזשייקאָב גינזבורג, דער מענעדזשער פון „מאָרגען זשורנאַל"־אָפיס אין פילאַדעלפיע, האָט עס געזאָלט פאַרוואַלטען די דרוקעריי אין פילאַדעלפיע.

די דאָזיגע נייעס האָט שטארק באאומרוהיגט די פירער פון דער יוניאָן. זיי האָבען אין דעם געזען אַ מעגלאכע געפאַר פאַר דער יוניאָן. די עקזעקוטיוו קאָמיטע פון דער יוניאָן האָט די פראגע אויפגענומען און באשלאָסען צו שיקען אַ קאָמיטע צו דער ענגלישער טייפּאָגראפיקאל יוניאָן נומער 2 פון פילאַדעלפיע. די קאָמיטע איז באשטאנען פון פרעזידענט א. גאָטעסמאַן און ה. ראָזענסאָן. זיי האָבען זיך געדאַרפט טרעפען מיט די באַאַמטע פון דער פילאַדעלפיער יוניאָן; דערקלערען זיי, וואָס פאַר אַ געפאַר עס קען ווערען פאַר דער אידישער שריפטזעצער יוניאָן אין ניו יאָרק ווען אידישע דרוקערייען אין נאָענטע שטעט וועלען מאכען אַרבעט ביליגער ווי די אַרבעט קאָסט אין ניו יאָרק; און בעטען די קאָאָפּעראַציע פון דער פילאַדעלפיער יוניאָן, אַז אַזוינס זאָל ניט דערלאָזט ווערען.

די קאָמיטע איז געפאָרען קיין פילאַדעלפיע און איז צוריקגעקומען פון דאָרט זעהר אַ דערמוטיגטע. וויליאם יאָנג, דער פרעזידענט פון דער פילאַדעלפיער טייפּאָגראפיקאל יוניאָן נומער 2, האָט פאַרזיכערט, אַז עס וועט ניט דערלויבט ווערען קיין זאַך, וואָס קען ברענגען דעם מינדעסטען

שאָדען דער אידישער שריפטזעצער יוניאָן, און ער האָט פאַרשפּראָכען צו האַלטען די אויגען אָפען.

דעם 14טען פעברואַר האָט מאָריס ראָזענבלום, דער נייער פּרעזידענט פון דער יוניאָן, דערהאַלטען אַ טעלעגראַמע פון דער פילאַדעלפיער יוניאָן. אין דער טעלעגראַמע האָט פּרעזידענט יאַנג געלאָזט וויסען, אַז מר. גינזבורג האָט זיך געווענדעט צו דער פילאַדעלפיער יוניאָן מ'זאָל אים צושטעלען עטלאכע אידישע ליינאָטייפּ־אָפּערייטאָרס, און ער האָט גינזבורג'ן געזאָגט אַז ער וועט אים געבען אַן ענטפער אין עטלאכע טעג ארום. פּרעז. יאַנג פארלאנגט דעריבער, אַז די יוניאָן זאָל תיכף אימיצען שיקען קיין פילאַדעלפיע, כדי צוזאַמען צו באטראכטען וואָס צו טאָן. די עקזעקוטיוו קאָמיטע האָט געשיקט קיין פילאַדעלפיע פּרעזידענט ראָזענבלום צוזאַמען מיט ראָזענסאָנען.

די פארטרעטער פון דער יוניאָן האָבען אויפמערקזאם געמאַכט פּרעזידענט יאַנג'ן, אַז אויף דער באָסטאָנער קאָנווענשאָן פון דער „אינטערנעשאָנאַל טייפּאָגראַפיקאַל יוניאָן", אין 1908, איז אָנגענומען געוואָרען אַן אויסדריקלאכער באשלוס, אַז אידישע אַרבעט וואָס ווערט געמאַכט אונטער דער יוריסדיקציע פון אַן אַנדער יוניאָן טאָר ניט געמאכט ווערען אויף אַ ביליגערער „סקייל" ווי די שכירות פון דער אידישער שריפטזעצער יוניאָן, לאָקאַל 83, פון ניו יאָרק. די קאָמיטע האָט פאָרגעשלאָגען, אַז יאַנג זאָל רופען גינזבורג'ן און אים דערקלערען, אַז אויב ער איז גרייט צו צאָלען די זעלבע שכירות וואָס אין ניו יאָרק וועט ער אים מיט פארגעניגען געבען אידישע ליינאָטייפּערס. פּרעזידענט יאַנג האָט מסכים געווען דאָס צו טאָן.

ביי דער קאָנפערענץ, וואָס פּרעזידענט יאַנג האָט גלייך נאָכדעם געהאט מיט מר. גינזבורג, האָט יאַנג געהאַנדעלט העכסט דיפּלאָמאַטיש. ער האָט פארזיכערט מר. גינזבורג'ן, אַז די פילאַדעלפיער יוניאָן איז העכסט גליקלאך צו האָבען אַ נייעם פאַרלאַג אין פילאַדעלפיע, און אַז די יוניאָן איז גרייט אים צוצושטעלען די זעצער וואָס ער דאַרף, נאָר וואָס־דען? אַזוי־און־אַזוי — אַזוי ווי די אינטערנעשאָנאַל האָט אויף אירער אַ קאָנווענשאָן אָנגענומען אַזאַ־און־אַזאַ באשלוס, וועלען די אידישע זעצער אין פילאַדעלפיע דארפען קריגען די זעלבע שכירות וואָס די אידישע זעצער אין ניו יאָרק.

דערהערט אַזעלכע רייד, האָט מר. גינזבורג אָפּגעווישט די ליפּען און גאָרנישט געזאָגט. ער איז אַוועק, און מער האָט פּרעזידענט יאַנג שוין פון אים ניט געהערט...

עס איז איבעריג צו זאָגען, אַז די דריי זעץ־מאַשינען זיינען שוין ניט געשיקט געוואָרען קיין פילאַדעלפיע, נאָר זיינען געבליבען טאקע אין ניו

יאָרק. מר. סאַפּירשטיין האָט געגרינדעט אַ פאַרלאַג אויף אַ גרויסען פארנעם, ווי זיין טבע איז געווען. דאָס איז דער פארלאג, וואָס האָט ארויס־געגעבען דעם גרויסען ענציקלאָפּעדישען אידיש־ענגלישען ווערטערבוך; פּרץ ווערניק׳ס „די געשיכטע פון אידען אין אַמעריקע" און אַ צאָל אַנדערע ביכער. ווער ווייס וויפיל נאָך ווערטפולע ווערק דער פאַרלאַג וואָלט ארויס־געגעבען, ווען דער גרויזאַמער טויט וואָלט ניט פריצייטיג פאַרשניטען דאָס לעבען פון מר. סאַפּירשטיין, וועלכער איז געווען דער ענערגישסטער און גרויס־צוגיגסטער פון אַלע אידישע צייטונגס־ארויסגעבער אין אַמעריקע.

# נייער אָפּמאַך מיט באַלעבאַטים אויף דריי יאָר צייט

סוף יאָר 1911 זיינען אויסגעגאַנגען אַלע קאָנטראַקטען צווישען דער יוניאָן און די באַלעבאַטים סיי פון די צייטונגען און סיי פון די דזשאָב־דרוקערייען. ביים מיטינג פון דער יוניאָן, דעם 11טען יולי, איז באַשטימט געוואָרען אַ קאָמיטע אויסצואַרבעטען אַ נייע סקייל.

ביים קומענדען מיטינג האָט די סקייל־קאָמיטע אריינגעבראַכט אַ באַריכט מיט פאָלגענדע רעקאָמענדאַציעס:

1) דער נייער קאָנטראַקט זאָל זיין אויף דריי יאָר צייט;

2) ביי די צייטונגען זאָלען די שכירות זיין 28 דאָלאַר אַ וואָך דאָס ערשטע יאָר, 29 דאָלאַר דאָס צווייטע יאָר און 30 דאָלאַר דאָס דריטע יאָר;

3) אין די דזשאָב־דרוקערייען זאָלען די שכירות פאַר אַ 46־שטונדיגער וואָך זיין 23 דאָלאַר דאָס ערשטע יאָר, 24 דאָלאַר דאָס צווייטע יאָר און 25 דאָלאַר דאָס דריטע יאָר.

4) אַלע אַנדערע פונקטען זאָלען בלייבען דיזעלבע ווי אין אַלטען קאָנטראַקט.

די יוניאָן האָט די דאָזיגע רעקאָמענדאַציעס אָנגענומען און האָט אינסטרואירט דער קאָמיטע צו פאַרהאַנדלען מיט די באַלעבאַטים וועגען אונטערשרייבען קאָנטראַקטען, וואָס זאָלען אַנטהאַלטען די נייע באַדינגונגען.

נאָך עטלאַכע קאָנפערענצען מיט די אַרויסגעבער פון די צייטונגען האָבען זיי אַלע אונטערגעשריבען דעם נייעם קאָנטראַקט, און די נייע „סקייל" איז אַריין אין קראַפט דעם 1טען יאַנואַר, 1912.

די פאַרהאַנדלונגען מיט דער „היברו פרינטערס ליג" זיינען אָבער צוגעגאַנגען שווערלאַך. די „ליג" האָט זיך געהאַלטען אין איין דינגען און האָט כסדר געמאַכט געגען־פאָרשלאַגען. אין איין צייט האָבען זיי געוואָלט נאָכגעבען די נייע שכירות, אָבער בתנאי אַז די אַרבעטס־צייט זאָל פאַרלענגערט ווערען צו 48 שטונדען אַ וואָך. שפּעטער האָבען זיי שוין געוואָלט נאָכגעבען די שטונדען, אָבער די שכירות זאָלען דעם ערשטען יאָר זיין 22 דאָלאַר, ווי געווען, דעם צווייטען יאָר 23 דאָלאַר און דעם דריטען יאָר 24 דאָלאַר. אַלס צוגאָב האָבען זיי יעדען מאָל נאָך צוגעלייגט עטלאַכע קלענערע פאָדערונגען.

די אונטערהאַנדלונגען מיט דער „היברו פרינטערס ליג" האָבען זיך

פאַרצויגען ביז פעברואַר, 1912. די יוניאָן האָט אָנגעהויבען פאַרלירען דאָס געדולד און האָט זיך גענומען גרייטען צו אַ סטרייק. אויך די אינ־טערנעשאָנאל האָט שוין דעם סטרייק גוטגעהייסען. אָבער אַ סטרייק אין די דזשאָב־דרוקערייען איז ווידער אַמאָל אויסגעמיטען געוואָרען. אין דער סאַמע לעצטער מינוט האָבען די באַלעבאַטים פאָרגעלייגט אַ קאָמ־פּראָמיס־פאָרשלאַג, און די יוניאָן האָט אים אָנגענומען. לויט דעם קאָמ־פּראָמיס זיינען די באַדינגונגען געווען ווי פאָלגט:

1) די אַרבעטס־שטונדען פער וואָך בלייבען 46;

2) די שכירות זיינען דעם ערשטען יאָר — 23 דאָלאַר, דעם צווייטען יאָר — 23.50 דאָלאַר און דעם דריטען יאָר — 24 דאָלאַר;

3) אַ באַלעבאָס זאָל זיין בארעכטיקט אָנצושטעלען אַ „טור־טהוירדער" אויף יעדע צוויי זעצער וואָס ער באשעפטיגט, אָנשטאָט אויף יעדע דריי, ווי פריער.

אַזוי ווי דער קאָנטראַקט איז אונטערגעשריבען געוואָרען ענדע פעב־רואַר, און דאַטירט איז ער געווען דעם 1טען יאַנואַר, האָבען די באַלע־באַטים צוגעשטימט אַז ער זאָל זיך רעכענען פון דעם 1טען יאַנואַר. די באַלעבאַטים האָבען, הייסט עס, זיך פאַרפליכטעט צו באַצאָלען זייערע זעצער די העכערונג אין די שכירות פון דעם אָנהויב פון יאָר.

# אַ סטרייק אין דער „וואָרהייט״

אין אַפּריל 1912 איז אויסגעבראָכען אַ סטרייק פון די זעצער אין דער „וואָרהייט״. דער טערמין „אויסגעבראָכען״ פּאַסט זיך דאָ זעהר גוט, ווייל קיינער האָט דעם סטרייק ניט באַשלאָסען, קיינער האָט אים ניט געפּלאַנט, ער איז געקומען פון זיך אַליין, ספּאָנטאַן. פּאַסירט האָט עס אַזוי:

איינער פון די זעצער אין דער „וואָרהייט״ איז קראַנק געוואָרן. דער פאָרמאַן פון דער זעצעריי אין דער „וואָרהייט״ איז געווען ה. ראָזענסאָן, וועלכער איז אויך געווען דער פּרעזידענט פון דער יוניאָן. האָט ראָזענסאָן אויפ׳ן פּלאַץ פון דעם קראַנקען אָנגעשטעלט אַ זעצער פון דער רייע פון דער יוניאָן. אויף מאָרגען האָט ראָזענסאָן גראָד ניט געאַרבעט. ווען לואי מילער, דער רעדאַקטאָר און הויפּט באַלעבאָס פון דער צייטונג, איז אריינגעקומען און דערזען אַ נייעם זעצער ביי דער אַרבעט, האָט ער אים געזאָגט אַז ער זאָל מאָרגען מער ניט קומען, און אויף זיין פּלאַץ האָט ער אָנגעשטעלט אַן אַנדער זעצער.

דאָס איז געווען אַ געוואַגטע האַנדלונג פון מילער׳ס זייט. ער האָט גאַנץ גוט געוואוסט, אַז איינער פון די ערשטע כללים פון דער יוניאָן איז, אַז אַ זעצער טאָר ניט אַליין גיין צו אַ באַלעבאָס בעטען אַרבעט, און אַז אַ באַלעבאָס טאָר ניט אַליין אָנשטעלען אַ זעצער, נאָר ער דאַרף זיך ווענדען צו דער יוניאָן ווען ער דאַרף אַ זעצער. זייענדיק אַ לאָיער, האָט ער אויך געוואוסט, אַז אפילו לויט דער קאָנסטיטוציע פון דער אינטערנעשאָנאַל טייפּאָגראַפיקאַל יוניאָן, וואָס איז גילטיג פאַר אַלע אירע לאָקאַלס, דאַרף אָנשטעלען נייע אַרבעטער ניט דער באַלעבאָס אַליין, נאָר דער פאָרמאַן, וועלכער איז דעם באַלעבאָס׳ פאָרטרעטער, הגם ער מוז אויך זיין אַ מיטגליד פון דער יוניאָן. אָבער אַזוי ווי לואי מילער איז בכלל געווען אַ געוואַגטער מענש, האָט ער אוועקגעשיקט דעם זעצער וואָס זיין אייגענער פאָרמאַן האָט געהאַט אָנגעשטעלט צו דער אַרבעט און האָט אָנגעשטעלט אַן אַנדערען, כאָטש ער האָט געוואוסט אַז ער האָט קיין רעכט ניט דאָס צו טאָן.

די זעצער אין דער „וואָרהייט״ זיינען געווען גוואַלדיג אויפגעבראכט פון מילער׳ס האַנדלונג. אָבער אַזוי ווי ראָזענסאָן, דער פאָרמאַן פון שאָפּ און דער פּרעזידענט פון דער יוניאָן, איז ניט געווען, האָבען זיי באַשלאָסען צו וואַרטען ביז מאָרגען, ווען ראָזענסאָן וועט זיין אין שאָפּ. ווען דער

זעצער איז אויף מאָרגען געקומען צו דער אַרבעט, האָט אים ראָזענסאָן געזאָגט אַז ער קען דאָ ניט אַרבעטען. אין מיטען די רייד איז אָנגעקומען מילער, און ער האָט דערקלערט אַז דער זעצער וועט יאָ אַרבעטען. ראָזענסאָן האָט אויפמערקזאם געמאכט מילער'ן, אַז לויט די געזעצען פון דער יוניאָן איז דער זעצער ניט בארעכטיגט צו דער אַרבעט, און אַז מיט זיין האַנדלונג ברעכט ער, מילער, דעם קאָנטראַקט וואָס ער האָט אונטער־געשריבען מיט דער יוניאָן. דערויף האָט מילער געענטפערט, אַז דער זעצער מוז בלייבען אַרבעטען אין שאָפּ, ווייל אַזוי וויל ער, און אויב די אנדערע זעצער געפעלט עס ניט קענען זיי זיך גיין.

האָבען אַלע זעצער זיך אויפגעהויבען און זיינען ארונטער. געבליבען ביי דער אַרבעט איז בלויז דער זעצער, פאַר וועלכען מילער האָט זיך איינגעשטעלט.

גענוי, וואָס מילער האָט געזאָגט, און וואָס ראָזענסאָן האָט געזאָגט ווען זיי זיינען ביידע געווען אויפגערעגט, איז קיינמאָל ניט פעסטגעשטעלט געוואָרען. מילער האָט געלייקענט, אַז ער האָט געזאָגט: „אויב די אנדערע זעצער געפעלט עס ניט קענען זיי זיך גיין". ער האָט גע'טענה'ט, אַז דער סטרייק איז אַן אומבארעכטיגטער, אַן אומגעזעצלאכער. מיט וואָס פאַר אַ רעכט, — האָט מילער געזאָגט, — גייען דאָס אַרבעטער ארונטער אין סטרייק דערפאַר, וואָס דער באלעבאָס שטעלט אָן צו דער אַרבעט אַ מיטגליד פון זייער אייגענער יוניאָן? די יוניאָן מוז דערקלערען דעם סטרייק פאַר אַן אומגעזעצלאכען און צווינגען די סטרייקער צוריקגיין צו דער אַרבעט, אָדער שיקען אַנדערע זעצער אויף זייערע פּלעצער. אַזוי האָט געפאָדערט לואי מילער. ניט מער און ניט ווייניגער.

ראָזענסאָן, ווידער, האָט גע'טענה'ט אַז אַזוי ווי מילער האָט די זעצער געהייסן גיין — זיינען זיי געגאנגען. לויט זיין אויסטייטשונג איז אויס־געקומען, אַז מילער האָט געמאַכט אַ „לאָקאַוט" אויף די זעצער, און די יוניאָן מוז דעם קאמף אויפנעמען.

קיין צייט פאַנאַנדערצוקלייבען זיך אין דעם ענין איז ניט געווען. די עקזעקוטיוו קאָמיטע פון דער יוניאָן איז געשטאנען פאַר אַ פאַרטיגען פאַקט — פאַר אַ סטרייק, וואָס הגם די יוניאָן האָט אים ניט באשלאָסען, ניט ארויסגערופען, איז ער אָבער געווען אַן אמת'ער סטרייק. און אַז אַ יוניאָן געפינט זיך אין אַ קאַמף, קען מען זיך ניט אוועקשטעלען גריבלען אין איינצעלהייטען; דער קאַמף מוז קודם כל געוואונען ווערען.

די ערשטע אויפגאַבע, וואָס איז געשטאנען פאַר דער פירערשאפט, איז געווען צו באקומען אַ סאַנקציע פאַר דעם סטרייק פון דער אינטער־נעשאָנאַל. גראַד איז דער פּרעזידענט פון דער אינטערנעשאָנאַל, לינטש, דעם טאָג געווען אין ניו יאָרק. אַ קאָמיטע פון דער יוניאָן האָט זיך גע־

טראָפען מיט אים, דערציילט אים וואָס דאָ איז פאָרגעקומען, און ער האָט מסכים געווען צו סאנקציאָנירען דעם סטרייק אַלס ענטפער אויף אַ „לאָק־אוט". נאָך אַן אויסטויש פון טעלעגראמעס מיט די אנדערע מיטגלידער פון עקזעקוטיוו קאָונסיל פון דער אינטערנעשאָנאל, איז דער סטרייק סאנקציאָנירט געוואָרען פון דעם גאנצען קאָונסיל.

קוים האָט די אינטערנעשאָנאל דעם סטרייק גוטגעהייסען, איז דער קאַמף שוין געווען האַלב־געוואונען. דעם זעלבען אָוונט האָט דער „עלייד פּרינטינג טריידס קאָונסיל", די צענטראַלע קערפּערשאַפט פון אַלע דרוקער־יוניאָנס אין ניו יאָרק, ביי זיינעם אַ מיטינג אינדאָרסירט דעם סטרייק און באַפוילען אַלע יוניאָנס, וועמעס מיטגלידער עס אַרבעטען אין דער „וואָרהייט", צו פארלאָזען דעם שאָפּ. די סטערעאָטייפּערס, די מיילערס, די מאַשיניסטען האָבען תיכף פאַרלאָזען די „וואָרהייט".

דעם זעלבען אָוונט איז אויך אָפּגעהאַלטען געוואָרען אַ קאָנפערענץ מיט די ארויסגעבער פון דער „וואָרהייט" וועגען שליכטען דעם סכסוך. די קאָנפערענץ איז געהאַלטען געוואָרען אין דעם דעמאָלט בארימטעסטען רעסטאָראַן אויף דער איסט סייד, אין לאָרבער'ס רעסטאָראַן אויף גרענד סטריט. אין דער קאָנפערענץ האָבען אָנטייל גענומען אַ קאָמיטע פון דער יוניאָן צוזאַמען מיט'ן אָרגאַנייזער פון דער אינטערנעשאָנאַל, דזשאָן מעק־לאָפלין; לואי מילער און הערמאַן פאַלײ, די אייגענטימער פון דער „וואָר־הייט"; הערמאַן ראָבינסאָן, אָרגאַנייזער פון דער „אמעריקען פעדערייישאָן אָוו לייבאָר", און יוסף באַראָנדעס, דער שטענדיגער גוטער פריינט פון דער יוניאָן וועלכער איז אויך געווען מילער'ס אַ פערזענלאכער פריינט. די קאָנפערענץ האָט אָבער גאָרנישט געקענט דערגרייכען, וויל מילער איז דורכאויס באשטאנען אויף דעם, אַז דער זעצער וואָס ער האָט אָנגעשטעלט מוז בלייבען אַרבעטען, און די פּאַרטרעטער פון דער יוניאָן האָבען אויף דעם ניט געקענט איינגיין.

אויף מאָרגען — פרייטאָג, דעם 26טען אַפּריל — איז די „וואָרהייט" ניט דערשינען. דאָס האָט געהאָט די געהעריגע ווירקונג אויף די ארויס־געבער פון דער צייטונג. זיי האָבען געשיקט באַראָנדעס'ן אַלס זייער פאַרטרעטער צו פארהאנדלען מיט דער יוניאָן וועגען מאכען אַ סוף צום סטרייק. נאָכדעם ווי באַראָנדעס האָט קאָנפערירט מיט די באַאַמטע און אַ קאָמיטע פון דער יוניאָן, האָט מען זיך געאייניגט צוריקצורופען דעם סטרייק אויף פאָלגענדע באדינגונגען:

1) דער זעצער, וואָס מילער האָט אָנגעשטעלט, זאָל אָוועקגעשיקט ווערען;

2) יעדערער פון די סטרייקער זאָל צוריק אָנגעשטעלט ווערען אויף

זײן פריערדיגען פּלאַץ און בײ דער זעלבער אַרבעט בײ װעלכער ער האָט פריער געאַרבעט;

3) די „װאָרהײט‟ זאָל ניט אַטאַקירען דער יוניאָן, ניט עדיטאָריעל און ניט אויף אַן אנדער אופן;

4) די זעצער זאָלען באהאנדעלט װערען אַזוי, װי קײן זאך װאָלט ניט פאָרגעקומען;

5) די יוניאָן, פון איר זײט, װעט ניט באשטראָפען דעם זעצער, צוליב װעמען דער קאמף איז ארויסגעקומען.

בײם מיטינג פון דער יוניאָן איז דער סטרײק צוזאַמען מיט זײן ליקװידירונג, נאַטירלאך, גוטגעהײסען געװאָרען. קײנער פון די מיטגלידער איז ניט געװען גענײגט זיך ארײנצולאָזען אין חקירות, צי דער סטרײק איז געװען אַ בארעכטיגטער אָדער ניט. אַלע זײנען געװען העכסט צופרידען, װאָס דער סכסוך איז אַזוי שנעל געשליכטעט געװאָרען.

אַלץ װאָס דער יוניאָן איז געבליבען צו טאָן, איז אָפיציעל צו באַדאנקען, ערשטענס, די יוניאָנס פון די אַנדערע מעכאַנישע דעפּאַרטמענטס פאר זײער שנעלען סאָלידאַריזירען זיך מיט דער יוניאָן דורך ארונטערנעמען זײערע מיטגלידער פון דער „װאָרהײט‟, און, צװײטענס, יוסף באַראָנדעס'ן פאַר זײן מי צו ברענגען דעם סכסוך צו אַ שנעלען און זיגרײכען סוף.

# דער שרייבער־סטרייק

א יוניאָן פון שרייבער. — די שרייבער גייען ארויס אין סטרייק. — דער שרייבער־סטרייק ווערט ליקווידירט.

ביז דעם יאָר 1912 זיינען די שרייבער געווען די איינציגע גרופּע אין די אידישע צייטונגען, וואָס איז ניט געווען אָרגאַניזירט. דאָס הייסט ניט, אַז יעדער איינצעלנער שרייבער איז אַליין געווען בכח צו צווינגען זיין באַלעבאָס צו געבען אים גוטע אַרבעטס־באַדינגונגען און אָנשטענדיגע שכירות, און ער האָט דעריבער קיין יוניאָן ניט געדאַרפט. גראָד פאַרקערט. די מערכה פון די שרייבער איז געווען זעהר אַ טרויעריגע. אין פארגלייך מיט די אָרגאַניזירטע אַרבעטער פון די מעכאַנישע דעפּאַרטמענטס, זיינען די שרייבער געווען די ערגסט־באַצאָלטע, און פון אַרבעטען באַשטימטע שטונדען האָבען זיי אודאי ניט געוואוסט. אין אַ פּאָר פאַלען האָבען די שרייבער פון איינציגע צייטונגען רעבעלירט געגען די שלעכטע אַרבעטס־באַדינגונגען און זיינען ארויס אין סטרייק. זיי האָבען אָבער גאָרנישט אויסגעפירט. זייערע פּלעצער זיינען באַלד אויסגעפילט געוואָרען, און די סטרייקער זיינען געבליבען אין דרויסען.

פאַר וואָס די שרייבער זיינען ניט געווען אָרגאַניזירט איז ניט שווער צו פארשטיין. פּשוט, שרייבעריי איז ניט באַטראַכט געוואָרען פאַר אַ מלאָכה נאָר פאַר אַ קונסט. ניט די שרייבער גופא האָבען זיך באַטראַכט אַלס מאַטעריאַל פאַר אַ יוניאָן, און ניט די אַלגעמיינע געזעלשאַפט האָט אויף זיי געקוקט ווי אויף אַרבעטער, וואָס דאַרפען האָבען אַ יוניאָן.

## אַ יוניאָן פון שרייבער

ערשט אין 1912 האָט אַ גרופּע טיכטיגע שרייבער זיך ארומגעזעהן, אַז אייגענטלאך איז ניטאָ קיין אורזאַך, פאַר וואָס פון די אַלע אַרבעטער אויף די טעגלאַכע צייטונגען זאָלען בלויז די שרייבער בלייבען ניט־אָרגאַניזירט און אַז זיי זאָלען עקספּלואַטירט ווערען מער ווי די אַנדערע. אויף דער איניציאַטיווע פון אָט דער גרופּע איז אָרגאַניזירט געוואָרען אַ שרייבער־יוניאָן. פאַרשטייט זיך, ניט אַלע שרייבער האָבען זיך תיכף אָנגעשלאָסען אָן דער יוניאָן, און ניט אַלע וואָס האָבען זיך אָנגעשלאָסען האָבען דאָס געטאָן מיט'ן גאַנצען האַרצען, אָבער צום ערשטען מאָל אין דער געשיכטע פון דער אידישער שרייבער־פּראָפעסיע איז געווען אַן אָרגאַניזאַציע פון

שרייבער וואָס האָט פּאַרדינט דעם נאָמען יוניאָן, וואָרים אָן איר זיינען געווען אָנגעשלאָסען שרייבער פון אַלע אידישע ציימונגען.

כדי צו הויבען די חשיבות פון דער נייער אָרגאַניזאַציע סיי אין די אויגען פון די שרייבער גופא און סיי אין די אויגען פון דער עפענטלאכער מיינונג, און כדי צו פאַרבינדען זיך נענטער מיט די אַנדערע אָרגאַניזירטע אַרבעטער פון די ציימונגען, האָט די נייע אָרגאַניזאַציע זיך געווענדט צו דער אינטערנעשאָנאַל טייפּאָגראַפיקאַל יוניאָן, אַז זי זאָל אויפנעמען די שרייבער־יוניאָן אלס לאָקאַל פון דער אינטערנעשאָנאַל.

די אָרגאַניזירונג פון די שרייבער איז, צוליב פאַרשטענדלאכע טעמים, צוגעגאנגען שטיל, כמעט געהיים. איין שיינעם טאָג האָט ראָזענסאָן, דער פּרעזידענט פון דער אידישער שריפטזעצער יוניאָן, צוזאַמענגערופען אַ מיטינג פון אַן ענגען קרייז פירענדע מיטגלידער פון דער יוניאָן און זיי פאַרטרויט וואָס עס גייט פאָר. ער האָט זיי דערציילט, אַז די שרייבער האָבען זיך אָרגאַניזירט; אַז זיי האָבען געמאַכט אַן אַפּליקאַציע צו דער אינטערנעשאָנאַל נאָך אַ טשאַרטער; אַז זיי האָבען זיך געווענדט צו אים, צו ראָזענסאָנען, מיט אַ ביטע אַז די אידישע שריפטזעצער יוניאָן זאָל זיי ניט שטערען באַקומען דעם טשאַרטער, און ער האָט עס זיי צוגעזאָגט. ראָזענסאָן האָט אויך באַריכטעט, אַז פּרעזידענט לינטש און סעקרעטערי העיז פון דער אינטערנעשאָנאַל וועלען קירצלאַך זיין אין ניו יאָרק כדי אויפצונעמען די פראַגע וועגען ארויסגעבען אַ טשאַרטער צו די שרייבער.

אַלע אנוועזענדע ביי יענעם ענגען מיטינג האָבען איינגעשטימט, אַז ראָזענסאָן האָט געהאַנדעלט ריכטיג. הגם דער געדאַנק פון אַ יוניאָן פון שרייבער איז דעמאָלט נאָך געווען פרעמדלאַך, און הגם אין די ענגלישע און דייטשע ציימונגען זיינען די שרייבער נאָך ניט געווען אָרגאַניזירט, — האָט אָבער די יוניאָן ניט געקענט זיין געגען דעם, אַז די שרייבער זאָלען זיך אָרגאַניזירען. די יוניאָן האָט אַלעמאָל געשטרעבט צו העלפען אָרגאַניזירען די אַנדערע אַרבעטער וואָס אַרבעטען צוזאַמען מיט די זעצער, און מאַכען אַן אויסנאָם מיט די שרייבער האָט זי ניט געקענט און ניט געוואָלט.

אָבער אַזוי ווי דער געדאַנק וועגען אַ שרייבער־יוניאָן איז פאָרט געווען אַ נייער, צו וועלכען קיינער איז נאָך ניט געווען צוגעוואוינט — ניט די אַרבעטער, ניט די עפענטלאכע מיינונג און די באַלעבאַטים אודאי ניט — איז ביי אָט דעם מיטינג באַשלאָסען געוואָרען איינצולאַדען אַ קאָמיטע פון די שרייבער צו אַ קאָנפערענץ, אום זיך צו באַקענען מיט די באַלדיגע פּלענער פון די שרייבער און וואָס זיי דערוואַרטען פון דער יוניאָן.

די שרייבער האָבען דערוויילט אַ קאָמיטע פון עדלין און זווירין צו קאָנפערירען מיט אַ קאָמיטע פון דער יוניאָן. ביי דער דאָזיגער קאָנפע־

רענץ האָבען די פארטרעטער פון דער יוניאָן די שרייבער דערקלערט, מ׳קען זאָגען מיט ברוטאַלער אָפענהערציגקייט, אַז זיי זאָלען ניט מיינען, אַז די יוניאָן וועט תיכף ארויס אין אַ סימפאַטיע־סטרייק מיט די שרייבער; אַז פריער מוזען די שרייבער באַווייזען, צי זיי קענען און ווילען זיין יוניאָן־לייט; אַז לויט די געזעצען פון דער אינטערנעשאָנאַל קען אַ נייע יוניאָן ניט באַקומען קיין ערלויבניש צו סטרייקען דאָס ערשטע יאָר. די פאַר־טרעטער פון די שרייבער האָבען געענטפערט, אַז דאָס אַלץ ווייסען זיי זעהר גוט; אַז זיי ווילען באַקומען אַ טשאַרטער פון דער אינטערנעשאָנאַל ניט כדי די זעצער זאָלען פאַר זיי סטרייקען, נאָר כדי צו געווינען פּרעס־טיזש דורך דעם; אַז ווען זיי וועלען האָבען אַ טשאַרטער, וועט דאָס ווירקען אויף די באַלעבאַטים אַז זיי זאָלען מיט די שרייבער פאַרהאַנדלען קאָ־לעקטיוו; אַז פון דער יוניאָן פאַרלאַנגען זיי בלויז, זי זאָל זיי ניט שטערען באַקומען אַ טשאַרטער פון דער אינטערנעשאָנאַל. דערהערט אַזעלכע רייד, האָט די שריפטזעצער־קאָמיטע די שרייבער פאַרשפּראָכען, אַז ניט נאָר וועט די יוניאָן ניט זיין געגען ארויסגעבען אַ טשאַרטער, נאָר זי וועט אויס־איבען איר גאַנצען איינפלוס אַז דער פאַרלאַנגטער טשאַרטער זאָל באַוויליגט ווערען.

אין גיכען זיינען די באַאַמטע פון דער אינטערנעשאָנאַל געקומען קיין ניו יאָרק. זיי האָבען אויפגענומען מיט די באַאַמטע פון דער יוניאָן די פראַגע וועגען ארויסגעבען אַ טשאַרטער צו די שרייבער. נאָכדעם ווי אַ קאָמיטע פון דער יוניאָן האָט ווידער אַמאָל אָפּגעהאַלטען אַ קאָנפערענץ מיט פארטרעטער פון די שרייבער און די שרייבער האָבען קלאָר געמאַכט זייערע פאַרלויפיגע צילען, האָט די יוניאָן דעם פאַרלאַנג פון די שרייבער געשטיצט און אַ טשאַרטער איז ארויסגעגעבען געוואָרען.

גלייך נאָכדעם ווי די שרייבער יוניאָן האָט געקראָגען דעם טשאַרטער, איז אַ קאָמיטע פון די שרייבער געקומען צום מיטינג פון דער יוניאָן און אָפיציעל געלאָזט וויסען, אַז זיי זיינען אַ געטשאַרטערטער לאָקאַל פון דער אינטערנעשאָנאַל, און זיי האָבען אויסגעדריקט די האָפענונג און דערוואַר־טונג, אַז ביידע יוניאָנס וועלען פון היינט אָן און ווייטער שטיצען איינס דאָס אַנדערע.

די פאַרטרעטער פון דער שרייבער־יוניאָן זיינען ענטוזיאַסטיש אויפ־גענומען געוואָרען פון די מיטגלידער פון דער יוניאָן און אַ רעזאָלוציע איז אָנגענומען געוואָרען, אין וועלכער די יוניאָן האָט אויסגעדריקט איר ברידער־לאַכע סאָלידאַריטעט מיט דער שרייבער־יוניאָן. חוץ דעם, וואָס דאָס איז געווען אַ נאַטירלאַכער אויסדרוק פון סאָלידאַריטעט פון איין יוניאָן צו אַ צווייטער, האָט די רעזאָלוציע געהאַט נאָך אַ צוועק — צו באַוועגען די באַלע־באַטים צו פאַרהאַנדלען מיט דער שרייבער־יוניאָן.

## די שרייבער גייען ארויס אין סטרייק

עס איז אוועק אַ קורצע צייט. די שרייבער האָבען געשטעלט פאָדערונגען צו די ארויסגעבער. די פאָדערונגען זיינען צוריקגעוויזען געוואָרען, און די שרייבער האָבען אָנגעהויבען ריידען וועגען אַ סטרייק.

אַ קאָמיטע פון דער יוניאָן האָט געראָטען די שרייבער קיין זאַך ניט צו טאָן, איידער זיי וועלען זיך בעראָטען מיט די באַאַמטע פון דער אינטערנעשאָנאל. די קאָמיטע האָט צוגעזאָגט צו באוועגען די באַאַמטע פון דער אינטערנעשאָנאל צו קומען קיין ניו יאָרק, וואו דער ענין סטרייק זאָל אַלזייטיג ארומגערעדט ווערען.

די אינטערנעשאָנאל־באַאַמטע זיינען געקומען און האָבען זיך באגעגענט מיט די קאָמיטעס פון די שרייבער און פון די זעצער. פּרעזידענט לינטש האָט אָפּגעשלאָגען פון אַ סטרייק. די יוניאָן פון די שרייבער איז נאָך צו יונג פאַר אַ סטרייק, האָט ער געזאָגט. די שרייבער־קאָמיטע האָט אָבער גע'טענה'ט, אַז אַלץ וואָס זיי ווילען איז קריגען אַ סאַנקציע צו סטרייקען. וועלען זיי נאָר אזא סאנקציע באקומען, וועט עס האָבען די געהעריגע ווירקונג און קיין סטרייק וועט ניט נויטיג זיין. זיי דערוואַרטען ניט קיין פינאנציעלע שטיצע פון דער אינטערנעשאָנאל, האָבען זיי דערקלערט. אַלץ וואָס זיי פארלאנגען איז, אַז די אינטערנעשאָנאל זאָל גוטהייסען אַ סטרייק.

מר. לינטש האָט קלאָר געמאכט פאַר דער שרייבער־קאָמיטע, אַז זי זאָל ניט בויען אויף דעם, אַז די זעצער וועלען ארויסגיין אין אַ סימפּאטיע־סטרייק מיט די שרייבער. די זעצער האָבען אַ קאָנטראַקט מיט די באַלעבאטים; בעת דער קאָנטראַקט איז אונטערגעשריבען געוואָרען זיינען די שרייבער נאָך ניט געווען אָרגאניזירט און דעריבער איז ניט חל אויף זיי דער פּונקט אינ'ם קאָנטראַקט, אַז אין פאַל פון אַ סטרייק פון אַן אַנדער פאַך ווערט דער קאָנטראַקט בטל; די זעצער וועלען זייערע פּלעצער ניט קענען פארלאָזען, וואָרים די אינטערנעשאָנאל וועט זיי קיינמאָל ניט דערלויבען צו ברעכען זייער קאָנטראַקט.

דערויף האָט די שרייבער־קאָמיטע געענטפערט, אַז זיי האָבען גאָר ניט בדעה ארייגצושלעפּען די זעצער אין אַ סטרייק; אַז זיי ווילען בלויז די גוטהייסונג פון אַ סטרייק, כדי צו באוועגען די באַלעבאַטים צו פארהאנדלען מיט זיי.

דעמאָלט האָט פּרעזידענט לינטש זיך געווענדט צו דער קאָמיטע פון די זעצער און געפרעגט ביי זיי וואָס זיי דענקען וועגען סאנקציאָנירען אַ סטרייק פון די שרייבער, און די זעצער האָבען דעם פארלאנג פון די שרייבער געשטיצט. לינטש האָט געגעבען אָנצוהערען, אַז דער עקזעקוטיוו־קאָונסיל וועט וואַרשיינלאך געבען זיין סאנקציע פאַר אַ סטרייק. ער האָט

אָבער נאָך אמאָל געוואָרענט די שרייבער, אַז די אינטערנעשאָנאל וועט זיך ניט לאָזען צו ווייט פאַרוויקלען אין דעם סטרייק.

מיט דעם האָט די קאָנפערענץ זיך פאַרענדיגט. אַזוי גיך ווי דער עקזעקוטיוו־קאָונסיל איז זיך צונויפגעקומען אין אינדיאנאַפּאָליס איז דער סטרייק פון די שרייבער גוטגעהייסען געוואָרען.

באוואָפענט מיט דער סאַנקציע פון דער אינטערנעשאָנאל, האָט די שרייבער־יוניאָן ארויסגערופען די שרייבער אין סטרייק. גערעכענט האָבען זיי, אַז די ארויסגעבער וועלען זיך גלייך אונטערגעבען. אויסגעלאָזען האָט זיך אָבער אַנדערש. די צייטונגען זיינען ווייטער דערשינען אַזוי ווי קיין סטרייק וואָלט גאָר ניט געווען. די נייעס פון טאָג איז איבערגעדרוקט געוואָרען פון „פאָרווערטס", וואו קיין סטרייק איז ניט גערופען געוואָרען, וואָרים דער „פאָרווערטס" האָט פארשפּראָכען נאָכצוקומען די זעלבע באַדינגונגען וואָס עס וועלען אויסגעקעמפט ווערען אין די אנדערע צייטונגען; אַרטיקלען זיינען איבערגעדרוקט געוואָרען פון די רוסיש־אידישע צייטונגען; און דאָס איבעריגע איז אויסגעפילט געוואָרען מיט ראָמאַנען פון אַלטע צייטונגען.

ביז דעם סטרייק איז וויליאם עדלין געווען דער וואָרט־פירער פון די שרייבער. ווען דער סטרייק האָט זיך אָנגעהויבען האָט זיך געיאָוועט אַ געוויסער מר. טשאַרלס, און ער איז געוואָרען דער פירער פון דעם סטרייק. אָט דער מר. טשאַרלס האָט זיך ארומגעטראָגען מיט'ן געדאנק צו אָרגאַניזירען די שרייבער פון אַלע צייטונגען, די דייטשע און ענגלישע איינגעשלאָסען. הגם ער איז געווען שוין אַן עלטערער מענש, איז ער אָבער געווען אַ געוואַלדיגער היץ־קאָפּ און אַ טאַקטלאָזער מענש. חוץ דעם, וואָס די באַלעבאָטים האָבען גאָר ניט געוואָלט פאַרהאַנדלען מיט טשאַרלס'ן, וועלכער איז געווען אַ גוי, אַן עלזאַסער דייטש, דאָס הייסט אַ פרעמדער מענש, האָט טשארלס אָנגעהויבען געבען אינטערוויוס אין די גרויסע צייטונגען, וואו ער האָט זיך שוין אָנגעהויבען בארימען אַז אַזוי שנעל ווי ער וועט פארטיג ווערען מיט'ן אָרגאַניזירען די אידישע שרייבער וועט ער זיך נעמען פאַר די גרויסע דייטשע און ענגלישע צייטונגען. אָט די טאַקטלאָזע האנדלונג טשארלס'עס האָט פון דעם שרייבער־סטרייק אין די אידישע צייטונגען געמאַכט אַ פראַגע פון נאַציאָנאַלען פאַרנעם, און דאָס האָט געפירט צום דורכפאַל פון סטרייק.

גלייך ווי דער סטרייק האָט אויסגעבראָכען איז אַ קאָמיטע פון דער שרייבער־יוניאָן דערשינען פאַר דעם מיטינג פון דער שריפטזעצער יוניאָן און געבעטען מ'זאָל זיי העלפען ארויסגעבען אַ צייטונג, כדי זיי זאָלען האָבען אַ מעגלאכקייט פאַרצולייגען זייער צד פאַר דער עפענטלאכקייט. אַכט זעצער האָבען וואָלונטירט צו גיין אַרבעטען פריי אויף דער שרייבער־

ציטונג, און עס איז ארויס אַ ציטונג אונטער'ן נאָמען „די אידישע פרעסע".

די באַלעבאַטים האָבען אָבער ניט ארויסגעוויזען קיין סימן פון גרייט־קייט נאָכצוגעבען די באַדינגונגען פון די שרייבער. ביים נעקסטען מיטינג פון דער שריפטזעצער יוניאָן איז ווידער דערשינען אַ קאָמיטע פון די שרייבער, מיט טשאַרלס'ן בראש, און דעם מאָל האָט שוין די קאָמיטע פאַרלאַנגט, אַז די זעצער זאָלען ארויס אין סטרייק צו העלפען די שרייבער געווינען דעם קאַמף.

איצט איז געווען אַן ארויסגעוואָרפענע אַרבעט צו דערמאָנען די שריי־בער, וואָס לינטש האָט זיי געזאָגט איידער ער האָט מסכים געווען צו רעקאָ־מענדירען צום עקזעקוטיוו־קאָונסיל גוטצוהייסען אַ סטרייק. איצט האָבען די שרייבער זיך געפונען אין אַ קאַמף, און עס איז גלייך פון אָנהויב געווען קלאָר אַז אָהן דער שטיצע פון די זעצער וועלען זיי דעם סטרייק פאַרלירען. די שריפטזעצער יוניאָן האָט געמוזט עפּעס טאָן.

נאָך אַ שטורמדיגען מיטינג, וואָס האָט געדויערט ביז פאַרטאָג, האָט די יוניאָן אויסגעוויילט אַ קאָמיטע צו שרייבען צו דער אינטערנעשאָנאַל און בעטען זי זאָל דערלויבען אַ סימפּאַטיע־סטרייק פון די זעצער. די קאָמיטע איז באַשטאַנען פון גאָטעסמאַן, דראָשער און שיינפעלד.

דער בריוו צו דער אינטערנעשאָנאַל איז תיכף אָוועקגעשיקט גע־וואָרען. אין אים איז באַטאָנט געוואָרען, אַז די שרייבער קענען דעם סטרייק ניט געווינען אָהן אַ סימפּאַטיע־סטרייק פון די אַנדערע פאַכען; אַז דער דורכפאַל פון דעם שרייבער־סטרייק וועט זיין אַ שטאַרקער קלאַפּ פאַר דער אידישער שריפטזעצער יוניאָן, און דעריבער מוז די אינטערנעשאָנאַל דערלויבען די זעצער ארויסגיין אין סטרייק.

גלייכצייטיג האָט די קאָמיטע רעקאָמענדירט, אַז די שרייבער זאָלען שיקען זייערען אַ פאַרטרעטער קיין אינדיאַנאַפּאָליס און זען ווירקען אויפ'ן עקזעקוטיוו־קאָונסיל, אַז ער זאָל דערלויבען די זעצער ארויסגיין אין אַ סימפּאַטיע־סטרייק מיט די שרייבער. י. י. פרידמאַן איז געפאָרען קיין אינדיאַנאַפּאָליס אַלס פאַרטרעטער פון די שרייבער.

אָבער אַזוי ווי טשאַרלס'עס טאַקטלאָזע האַנדלונג האָט געמאַכט פון דעם שרייבער־סטרייק אַ פראַגע פון נאַציאָנאַלען פאַרנעם, און די „אַמערי־קען ניוספּייפּער פּאַבלישערס אַסאָסיאיישאָן" האָט געלאָזט וויסען דעם עקזעקוטיוו־קאָונסיל, אַז אויב ער וועט דערלויבען די אידישע זעצער ארויס־צוגיין אין אַ סימפּאַטיע־סטרייק, וועט זי דאָס באַטראַכטען פאַר אַ ברוך פון קאָנטראַקט, — האָט שוין פרידמאַנ'ס שליחות ניט געקענט געקרוינט ווערען מיט דערפאָלג. ניט נאָר האָט דער עקזעקוטיוו-קאָונסיל ניט גע־וואָלט מסכים זיין צו אַ סימפּאַטיע־סטרייק, נאָר ער האָט אינסטרואירט דעם אָרגאַנייזער פון דער אינטערנעשאָנאַל, מעקלאַפלינען, צו האַלטען אַן אויג

אויף די זעצער, אַז זיי זאָלען ניט מאכען קיין איבעראיילטען שריט. מעק־לאָפלין האָט געוואָרענט דער יוניאָן, אַז אויב זי וועט ארויס אין סטרייק, וועט די אינטערנעשאָנאל צוריקציען איר טשאַרטער.

דעמאָלט האָט די יוניאָן באשלאָסען צו שיקען אַן אייגענעם פאָרטרעטער קיין אינדיאנאַפּאָליס, און זי האָט באַשטימט גאָטעסמאַנען אַלס איר שליח.

גאָטעסמאַן איז געקומען קיין אינדיאנאַפּאָליס און איז גלייך אויפגעטראָטען פאַר'ן עקזעקוטיוו־קאָונסיל. ער האָט געשילדערט פאַר'ן קאָונסיל די לאַגע אויף דער ניו יאָרקער איסט־סייד — אַז די שרייבער וועלען זיכער דעם סטרייק פאַרלירען אָהן אַ סימפּאַטיע־סטרייק פון די זעצער; אַז די אידישע זעצער וועלען זיך שעמען ווייזען די אויגען פאַר דער עפּענטלאכקייט אויב זיי זאָלען ניט קומען די שרייבער צו־הילף; אַז וויבאלד דער עקזעקוטיוו־קאָונסיל האָט געזאָגט „אלף” דורך סאַנקציאָנירען דעם שרייבער־סטרייק מוז ער אויך זאָגען „בית” און גוטהייסען אַ סימפּאַטיע־סטרייק פון די זעצער. גאָטעסמאַן האָט אַפּעלירט צום קאָונסיל אריינצוטראַכטען זיך אין דער שווערער לאַגע, אין וועלכער די אידישע שריפטזעצער יוניאָן געפינט זיך. די אינטערנעשאָנאל קומט זעלטען אויף דער איסט סייד, — האָט ער געזאָגט, — אָבער די אידישע יוניאָן לעבט דאָרטען און אָטעמט דאָרטען, און זי קען ניט די שרייבער פאַרלאָזען.

גאָטעסמאַן האָט גערעדט און גערעדט — און ריידען האָט ער געקענט! — אָבער זיינע רייד האָבען געהאָט אַ קנאַפּע ווירקונג. לינטש האָט אים דערקלערט, אַז, ערשטענס, האָבען די שרייבען באקומען די סטרייק־סאַנקציע אויף דער אויסדריקלאכער פאַרשטענדניש, אַז די אַנדערע פאַכען וועלען אין דעם סטרייק ניט ארייגעצויגען ווערען; צווייטענס, אויב אפילו די אינטערנעשאָנאל איז באגאנגען אַ פעלער סאַנקציאָנירענדיג דעם שרייבער־סטרייק מיינט עס נאָך ניט אַז זי מוז באגיין נאָך אַ פעלער דורך סאַנקציאָנירען אַ סימפּאַטיע־סטרייק פון די זעצער, ספּעציעל ווען דער עניין איז ניט מער קיין לאָקאַלער נאָר אַ נאַציאָנאלער; דריטענס, דענקט ער אַז גאָטעסמאַן דערשיינט דאָ אַלס מליץ־יושר פאַר די שרייבער, און ער גלויבט ניט אַז די אידישע שריפטזעצער־יוניאָן וויל טאַקע סטרייקען.

דערהערט אַזעלכע ווערטער, האָט גאָטעסמאַן געבעטען דעם קאָונסיל זיך צו „פאַרטאַגען” אויף אַ פּאָר טעג, כדי צו געבען אים די מעגלאכקייט צו איבערצייגען דעם קאָונסיל, אַז ער פאַרטרעט די שטימונג פון דער יוניאָן.

גאָטעסמאַן האָט תיכף טעלעגראַפירט קיין ניו יאָרק, אַז די יוניאָן זאָל נעמען אַן אָפּשטימונג וועגען אַ סטרייק. אַ ספּעציעלער מיטינג איז גלייך פאַררופען געוואָרען און אַ סטרייק־אָפּשטימונג איז גענומען געוואָרען. דער

רעזולטאַט פון דער אָפּשטימונג איז געװען: 73 פאַר אַ סטרײַק און 3 געגען. דער דאָזיקער רעזולטאַט איז גלײַך טעלעגראַפירט געװאָרען סײ צו גאַטעסמאַנען און סײ צום עקזעקוטיװ־קאָונסיל.

אױף מאָרגען אין דער פרי איז גאַטעסמאַן דערשינען פאַר דעם עקזעקוטיװ־קאָונסיל שױן באװאָפענט מיט די באַװײַזען, אַז ער רעפּרעזענטירט די יוניאָן. מיט אַמאָל האָט זיך געעפענט די טיר און מ'האָט געמאָלדען דעם קאָונסיל, אַז דער פאַרטרעטער פון דער „אַמעריקען ניוספּײפּער פּאַבלישערס אַסאָסיאײשאַן", מר. קעלאָג, פאַרלאַנגט זאָפאָרט צוגעלאָזען צו װערען.

מר. קעלאָג איז ארײַנגעקומען, און אַ קוק טוענדיג אױף גאַטעסמאַנען האָט ער זיך אָנגערופען: „מײַן קומען אַהער האָט אַ גרױסע שײַכות מיט אָט דעם דזשענטעלמענ'ס אַקטיװיטעט אין אינדיאַנאַפּאָליס. אײדער איך גײט אָן װײַטער מיט די פאַרהאַנדלונגען, װיל איך אײַך פאָרלעזען אַן אינטערװיו, װאָס מר. טשאַרלס, דער פּרעזידענט פון דער שרײַבער יוניאָן נומער 4, האָט ארױסגעגעבען צו דער פּרעסע". און מר. קעלאָג האָט פאָרגעלײענט אַן אינטערװיו, אין װעלכען מר. טשאַרלס האָט דערקלערט, אַז װאָס עס קומט איצט פאָר אױף דער ניו יאָרקער איסט־סײד איז בלױז אַן אָנהױב; אַז די ענגלישע פּרעסע װעט זיך אין אַ גאַנץ קורצער צײַט געפינען פּנים אל פּנים מיט דער זעלבער לאַגע.

נאָכדעם װי מר. קעלאָג האָט געענדיגט לײענען דעם אינטערװיו האָט ער דערקלערט: „איך פאַרטרעט די „אַמעריקען ניוספּײפּער פּאַבלישערס אַסאָסיאײשאַן", פון װעלכער די אידישע פּאַבלישערס זײַנען אַ טײל. מיר האָבען די גאַנצע צײַט געקוקט מיט פאַרדרוס און באַדױערען אױף דעם װאָס עס איז אָנגעגאַנגען אין ניו יאָרק. איצט אָבער הערט די אָפּערע אױף צו זײַן אַ ניו יאָרקער, און דער שריט װעלכען אָט דער דזשענטעלמען (גאַטעסמאַן) װיל אַז איר זאָלט מאַכען װעט באַטראַכט װערען װי אַן ארױסרוף צום קאַמף צו די פּאַבלישערס פון אַמעריקע". בײַ די װערטער האָט ער אַװעקגעלעגט אױפ'ן טיש אַ טעלעגראַמע, װאָס ער האָט דערהאַלטען פון ניו יאָרק, װעלכע איז געװען אונטערגעשריבען פון נאָריס, פון דער „ניו יאָרק טאַימס", און הערמאַן רידער, פון דער ניו יאָרקער דײַטשער „שטאַאַטסצײַטונג". די טעלעגראַמע האָט זיך געלײענט: „סטרײַק־סאַנקציע צו דער היברו אַמעריקען טײַפּאָגראַפיקאַל יוניאָן מײנט די אָפּברעכונג פון די קאָנטראַקטלאַכע באַציאונגען מיט דער אַמעריקען ניוספּײפּער פּאַבלישערס אַסאָסיאײשאַן".

לינטש האָט אױף דעם געענטפערט, אַז די אינטערנעשאָנאַל האָט קײנמאָל ניט געהאַט בדעה אױפצוהײבען אַזאַ באַװעגונג, װי מר. טשאַרלס האָט אין זינען, און זיך רעכענענדיג מיט דער פאָדערונג פון מר. קעלאָג

וועט די אינטערנעשאָנאַל קיין סאַנקציע פאַר אַ סימפּאַטיע־סטרייק פון די זעצער בשום אופן ניט באוויליגען.

## דער שרייבער־סטרייק ווערט ליקווידירט

נאָכדעם ווי מר. לינטש האָט געמאכט זיין דערקלערונג, האָט זיך אויפגעשטעלט ריידען העיז, דער סעקרעטאר־טרעזשורער פון דער אינטער־נעשאָנאַל. דזשאָן העיז איז געווען זעהר אַ געפּילפּולער מענש. טרערען זיינען אים געשטאַנען אין די אויגען בעת ער האָט גערעדט מיט אַ גע־בראָכענער שטימע.

„איך זע איין, — האָט העיז געזאָגט, — אַז אונטער די אומשטענדען איז פאַר דעם עקזעקוטיוו־קאָונסיל אוממעגלאך צו סאַנקציאָנירען אַ סימ־פּאַטיע־סטרייק. איך פאַרשטיי אויך אין וואָס פאַר אַ לאַגע די אידישע שריפטזעצער יוניאָן געפינט זיך. אָבער אַן אָרגאַניזאַציע איז גרויס ניט נאָר דערמיט, וואָס זי קען סטרייקען, נאָר אויך דערמיט, וואָס זי קען זיך צוריק־האַלטען פון אַ סטרייק ווען די סיטואַציע פאָדערט עס. די אידישע זעצער וועלען זיך מוזען צופרידענשטעלען מיט דעם באוואוסטזיין, אַז דער אמת'ער שולדיגער איז מר. טשאַרלס, וועלכער האָט געשטעלט זיין אייגענע „באַ־רימטקייט" העכער פון די אינטערעסען פון די סטרייקענדע שרייבער. אָבער פונדעסטוועגען קען איך ביי זיך ניט פועל'ן צו שטימען געגען סאַנק־ציאָנירען אַ סימפּאַטיע־סטרייק, סיידען מר. קעלאָג וועט זיך אונטערנעמען צו פאַרענדיגען דעם סטרייק אויף אַזעלכע באדינגונגען, אַז קיינער פון די שרייבער זאָל ניט פאַרלירען זיין שטעלע און אַז געגען קיינעם פון זיי זאָלען ניט געמאַכט ווערען קיין דיסקרימינאַציעס".

קעלאָג האָט אָנגענומען העיז'עס באדינגונגען און ער האָט פאַרשפּראָכען, אַז אַלע שרייבער וועלען צוריק אָנגעשטעלט ווערען אויף זייערע פריער־דיגע פּלעצער, און אַז קיין שום דיסקרימינאַציע וועט ניט פּראַקטיצירט ווערען געגען יענע שרייבער, וואָס וועלען ווייטער בלייבען אין דער יוניאָן. עס איז אויסגעאַרבעט געוואָרען אַ געשריבענער אָפּמאַך מיט מר. קעלאָג, אין וועלכען די אויבען־דערמאָנטע פונקטען זיינען איינגעשלאָסען גע־וואָרען, און קעלאָג האָט נאָכאַמאָל צוגעזאָגט, אַז דער אָפּמאַך וועט דורכ־געפירט ווערען פולע הונדערט פּראָצענט.

די שרייבער זיינען געווען אַזוי אנטוישט און אנטריסטעט, אַז זיי זיינען געגאַנגען צוריק צו דער אַרבעט ניט באַנוצענדיג זיך מיט דעם אונ־טערגעשריבענעם אָפּמאַך. פונדעסטוועגען דאַרף באַטאָנט ווערען, אַז דער אָפּמאַך מיט קעלאָג'ן האָט געשפּילט אַ גרויסע ראָלע, אַז די באַלעבאַטים זאָלען צוריק אָנשטעלען אַלע שרייבער אויף זייערע פריערדיגע פּלעצער.

בלויז אין פאַל פון דריי שרייבער זיינען פאָרגעקומען סכסוכים. די ארויסגעבער האָבען זיי ניט געוואָלט צוריק אָנשטעלען. נאָכדעם ווי דאָס איז אויפגענומען געוואָרען פון די באַאַמטע פון דער אינטערנעשאָנאל און מר. קעלאָג, זיינען די דריי שרייבער אויך צוריק אָנגעשטעלט געוואָרען.

אָט אַזוי האָט זיך פאַרענדיגט דער טרויעריגער קאַפּיטעל, וואָס איז באַקאַנט אַלס דער שרייבער־סטרייק, וועלכער קען אויך פאַררעכענט ווערען פאַר איינעם פון די טראַגישסטע קאַפּיטלען אין דער געשיכטע פון דער אידישער שריפטזעצער יוניאָן.

# יוניאָן־וואַרע פאַר יוניאָן־לייט

די „יוניאָן לייבעל פּראָדוקטס טריידינג אַסאָסיאיישאָן".

אין 1912 האָט אַ גרופּע מיטגלידער פון דער יוניאָן אָרגאַניזירט אַן אונטערנעמונג, וואָס האָט זיך געשטעלט דעם ציל צו פאַרשפּרייטען יוניאָן־געמאַכטע סחורות צווישען יוניאָן־לייט און זייערע סימפּאַטיקער.

די יוניאָן גופא איז מיט אָט דער אונטערנעמונג ניט געווען פאַרבונדען אָפיציעל. אָבער אַזוי ווי די אונטערנעמונג איז אָרגאַניזירט און פאַרוואַלטעט געוואָרען פון אָנגעזעענע מיטגלידער פון דער יוניאָן, און די מערסטע מיטגלידער האָבען געקויפט אַקציעס פון דער געזעלשאַפט, קען זי מיט רעכט פאַררעכענט ווערען פאַר אַ יוניאָן־אונטערנעמונג.

אַגב, איז דער פּראָיעקט געווען אַ רעזולטאַט פון דער יוניאָנ׳ס דערגרייכונגען, פון דעם זעקס־שטונדיגען אַרבעטס־טאָג. פריער, ווען זעצער אין די צייטונגען האָבען געאַרבעט פיר שטונדען פאַר קליינע שכירות, זיינען די ענערגישערע מיטגלידער פון דער יוניאָן געווען געצוואונגען צו זוכען עפּעס אַ זייטיגען פאַרדינסט כדי צו קענען זיך דורכלעבען אָנשטענדיג. און פאַר אַנדערע טעטיגקייטען איז ביי זיי קיין צייט ניט פאַרבליבען. אָבער דער זעקס־שטונדיגער אַרבעטס־טאָג האָט זיי געגעבען אַ מעגלאַכקייט צו פאַרדינען אויף חיונה פון דער אַרבעט אַליין, און זייער לידיגע צייט האָבען זיי גענומען פאַרווענדען אויף קהל׳שע טעטיגקייטען. אַ היפּשע צאָל פון די מיטגלידער פון דער יוניאָן זיינען געוואָרען אַקטיווע געזעלשאַפטלאַכע טוער אויף מערערע געביטען. די אָרגאַניזירונג פון אַ געזעלשאַפט צו פאַרשפּרייטען יוניאָן־געמאַכטע וואַרע איז אויך געווען אַן אויסדרוק פון אָט דער טעטיגקייט.

די פּראָבלעם, ווי אַזוי צו מאַכען, אַז יוניאָן־לייט זאָלען קויפען פּראָדוקטען וואָס ווערען אויסגעאַרבעט פון אַנדערע יוניאָן־לייט, איז געווען און איז נאָך איצט זעהר אַן אַקטועלע. די פּראָבלעם באשטייט אין דעם, צו מאַכען, אַז דער אַרבעטער זאָל אויסאיבען אַ ווירקונג אין דעם עקאָנאָמישען לעבען פון דער געזעלשאַפט ניט בלויז אַלס פּראָדוצענט נאָר אויך אַלס קאָנסומענט, אַלס קויפער פון סחורה. דורך דעם, וואָס אַרבעטער וועלען פאַרלאַנגען יוניאָן־געמאַכטע סחורות, מיט דעם יוניאָן־לייבעל, וועלען זיי פאַרגרעסערען די פאָדערונג אויף יוניאָן־וואַרעס און וועלען דערמיט אַ סך פאַרגרינגערען דעם קאַמף פון די אַרבעטער אַלס פּראָדוצענטען, זייער אייגענעם קאַמף.

לײדער אָבער איז די אױפגאבע ניט קײן גרינגע. יוניאָן־װאַרע קאָסט געװײנלאך טײערער — ניט בלױז צוליב דעם, װאָס די פּראָדוקציע קאָסט טײערער, נאָר אױך צוליב דעם, װאָס די פּאַרטײלונג פון אַזעלכע װאַרעס קאָסט טײערער, דערפאַר װײל די נאָכפראַגע אױף זײ איז אַ צו קלײנע. װאָלט מען געקענט באַדײטענד פאַרגרעסערען די נאָכפראַגע, װאָס װאָלט פאַרקלענערט די הוצאה פון פאַרטײלונג, — װאָלט עס געװען דער אָנהױב פון אַ פּראַקטישער לײזונג פון דער פּראָבלעם.

אַ גרופּע טעטיגע מיטגלידער פון דער אידישער שריפטזעצער יוניאָן האָט געדענקט, אַז עס איז כדאַי צו מאכען אַ פּאַרזוך צו לײזען די דאָזיגע פּראָבלעם. זײ האָבען גערעכענט, אַז די פרײע צײט פון די זעצער, װאָס זײ האָבען לרוב, קען זעהר גוט אױסגענוצט װערען, אום אָנצוהױבען אַ נױטיגע אַרבעט, און צו װײזען דעם װעג אױך אנדערע, װי אַזױ יוניאָן־װאַרע קען צוגעשטעלט װערען פאַר די זעלבע אָדער כמעט די זעלבע פרײזען װי ניט־יוניאָן װאַרע.

די גרופּע, װאָס איז באַהערשט געװען פון דעם געדאַנק פון אַזאַ אונטערנעמונג און איז מיט באַגײסטערונג צוגעטראָטען זי צו פאַרװירק־לאַכען, איז באַשטאַנען פון די פאָלגענדע מיטגלידער פון דער יוניאָן: א. גאָטעסמאַן, א. יאָזעפסאָן, מ. ראָזענבלום, מ. ליבערמאַן, ה. מישקינד, דזש. שקלאַרין, ה. דובראָװ און ש. שײנפעלד; אױך דזשאָרדזש סטײן, פון דער ענגלישער שריפטזעצער יוניאָן נומער 6.

## די „יוניאָן לײבעל פּראָדוקטס טרײדינג אַסאָסיאײשאָן“.

אָט די גרופּע איז זיך צוזאמענגעקומען און האָט זיך געאײניגט אױף אַ פּלאַן, װאָס האָט אַנטהאַלטען פאָלגענדע הױפּט־פּונקטען:

1) עס זאָל געגרינדעט װערען אַ געזעלשאַפט אונטער׳ן נאָמען: „יוניאָן לײבעל פּראָדוקטס טרײדינג אַסאָסיאײשאָן“;

2) די געזעלשאַפט זאָל ארױסלאָזען אַקציעס (שערס) אױף דער סומע פון צען טױזענט דאָלאַר. אַן אַקציע זאָל באַטרעפען 10 דאָלאַר.

3) אַקציעס זאָלען פאַרקױפט װערען אױף אױסצאָלען אין צען װאָכען צײט, כדי צו מאכען גרינג פאַר אַרבעטער זײ צו קױפען;

4) קײנער זאָל ניט טאָרען האָבען מער װי 15 אַקציעס, כדי צו פאַרזיכערען אַז קײן יחיד זאָל ניט קענען װערען דער באַלעבאָס פון דער אונטערנעמונג;

5) די געזעלשאַפט זאָל פאַרװאַלטעט װערען פון אַ באָארד אָװ דירעקטאָרס, און די דירעקטאָרען זאָלען זײער צײט און אַרבעט געבען פרײ, אָהן געצאָלט;

6) בלויז פּראָדוקטען, וואָס טראָגען אויף זיך דעם יוניאָן־לייבעל, זאָלען פאַרקויפט ווערען פון דער אונטערנעמונג;

7) ווען עס איז ניט מעגלאך צו קריגען אַ געוויסען פּראָדוקט מיט אַ יוניאָן־לייבעל, זאָל די געזעלשאַפט העלפען אָרגאַניזירען דעם דאָזיגען פאַך און שאַפען אַ יוניאָן־לייבעל.

פאַרטיג ווערענדיג מיט די הכנות, האָט די גרופּע זיך ארויסגעלאָזען פאַרקויפען די אַקציעס פון דער נייער געזעלשאַפט. דער אָפּרוף פון די מיטגלידער פון דער יוניאָן איז געווען אַן אַלגעמיינער. אין אַ גאַנץ קורצער צייט איז אַ באַדייטענדע סומע געשאַפען געוואָרען. עס האָבען אויך געקויפט אַקציעס סעמיועל גאָמפּערס, פּרעזידענט פון דער „אַמעריקען פעדעריישאָן אָוו לייבאָר"; די באַאַמטע פון אַ סך יוניאָנס; יוסף באַראָנדעס, וועלכער האָט געקויפט 15 אַקציעס, און אַנדערע געזעלשאַפטלאַכע טוער.

אַזוי ווי דאָס געשעפט איז אויסגערעכענט געוואָרען ניט אויף פאַרבייגייענדע קונים, נאָר אויף יוניאָן־לייט, און די מערסטע באַשטעלונגען זיינען דערוואַרט געוואָרען דורך פּאָסט, דורך „מעיל אָרדערס", איז ניט נויטיג געווען צו עפענען אַ קראָם, וואו די רענט קאָסט געוויינלאך זעהר טייער. עס איז דעריבער באַשלאָסען געוואָרען דאָס געשעפט צו עפענען אין אַן אָפיס־געביידע. אַזוי ווי אין דער „וואָירלד"־געביידע, באַקאַנט אַלס די פּוליצער־בילדינג, האָבען זיך צו יענער צייט געפונען די אָפיסעס פון די מערסטע דרוקער־יוניאָנס, און די גאַנצע געגענט האָט געשווירעלט און געגריבעלט מיט דרוקער־אַרבעטער — יענע געגענט איז דעמאָלט געווען דער צייטונגס־צענטער פון ניו יאָרק, — איז די „וואָירלד"־בילדינג באַשטימט געוואָרען אַלס דער פּאַסענדסטער פּלאַץ פאַר דעם נייעם געשעפט.

אין אַ פּאָר חדשים ארום האָט מען אויפ'ן פינפטען שטאָק פון דער „וואָירלד"־בילדינג שוין געקענט זען אַ שיין אויסגעשטאַטעט געשעפט, אין וועלכען עס האָט זיך געפונען אַ היפשער אויסוואַל פון פאַרשיידענע סחורות, ווי אונטערוועש, העמדער, זאָקען און אַ סך אַנדערע אַרטיקלען, וואָס עס וואָלט פאַרנומען צופיל פּלאַץ זיי אַלע אויסצורעכענען.

דורך אַנאָנסען אין די צייטונגען און דורך געדרוקטע קאַטאַלאָגען, וואָס זיינען צעשיקט געוואָרען לויט אַדרעסען־ליסטען וואָס פאַרשיידענע יוניאָנס האָבען צוגעשטעלט פון זייערע מיטגלידער, איז די „יוניאָן לייבעל פּראָדוקטס טריידינג אַסאָסיאיישאָן" געוואָרען באַקאַנט צווישען יוניאָן־לייט. באַשטעלונגען דורך פּאָסט האָבען אָנגעהויבען אריינקומען סיי פון ניו יאָרק גופא און סיי פון דער פּראָווינץ, און יוניאָן־לייט, אָפט צוזאַמען מיט זייערע פרויען, פלעגען פערזענלאך קומען קויפען וואָס זיי האָבען געדאַרפט. מיט דער צייט איז דער פינפטער שטאָק פון דער „וואָירלד"־

בילדינג געװאָרען אַ מין „ראַנדעװאו״ פאַר פאַרשײדענע אַרבעטער־פירער, זיך דאָרט צו באַגעגענען, װי אין אַן אײגענעם געשעפט.

די הוצאות פון געשעפט זײנען געװען קלײנע. די גאַנצע אַרבעט איז געטאָן געװאָרען פון די אױבען־אױסגערעכענטע איניציאַטאָרען פון דער אונטערנעמונג אָהן געצאָלט. פיל שטונדען פון זײער פרײער צײט פלעגען זײ, לױט אַ געװיסען אײנגעשטעלטען פּלאַן, אַװעקגעבען טעגלאַך פאַר דעם געשעפט. דער אײנציגער אַנגעשטעלטער, װאָס האָט געקראָגען שכירות, איז געװען אַ בוכהאַלטער. אַלע איבעריגע האָבען געאַרבעט פרײ.

די אונטערנעמונג האָט געװיזען סימנים פון דערפאָלג, און זי האָט געהאַט אַלע אױסזיכטען צו װערען מיט דער צײט אַ באמת גרױסער דערפאָלג. אָבער נאָך דעם אױסברוך פון דער װעלט־מלחמה, װען אין אַמע־ריקע איז פון אָנהויב די צײט געװאָרען זעהר שלעכט, האָט דאָס געשעפט אָנגעהױבען גײן ערגער. די אָנפירער פון דער אונטערנעמונג האָבען זיך דערשראָקען, אַז אױב דאָס געשעפט װעט װײטער אַזױ גײן װעט דאָס ביסעל פאַרמעגען אױפגעפרעסען װערען פון דעם דעפיציט, און די װאָס האָבען געקויפט אַקציעס װעלען פאַרלירען זײער אינװעסטמענט. האָבען זײ באַ־שלאָסען דאָס געשעפט צו ליקװידירען, אַזױ לאַנג װי עס איז נאָך געװען גענוג װאַרע צו קענען אָפּצאָלען יעדערען די פולע סומע װאָס ער האָט אַרײנגעלײגט אין דער אונטערנעמונג.

די חובות, װאָס דאָס געשעפט איז שולדיג געװען פאַר װאַרע, זײנען אָפּגעצאָלט געװאָרען; די שער־האָלדערס, װידער, האָבען געקראָגען זײער אינװעסטמענט אױסגעצאָלט מיט סחורה פאַר דער פולער סומע װאָס זײ האָבען אינװעסטירט — און דאָס געשעפט איז אָפּגעשטעלט געװאָרען.

ביז אױף דעם הײנטיגען טאָג טראָגען זיך אײניגע פון די איני־ציאַטאָרען ארום מיט אַ פאַרדרוס, פאַר װאָס די „יוניאָן לײבעל פּראָדוקטס טרײדינג אַסאָסיאײשאָן״ איז ליקװידירט געװאָרען. זײ זײנען איבערצײגט, אַז די אונטערנעמונג האָט געקענט װערען אַ קאָלאָסאַלער דערפאָלג.

זעהר מעגלאַך, אַז זײ זײנען גערעכט. עס קען זײן, אַז װאָלט דער געשעפט אָנגעפאַנגען געװאָרען מיט מער קאַפּיטאַל, װאָלטען זײנע אָנ־פירער זיך ניט אַזױ דערשראָקען פאַר דער שװערער צײט, װעלכע איז אָגב שנעל אַריבער און די גרױסע מלחמה־פּראָספּעריטי האָט זיך באַלד אָנגעה־הױבען. עס קען אױך זײן, אַז די שטאַרקײט פון דעם געשעפט — דאָס, װאָס די אַרבעט איז געטאָן געװאָרען אָן געצאָלט — איז אין אַ קריטישער צײט געװאָרען זײן גרעסטע שװאַכקײט. װען די טוער װאָלטען געקראָגען באַצאָלט פאַר זײער אַרבעט כאָטש װיפיל ניט איז, װאָלטען זײ אפשר ניט געװען אַזױ גרײט צו ליקװידירען די אונטערנעמונג ביי די ערשטע סימנים פון אַ צוריקשטױס.

ווי די זאַך זאָל ניט זיין, איז אָבער די אונטערנעמונג גופא, וועלכע האָט עקזיסטירט ארום צוויי יאָר צייט, געווען אַ גרויסע דערגרייכונג. אַז אַזאַ אונטערנעמונג איז געווען נויטיג דעמאָלט און איז נויטיג איצט, קען גאָר קיין ספק ניט זיין. עס איז זיכער ניט קיין אומ'כבוד פאַר דער יוניאָן, וואָס אירע מיטגלידער האָבען געמאַכט אַ פּראָבע אַזאַ אונטערנעמונג צו אָרגאַניזירען, הגם זי האָט ניט לאנג עקזיסטירט.

ווי זאָגט דאָס שפּריכוואָרט: „עס איז בעסער צו האָבען פּראָבירט און דורכגעפאַלען, איידער קיינמאָל ניט צו האָבען פּראָבירט".

# יוריסדיקציע ענינים

יוריסדיקציע-סכסוכים אויף דער לינקער זייט. — די יוניאָן כאַפּט אַ קאָזאַק . . . אָבער. — אַ אידישע טעגלאכע צייטונג אין פילאַדעלפיע.

יוריסדיקציע־סכסוכים זיינען אַן אומפאַרמיידלאכע זאַך אין דער אַר־בעטער־באוועגונג. אַפילו דאָרט, וואו די אַרבעטער זיינען אָרגאַניזירט לויט דעם אינדוסטריעלען פּלאַן, קומען אויך אָפּט פּאָר סכסוכים צווישען צווי צווייגען פון איין און דער זעלבער יוניאָן. דאָרט אָבער, וואו די אַרבעטער זיינען אָרגאַניזירט אין טרייד־יוניאָנס, לויט פאַכען, קומען פּאָר יוריסדיקציע־סכסוכים נאָך אָפטער. עס איז נאַטירלאַך, אַז צווישען צווי יוניאָנס אין איין און דעם זעלבען פאַך זאָלען פאָרקומען מיספאַרשטענד־נישען וועגען דעם, וועלכע אַרבעט עס געהער צו וועלכער יוניאָן; אַז איין יוניאָן זאָל זיך אויסווייזען, אַז אַרבעט וואָס דאַרף געטאָן ווערען פון אירע מיטגלידער ווערט געמאַכט פון די מיטגלידער פון אַן אַנדער יוניאָן.

אין דעם שריפטזעצער־פאַך איז ספּעציעל אומפאַרמיידלאַך, אַז די זעצער פון די פרעמד־שפּראַכיגע יוניאָנס — די דייטשע, אידישע, איטאַ־ליענישע, אונגאַרישע א. א. וו. — זאָלען טאָן אויך ענגלישע אַרבעט. אַפילו אין די טעגלאכע פרעמד־שפּראַכיגע צייטונגען איז אויך פאַראַן אַ געוויסע מאָס ענגלישע אַרבעט — אַדרעסען אויף אַנאָנסען, אַן ענגלישער קאָלום, אַן אַדרעסען־ליסט א. א. וו. אין די דזשאָב־דרוקערייען זיינען אודאי די שפּראַכען כסדר געמישט. אַנדערש קען דאָס גאָר ניט זיין. לעבען מיר דאָך אין אַן ענגליש־שפּרעכענדער מדינה, וואו דער ענגלישער לשון איז דער הערשענדער און זיין איינפלוס איז שטאַרק, און ווערט אַלץ שטאַרקער, אויך אין די פרעמד־שפּראַכיגע קאָלאָניעס.

פונדעסטוועגען האָט די ענגלישע שריפטזעצער יוניאָן, די „ביג סיקס", קיינמאָל ניט געקוקט אויף דער אידישער שריפטזעצער יוניאָן ווי אויף אַ קאָנקורענט. כאָטש אין די דרוקערייען, וואָס שטייען אונטער דעם קאָנ־טראָל פון דער אידישער יוניאָן, ווערט געמאַכט אַ היפּש ביסעל ענגלישע אַרבעט, האָט די ענגלישע יוניאָן קיינמאָל ניט געזוכט די דאָזיגע אַרבעט אַוועקצונעמען.

די ענגלישע יוניאָן האָט תמיד אַנערקענט, אַז אַ יוניאָן, וואָס האָט יוריסדיקציע איבער אַ פרעמדער שפּראַך, קען זיך ניט באַשרענקען אויף דער פרעמדער שפּראַך אַליין. און זי האָט גאָרנישט געגען דעם, אַז אין

די פרעמד־שפּראַכיגע דרוקערייען זאָל געמאַכט ווערען אַ באַדייטענדע צאָל ענגלישע אַרבעט אויך. אין דעם פאַל פון דער אידישער יוניאָן האָט די ענגלישע יוניאָן אודאי ניט קיין אורזאַך צו באַטראַכטען איר פאַר אַ „קאָנ־קורענט״, וואָרים די שכירות פון דער אידישער יוניאָן זיינען אַלעמאָל געווען אַ ביסעל העכער ווי די שכירות פון דער ענגלישער יוניאָן.

פאַרוואָס די אידישע יוניאָן האָט אַלע מאָל געפאָדערט העכערע שכירות ווי די ענגלישע יוניאָן איז דאָ מער ווי איין טעם. אפשר איז דאָס דערפאַר, ווייל די אידישע זעצער קומט אויס צו אַרבעטען אויף מער ווי איין שפּראַך; אפשר דערפאַר, ווייל די אידישע דרוקערייען זיינען גע־ווינלאַך קליינע, וואָס באַשעפטיגען ווייניג זעצער, און נאָך אַ פּאָר דאָלאר שכירות פאַלט ניט איבעריגס שווער אויף די באַלעבאַטים; און אפשר איז עס דערפאַר, ווייל די אידישע יוניאָן איז מער קעמפעריש געשטימט ווי די ענגלישע יוניאָן. עס איז ווערט צו באַמערקען, אַז די שכירות פון דער דייטשער יוניאָן נומער 7 זיינען אויך תמיד געווען העכערע און די שטונדען נידעריגערע ווי פון דער ענגלישער יוניאָן. יעדענפאַלס, האָט די ענגלישע יוניאָן ניט קיין אורזאַך צו קוקען קרום אויף דער אידישער יוניאָן, און זי טוט עס טאקע ניט.

## יוריסדיקציע־סכסוכים אויף דער לינקער זייט

פונדעסטוועגען איז די יוניאָן ניט געווען פריי פון יוריסדיקציע־סכסוכים. די דאָזיגע סכסוכים דאַרפען אָבער באַצייכענט ווערען אַלס יוריסדיקציע־סכסוכים אויף דער לינקער זייט, ווייל די פאָדערונג אַז אַ געוויסער שאָפּ זאָל איבערגיין אונטער דער יוריסדיקציע פון דער ענג־לישער יוניאָן איז תמיד געקומען ניט פון דער יוניאָן, נאָר . . . פון די באַלעבאַטים.

ניט איין באַלעבאָס פון אַ אידישער דרוקעריי האָט אין פאַרשיידענע צייטען געלעכצט אַריבערצוגיין אונטער דער יוריסדיקציע פון דער ענג־לישער יוניאָן. פאַרשטייט זיך, ניט דערפאַר, ווייל אָט די באַלעבאַטים זיינען, חלילה, אַנטיסעמיטיש געשטימט, נאָר דערפאַר ווייל די שכירות פון דער ענגלישער יוניאָן זיינען נידעריגערע און אויך דערפאַר וואָס זייענדיג אַ קלענערע יוניאָן איז פאַר דער אידישער יוניאָן אַלעמאָל מעג־לאַך געווען אויסצואיבען אַ בעסערען קאָנטראָל איבער די אַרבעטס־באַדינ־גונגען בכלל אין אירע שעפּער איידער פאַר דער ענגלישער יוניאָן.

איז אַ אידישער דרוקער־באַלעבאָס אַביסעל אויסגעוואַקסען און ער האָט אַריבערגעצויגען זיין דרוקעריי פון דער איסט־סייד אויף דער וועסט־סייד; איז געשטיגען די פּראָפּאָרציע פון ענגלישער אַרבעט אין זיין

דרוקערײ אין פֿאַרגלײך מיט די אידישע אַרבעט — האָט ער זיך אָנגעהױבען רײסען צו דער יוריסדיקציע פֿון דער ענגלישער יוניאָן. און אַ פּאָר דרוקער האָט זיך טאַקע אײנגעגעבען דאָס צו דערגרײכען.

אַזױ איז געװען דער פֿאַל מיט אײנער פֿון די גרעסטע אידישע דרוקערײען. דער באַלעבאָס פֿון אָט דער דרוקערײ איז געװאָרען רײך אויף דער איסט־סײד, פֿון אידישער אַרבעט. װען ער האָט ארױסגעצױגען זײן דרוקערײ פֿון דער איסט־סײד, האָט ער פֿאַר אַ משך פֿון יאָרען אַלץ געשטרעבט ארונטערצוגײן אונטער דער יוריסדיקציע פֿון דער ענגלישער יוניאָן. מיט דער צײט איז דאָס אים געלונגען צו דערגרײכען, װאָרים אין אָט דעם פֿאַל איז די אידישע אַרבעט טאַקע רעדוצירט געװאָרען כמעט צו גאָרנישט. אָבער דאָס מײנט ניט, אַז עס איז אים דערלױבט געװאָרען אָװעקצושיקען די מיטגלידער פֿון דער אידישער יוניאָן און אױף זײערע פּלעצער אַנצושטעלען מיטגלידער פֿון דער ענגלישער יוניאָן. אין דער דרוקערײ זײנען געבליבען אַרבעטען די זעלבע זעצער, נאָר זײ האָבען זיך טראַנספערירט אין דער ענגלישער יוניאָן, און דער שאַפּ איז ארונטער אונטער איר יוריסדיקציע.

נאָך אַ יוריסדיקציע־סכסוך איז פֿאָרגעקומען אין דעם יאָר 1913. אַ געװיסער דרוקער־באַלעבאָס, װעלכער האָט געהאַט זײן דרוקערײ דוקא אױף דער איסט־סײד און זײן אַרבעט איז מערסטענס געװען אידישע, האָט געװאָלט אַריבערגײן אונטער דער יוריסדיקציע פֿון דער ענגלישער יוניאָן. אינגאַנצען האָט אָט דער באַלעבאָס באַשעפֿטיגט צװײ זעצער, אָבער, װי עס קומט פֿאַר אין קריװאָלאָװ'ס באַסניע (פֿאַבעל), האָט ער זיך אָנגעבלאָזען װי אַ זשאַבע און געמײנט אַז ער איז אַ העלפֿאַנט. די יוניאָן איז אָבער געװען אַנטשלאָסען ניט צו דערלאָזען אים זײן פּלאַן דורכצופירען, און זי האָט אױסגעפֿירט.

דער סכסוך איז אױפגענומען געװאָרען צװישען די צװײ באַטרעפֿענדע יוניאָנס. אין די פֿאַרהאַנדלונגען האָבען זיך בײדע יוניאָנס געאײניגט אױף דעם פּלאַן צו באַשטימען אַן אומפּאַרטײאישען מענשען אַלס „רעפֿערי", װעמעס אױפגאַבע עס זאָל זײן פֿעסטצושטעלען די פּאַקטישע לאַגע אין דער באַטרעפֿענדער דרוקערײ. װעט זיך ארױסשטעלען אַז די אַרבעט אין דער דרוקערײ איז 70 פּראָצענט ענגליש, דאַרף די יוריסדיקציע איבער איר אַריבערגײן צו דער ענגלישער יוניאָן (אָבער אַפֿילו אין אַזאַ פֿאַל דאַרף די אידישע אַרבעט אַלץ געמאַכט װערען לױט דער סקײל פֿון דער אידישער יוניאָן) ; אױב אָבער עס װעט זיך ארױסװײזען, אַז די ענגלישע אַרבעט איז װעניגער פֿון 70 פּראָצענט, דאַרף דער שאַפּ װײטער בלײבען אונטער דער יוריסדיקציע פֿון דער אידישער יוניאָן.

אױסגעלאָזט האָט זיך, אַז די אונטערזוכונג פֿון דעם „רעפֿערי" האָט

פעסטגעשטעלט אַז די ענגלישע אַרבעט אין דעם שאַפּ איז אַפילו ניט קיין 50 פּראָצענט, און דער שאַפּ איז פאַרבליבען אונטער דער יוריסדיקציע פון דער אידישער יוניאָן.

דאָ דאַרף באַמערקט ווערען, אַז עס זיינען פאַראַן פירענדע מיט־גלידער אין דער אידישער שריפטזעצער יוניאָן, וואָס האַלטען, אַז דאָס וואָס די שכירות פון דער אידישער יוניאָן זיינען העכערע, פאַראורזאַכט אַ גרויסען שאָדען דער יוניאָן. זיי גלויבען, אַז ווען די שכירות פאַר ענגלישער אַרבעט אין די אידישע דרוקערייען וואָלטען געווען די זעלבע ווי אין די ענגלישע דרוקערייען, וואָלט די יוניאָן געהאַט אַ סך מער דרוקערייען אונטער איר יוריסדיקציע ווי זי האָט איצט.

עס קען זיין, אַז אין אָט דער מיינונג איז פאַראַן אַ געוויסער גראַד אמת. אָבער, צוריק גערעדט, איז ניט נאָר מעגלאַך נאָר וואַרשיינלאַך, אַז אויב די אידישע יוניאָן וואָלט אונטער איר יוריסדיקציע געהאַט אַ סך דרוקערייען וואָס מאַכען ענגלישע אַרבייט, וואָלט עס געמוזט פירען צו אַן אמת'ן יוריסדיקציע־צוזאַמענשטויס מיט דער ענגלישער יוניאָן. נאָך אַלעמען דאַרף גענומען ווערען אין באַטראַכט, אַז די שריפטזעצער יוניאָן לאָקאַל 83 איז פאָרט ניט די אַלגעמיינע שריפטזעצער־יוניאָן פון ניו יאָרק, אַז זי איז ניט מער ווי די אידישע שריפטזעצער יוניאָן. אפשר איז טאַקע גלייכער, אַז זי זאָל זיך באַנוגענען מיט איר ראָלע אַלס אידישע שריפט־זעצער יוניאָן פון ניו יאָרק?

## די יוניאָן כאַפּט אַ קאָזאַק . . . אָבער

אַחוץ אידיש האָבען פילע מיטגלידער פון דער יוניאָן אויך געקענט זעצען רוסיש. פאַקטיש האָבען די מערסטע אידישע זעצער אין רוסלאַנד געזעצט בלויז רוסיש. אידיש האָבען זיי זיך אויסגעלערענט זעצען ערשט אין אַמעריקע. עס איז דעריבער געווען נאַטירלאַך, אַז ווען מ'האָט גע־דאַרפט עפּעס זעצען אויף רוסיש האָט מען זיך געווענדט צו דער אידישער יוניאָן נאָך אַ זעצער און די יוניאָן האָט צו יעדער צייט געקענט צושטעלען רוסישע זעצער.

דאָס האָט באַוואויגען דער יוניאָן צו פאַרלאַנגען פון דער אינטער־נעשאָנאַל טייפּאָגראַפיקאַל יוניאָן, אַז רוסישע אַרבעט זאָל געשטעלט ווערען אונטער דעם רשות פון דער אידישער יוניאָן. ווען דער פאַרלאַנג איז באַוויליגט געוואָרען, האָט עס די יוניאָן באַטראַכט פאַר אַ גרויסער דער־גרייכונג. לכתחילה האָט מען זיך ניט פאַרגעשטעלט וויפיל צרות, עגמת־נפש און מי די רוסישע אַרבעט וועט פאַרשאַפען דער יוניאָן. עס האָט זיך שפּעטער ארויסגעשטעלט, אַז די יוניאָן האָט דאָ געכאַפּט אַ קאָזאַק, וועלכער האָט איר ניט געוואָלט אָפּלאָזען.

אַ געװעזענער רוסישער אָפיצער, מיט'ן נאָמען אָקונצעװ, האָט גע־גרינדעט אַ רוסישע װאָכענבלאַט, „רוסקי גאָלאָס". איז די יוניאָן כסדר געװען פאַרנומען מיט דעם „גאָלאָס". אָט לעבט ער, און אָט גײען אים אױס די כחות. אָט װערט ער געמאַכט אין אַ יוניאָן־שאָפּ, און פּלוצים איז ער שױן אין אַ ניט־יוניאָן שאָפּ, און די יוניאָן דאַרף פירען אַ קאַמף אים צוריק צו ברענגען אין אַ יוניאָן־שאָפּ.

נאָכדעם האָט אין ניו יאָרק אָנגעהױבען צו דערשײנען אַ טעגלאכע רוסישע צײטונג, מיט דעם נאָמען „רוסקאָיע סלאָװאָ". די צײטונג האָט באשעפטיגט דוקא אמת'ע רוסען, אָבער דערפאַר ניט קײן יוניאָן־לײט. אַזױ װי רוסיש געהערט צו איר יוריסדיקציע, נעמט זיך די יוניאָן אָרגאַ־ניזירען דעם „סלאָװאָ"־שאָפּ. אָבער נאָכדעם װי די יוניאָן האָט אַרײנגע־נומען די רוסען אין דער יוניאָן, אנטזאגען זיך די ארױסגעבער צו יוניאָ־ניזירען די דרוקערײ. די יוניאָן נעמט די זעצער ארונטער אין סטרײק. דער ארױסגעבער קריגט אָבער אַנדערע רוסען, און די צײטונג גײט װײטער ארױס. די יוניאָן גיט נאַטירלאך דעם קאַמף ניט אױף. זי פירט אַ באָי־קאָט געגען דער צײטונג, זי זוכט ארױסצונעמען די אַדװערטײזמענטס פון איר. אָבער װאָס טוט מען דערװײל מיט די רוסען? קײן אידיש זעצען קענען זײ דאָך ניט, און עסען דאַרפען זײ. צאָלט זײ די יוניאָן כסדר סטרײק־בענעפיט, אָהן אַ סוף. די יוניאָן קען זיך דאָ גאָרנישט העלפען; אַ קלײניגקײט, זי האָט דאָך די יוריסדיקציע איבער רוסישער אַרבעט.

צום גליק איז צו יענער צײט דערשינען אַ ראַדיקאַלע רוסישע װאָכענ־בלאַט אונטער דעם נאָמען „נאָװי מיר". דער „נאָװי מיר" איז געמאכט געװאָרען אין אַ אידישער דרוקערײ פון אַ אידישען זעצער. האָט די יוניאָן גענומען דעם אידישען זעצער און אים טראנספערירט אױף אידישער אַרבעט, און דער „נאָװי מיר" איז איבערגעגעבען געװאָרען צו די רוסען, זײ זאָלען זיך מיט דער אַרבעט טײלען. דערמיט איז געלײזט געװאָרען די פּראָבלעם פון דאַרפען צאָלען יונגע מענשען אַ פּענסיע לעולם ועד.

די יוניאָן האָט קײן נחת ניט געהאַט פון איר רשות איבער רוסישער אַרבעט אױך שפּעטער. זי האָט פּרובירט די יוריסדיקציע איבער רוסיש אָװעקשענקען אַן אַנדער יוניאָן, דער אונגאַרישער. עס װײזט אָבער אױס, אַז קײנער האָט דעם קאַזאַק ניט געװאָלט כאַפּען, אַ סימן איז — ער איז נאָך אַלץ פאַראַן...

## אַ אידישע טעגלאכע צײטונג אין פילאַדעלפיע

סוף יאָר 1913 האָבען דזשײקאָב גינזבורג און װיליאַם ליעף זיך גענומען גרײטען ארױסצוגעבען אַ טעגלאכע אידישע צײטונג אין פילאַ־דעלפיע — „די אידישע װעלט". זײ האָבען דערװארט ארױסצוגעבען די

דאָזיגע ציַיטונג מיט זעצער פון דער פילאַדעלפיער שריפטזעצער יוניאָן לאָקאַל 2, אויף די שכירות פון דער פילאַדעלפיער יוניאָן, וועלכע זיַינען געווען נידעריגער ווי די שכירות פון דער אידישער שריפטזעצער יוניאָן אין ניו יאָרק, און לויט די שטונדען פון דער פילאַדעלפיער יוניאָן — אַכט שעה אַ טאָג, אַנשטאָט זעקס.

ווען די יוניאָן האָט זיך דערפון דערוואוסט, האָט זי אַריבערגעשיקט קיין פילאַדעלפיע פּרעזידענט שיינפעלד און א. גאָטעסמאַן אויפצונעמען די פראַגע מיט דער פילאַדעלפיער יוניאָן.

ווי ביַי אַ פריערדיגען פאַל, האָבען די פאַרטרעטער פון דער יוניאָן אויפמערקזאַם געמאַכט דער פילאַדעלפיער יוניאָן, אַז לויט דעם באשלוס פון דער באָסטאָנער קאָנווענשאָן פון דער אינטערנעשאָנאַל דאַרף אידישע אַרבעט אַפילו אויסער ניו יאָרק געמאַכט ווערען לויט דער סקייל פון דער אידישער שריפטזעצער יוניאָן לאָקאַל 83. די פילאַדעלפיער יוניאָן האָט מסכים געווען, אַז אין די פאַרהאַנדלונגען מיט די ארויסגעבער פון דער נייער ציַיטונג זאָלען, אַחוץ פּרעזידענט יאָנג פון דער פילאַדעלפיער יוניאָן, זיך אויך באַטייליגען די פאַרטרעטער פון דער אידישער יוניאָן פון ניו יאָרק, שיינפעלד און גאָטעסמאַן.

נאָך לאַנגע פאַרהאַנדלונגען און דינגענישען, און נאָכדעם ווי עס איז גענומען געוואָרען אין באַטראַכט די לאַגע פון אַ נייער ציַיטונג, וועלכע טראָגט נאָך דערצו אַ לאָקאַלען כאַראַקטער, האָט מען זיך געאיַינגט אויף אַ געוויסען קאָמפּראָמיס. די פילאַדעלפיער יוניאָן און די ארויסגעבער פון דער „אידישער וועלט" האָבען אונטערגעשריבען אַ קאָנטראַקט מיט די פאָלגענדע באַדינגונגען: די אַרבעטס־שטונדען זאָלען זיַין די זעלבע ווי אין די ניו יאָרקער אידישע ציַיטונגען — 6 שטונדען אַ טאָג; די שכירות, אָבער, זאָלען זיַין די זעלבע ווי די שכירות פון דער פילאַדעלפיער יוניאָן.

נאָכדעם ווי מ'האָט זיך געאיַיניגט, האָט די יוניאָן באַזאָרגט דער ציַיטונג מיט עטלאַכע זעצער פון ניו יאָרק, און די איבעריגע זיַינען גע־נומען געוואָרען פון דער פילאַדעלפיער יוניאָן.

ביַים מיטינג פון דער יוניאָן, דעם 26טען דעצעמבער, 1913, איז דער דאָזיגער אָפּמאַך ניט נאָר גוטגעהייסען געוואָרען, נאָר די קאָמיטע איז באַדאַנקט געוואָרען פאַר איר דערגרייכונג.

# די יוניאָן פייערט איר 25־יאָריגען יובילײ

אין דעם יאָר 1913 איז געוואָרען 25 יאָר זינט די אידישע שריפט־זעצער יוניאָן איז געקומען אויף דער וועלט.

אין די 25 יאָר פון איר לעבען האָט די יוניאָן זעהר אַ סך דער־גרייכט. אונטער יענע שווערע באַדינגונגען פון דעם אידישען לעבען אין דער נייער וועלט איז די עקזיסטענץ פון אַ אידישער יוניאָן איבער דעם משך פון 25 יאָר שוין אַליין געווען אַן אויסערגעוויינלאַכע דערגריי־כונג. דער פאַקט איז, אַז די אידישע שריפטזעצער יוניאָן איז געווען די איינציגע אידישע יוניאָן, וואָס האָט מיט שטאָלץ געקענט אָנווייזען אויף אַ ניט־אונטערבראָכענער 25־יאָריגער עקזיסטענץ.

סיי ווי סיי, פאַר די מיטגלידער אירע איז די 25־יאָריגע עקזיסטענץ פון דער יוניאָן געווען ניט נאָר אַ וויכטיגער היסטאָרישער מייל־שטיין, נאָר אַ גרויסער יום־טוב, און זיי האָבען באַשלאָסען צו פייערען דעם דאָזיגען יום־טוב אויף אַ גראַנדיעזען אופן, ווי ער האָט עס פאַרדינט.

דער 25־יאָריגער יובילעאום פון דער יוניאָן איז געפייערט געוואָרען מיט אַ שיינעם באַנקעט אין בעטהאָווען האָל.

אין דער שמחה האָבען זיך באַטייליגט ניט בלויז די מיטגלידער פון דער יוניאָן צוזאמען מיט זייערע פרויען און דערוואַקסענע קינדער, נאָר אויך אַ סך פראַטערנאַלע אָרגאַניזאַציעס. עס זיינען געקומען פאָרשטייער פון דער אידישער און אַמעריקאַנער אַרבעטער־באַוועגונג און פון פראַטער־נאַלע אָרגאַניזאַציעס. דער גאַנצער עקזעקוטיוו קאָונסיל פון דער אינטער־נעשאָנאַל טייפאָגראַפיקאַל יוניאָן איז ספעציעל געקומען פון אינדיאַנאַ־פאָליס צו דער פייערונג. אַלע דרוקער־פאַך אָרגאַניזאַציעס זיינען געווען פאַרטראָטען דורך היפשע דעלעגאַציעס. די סענטראַל פעדערייטעד יוניאָן איז געווען פאַרטראָטען דורך אירע באַאַמטע. די ארויסגעבער און רעדאַק־טאָרען פון אַלע אידישע צייטונגען זיינען געקומען באַגריסען דער יוניאָן. אַפילו די רעגירונג פון ניו יאָרק סטייט איז געווען פאַרטראָטען — דורך דעם סטייט לייבאָר־קאָמישאָנער און דעם סטייט־סטאַטיסטיקער. צווישען די פראָמינענטע געסט האָט אויך ארויסגעשיינט די אימפאָזאַנטע פיגור פון יוסף באַראָנדעס, דער איבערגעבענער פריינט פון דער יוניאָן.

וואָס די מיטגלידער פון דער יוניאָן האָבען געפילט ביי דער דאָ־זיגער שמחה, איז ניט פאַר די כחות פון אַ געוויינלאַכען בשר ודם איבער־צוגעבען. זייער פרייד האָט ניט געוואוסט קיין גרענעץ, און פאַר אַ לאַנ־גער, לאַנגער צייט האָבען זיי ניט געקענט פאַרגעסען די דאָזיגע שמחה.

# אַן אָרגאַניזאַציאָנס־קאַמפּאַניע

די צווייטע 25 יאָר פון איר עקזיסטענץ האָט די יוניאָן אָנגעהויבען מיט אַן אַמביציעזער קאַמפּאַניע צו אָרגאַניזירען די ניט־אָרגאַניזירטע דרוקערייען אין איר יוריסדיקציע־געביט, אויף דער איסט־סייד.

אין די 25 יאָר פון דער יוניאָנ׳ס לעבען האָט דאָס אידישע לעבען אין דער נייער וועלט זעהר פיל זיך געביטען אין אַלע הינזיכטען. אָנ־שטאָט אַ צוזאַמענגעלאָפענע, צעפלאָסענע, פאָרמלאָזע מאַסע, האָט דער אידי־שער ישוב אין אַמעריקע, ספּעציעל אין ניו יאָרק, שוין אָנגענומען באַ־שטימטע אויסקריסטאַליזירטע פאָרמען. די באַדינגונגען, אונטער וועלכע דער יוניאָן איז איצט אויסגעקומען אָנצופירען איר טעטיגקייט, זיינען געווען גאַנץ אַנדערע ווי מיט 25 יאָר פריער, ווען אַלץ איז נאָך געווען אין אַ צושטאַנד פון תהו־ובהו, ווען כדי צו בויען עפּעס אַ בנין האָט מען פריער געדאַרפט פון שטרוי מאַכען ציגעל. איצט האָט שוין עקזיסטירט אַ מעכטיגע אידישע פּרעסע, וועלכע איז געווען פולשטענדיג יוניאָניזירט, און אויך אַ צאָל יוניאָן־דרוקערייען.

פונדעסטוועגען האָבען זיך אויף דער איסט־סייד געפונען אַ באַ־דייטענדע צאָל קלענערע דרוקערייען, וועלכע זיינען ניט נאָר ניט געווען אָרגאַניזירט, נאָר די אַרבעטס־באַדינגונגען אין זיי זיינען געווען ניט פיל בעסער ווי מיט יאָרען צוריק. אין קיין אַנדער קוואַרטאַל פון שטאָט האָבען זיך ניט געפּלאָדיעט אַזוי פיל קליינע דרוקלאָך ווי אין דער אידי־שער געגענט.

די אורזאַך דערפון איז אָן ספק דאָס, וואָס עס איז געווען פאַרהעלט־ניסמעסיג גרינג אַ דרוקעריי צו עפענען. עס איז געווען גענוג צו דינגען אַ קרעמעל אָדער גאָר אַ קעלער, איינשאַפען זיך אַ קליינע אויסשטאַטונג (וואָס מ׳האָט געקענט קריגען אויף אויסצאָלען) — און עס איז געווען אַ פאַרטיגע „דרוקעריי".

געוויינלאך פלעגט אַזאַ דרוקעריי געעפענט ווערען פון אַ זעצער. אַמאָליגע יאָרען, ווי עס שוין איינמאָל באַמערקט געוואָרען, פלעגט אַ דרוקער דאַרפען זיך אָנשליסען אַלס מיטגליד אָן פאַרשיידענע סאָסייעטיס, כדי צו קריגען פון זיי באַשטעלונגען אויף דרוק־אַרבעט. איצט האָט ער שוין ניט געדאַרפט געהערען צו אַ סאָסייעטי. פאַר דער צייט זיינען אויפגע־קומען אַ סך אידישע קלענערע און גרעסערע געשעפטען, וואָס האָבען זיך גענויטיגט אין פאַרשיידענע דרוק־אַרבעטען. אַלץ, וואָס ער האָט איצט געדאַרפט טאָן, איז ארומלויפען דעם גרעסטען טייל פון טאָג צו קריגען

באַשטעלונגען. נאָכדעם פלעגט ער קומען אין דער „דרוקערײ" און עס אַלײן אָפּדרוקען. מיט דער צײַט נעמט אַזאַ דרוקער אַרײַן אַ פּאָר לערען־ינגלאַך אָדער אַ „חצי בעל־מלאָכה". פאַרשטײט זיך, די באַדינגונגען אונ־טער װעלכע אָט די „באַלמעלאָכעס" האָבען געאַרבעט זײַנען געװען זעהר טרויעריגע.

די אַרבעט, װאָס אָט די דרוקערײען פלעגען מאַכען, איז ניט געװען קײן אידישע, נאָר איז באַשטאַנען הויפּטזעכלאַך פון קאָמערציעלע דרוק־זאַכען. אָבער אַזוי װי זײ האָבען זיך געפונען אויף דער איסט־סײד, האָט די יוניאָן גערעכענט אַז עס איז איר פליכט צו מאַכען אַ פּאַרזוך זײ צו יוניאָניזירען.

אָנהויב יאָר 1914 פאַרנעמט זיך די יוניאָן מיט אַ קרײצצוג אויף די דאָזיגע דרוקלאַך אויף אַ גאָר גרויסען פאַרנעם. קאָמיטעס פון דער יוניאָן באַזוכען אַלע אַרבעטער פון אָט די דרוקערײען, און זײ װערען באַלד צונויפגערופען צו אַ מיטינג אין אַ זאַל, װאָס איז ספּעציעל געדונגען גע־װאָרען פאַר דעם צװעק.

נאָכדעם װי מ'האָט זיך גוט דורכגערעדט בײ דעם מיטינג, האָט זיך אַרויסגעשטעלט, אַז קײן סך זעצער — דאָס הײסט, אַזעלכע װאָס זאָלען קענען פאַרנעמען אַ פּלאַץ אַלס קאָמפּעטענטע זעצער — זײַנען אין די אַלע דרוקערײען כמעט ניט בנמצא. אינגאַנצען זײַנען געװען פופצען זעצער אַזעלכע, און זײ אַלע זײַנען אַרײַנגענומען געװאָרען אין דער יוניאָן. די אַנדערע דרוקער־אַרבעטער זײַנען באַשטאַנען פון פּרעס־אַרבעטער — פּרעסלײט, אויפלײגערס (פידערס) א. אַז. װ. — און פון לערנערס. זײ האָט די יוניאָן, פאַרשטײט זיך, ניט געקענט אויפנעמען אַלס מיטגלידער.

נאָך אַ גרינטלאַכען ישוב־הדעת, איז די יוניאָן געקומען צום שלוס, אַז עס איז אוממעגלאַך די דאָזיגע קלײנע שאַפּקעס צו אָרגאַניזירען. דעם אײנציגען װעג, װי אַזוי מען װאָלט זײ יאָ געקענט אָרגאַניזירען, איז דורך אײנשטעלען אַזעלכע שכירות־ און שטונדען־באַדינגונגען פאַר זײ, װאָס זאָלען זײַן אַ סך ערגערע װי די יוניאָן האָט געהאַט דערגרײכט אין די דרוקערײען װאָס זײַנען שוין פון פריער געװען אָרגאַניזירט. אָבער דאָס װאָלט געמײנט, אַז די נײ־אָרגאַניזירטע שאַפּקעס װאָלטען קאָנקורירט מיט די אַלטע יוניאָן־שעפּער און װאָלטען גאָר אין גיכען אַרונטערגעשלעפּט די הויכע אַרבעטס־באַדינגונגען צו זײער אײגענעם נידעריגען פלאַך. און דאָס איז ניט כדאַי. האָט די יוניאָן באַשלאָסען זיך צו באַנוגענען מיט יענע מער אָדער װעניגער גרעסערע דרוקערײען, װעלכע טוען אַרבעט פאַר יוניאָנס, געזעלשאַפטלאַכע אינסטיטוציעס א. א. װ., פאַר װעלכע דער יוניאָן־לײבעל האָט אַ גרויסען װערט און זײ זײַנען ביכולת נאָכצוקומען די יוניאָן־באַדינגונגען.

עס קען ניט געלייקענט ווערן, אַז די פּראָבלעם פון אָרגאַניזירען די ניט־אָרגאַניזירטע דרוקערייען איז געבליבען ניט אינגאַנצען געלייזט ביז אויף היינטיגען טאָג. אָבער דאָס איז ניט די פּראָבלעם פון דער אידישער שריפטזעצער־יוניאָן. דאָס איז אַ פּראָבלעם פאַר דער אַלגע־מיינער שריפטזעצער יוניאָן פון ניו יאָרק. מיט דער צייט האָבען, אַגב, אַט די אַלע דרוקערייען זיך ארויסגעצויגען פון דער איסט־סייד, און אַפילו, אַזוי צו זאָגען, רייך־טעריטאָריעל זיינען זיי ארויס פון דעם ווירקונגס־געביט פון דער אידישער יוניאָן.

# די קאַרעקטאַרס פון די צייטונגען ווערען יוניאָניזירט

דער שרייבער־סטרייק פון יאָר 1913, וואָס האָט זיך אַזוי טרויעריג געענדיגט, האָט איבערגעלאָזען אַ דערשיטערענדען איינדרוק ניט נאָר אויף די שרייבער נאָר אויך אויף די זעצער.

איבערהויפּט האָבען געפילט פאַרביטערט איבער דעם אויסגאַנג פון דעם שרייבער־סטרייק יענע זעצער, וועלכע האָבען מיט'ן גאַנצען הארצען געוואָלט אַז די שרייבער זאָלען זיין אָרגאַניזירט. ביי זיי האָט דער שרייבער־סטרייק איבערגעלאָזען אַ וואונד אין האַרצען, וואָס האָט זיך ניט אַזוי גיך פאַרהיילט.

אָט־די זעצער האָבען געוואוסט זעהר גוט, אַז די יוניאָן איז ניט געווען שולדיג אין דעם וואָס דער שרייבער־סטרייק איז פאַרלאָרען געגאַנגען. וואָלטען די שרייבער געווען אַ ביסעל געדולדיגער און ארויסגערופען דעם סטרייק מיט וועלכע אַנדערהאַלבען יאָר שפּעטער, אומגעפער אין דער צייט ווען דער קאָנטראַקט צווישען דער אידישער שריפטזעצער יוניאָן מיט די צייטונגס־ארויסגעבער האָט זיך געענדיגט, — וואָלט דער אויסגאַנג פון דעם שרייבער־סטרייק געוויס געווען אַן אַנדערער. דער געשריבענער קאָנטראַקט, וואָס איז אין די אויגען פון דער אינטערנעשאָנאל אַ הייליגקייט, וואָלט דעמאָלט ניט געשטאַנען אין וועג פון אַ סימפּאַטיע־סטרייק פון די זעצער. אין אַזאַ פאַל וואָלט די אינטערנעשאָנאַל גופא זיך ניט געשטעלט געגען דעם, אַז איין לאָקאַל אירער זאָל סטרייקען צו העלפען אַ צווייטען לאָקאַל געווינען אַ קאַמף פאַר יוניאָן־אַנערקענונג.

דאָס האָבען די זעצער זעהר גוט געוואוסט. זיי האָבען אָבער געשפּירט, אַז ניט די גאַנצע עפענטלאכע מיינונג שאַצט ווי געהעריג אָפּ די לאַגע, אין וועלכער די יוניאָן האָט זיך געפונען, און ניט אַלע זעהען איין, אַז די יוניאָן האָט ניט געקענט האַנדלען אַנדערש. יעדענפאַלס, די פּיינפילענדע צווישען די זעצער האָבען געפילט, אַז פאַר דעם פּרעסטיזש פון דער יוניאָן איז דער שרייבער־סטרייק געווען אַ גוואַלדיגער קלאַפּ. ביז דעם סטרייק האָט מען אויף דער אידישער גאַס באַטראַכט די אידישע שריפטזעצער־יוניאָן ווי אַ מעכטיגען פּראָמעטעאוס. דער שרייבער־סטרייק, אָבער, האָט געוויזען, אַז דער פּראָמעטעאוס איז גאָר אַ געבונדענער און איז ניט פריי צו טאָן וואָס ער וויל און קען.

אַט דער געפיל האָט ווי אַ וואָרים געטאָטשעט אין סאַמע האַרצען פון אַ סך פון די זעצער. אַט דער געפיל האָט זיי אָנגעשטעקט מיט דעם וואָס פסיכאָ־אַנאַליטיקער רופען אַן מינדערווערטיגקייטס־קאָמפּלעקס, און זיי האָבען זיך פון דעם קאָמפּלעקס ניט געקענט באַפרייען ביז זיי האָבען ניט געפונען עפּעס אַ „קאָמפּענסאַציע" וואָס זאָל היילען זייערע פסיכישע וואונדען.

מיט אומגעדולד האָבען אַט די זעצער געוואַרט אויף דער צייט, ווען דער קאָנטראַקט פון דער יוניאָן וועט אויסגיין, סוף 1914, כדי צו קענען ווייזען סיי די באַלעבאַטים, סיי דער עפענטלאכקייט און סיי זיך אַליין, אַז דער יוניאָנ׳ס העגט זיינען ניט געבונדען אינגאַנצען, אַז דער געבונדענער פּראָמעטעאוס האָט נאָך אַ געוויסע האַנדלונגס־פרייהייט, פון וועלכער קיינער קען אים ניט באַרויבען.

אויב די יוניאָן האָט ניט געקענט העלפען יוניאָניזירען די שרייבער, איז זי געוועזען אַנטשלאָסען צו יוניאָניזירען לפּחות אַ טייל שרייבער — יענע, וואָס האָבען געאַרבעט אין די צייטונגען אַלס קאָרעקטאָרס.

אין די ענגלישע און דייטשע צייטונגען זיינען די קאָרעקטאָרס שוין לאַנג געוועזען אָרגאַניזירט. די אַרבעט פון לייענען קאָרעקטור, די „פּרוף־רידינג", ווי דאָס הייסט אויף ענגליש, איז אין די ניט־אידישע צייטונגען שוין דעמאָלט געטאָן געוואָרען פון זעצער, פון מיטגלידער פון די שריפט־זעצער יוניאָנס. אין די אידישע צייטונגען אָבער פלעגט דעמאָלט די קאָרעקטור געמאַכט ווערען פון שרייבער. די יוניאָן האָט ניט געוואָלט צונעמען די דאָזיגע אַרבעט פון די שרייבער און האָט עס דעריבער גע־לאָזט גיין ווי עס גייט. איצט אָבער איז די יוניאָן געוועזען אַנטשלאָסען דאָס לייענען פון קאָרעקטור אַרונטערצונעמען אונטער איר יורסדיקציע.

די אינטערנעשאָנאַל האָט גאָר ניט געקענט האָבען געגען דעם. פאַר־קערט, זי האָט ניט געקענט פאַרשטיין פאַר וואָס די „פּרוף־רידינג" איז ביז דעמאָלט ניט יוניאָניזירט געוואָרען, און זי האָט מיט פאַרגעניגען גוט־געהייסען די נייע פאָדערונגען, וואָס די יוניאָן האָט אויסגעאַרבעט, צווי־שען וועלכע עס איז אויך געווען אַ פּונקט, אַז די קאָרעקטור דאַרף גע־מאַכט ווערען פון מיטגלידער פון דער יוניאָן. די „אַמעריקען ניוספּייפּער פּאַבלישערס אַסאָסיאיישאָן", ווידער, האָט אויך גאָרנישט געקענט אויסזעצען געגען דעם, אַז די אַרויסגעבער פון די אידישע צייטונגען זאָלען נאָכגעבען אַ זאַך, וואָס איז אין די ענגלישע צייטונגען שוין לאַנג געווען אַן אינ־סטיטוציע.

און די יוניאָן האָט דעם דאָזיגען פּונקט טאַקע דורכגעפירט. דאָס איז געווען די טיילווייזע „קאָמפּענסאַציע", וואָס האָט ביז אַ געוויסען גראַד

געזונט־געמאַכט דעם קראַנקען געמיט וואָס איז די זעצער געבליבען נאָך דעם שרייבער־סטרייק.

אָבער גאָר גרינג איז די זאַך ניט צוגעגאַנגען.

נאָך דעם שרייבער־סטרייק האָבען כמעט אַלע שרייבער פאַרלאָזען די שרייבער־יוניאָן. אויף אַ וואונק פון פירענדע מיטגלידער פון דער שריפט־זעצער יוניאָן זיינען די קאָרעקטאָרס ווייטער געבליבען אין דער יוניאָן, און צוזאַמען מיט אַ קליינער צאָל שרייבער האָבען זיי אָנגעהאַלטען דעם טשאַרטער פון דער אינטערנעשאַנאַל. עס איז געווען פאַרשטאַנען, אַז נאָכדעם ווי די יוניאָן וועט אויסקעמפען די יוניאָניזירונג פון „פרוף־רידינג", וועלען אַלע קאָרעקטאָרס טראַנספערירט ווערען פון דער שרייבער־יוניאָן אין דער שריפטזעצער־יוניאָן.

דער קאָנטראַקט פון דער יוניאָן האָט געזאָלט אויסגיין ענדע 1914. איינער פון די קאָרעקטאָרס אָבער האָט זיך געפעדערט און איז אין חודש יוני געקומען זיך טראַנספערירען אין דער שריפטזעצער יוניאָן. וויפיל דער פרעזידענט (שיינפעלד) האָט מיט אים ניט איינגעטענה'ט, ער זאָל אָפּוואַרטען מיט'ן טראַנספערירען זיך, האָט עס ניט געהאָלפען. משמעות, ער האָט געמיינט, אַז עס איז פאַראַן אַ סכנה אַז די שריפטזעצער יוניאָן וועט אָנשטעלען זעצער צו לייענען די קאָרעקטור און די אַלטע קאָרעק־טאָרס וועלען אויף אַזאַ אופן פאַרלירען זייערע פלעצער. איז ער דורכ־אויס באַשטאַנען אויף זיין רעכט זיך צו טראַנספערירען גלייך, און די יוניאָן האָט קיין אַנדער ברירה ניט געהאַט ווי אָנצונעמען זיין טראַנספער.

די טראַנספערירונג פון אָט דעם איינציגען קאָרעקטאָר האָט שיער ניט געפירט צו אַ סטרייק אין דער צייטונג, וואו ער האָט געאַרבעט.

די צייטונגס־אַרויסגעבער האָבען שוין געוואוסט, אַז די יוניאָן גרייט זיך צו יוניאָניזירען די קאָרעקטאָרס ביי דער באַנייאונג פון דעם אָפּמאַך. ווען דער מענעדזשער פון דער צייטונג, וואו דער טראַנספערירטער קאָרעק־טאָר האָט געאַרבעט, האָט זיך דערוואוסט אַז ער איז געוואָרען אַ מיטגליד אין דער אידישער שריפטזעצער יוניאָן, האָט ער אים תיכף אָוועקגעשיקט פון דער אַרבעט.

די יוניאָן האָט אַזאַ זאַך ניט געקענט פאַרשווייגען. זי האָט ניט גע־קענט דערלאָזען, אַז ווער־עס־איז זאָל אָוועקגעשיקט ווערען פון דער אַרבעט פאַר דעם איינציגען חטא וואָס ער איז אַ מיטגליד אין דער יוניאָן. פרע־זידענט שיינפעלד צוזאַמען מיט א. גאָטעסמאַן זיינען באַאויפטראַגט גע־וואָרען זיך צו טרעפען מיט דעם פאַרוואַלטער פון דער באַטרעפענדער צייטונג און דורכאויס פאָדערען, אַז דער קאָרעקטאָר זאָל צוריק אָנגע־שטעלט ווערען אויף זיין פּלאַץ.

דער מענעדזשער האָט אָבער זיך אָנטזאָגט דאָס צו טאָן. ער האָט

גע'טענה'ט, אַז אַזוי ווי די יוניאָן גרייט זיך צו יוניאָניזירען די „פּרוף־רידינג" אין די צייטונגען, און די צייטונגס־ארויסגעבער זיינען אנטשלאָסען דאָס ניט צו דערלאָזען, וויל ער ניט אַז די יוניאָן זאָל געווינען אַ פאָרצוג אין די קומענדע פּאַרהאַנדלונגען דערמיט וואָס אירער אַ מיטגליד וועט שוין אַרבעטען אין אַ צייטונג אַלס אַ קאָרעקטאָר. דער מענעדזשער האָט גלייכצייטיג דערקלערט, אַז ער איז גרייט צוריק אַנצושטעלען דעם קאָרעקטאָר, אויב ער וועט אויפגעבען זיין מיטגלידערשאַפט אין דער יוניאָן.

די יוניאָן האָט ניט געקענט מסכים זיין דערצו, אַז אַנגעהעריגקייט צו איר זאָל גילטען אַלס אַן אורזאַך אַוועקגעשיקט צו ווערען פון דער אַרבעט. נאָכדעם ווי דער פּרעזידענט און דער סעקרעטאַר־טרעזשורער פון דער אינטערנעשאָנאַל, וועלכע זיינען דעמאָלט גראָד געווען אין ניו יאָרק, האָבען אָפּגעהאַלטען אַ קאָנפערענץ מיט דעם מענעדזשער פון דער צייטונג, און זיי האָבען געראָטען דעם מענעדזשער צוריק אַנצושטעלען דעם קאָרעקטאָר, און דער מענעדזשער איז אַלץ געבליבען איינגעשפּאַרט, — האָט די יוניאָן זיך גענומען גרייטען צו רופען אַ סטרייק אין דער באַטרעפענדער צייטונג. ביי אַ ספּעציעלען מיטינג פון דער יוניאָן איז די פראַגע וועגען אַ סטרייק אָפּגעשטימט געוואָרען, און מיט 78 שטימען געגען 23 איז באַשלאָסען געוואָרען דעם סטרייק צו רופען, און די אינטערנעשאָנאַל האָט די סטרייק־אָפּשטימונג גוטגעהייסען.

איידער דער סטרייק איז ארויסגערופען געוואָרען האָט די יוניאָן זיך געווענדעט צו די יוניאָנס פון די אַנדערע פאַכען, וואָס זיינען באַשעפטיגט ביי די צייטונגען, אויסצוגעפינען ווי וויט זי קען זיך פאַרלאָזען אויף זייער הילף. אַלע יוניאָנס, אָהן אויסנאַם, האָבען זיך דערקלערט גרייט ארונטערצונעמען זייערע מענשען פון דער צייטונג, אויב די אידישע שריפטזעצער יוניאָן וועט דאָרט רופען אַ סטרייק.

אַלס אַ לעצטען מיטעל, האָט פּרעזידענט שיינפעלד צוזאַמענגערופען די פאַרטרעטער פון אַלע באַטרעפענדע יוניאָנס, אַז זיי זאָלען צוזאַמען מיט אים גיין צום מענעדזשער פון דער צייטונג און אים געבען די לעצטע וואָרנונג.

דאָס איז געווען אַ דעמאָנסטראַציע פון אמת'ער אַרבעטער־סאָלידאַריטעט. עס זיינען מיטגעגאַנגען טאָם קעראָל, דער פּרעזידענט פון דער סטערעאָטייפּערס יוניאָן; ביל עדוואַרדס, דער פּרעזידענט פון דער פּרעסמענס יוניאָן; דזשאָן דעילי, דער פּרעזידענט פון דער מעילערס יוניאָן; לואי פישער, דער פּרעזידענט פון דעם מאַשיניסטען־ברענטש פון די לינאָטיפּ־מאַשיניסטען; דזשאָן קעראָל, דער אָרגאַנייזער פון „ביג סיקס", וואו דער מאַשיניסטען־ברענטש באַלאַנגט, און פּיט ברעידי, דער סעקרעטאַר

פון „אַלײעד פּרינטינג טרײדס קאָונסיל" און פּרעזידענט פון דער פּאַטאַ־ענגרײװערס יוניאָן.

אַט די קלײנע אַרמײ פאַרשטײער פון די מעכטיגסטע יוניאָנס אין ניו יאָרק האָבען דערקלערט דעם מענעדזשער, אַז קײן אײנער פון זײערע מענשען װעט ניט פאַרבלײבען בײ דער אַרבעט קײן אײנציגע מינוט, װען די שריפטזעצער װעלען ארויס אין סטרײק.

דער מענעדזשער איז אָבער געבליבען בײ זײנס. ער האָט גע־טענה'ט, אַז װיבאַלד אין קאָנטראקט צװישען זײן צײטונג און דער יוניאָן װערט ניט דערמאָנט קײן „פּרופרידערס", איז ער פרײ צו טאָן מיט די קאָרעקטאָרס װאָס ער װיל, און די יוניאָן קען אים קײן דעה ניט זאָגען.

אויף מאָרגען איז די גאַנצע מאַשינערי געװען אָנגעשטעלט דעם סטרײק ארויסצורופען. אַלע אַרבעטער פון די פאַרשידענע פאַכען זײנען גע־שטעלט געװאָרען אונטער דער השגחה פון פּרעזידענט שײנפעלד און זײ זײנען פון זײערע יוניאָנס אינסטרואירט געװאָרען אויסצופאָלגען זײנע באפעלען. די אַרבעטער אויף דער צײטונג האָבען זיך פאַרזאַמעלט אין אײן פּלאַץ, װאו עס זײנען געמאַכט געװאָרען אַלע פאַרבאַרײטונגען אַז די צײטונג זאָל דעם קומענדען טאָג ניט דערשײנען. אין לעצטען מאָמענט אָבער איז דער מענעדזשער װײכער געװאָרען און האָט צוגעשיקט אַ שליח אָנזאָגען, אַז ער גיט נאָך די פאָדערונג פון דער יוניאָן און אַז דער קאָרעק־טאָר זאָל קומען צו דער אַרבעט.

אַט אַזוי האָט זיך געענדיגט דער אינצידענט מיט דעם אײנציגען קאָרעקטאָר, װאָס איז אין אמת'ן געװען די פּרעליודיע, דער פאָרשפּיל אין דעם קאַמף צו יוניאָניזירען אַלע קאָרעקטאָרס. די אַנטשלאָסענקײט, װאָס די יוניאָן האָט ארויסגעװיזען אין דעם פאַל, האָט אַ סך געהאָלפען ברעכען די עקשנות פון די באַלעבאַטים װען עס איז געקומען צום פאַרהאַנדלען די עיקר־פראַגע, די יוניאָניזירונג פון „פּרוף־רידינג", װאָס די יוניאָן האָט געפאָדערט.

די באַלעבאַטים האָבען זיך געװאָרפען אויף אַלע זײטען און האָבען אויסגענוצט אַלע אַרגומענטען צו באװײזען, אַז „פּרוף־רידינג" האָט מיט זעצען און מיט זעצער גאָר ניט צו טאָן. װען זײ האָבען אָבער אײנגעזען, אַז אַט די רײד װעלען זײ ניט העלפען, װאָרים אין די ענגלישע צײטונגען לײענען די קאָרעקטור דוקא זעצער, האָבען זײ גענומען טענה'ן פּונקט פאַרקערט. אויב זעצער זײנען די אמת'ע קאָמפּעטענטע קאָרעקטאָרס, — האָבען זײ געזאָגט, — טאָ לאָזט אונז אַװעקשיקען די אַלטע, „אומקאָמפּע־טענטע" קאָרעקטאָרס, און שיקט אונז זעצער אויף זײערע פּלעצער...

דאָס איז געװען אַ ממזר'שער מאַנעװער פון דער זײט פון די באַלע־באַטים און האָט געשטעלט דער יוניאָן אין אַ גרויסער פאַרלעגענהײט. די

יוניאָן האָט בשום אופן ניט געקענט מסכים זיין דערצו, אַז די אַלטע קאָרעקטאָרס, וועלכע האָבן געאַרבעט אין די צייטונגען אַ רייע יאָרען, זאָלען אַוועקגעשיקט ווערען פון זייערע ערטער, און זי האָט דעריבער גע־מוזט איינגיין אויף אַ געוויסען קאָמפּראָמיס.

די פּשרה איז באַשטאַנען אין דעם: דערפאַר וואָס די באַלעבאַטים האָבן מסכים געווען צו האַלטען די אַלטע קאָרעקטאָרס און צו אַנערקענען זייער סטאַטוס אַלס מיטגלידער פון דער שריפטזעצער־יוניאָן, איז די יוניאָן איינגעגאַנגען דערויף, אַז סיי די קאָרעקטאָרס און סיי די זעצער זאָלען דעם ערשטען יאָר בלייבען אַרבעטען אויף די אַלטע שכירות, וואָס זיי האָבן ביז דעמאָלט באַקומען.

די יוניאָן האָט גרינג געקענט קריגען אַ הוספה אין די שכירות פון די זעצער גלייך דאָס ערשטע יאָר, ווען זי זאָל זיך ניט איינשטעלען פאַר די קאָרעקטאָרס. זי האָט אָבער מיט פאַרגעניגען דעם דאָזיגען קרבן גע־בראַכט, אַבי די אַלטע קאָרעקטאָרס זאָלען ניט ליידען דורך דער יוניאָניזי־רונג פון „פּרוף־רידינג”.

פאַרשטייט זיך, אַלע קאָרעקטאָרס האָבן זיך אָנגעשלאָסען אָן דער שריפטזעצער־יוניאָן, און עס האָט ניט לאַנג געדויערט ביז די שכירות פון די קאָרעקטאָרס זיינען געהעכערט געוואָרען און זיינען מיט דער צייט געוואָרען די זעלבע וואָס זעצער באַקומען. אַזוי איז עס ביז אויף היינ־טיגען טאָג.

נאָכדעם ווי די פראַגע פון „פּרוף־רידינג” איז געלייזט געוואָרען, איז ביי די וויכטיגע פאַרהאַנדלונגען קיין שוועריגקייטען ניט פאָרגעקומען. אַ קאָנטראַקט איז אונטערגעשריבען געוואָרען מיט די באַלעבאַטים אויף פינף יאָר צייט. דאָס ערשטע יאָר זיינען די שכירות געבליבען 30 דאָלאַר אַ וואָך און יעדען יאָר זיינען זיי געהעכערט געוואָרען מיט 1 דאָלאַר, אַזוי אַז דעם פינפטען יאָר פון׳ם אָפּמאַך האָבן די זעצער באַקומען 34 דאָלאַר אַ וואָך פאַר 36 שעה אַרבעט.

גלייכצייטיג איז אויך אונטערגעשריבען געוואָרען אַן אָפּמאַך אויף פינף יאָר צייט מיט די באַלעבאַטים פון די דזשאָב־דרוקערייען. דאָרט זיינען די שטונדען געווען 46 אַ וואָך, און די שכירות האָבן זיך אָנגע־הויבען פון 25 דאָלאַר דעם ערשטען יאָר און זיינען געהעכערט געוואָרען יעדען יאָר מיט 1 דאָלאַר ביז 29 דאָלאַר דעם לעצטען יאָר. די זעצער אין די דזשאָב־דרוקערייען, וואָס האָבן געאַרבעט אויף ליינאָטייפּ־מאַשינען און ביים צוזאַמענשטעלען וועכענטלאַכע אָדער צוויי־וועכענטלאַכע צייטונגען, האָבן געאַרבעט די זעלבע שטונדען און באַקומען די זעלבע שכירות וואָס די זעצער אין די צייטונגען.

# אַן ערנסטער יוריסדיקציע־ספסוך

דער לעזער געדענקט געוויס דעם פאַל, וואָס איז באַשריבען געוואָרען אין דעם קאַפּיטעל „יוריסדיקציע־ענינים” — ווי אַזוי אַ געוויסען באַלע־באָס האָט זיך געוואָלט איבערגיין אונטער דער יוריסדיקציע פון דער ענגלישער יוניאָן, ווי אַזוי אַ „רעפערי” האָט פעסטגעשטעלט אַז מער ווי 50 פּראָצענט אַרבעט אין דעם שאָפּ איז אידישע און אַז ער דאַרף דעריבער ווייטער פאַרבלייבען אונטער דעם קאָנטראָל פון דער אידישער יוניאָן. אָט דער באַלעבאָס איז ניט געבליבען צופרידען מיט דער אנטשיידונג, און ער האָט ניט אויפגעגעבען די האָפענונג סוף כל סוף פאַרט איבערצופעקלען זיך צו די גוים. ער האָט ארויסגעקוקט אויף אַ געלעגענהייט ווידער צו פּרובירען מזל, און אַזאַ געלעגענהייט האָט זיך אין גיכען געמאַכט.

אין דער „ביג סיקס” איז דעמאָלט דערוויילט געוואָרען אַ נייער פּרעזידענט, דזשיימס דעהם. צו יענער צייט האָט נאָך דעהם געהאַט ווייניג דערפאַרונג אין דער פירונג פון דער יוניאָן. מיט דער פאַרגאַנגענהייט און טעטיגקייט פון דער אידישער יוניאָן איז ער אויך געווען ווייניג באַקאַנט. האָט זיך דעם באַלעבאָס איינגעגעבען דעם נייעם פּרעזידענט צו פאַרדרייען דעם קאָפּ, און ער האָט געמאַכט אַ פאַרזוך צו פאַרכאַפּען דעם שאָפּ פאַר דער ענגלישער יוניאָן.

דער באַטרעפענדער באַלעבאָס האָט דעמאָלט שוין באַשעפטיגט זיבען זעצער. האָט ער אין שיינעם טאָג אַוועקגעשיקט 4 פון די 7 זעצער און אָנגעשטעלט אויף זייערע פּלעצער מיטגלידער פון דער ענגלישער יוניאָן. דאָס אַליין, וואָס די מערסטע זעצער אין זיין דרוקעריי וועלען זיין מיט־גלידער פון דער ענגלישער יוניאָן, האָט געזאָלט דינען אַלס באַוויז, אַז די מערהייט אַרבעט אין זיין שאָפּ איז ענגלישע און אַז די „ביג סיקס” איז באַרעכטיגט צו דער יוריסדיקציע איבער דעם שאָפּ.

דער פּרעזידענט פון דער אידישער שריפטזעצער יוניאָן, נ. דראָשער, איז גלייך אַוועק צו דזשיימס דעהם, און האָט פּראָטעסטירט געגען דעם, וואָס מיטגלידער פון אַ ברודער־אָרגאַניזאַציע האָבען פאַרנומען די פּלעצער פון ארונטערגעשיקטע יוניאָן־לייט. די אַלע טענות האָבען אָבער אויף דעהמ׳ען קיין ווירקונג ניט געהאַט. ער איז געבליבען איינגעשפּאַרט, אַז דער שאָפּ דאַרף געהערען צו דער „ביג סיקס”, און ווייטער גייט אים קיין זאַך ניט אָן.

צום ערשטען מאָל איז דאָ די יוניאָן געשטאַנען פּנים אל פּנים פאַר אַן אמת'ן יוריסדיקציע־סכסוך — פאַר אַ פאַל וואו אַ ברודער־אָרגאַניזאַציע האָט מיט גוואַלד געוואָלט פאַרכאַפּען אירען אַ שאַפּ. און זי האָט באַשלאָסען די יוריסדיקציע איבער דעם דאָזיגען שאַפּ ניט אויפצוגעבען אָן אַ קאַמף.

די יוניאָן האָט די האַנדלונג פון דעם באַלעבאָס פּראָקלאַמירט אַלס „לאָקאַוט", אַלס ברוך פון דעם קאָנטראַקט וואָס ער האָט געהאַט מיט דער יוניאָן. זי האָט פון שאַפּ אַרונטערגענומען די איבעריגע דריי מיטגלידער אירע, האָט דערקלערט אַ סטרייק געגען שאַפּ און האָט זיך ענערגיש גענומען אים באַקעמפען מיט אַלע מיטלען וואָס די לאַגע האָט געפאָדערט.

אינטערעסאַנט דערביי איז, אַז די אינטערנעשאַנאַל האָט אַנערקענט דעם קאַמף אַלס „לאָקאַוט" און האָט באַשטימט צו צאָלען סטרייק־בענעפיט די סטרייקער. דער „עלייעד פּרינטינג טריידס קאַונסיל", ווידער, האָט אויך דעם סטרייק אַנערקענט און האָט באַשלאָסען צוריקצוציען דעם יוניאָן־לייבעל פון דער דרוקעריי. ווען דער באַלעבאָס האָט זיך אַנטזאָגט די לייבעלס אָפּצוגעבען מיט גוטען, האָט דער קאַונסיל זיך געווענדעט אין געריכט, און אויף אַ באַפעל פון געריכט איז אַ מאַרשאַל געקומען און די לייבעלס צוגענומען. דעהם איז אָבער אַלץ געבליבען פאַר'עקשנ'ט און ער האָט זיינע מענשען ניט געוואָלט אַרונטערנעמען פון דעם שאַפּ.

די סיטואַציע, וואָס האָט זיך דאָ געשאַפען, איז געווען אַ העכסט טשיקאַווע. פון איין זייט, פּירט אַ יוניאָן אַ סטרייק געגען אַ באַלעבאָס; די אינטערנעשאַנאַל סאַנקציאָנירט אים און צאָלט סטרייק־בענעפיט די אויסגעשלאָסענע; דער צענטראַלער שטאָטישער קאַונסיל פון די יוניאָנס פון דער גאַנצער אינדוסטריע, וועלכער איז דער באַלעבאָס איבער דעם יוניאָן־לייבעל, ציט צוריק דעם לייבעל פון דעם באַטרעפענדען שאַפּ. פון דער אַנדערער זייט, אָבער, האָט אַ פּרעזידענט פון אַ צווייטער יוניאָן פון דער זעלבער אינטערנעשאַנאַל אַרויסגעשיקט מענשען צו פאַרנעמען די פּלעצער פון די סטרייקער, און ער וויל זיי בשום אופן ניט אַרונטערנעמען. הגם די „ביג סיקס" איז דער גרעסטער לאָקאַל פון דער אינטערנעשאַנאַל, האָט זי אָבער אַזאַ לאַגע ניט געקענט לאַנג דולדען.

דזשאָן העיס, דער סעקרעטערי־טרעזשורער פון דער אינטערנעשאַנאַל, האָט פאָרגעשלאָגען, אַז אַ קאָמיטע זאָל מאַכען אַ נייע אויספאָרשונג וועגען דער אַרבעט אין דער באַטרעפענדער דרוקעריי און צו וועלכער יוניאָן זי דאַרף געהערען. די קאָמיטע איז באַשטאַנען פון דריי מיטגלידער פון דער ענגלישער יוניאָן און דריי מיטגלידער פון דער אידישער יוניאָן. אין פאַל די קאָמיטע וועט זיך ניט קענען אייניגען צווישען זיך, האָט זי געדאַרפט צוציען אַ זיבעטען מיטגליד, וועלכער זאָל דעם סכסוך אַנטשיידען.

די קאָמיטעט פֿון דער יוניאָן איז באשטאנען פֿון די ברידער ראָזענסאָן, גאָטעסמאַן און שײנפֿעלד. װען זײ האָבען זיך געטראָפֿען מיט די דרײ פּארטרעטער פֿון דער ענגלישער יוניאָן, װעלכע זײנען באשטימט געװאָרען פֿון דעהמ׳ען און זײנען פֿון אים קאָנטראָלירט געװאָרען, האָבען זײ גלײך אײנגעזען אַז זײ װעלען מיט זײ צו קײן טאָלק ניט קענען קומען. עס איז דעריבער באשלאָסען געװאָרען צוצוציען אַ זיבעטען, און בײדע צדדים האָבען זיך געאײניגט אויף דעם פּרעזידענט פֿון „עלײעד פּרינטינג טרײדס קאָונסיל״, טאָם קעראָל.

קעראָל האָט אנטשײדען, אַז אַ נײע אויספֿאָרשונג װעגען דער אַרבעט פֿון שאַפּ אין די לעצטע זעקס חדשים זאָל געמאַכט װערען. אויב עס װעט זיך ארויסשטעלען, אַז די מערסטע אַרבעט אין שאַפּ איז אידיש, זאָל ער פֿארבלײבען אונטער דער יוריסדיקציע פֿון דער אידישער יוניאָן; אויב אָבער עס װעט זיך ארויסװײזען, אַז די מערסטע אַרבעט איז ענגלישע, זאָל ער אַריבערגײן צו דער יוריסדיקציע פֿון דער ענגלישער יוניאָן.

נאָך אַ גענויער אויספֿאָרשונג, איז װידער אמאָל פֿעסטגעשטעלט גע־װאָרען, אַז די מערסטע אַרבעט אין דעם שאַפּ איז אידישע, און טאָם קעראָל, װעלכער איז פֿאַקטיש געװען דער אַרביטרײטאָר, האָט אנטשײדען, אַז דער שאַפּ דאַרף בלײבען אונטער דעם קאָנטראָל פֿון דער אידישער יוניאָן.

דער סטרײק און די פֿארהאנדלונגען האָבען געדויערט אַ פּאָר חדשים צײט. דערװײל האָבען זיך אונטערגערוקט נײע װאַלען פֿאַר באַאַמטע אין דער ענגלישער יוניאָן, און אַלס פּרעזידענט פֿון דער יוניאָן איז דערװײלט געװאָרען לעאָן ראַוס. װען קעראָל האָט ארויסגעגעבען זײן אנטשײדונג איז שוין ראַוס געװען דער פּרעזידענט פֿון „ביג סיקס״.

פּרעזידענט ראַוס און זײן אָרגאַנײזער טעאָדאָר דאַגלאַס, צוזאַמען מיט דער קאָמיטע פֿון דער אידישער יוניאָן, זײנען אַװעק צום באטרעפֿענדען באַלעבאָס איבערצוגעבען דעם שאַפּ צוריק צו דער אידישער יוניאָן. װי איבעררַאַשט זײנען זײ געװאָרען, װען זײ האָבען דערזען, װי װיסט און פֿארלאָזען דער שאַפּ מיט דער גאַנצער מאַשינערי האָט אויסגעזען. אַלץ ארום איז געװען טויט. אַ ראָד האָט זיך ניט געדרײט. דאָס האָט שטום עדות געזאָגט, װי װירקזאַם דער קאַמף פֿון דער יוניאָן איז געװען.

# הילף פאַר די מלחמה־קרבנות

דאָ איז ניט דער פּלאַץ צו דערציילען וועגען די גירושים, חורבנות און אומגליקען, וואָס די וועלט־מלחמה האָט געבראַכט אויף די אידען אין מזרח־איראָפּע. דאָ איז אויך ניט דער פּלאַץ אויסצורעכענען וואָס די אַמעריקאַנער אידען האָבען געטאָן פאַר די מלחמה־קרבנות און ווי אַזוי זיי האָבען געראַטעוועט דעם איראָפּעאישען יודענטום פון אונטערגאַנג. דאָ ווילען מיר בלויז פאַרצייכענען, אַז די אידישע שריפטזעצער־יוניאָן האָט בייגעטראָגען איר פולען חלק צו די הילפס־אַקציעס וואָס זיינען אונטערנומען געוואָרען אין אַמעריקע לטובת די מלחמה־קרבנות.

צוויי מאָל האָט די יוניאָן בייגעשטייערט פאַר דעם דאָזיגען צוועק צו פינף הונדערט דאָלאַר — איין מאָל אין 1917 און דעם צווייטען מאָל אין 1918.

אין די ריזיגע סומען, וואָס זיינען דעמאָלט געשאַפען געוואָרען, איז טויזענט דאָלאַר, אמת, ניט מער ווי אַ טראָפּען אין אַן עמער. אָבער ווען מ'נעמט אין באַטראַכט די קליינע צאָל מיטגלידער פון דער יוניאָן און מען צעטיילט די סומע פער קאָפּ, איז אַ ספק צי וועלכער עס איז מיטגליד פון אַן אַנדער אַרבעטער־קערפּערשאַפט האָט אַזוי פיל בייגעטראָגען.

פאַרבייגייענדיג זאָל דאָ באַמערקט ווערען, אַז וויפיל אַ קלענערע אָרגאַניזאַציע זאָל ניט אויסטיילען אין הילף מכל־המינים, קלינגט ניט די סומע זעהר גרויס, אין פאַרגלייך מיט די סומען פון קערפּערשאַפטען מיט צענדליגע טויזענטער מיטגלידער. ווי גרויס עס זאָל ניט זיין די ביי־שטייערונג פון דעם איינצעלנעם מיטגליד פון דער קליינער אָרגאַניזאַציע, איז אָבער די גאַנצע סומע ניט אַזאַ, וואָס זאָל רייסען די אויגען. אָבער פּראָפּאָרציאָנעל צו איר צאָל מיטגלידער, גיט די קלענערע אָרגאַניזאַציע אָפט מער ווי גרויסע אָרגאַניזאַציעס.

אויסער די טויזענט דאָלאַר, וואָס די יוניאָן האָט בייגעטראָגען, האָט זי אָבער אויך געטאָן עפּעס, וואָס קען אין געלט ניט אָפּגעשאַצט ווערען און וואָס האָט פּאַקטיש קיין גלייכען ניט צו זיך אין דער געשיכטע פון אַלע הילפס־אַקציעס וואָס זיינען אונטערנומען געוואָרען אין יענער שרעקלאַכער צייט.

געווען איז דאָס אין 1916. די „פּיפּעלס רעליף קאָמיטע" איז נאָר־וואָס אָרגאַניזירט געוואָרען. זי האָט געזוכט וועגען און מיטלען ווי אַזוי

אױפצואװעקען, אױפצוטרײסלען און פּאַראינטערעסירען די ברײטע אידישע מאַסען פון אַמעריקע אין דעם שיקזאַל פון זײערע ברידער אין די מלחמה־זאָנעס אין אײראָפּע. אײנע פון די ערשטע אַקציעס, װאָס די „פּיפּעלס רעליף קאָמיטע״ האָט אונטערנומען, איז געװען צו אַראַנזשירען אַ גרויסען פּאָלקס־באַזאַר אין גרענד סענטראַל פּאַלאַס, אין ניו יאָרק. חוץ די דירעקטע געלט־מיטלען, װאָס אַ באַזאַר קען אַרײנברענגען, איז אַזאַ אונטערנעמונג באַטראַכט געװאָרען אַלס גוטער מיטעל צו פּאַראינטערעסירען דער עפענט־לאַכקײט אין די ברײטערע הילפס־אַקציעס װאָס זײנען אונטערנומען גע־װאָרען.

די פּאַרװאַלטונג פון באַזאַר האָט זיך אויך געװענדט צו דער אידישער שריפטזעצער יוניאָן מיט דער ביטע, זי זאָל זיך אַקטיװ באַטײליגען אין באַזאַר. ביי אַ מיטינג אין פעברואַר 1916 האָט די יוניאָן באַשלאָסען די דאָזיגע ביטע צו דערפילען און צו טאָן אַלעס מעגלאַכעס צו העלפען קרוינען דעם באַזאַר מיט אַ דערפאָלג. דער פּרעזידענט פון דער יוניאָן, א. װ. דזשאָזעפסאָן, איז באַאױפטראַגט געװאָרען צו נעמען די זאַך אין זײנע הענט און זען, אַז דער בײטראַג פון דער יוניאָן צום דערפאָלג פון באַזאַר זאָל זײן אַזאַ, װאָס פּאַסט זיך פאַר דער אידישער שריפטזעצער יוניאָן.

נאָך אַ באַראַטונג מיט די פּאַרװאַלטער פון באַזאַר, האָט די יוניאָן גענומען אױף זיך צו טאָן צװײ זאַכען פאַר דעם באַזאַר:

ערשטענס, דרוקען אַ סואָװעניר־זשורנאַל, און

צװײטענס, אַרױסצוגעבען בײם באַזאַר גופא אַ קלײנע טעגלאַכע צײטונג, װאָס זאָל זיך רופען „באַזאַר גאַזעט״.

די אױפגאַבע פון אַרױסגעבען אַ סואָװעניר־זשורנאַל איז געװען אַ פאַרהעלטניסמעסיג גרינגע.

די אַרױסגאַבע פון אַ טעגלאַכער צײטונג בײם באַזאַר איז אָבער געװען אַ באמת קאָלאָסאַלע אונטערנעמונג. עס האָט זיך געפאָדערט אױסצושטאַ־טען אַ גאַנצע דרוקערײ — אַ לײנאָטײפּ־מאַשין, בלײ, שריפט, קאַסטענס, האָלץ, טישען, אַ פּרוף־פּרעס און אַ פאַר דרוקען־מאַשינעס; פּאַפּיר, פאַרב און אַנדערע דרוק־מאַטעריאַלען. און מ׳האָט אױך געדאַרפט צושטעלען אַ סטעף אַרבעטער, װאָס זאָל טאָן די אַרבעט — טאָן װי געהעריג און, פאַרשטײט זיך, אָהן געצאָלט.

אַ שװערע אױפגאַבע האָט אָבער קײנמאָל ניט אָפּגעשראָקען די זעצער. פּרעזידענט דזשאָזעפסאָן האָט זיך אין דער אונטערנעמונג אַרײנגעװאָרפען מיט זײן גאַנצער ענערגיע און ענטוזיאַזם — און אין אַ קורצער צײט איז אין גרענד סענטראַל פּאַלאַס אױסגעװאַקסען אַ קלײנע אָבער מאָדערנע דרוקערײ.

זאָל דאָ דערמאָנט װערען, אַז איבעראַל װאו דזשאָזעפסאָן האָט זיך

געוועגדט, איז ער אויפגענומען געוואָרען בכבוד גדול און מיט אַ פרייער האַנט. די פאַרשיידענע פירמעס, וואָס פּראָדוצירען דרוק־מאַשינען און דרוק־מאַטעריאַלען, האָבען זיך האַרציג אָפּגערופען אויף זיין אַפּיל און האָבען מיט פאַרגעניגען צוגעשטעלט אַלץ פריי, אָהן געלט.

די „מערגענטאַלער ליינאָטייפּ קאָ.“ האָט ניט נאָר צוגעשטעלט אַ נייע ליגאָטיפּ־מאַשין פון דעם סאַמע לעצטען מאָדעל, נאָר זי האָט זאָגאר מיט־געשיקט מיט דער מאַשין אירען אַ מאַשיניסט, וועלכער איז געשטאַנען און אַכטונג געבען אַז די מאַשין זאָל אַרבעטען גוט.

די קאַנער, פענדלער קאָ. האָט געגעבען אַ דרוק־מאַשין און אַנדערע מכשירים, וואָס זיינען נויטיג פאַר אַ דרוקעריי.

די אַמעריקען טייפּ פאַונדערס קאָ. האָט אריינגעשיקט שריפט און אַנדערע מאַטעריאַלען.

די דזשאָן טאָמפּסאָן קאָ. האָט אריינגעשיקט איינע פון אירע מאָדערנע דרוק־מאַשינען.

מעטאַל פאַר דער ליגאָטיפּ־מאַשין האָט צוגעשטעלט די בלעטשפאָרד מעטאַל קאָ.

פּאַפּיר האָט צוגעשטעלט די יוניאָן קאַרד ענד פּייפּער קאָ. און די גילמאַן פּייפּער קאָ.

פרייטאָג, דעם 23טען מאַרטש, 1916, זיינען שוין אַלע מאַשינען גע־שטאַנען אויף זייערע פּלעצער און אַלץ איז געווען פאַרטיג צו אָנהויבען ארויסגעבען די „באַזאַר גאַזעט“.

אויף מאָרגען, שבת פרי, איז פּרעזידענט דזשאָזעפסאָן מיט אַ סטעף זעצער, מיטגלידער פון דער יוניאָן, אריינגעקומען פאַרטאָג צו דער אַרבעט.

מר. לובאַרסקי, דער מענעדזשינג עדיטאָר פון דער צייטונג, האָט זיי פאָרגעשטעלט פאַר דעם רעדאַקציאָנס־סטעף, וועלכער איז באַשטאַנען פון: קאָנראַד בערקאָוויסי, רעדאַקטאָר פון דער ענגלישער אָפּטיילונג; מנחם באָריישאָ, רעדאַקטאָר פון דער אידישער אָפּטיילונג; י. נ. סינגער, מענע־דזשער, און ה. פּ. סטראָנגין, סירקולייזשאָן־מענעדזשער.

די זעצער האָבען מיט גרויס חשק זיך אַ נעם געטאָן צו דער אַרבעט, און דעם זעלבען טאָג איז דערשינען די ערשטע אויסגאַבע פון דער צייטונג. די „באַזאַר גאַזעט“ איז דערנאָך רעגעלמעסיג דערשינען אַלע אַכט טעג וואָס דער באַזאַר האָט אָנגעהאַלטען.

די דרוקעריי און די צייטונג איז געווען די גרעסטע אַטראַקציע אויפ'ן באַזאַר. יעדער באַזוכער האָט זיך אָפּגעשטעלט און באַוואונדערט די אַרבעט. די צייטונג איז אויך געווען אַ גרויסער קוואַל פון הכנסה — סיי דער פאַרקויף פון די צייטונגען און סיי די אַנאָנסען האָבען אריינגע־בראַכט אַ סך געלט. אַ באַדייטענדע סומע איז אויך אריינגעקומען דערפון,

וואָס די זעצער פּלעגען אָפּגיסען די נעמען פון די באַזוכער אויף בלײַ, פּאַר װעלכע יעדערער פּלעגט גערן עפּעס באַצאָלען. די דרוקערײַ האָט אויך געדרוקט פרײַ פּאַר דעם באַזאַר פאַרשײדענע דרוק־אַרבעטען, װי שאָו־קאַרדס, טראַו־אוועיס, סוירקולאַרס פּאַר די פאַרשײדענע „בוטהס״ א. א. װ. דערצו איז נאָך דעם באַזאַר פאַרקױפט געװאָרען די שריפט און די סומע װאָס איז דערפון אַרײַנגעקומען איז איבערגעגעבען געװאָרען צו דער פאַרװאַלטונג פון׳ם באַזאַר.

אַז די פאַרװאַלטונג האָט פולשטענדיג אָפּגעשאַצט דעם בײַטראַג פון דער יוניאָן צום דערפאָלג פון באַזאַר, קען מען זען פון דעם װאָס די „באַזאַר גאַזעט״ האָט געזאָגט װעגען דעם. אין דעם לעצטען נומער פון דער ענגלישער אויסגאַבע פון דער צײַטונג „דײלי גאַזעט״ (זונטאָג, דעם 2טען אַפּריל, 1916) איז אָפּגעדרוקט פאָלגענדע דערקלערונג:

„. . . װאָס אַנבאַלאַנגט די טעכנישע דורכפירונג פון דער „דײלי גאַזעט״ װעלען מיר קײנמאָל ניט פאַרגעסען די שײנע און נאָבעלע טאַט פון דער „היברו אַמעריקען טײפּאָגראַפּיקאַל יוניאָן נומער 83 א. ט. י.״, אונטער דער אָנפירונג פון איר פּרעזידענט, א. װ. דזשאָזעפסאָן. די דאָזיגע אַרבעטער, װעמעס קאַפּיטאַל איז זײער גוטער װילען, האָבען פרײַ־װיליג אָפּגעגעבען זײער לײדיגע צײַט פאַר אונזער נאָבעלער אונטערנעמונג. װאָס פאַר אַ בעסערען בײַשפּיל פון מענשלאַכער סאָלידאַריטעט קענען מיר אָנװײַזען?״

און אָט איז אַן אויסצוג פון דעם, װאָס די אידישע אויסגאַבע פון דער „באַזאַר גאַזעט״ האָט אין איר לעצטען נומער (דעם 31טען מאַרטש) גע־זאָגט װעגען דעם אויפטו פון דער יוניאָן:

„די אידישע שריפטזעצער יוניאָן, מיט דער באַטײליגונג פון אירע מעמבערס, האָט געגעבען אײנעם פון די שענסטע דאָנײשאַנס פאַר דעם באַזאַר — טעג פון פרײַװיליגער אַרבעט און איבערגעבענקײט, אַרבעט אין טומעל און גערודער, און באַמיהונגען די זאַך שײן צו מאַכען. די שריפטזעצער האָבען מיט זײער אַרבעט געהאָלפען שאַפען אַ היסטאָרישען דאָקומענט פון אונזער צײַט. זאָל זײ דאָס ניט פאַרגעסען װערען! בײַ יעדער געלעגענהײט זאָלען געדענקען די שײנע אַרבעט פון דער אידישער שריפטזעצער יוניאָן די, װאָס קענען און דאַרפען עס געדענקען.״

הגם קײנער פון די מיטגלידער האָט ניט געקראָגען קײן סענט באַ־צאָלט פאַר דער אַרבעט, איז אָבער זײער באַלױנונג באַשטאַנען אין דעם באַװאוסטזײַן, אַז זײ האָבען אויפגעטאָן אַ גוטע זאַך. זײ האָבען זיך געפילט גליקלאַך מיט דער געלעגענהײט, װאָס זײ זײַנען געװען אימשטאַנד צו העלפען די אומגליקלאַכע אידען אויף יענער זײַט ים, און — איז עס אַן עולה צוצוגעבען? — צו טאָן עפּעס פאַר דעם גוטען נאָמען פון דער יוניאָן.

# צו אַ קאָנטראַקט דאַרף מען אויך האָבן יושר

די צייטונגס-זעצער וואַרפען די אַרבעט אויף זייער אייגענער אַחריות. — די דזשאַב-זעצער פאָלגען נאָך די צייטונגען. — דער „וואַקיישאָן"-סטרייק. — דער סוף פון „וואַקיישאָן"-סטרייק. — אַ נייער באָנוס און אַ נייער קאָנטראַקט מיט די צייטונגען.

אין איינער פון יעקב גאָרדינ׳ס ערשטע פיעסען („דער רוסישער איד אין אַמעריקע") איז געווען אַ פאַרשוין מיט׳ן נאָמען הוזדאַק, אַ זעצער, וועלכער האָט אויף יעדער טענה געהאַט איין־איינציגען ענטפער: „צו וואָס טויג מיר שכל, אַז איך האָב אַ קאָנסטיטושאָן?"

גאָרדין האָט דעם דאָזיגען טיפּ אריינגעשטעלט אין דער פּיעסע צוליב צוויי טעמים. ערשטענס, האָט ער געדאַרפט אַ הומאָריסטישען ווערטעל, אַז דער עולם זאָל האָבען פון וואָס צו לאַכען. צווייטענס, האָט ער טאַקע געוואָלט געבען אַ קיבעץ דער אידישער שריפטזעצער יוניאָן, וועלכע איז כלומרשט געווען צו שטרענג צו די דרוקער־באַלעבאַטים און האָט זיך גערעכענט צו פיל מיט „קאָנסטיטושאָן".

כדי דער לעזער זאָל זיך ניט וואונדערען, פאַר וואָס גאָרדינ׳ען איז געגאַנגען אין לעבען אין זיינער אַ פּיעסע אריינצוקיבעצען דער שריפט־זעצער יוניאָן, דאַרף דאָ דער ענין אַ ביסעל אויפגעקלערט ווערען.

ווען דער אידישער ישוב אין ניו יאָרק האָט זיך גענומען איינשטעלען, האָבען אָנגעהויבען אַריבערקומען אַהער בארימטע אידישע שריפטשטעלער און טוער — אַזעלכע ווי אליקום צונזער, נחום מאיר שייקעוויטש (שמ"ר), צבי הירש מאַסליאַנסקי און ענלאַכע. אַזוי ווי די אידישע פּרעסע איז דעמאָלט נאָך ניט געווען ביכולת צו געבען חיונה די דאָזיגע שריפטשטעלער, פלעגען זייערע פּריינט זיי צוריידען צו עפּענען דרוקערייען. ניט נאָר צונזער און שמ"ר און מאַסליאַנסקי זיינען געוואָרען דרוקער אין ניו יאָרק, נאָר אויך אַנדערע. די אידישע שריפטזעצער יוניאָן האָט, נאַטירלאַך, דערוואַרט, אַז די דרוקערייען פון אָט בארימטהייטען זאָלען אָפּהיטען די זעלבע אַרבעטס־באַדינגונגען ווי אַנדערע דרוקערייען. געוויסע קהל׳שע פאַרזאָרגער האָבען דאָס באַטראַכט פאַר אַן עולה, ווען די יוניאָן האָט, למשל, ניט געוואָלט דערלויבען אַז די קינדער פון אָט די שרייבער און טוער זאָלען אַרבעטען אין די דרוקערייען פון זייערע עלטערען נאָכדעם ווי זיי קומען אַהיים פון דער שולע. אָנשטאָט העלפען זיי קריגען דרוק־אַרבעט וואָס באַצאָלט זיך ווי געהעריג, כדי זייערע פאַמיליעס זאָלען קענען האָבען פּרנסה בכבוד, האָבען אַ סך קהל׳שע קליאַמקעס פאַרלאַנגט, אַז די שריפט־

זעצער יוניאָן זאָל קוקען און שװײגען, בעת אַזעלכע דרוקערײען גראָבען אונטער דעם סטאַנדאַרד פון אַרבעטס־באַדינגונגען אין דרוקער־פאַך.

אַט דערפאַר האָט עס גאָרדין באַטראַכט פאַר זײן פליכט אַרײנצו־קיבעצען דער יוניאָן, און דער װערטעל „צו װאָס טויג מיר שכל, אַז איך האָב אַ קאָנסטיטושאָן" איז אַ געװיסע צײט געװען זעהר פּאָפּולער אויף דער איסט־סײד.

עס קען זײן, אַז אין איר פּלײס צו באַשיצען דעם פאַך האָט אפשר די יוניאָן אמאָל אַריבערגעכאַפּט די מאָס. אָבער אײנס איז זיכער — זי האָט עס ניט געטאָן כדי צו שאַדען די באַטרעפענדע שריפטשטעלער נאָר כדי אָנצוהאַלטען די געװאונענע אַרבעטס־באַדינגונגען אין פאַך.

עס איז איבעריג צו זאָגען, אַז גאָרדינ'ס קיבעץ האָט די מיטגלידער פון דער יוניאָן זעהר שטאַרק װי געטאָן. צי גאָרדין איז געװען גערעכט אין זײן קריטיק געגען דער יוניאָן אָדער ניט, — דאָס װעלען מיר איבער־לאָזען פאַר אַנדערע צו אורטײלען. דאָ װילען מיר בלויז דערצײלען פון אַ פאַל, װען די „יוצרות" זײנען געװען פּאַרביטען, װען יושר און שכל האָט געפאָדערט די יוניאָן, און געהאַלטען זיך פאַר „קאָנסטיטוציע" האָבען דוקא די באַלעבאַטים — אַ פאַל, װעלכער איז פון קײנעם ניט באַזונגען געװאָרען, ניט אין לידער און ניט אין פּיעסען, און עס איז געבליבען פאַר אונזער אָרימער פעדער אים צו באַשרײבען.

פּאַסירט האָט דאָס אין דער צײט פון דער װעלט־מלחמה. אין יאָר 1914, אײדער די מלחמה איז אויסגעבראָכען, האָט די יוניאָן אונטערגע־שריבען אַ קאָנטראַקט מיט די באַלעבאַטים אויף פינף יאָר צײט. די אַרבעטס־באַדינגונגען אין אידישען דרוקער־פאַך זײנען דעמאָלט שוין געװען גענוג צופרידענשטעלענד, אַז די יוניאָן זאָל מסכים זײן אונטערצושרײבען אַ קאָנטראַקט אויף פינף יאָר צײט, מיט קלײנע יערלאכע הוספות. די באַלעבאַטים האָבען דאָס פאַרלאַנגט, און די יוניאָן האָט זײ דאָס נאָכגע־געבען. קײנער האָט, פאַרשטײט זיך, דעמאָלט ניט פאָראויסגעזען דאָס אָנקומען פון דער גרויסער מלחמה.

אָבער נאָכדעם װי די מלחמה איז אויסגעבראָכען, און אין אַמעריקע האָט זיך גאָר אין גיכען אָנגעהויבען די גרויסע מלחמה־„פּראָספּעריטי" צוזאַמען מיט אַ כסדר שטײגענדען יקרות אויף לעבענס־מיטלען, — האָבען די מיטגלידער פון דער יוניאָן געגומען שטאַרק קרעכצען אונטער דעם יאָך פון דעם פינף־יאָריגען קאָנטראַקט. דעמאָלט האָט די יוניאָן גענומען פאָ־דערען אַ רעװיזיע אין דעם קאָנטראַקט, אָבער די באַלעבאַטים האָבען ניט געװאָלט הערען דערפון.

די יוניאָן האָט גע'טענה'ט, אַז דער קאָנטראַקט איז טאַקע אַ קאָנ־טראַקט, אָבער צו אַ קאָנטראַקט דאַרף מען האָבען שכל און יושר אויך.

סיי דער שכל און סיי דער יושר איז געגען דעם, אַז די זעצער זאָלען בלייבען אַרבעטען אויף שכירות, וואָס זיינען געווען באַשטימט פאַר אַ נאָרמאַלער צייט, אָבער ניט ווען דער יקרות שטייגט כסדר און ניט־אָרגאַניזירטע אַרבעטער קריגען אַ סך העכערע שכירות ווי די זעצער. די יוניאָן האָט דעריבער אין 1918 געפאָדערט פון די באַלעבאַטים אַ „וואָר־באָנוס" — אַ העכערונג פון 5 דאָלאַר אַ וואָך אין די צייטונגען און פון 3 דאָלאַר אַ וואָך אין די דזשאָב־דרוקערייען.

אַלע טענות פון דער יוניאָן האָבען אָבער געמאַכט אַ קנאַפּען איינדרוק אויף די באַלעבאַטים. זיי האָבען געהאַט איין ענטפער אויף אַלע רייד: „מיר האָבען מיט אייך אַן אונטערגעשריבענעם קאָנטראַקט אויף פינף יאָר צייט, און אויף דעם קאָנטראַקט באַשטייען מיר".

## די צייטונגס־זעצער גייען אַרויס אין סטרייק אויף אייגענער אַחריות

די באַלעבאַטים האָבען געמיינט, אַז דאָס מאָל האַלטען זיי דער יוניאָן ביים גאָרגעל, און זיי זיינען געווען אַנטשלאָסען ניט נאָכצולאָזען. זיי האָבען אָבער געמאַכט דעם חשבון אָהן דעם אמת'ן באַלעבאָס — אָהן די זעצער אין די שעפּער. אַז די זעצער האָבען דערזען, אַז די יוניאָן קען פאַר זיי אין יענעם מאָמענט גאָרנישט טאָן, האָבען זיי באַשלאָסען צו נעמען די זאַך אין די אייגענע הענט, און זיי האָבען געוואָרפען די אַרבעט אויף אייגענער אַחריות.

רופט עס „סטרייק" אָדער רופט עס „סטאָפּעדזש", — דער פּשוט'ער פאַקט איז, אַז די זעצער האָבען זיך אָנטזאָגט צו אַרבעטען אויף די אַלטע באַדינגונגען און האָבען פאַרלאָזען די צייטונגס־דרוקערייען. די ערשטע צו וואַרפען די אַרבעט זיינען געווען די זעצער פון דער „וואָרהייט". זיי מאַרשירען אַוועק צום „טאָג", און די זעצער פון „טאָג" גייען אויך אַרונטער. גלייך דערביי געפינט זיך „דאָס טאָגעבלאַט", און די זעצער פון „טאָגעבלאַט" שטייען אויך צו צום „סטאָפּעדזש". צוזאַמען לאָזען זיי זיך אַוועק צום „מאָרגען זשורנאַל" אויף דער באָוערי, און די זעצער פון „מאָרגען זשורנאַל" וואַרפען אויך די אַרבעט. די איינציגע צייטונג, וואו די זעצער זיינען געבליבען אַרבעטען, איז געווען דער „פאָרווערטס", ווייל די פאַרוואַלטונג פון „פאָרווערטס" האָט צוגעזאָגט נאָכצוקומען די זעלבע באַדינגונגען וואָס די אַנדערע צייטונגען וועלען אָננעמען.

דערקלערען אַ סטרייק האָט די יוניאָן טאַקע ניט געקענט, ווייל זי איז געווען געבונדען דורך דעם קאָנטראַקט. אָבער צווינגען די מיטגלידער צו בלייבען אַרבעטען אין די שעפּער אויף באַדינגונגען וואָס אַפילו ניט־אָרגאַניזירטע אַרבעטער האָבען דעמאָלט באַטראַכט פאַר שלעכטע, דאָס איז זי ניט געווען מחויב צו טאָן.

די ספאָנטאַנע אָקציע פון די זעצער האָט געווירקט אויף די באַלע־באַטים בעסער ווי די קליגסטע רייד וועגן דעם אַז צו אַ קאָנטראַקט דאַרף מען האָבן יושר אויך, און זיי האָבן גלייך צוגעשטימט צו געבען די זעצער אַ דריי־דאָלאַרדיגע הוספה אויף די שכירות.

## די דזשאָב־דרוקערייען פאָלגען נאָך די צייטונגען

די באַלעבאַטים פון די דזשאָב־דרוקערייען, ווידער, זיינען באַלד נאָכ־דעם איינגעגאַנגען אויף אַ העכערונג פון צוויי דאָלאַר אַ וואָך אויף די שכירות. אין די דזשאָב־דרוקערייען האָבן דעמאָלט, אַגב, אָנגעהויבען אויספעלען גוטע באַלמעלאָכעס, וואָרים אַ סך דרוקער זיינען אַוועק אין אַנ־דערע אינדוסטריען, וואו די שכירות זיינען געווען העכערע. די באַלע־באַטים פון די דזשאָב־דרוקערייען האָבן, אַלזאָ, געהאַט נאָך אַ מאָטיוו צו העכערען די שכירות — צו פארמיידען אַז די זעצער זאָלען זיך צעלויפען פון דער אינדוסטריע.

נאָכדעם ווי די פאַראייניגטע שטאַאַטען זיינען אריינגעטראָטען אין דער מלחמה איז עטאַבלירט געוואָרען אַ רעגירונגס־קערפערשאַפט מיט דעם נאָמען „נעשאָנאַל וואָר לייבאָר באָארד“. די דאָזיגע קערפערשאַפט האָט געהאַט די השגחה איבער אַרבעטס־באַדינגונגען און שכירות און אירע אַן אנטשיידונג איז געווען ענדגילטיג. ארום יענער צייט האָבן די ענגלישע זעצער פון די דזשאָב־דרוקערייען זיך געווענדעט צו דער „וואָר לייבאָר באָארד“ מיט אַ פאַרלאַנג אַז זייערע שכירות זאָלען געהעכערט ווערען. נאָכדעם ווי די „וואָר לייבאָר באָארד“ האָט אונטערזוכט די לאַגע, האָט זי באַשטימט אַ העכערונג פון זעקס דאָלאַר אַ וואָך פאַר אַלע אַרבעטער אין די בוך־ און דזשאָב־דרוקערייען.

די אידישע שריפטזעצער יוניאָן האָט תיכף אויפגעפאָדערט די באַלע־באַטים אונטער איר יוריסדיקציע, אַז אויך זיי זאָלען אָננעמען די אנטשיי־דונג פון דער „וואָר לייבאָר באָארד“, ווייל זי האָט זיך באַצויגען אויף דער גאַנצער אינדוסטריע. די אידישע באַלעבאַטים האָבן זיך אָבער געזומען דיגגען. זיי האָבן גע'טענה'ט, אַז די באַשטימונג איז געמאַכט געוואָרען אויף דעם באַזיס פון אַן 48־שטונדיגער אַרבעטס־וואָך, בעת אין זייערע דרוקערייען ווערט געאַרבעט בלויז 46 שטונדען. אויב איר ווילט די זעקס־דאָלאַרדיגע הוספה, — האָבן זיי דערקלערט, — טאָ אַרבעט אויך 48 שטונדען. די יוניאָן האָט באַשלאָסען צו נעמען די 6 דאָלאַר און אַריבערגיין צוריק אויף 48 שטונדען.

געטאָן האָט עס די יוניאָן הויפטזעכלאך דערפאַר, ווייל עס איז געווען אין די אינטערעסען פון די אַרבעטער אין די שעפער פטור צו ווערען פון דעם קאָנטראַקט און ארונטערצופאַלען אונטער די רעגולאַציעס פון דער

„וואָר לייבאָר באָארד״. דערמיט וואָס די באַלעבאָטים האָבען אָפּגענומען ביי די זעצער די צוויי שטונדען, האָבען זיי פּאַקטיש געמאַכט אַ סוף צום קאָנטראַקט. יעדענפאַלס, אַזוי האָט עס די יוניאָן באַטראַכט, און ווען די ענגלישע יוניאָן האָט אין 1919 געפאָדערט פון די באַלעבאָטים אַ 44-שטונדיגע אַרבעטס-וואָך האָט עס די אידישע יוניאָן אויך געפאָדערט.

די אידישע באַלעבאָטים האָבען גע'טענה'ט, אַז דער קאָנטראַקט מיט דער יוניאָן איז אין קראַפט ביז דעם 1טען יאנואר, 1920, און די פאָדערונג פאַר קירצערע אַרבעטס-שטונדען קען ניט אויפגענומען ווערען ביז דעמאָלט.

די יוניאָן איז אָבער באשטאנען אויף דעם, אַז מיט דעם אויפגעבען פון דער 46-שטונדיגער וואָך איז דער קאָנטראַקט געענדיגט געוואָרען, און וויבאַלד די אידישע זעצער האָבען איינגעשטימט צו אַרבעטען אונטער די זעלבע באדינגונגען וואָס די ענגלישע זעצער זיינען זיי אויך בארעכטיגט צו קירצערע אַרבעטס-שטונדען ווען די ענגלישע זעצער פאָדערען עס.

די ענגלישע באַלעבאָטים האָבען זיך אָנטזאָגט נאָכצוגעבען די 44-שטונדיגע וואָך, און די „ביגס סיקס״ האָט באשלאָסען ארויסצורופען אַ סטרייק. די אינטערנעשאָנאַל האָט אָבער ניט געוואָלט דעם סטרייק סאַנק-ציאָנירען. האָבען די מיטגלידער פון דער ענגלישער יוניאָן זיך מישב געווען און פאַרלאָזען די שעפּער אָהן אַ סטרייק. אָנשטאָט „סטרייק״ האָבען זיי עס אַ נאָמען געגעבען „וואַקיישאָן״. זיי סטרייקען, חלילה, ניט; זיי נעמען בלויז „וואַקיישאָן״ — אַלע צוזאַמען, אין דער זעלבער צייט. דער רעזולטאַט פון דעם „וואַקיישאָן״ איז אָבער געווען דער זעלבער ווי פון אַ סטרייק — די שעפּער האָבען זיך געמוזט צומאַכען.

אַז די ענגלישע זעצער זיינען ארונטער, האָט עס תיכף געמוזט אויך אָנרירען די אידישע זעצער, וואָרים אין אַ צאָל אידישע דרוקערייען האָבען אַלעמאָל אויך געאַרבעט מיטגלידער פון דער ענגלישער יוניאָן. אין דער ליפשיץ פּרעס, למשל, וועלכע איז געשטאנען אונטער דער יוריסדיקציע פון דער אידישער יוניאָן, האָבען געאַרבעט עטלאכע ענגלישע זעצער. ווען די ענגלישע זעצער פון דער ליפשיץ פּרעס האָבען גענומען „וואַקיישאָן״, האָבען די אידישע זעצער ניט געקענט בלייבען ביי דער אַרבעט. האָט פּרעזידענט גאָטעסמאַן זיי אויך ארויסגערופען אויף „וואַקיישאָן״ און דער שאָפּ האָט זיך אָפּגעשטעלט.

די באַלעבאָטים פון די אידישע דרוקערייען האָבען פאַר זיך געהאַט צוויי ברירות: אָדער בלייבען שטיין לאָיאַל מיט זייערע קלאַסען-ברידער פון די ענגלישע דרוקערייען, און האָבען ביי זיך אַ „וואַקיישאָן״-סטרייק, ווי די ליפשיץ פּרעס; אָדער אויסמיידען אַ סטרייק דורך נאָכגעבען די פאָדערונג פון 44 שטונדען. אַזוי ווי די גאַנצע דרוק-אינדוסטריע אין ניו יאָרק איז געווען פּאַראַליזירט, און די וואָס וואָלטען אויסגעמידען אַ

סטרייק האָבען געהאַט גוטע אויסזיכטען צו מאַכען גוטע געשעפטען, האָבען די אידישע דרוקער באשלאָסען נאָכצוגעבען און זיי האָבען אונטערגע־שריבען אַ קאָנטראַקט וועלכער האָט פעסטגעשטעלט אַ 44־שטונדיגע וואָך.

אין דעם נייעם אָפּמאַך זיינען די שכירות געהעכערט געוואָרען פון 36 דאָלאר אַ וואָך אויף 42. אין קאָנטראַקט איז אָבער איינגעשריבען גע־וואָרען אַ פּונקט, אַז אויב די ענגלישע יוניאָן וועט אויסקעמפען מער ווי 42 דאָלאר שכירות, זאָלען די אידישע זעצער קריגען די זעלבע שכירות וואָס די ענגלישע. אין אַזאַ פאַל זאָלען די אידישע זעצער קריגען די העכערע שכירות ניט פון דער צייט ווען דער סטרייק פון די ענגלישע זעצער וועט זיך האָבען פאַרענדיגט, נאָר פון דער צייט ווען דער קאָנטראַקט מיט די אידישע דרוקערייען איז אונטערגעשריבען געוואָרען — פון 1טען אָקטאָבער, 1919.

## דער „וואַקיישאָן"־סטרייק

דער „וואַקיישאָן"־סטרייק פון דער ענגלישער יוניאָן נומער 6 האָט זיך אַנטוויקעלט אין אַ פאַרביטערטען, פאַרצויגענעם קאַמף. דאָס, וואָס די אינטערנעשאָנאַל האָט זיך אנטזאָגט דעם סטרייק צו סאַנקציאָנירען, האָט געשטאַרקט די עקשנות פון די באַלעבאַטים, און ארום דריי טויזענט זעצער זיינען געוועזען אַרבעטסלאָז. אַזוי ווי קיין פינאַנציעלע שטיצע פון דער אינטערנעשאָנאַל האָט די „ביג סיקס" ניט באַקומען, איז זי געווען גע־צוואונגען זיך צו ווענדען צו די איינצעלנע יוניאָנס נאָך פינאַנציעלער שטיצע.

ביים מיטינג פון 24טען אָקטאָבער האָט די אידישע שריפטזעצער יוניאָן באשלאָסען צו שטיצען דער ענגלישער יוניאָן מיט טויזענט דאָלאר. די סומע איז צעוואָרפען געוואָרען אויף די מיטגלידער, וועלכע האָבען עס געדאַרפט באצאָלען אין צוויי איינצאָלונגען. עטלאכע מיטגלידער פון דער יוניאָן האָבען פרייוויליג אָנגעבאָטען אויסצולייען דער יוניאָן די טויזענט דאָלאר ביז דאָס געלט וועט אריינקומען, און די טויזענט דאָלאר זיינען תיכף איבערגעגעבען געוואָרען צו דער ענגלישער יוניאָן.

ביי דעם מיטינג פון דעם 14טען נאָוועמבער האָט די יוניאָן באשלאָסען צו שטיצען דער „ביג סיקס" מיט נאָך טויזענט דאָלאר. דעם מאָל האָט מען שוין ניט געדאַרפט אַנטלייען קיין געלט. מ'האָט גענומען דאָס געלט, וואָס די מיטגלידער האָבען געהאַט איינגעצאָלט אויף דעם ערשטען טויזענ־טער, און עס איבערגעגעבען דער ענגלישער יוניאָן. די, וואָס האָבען אַנט־ליען דער יוניאָן די ערשטע טויזענט דאָלאר, האָבען גאָרנישט געהאַט געגען דעם. זיי זיינען צופרידען געווען צו וואַרטען מיט דעם חוב. לאַנג וואַר־טען האָבען זיי אָבער ניט געדאַרפט. אין אַ קורצער צייט ארום האָט די

ענגלישע יוניאָן צוריקגעצאָלט די ערשטע טויזענט דאָלאר, און דאָס געלט איז גלייך באנוצט געוואָרען אויף אָפּצאָלען דעם חוב צו די מיטגלידער.

די צווייטע טויזענט דאָלאר האָט די יוניאָן ניט באטראכט פאַר אַ חוב, נאָר ווי שטיצע צו אַ פריינטלאכער ברודער־אָרגאַניזאַציע. די יוניאָן האָט ניט פאַרגעסען די שטיצע פון 400 דאָלאר, וואָס די ענגלישע יוניאָן האָט איר געגעבען אין צייט פון דעם סטרייק געגען „אַבענדבלאַט", און זי איז געווען צופרידען צו קענען שטיצען דער ענגלישער יוניאָן ווען יענע האָט זיך גענויטיגט אין דעם. אַביסעל שפּעטער האָט די ענגלישע יוניאָן גע־וואָלט אומקערען די צווייטע טויזענט דאָלאר, אָבער די יוניאָן האָט זיך אַנטזאָגט דאָס געלט אָנצונעמען.

## דער סוף פון דעם „וואַקיישאָן"־סטרייק

אין דעצעמבער איז ענדלאך געקומען אַ סוף צום „וואַקיישאָן"־סטרייק. צווישען די באַדינגונגען, אויף וועלכע די זעצער האָבען איינגעווילליגט צוריקצוגיין צו דער אַרבעט, איז געווען דער פּונקט, אַז די שכירות פון זעצער אין די בוך־ און דזשאָב־דרוקערייען זאָלען זיין 45 דאָלאר אַ וואָך.

דער פּרעזידענט פון דער אידישער שריפטזעצער יוניאָן, שיינפעלד, האָט גלייך געלאָזט וויסען די אידישע באַלעבאַטים, אַז לויט זייער קאָנ־טראַקט דאַרפען זיי נאָכקומען צוויי פּונקטען:

ערשטענס, דאַרפען די זעצער קריגען אַ הוספה פון דריי דאָלאר אַ וואָך — 45 דאָלאר אַנשטאָט 42;

צווייטענס, דאַרפען זיי קריגען אויסגעצאָלט די דריי־דאָלארדיגע פּער וואָך פאַר די חדשים אָקטאָבער, נאָוועמבער און דעצעמבער.

די מערסטע באַלעבאַטים זיינען ערענהאַפט נאָכגעקומען דעם אָפּמאַך. עס האָבען זיך אָבער געפונען עטלאכע, וועלכע האָבען זיך אַנטזאָגט צו באַצאָלען די שכירות פון פריער, די „בעק־פּעי". די זאַך האָט זיך אַזוי געצויגען ביז דעם 26טען מערץ, ווען די יוניאָן האָט ביי אירען אַ מיטינג באַשלאָסען איינצומאָנען די „בעק־פּעי" פאַר אירע מיטגלידער, באַנוצענדיג דערביי אַלע מיטלען, אַפילו אַ סטרייק, אויב נויטיג.

דער באַשלוס פון דער יוניאָן איז גוטגעהייסען געוואָרען פון דער אינטערנעשאָנאַל. דעמאָלט איז פּרעזידענט שיינפעלד צוזאַמען מיט דעם אָרגאַנייזער פון דער אינטערנעשאַנאַל, מעקלאַפּלין, אַוועק אין די באַטרע־פענדע דרוקערייען און אָרונטערגענומען די זעצער אין סטרייק. נאָך עט־לאכע שעה סטרייקען האָבען די באַלעבאַטים דערקלערט, אַז זיי זיינען גרייט צו באַצאָלען די „בעק פּעי", לויט'ן אָפּמאַך, און דערמיט איז דער סכסוך פאַרענדיגט געוואָרען.

## אַ נייער באָנוס און אַ נייער קאָנטראַקט מיט די ציייטונגען

דער „וואָר באָנוס" פון דריי דאָלאר, וואָס די צייטונגס־ארויסגעבער האָבען נאָכגעגעבען אין 1918, נאָכדעם ווי די זעצער האָבען געמאַכט דעם „סטאָפּעדזש", האָט לאַנג ניט געקענט צופרידענשטעלען די זעצער. דער קאָנטראַקט מיט די באַלעבאַטים האָט געדאַרפט אויסגייען ענדע 1919, אָבער ביים מיטינג פון דער יוניאָן פון 7טען אויגוסט 1919 איז אריינגעקומען אַ צושריפט פון די זעצער פון „טאָגעבלאַט", וועלכער גיט זעהר גוט איבער די דעמאָלטיגע שטימונג פון די זעצער פון אַלע צייטונגען און פון וועלכען מיר נעמען ארויס דאָס פאָלגענדע:

„. . . ס'איז אוממעגלאך צו מאַכען אַ לעבען מיט 37 דאָלאר אַ וואָך ביי דעם איצטיגען גרויסען יקרות. אַלץ קאָסט איצט צוויי און דריי מאָל טייערער ווי פריער און ס'איז אוממעגלאך צו עקזיסטירען . . . ביז דער קאָנטראַקט וועט זיך ענדיגען איז נאָך פאַראַן ארום פינף מאָנאַטען. דאָס מיינט — נאָך פינף מאָנאַטען הונגערען . . . פארלאַנגען מיר דעריבער, אַז די סקייל־קאָמיטע זאָל זיך גלייך שטעלען אין פארבינדונג מיט די באַלע־באַטים און פאַרלאַנגען אַ באַלדיגען באָנוס פון צען דאָלאר".

אָט דער צושריפט האָט געהאַט אַ שנעלע ווירקונג. ניט די יוניאָן און ניט די סקייל־קאָמיטע פון דער יוניאָן האָט דעם מאָל געדאַרפט אויפ־נעמען מיט די באַלעבאַטים די פראַגע וועגען אַ הוספה. די זעצער אַליין האָבען דאָס געטאָן, און די צייטונגס־ארויסגעבער זיינען גלייך מסכים געוועזען צו געבען נאָך אַ העכערונג פון 5 דאָלאר אַ וואָך, אָנהויבענדיג פון מאָנאַט סעפּטעמבער. אַזוי ארום זיינען די שכירות פון די זעצער אין די צייטונגען ענדע 1919 געוועזען 42 דאָלאר אַ וואָך.

די צייטונגס־ארויסגעבער האָבען נאָכגעגעבען די פאָדערונג פון די זעצער דערפאַר, ווייל אונטער יענע באַדינגונגען איז עס געוועזען איינפאַך אומפארמיידלאך. פון איין זייט איז דער יקרות אַזוי געשטיגען, אַז די קויף־קראַפט פון דעם דאָלאַר איז געפאַלען אויף אַ העלפט. פון דער אַנדערער זייט, איז דער צייטונגס־געשעפט דעמאָלט געגאַנגען זעהר גוט. אַגב, האָבען די צייטונגס־ארויסגעבער טאָקע מורא געהאַט פאַר אַ נייעם „סטאָפּעדזש".

די נייע הוספה האָט, פארשטייט זיך, ניט געשטערט דער סקייל־קאָמיטע אָנצוגייען מיט אירע פאַרהאַנדלונגען וועגען אַ נייעם קאָנטראַקט. נאָך עטלאַכע קאָנפערענצען מיט די באַלעבאַטים פון די צייטונגען, האָט מען דעם 21טען דעצעמבער, 1919, זיך געאייניגט אויף וועכענטלאַכע שכירות פון 55 דאָלאר. דאָס איז געוועזען אַ העכערונג פון 13 דאָלאר אַ וואָך אויף די שכירות, וואָס די זעצער האָבען דאַן געקראָגען.

# די „וואַרהייט" פאַלט אַ קרבן פון דער מלחמה

ווי אַזוי די יוניאָן האָט געליזט דעם קריזיס.

נאָך איידער די פאַראייניגטע שטאַאַטען זיינען אריין אין דער מלחמה איז די סימפּאַטיע פון אַמעריקע געווען אויף דער זייט פון די אַליאירטע מלוכות. די אַמעריקאַנער פּרעסע האָט אָפּגעשפּיגעלט די דאָזיגע סימ־פּאַטיע.

די סימפּאַטיע, אָבער, פון די אידישע מאַסען אין אַמעריקע איז געווען איינגאַנצען אויף דער זייט פון דייטשלאַנד. די אידען וואָס זיינען געקומען פון רוסלאַנד זיינען געווען פאַר דייטשלאַנד, מחמת אַ זיג פון די אַליאירטע וואָלט שטאַרקער געמאַכט די צאַרישע רעגירונג, וועלכע האָט כסדר אָנ־געטאָן צרות און בגישות די אידען. אַז דערפון זאָל קענען ארויסקומען עפּעס אַ טובה פאַר דער וועלט, דאָס האָבען זיי בשום אופן ניט געקענט איינזען. די אידען וואָס זיינען געקומען פון דייטשלאַנד האָבען געוויס סימ־פּאַטיזירט מיט דייטשלאַנד. די אידען, ווידער, וואָס זיינען געקומען פון עסטרייך־אונגאַרן זיינען נאָך דערצו געווען גרויסע פאַרערער פון דעם קייזער פראַנץ יאָזעף, וועמען זיי האָבען געהאַלטען פאַר אַ גרויסען אוהב־ישראל. דער סך־הכל איז געווען, אַז די אידישע סימפּאַטיען זיינען געווען אויף דער זייט פון די צענטראַלע מלוכות און די אידישע פּרעסע האָט די דאָזיגע סימפּאַטיען אָפּגעשפּיגעלט אין אַ פולער מאָס. אַלע אידישע צייטונגען זיינען געווען „פּראָ דזשוירמען".

דעם רעדאַקטאָר פון דער „וואַרהייט", לואי מילער, האָט זיך אָבער פאַרגלוסט גיין געגען דעם שטראָם, און ער איז ארויסגעטראָטען דוקא פאַר די „עלייס".

די דאָזיגע שטעלונג פון דער „וואַרהייט" האָט אויפגעבראַכט געגען איר די גאַנצע אידישע גאַס. פּראָטעסטען געגען דער „וואַרהייט" האָבען זיך געטראָגען פון אַלע זייטען. עס איז דערגאַנגען אַזוי ווייט, אַז אין דעם קוואַרטאַל פון די גאַליציאַנער אידען פלעגט מען באַפאַלען די סטענדס און די ניוס־באָיס וואָס פלעגען פאַרקויפען די „וואַרהייט" און די צייטונגען צורייסען.

דאָס איז, פאַרשטייט זיך, געווען אַ גרויסער קלאַפּ פאַר דער צייטונג. מילער'ס שותפים האָבען געזוכט אים צו באַוועגען, ער זאָל בייטען זיין שטעלונג, וועלכע האָט באַדייט זעלבסטמאָרד פאַר דער צייטונג. מילער איז אָבער ניט געווען פון די מענשען, וואָס גיבען זיך לייכט אונטער.

דער סוף איז געװען, אַז מילער איז פון דער צײטונג ארױסגעטראָטען און דער נײער רעדאַקטאָר, גאָניקמאַן, האָט געביטען די שטעלונג פון דער „װאָרהײט".

דער „השיבנו נאָזאַד" פון דעם נײעם רעדאַקטאָר איז אָבער געקומען צו שפּעט. דער שאָדען איז שױן געװען אָפּגעטאָן, און די „װאָרהײט" האָט ניט געקענט מער זיך דערשלאָגען צו אירע פריערדיגע כחות. נאָך עט־לאַכע יאָר ראַנגלען זיך, האָבען די ארױסגעבער פון דער „װאָרהײט" זיך צוזאַמענגערעדט מיט די ארױסגעבער פון „טאָג" און זײ האָבען באשלאָסען בײדע צײטונגען צו פארשמעלצען און די „װאָרהײט" אָפּצושטעלען.

בײם מיטינג פון דער יוניאָן דעם 4טען פעברואַר, 1919, האָט פּרע־זידענט ראָזענסאָן באַריכטעט, אַז מר. פּאַלײ, דער ארױסגעבער פון דער „װאָרהײט", האָט אים אָפיציעל געלאָזט װיסען װעגען דעם, אַז די „װאָר־הײט" און דער „טאָג" האָבען באשלאָסען זיך צו פארשמעלצען.

## װי אַזױ די יוניאָן האָט געלײזט דעם קריזיס

די דאָזיגע באַקאַנטמאַכונג איז געװען אַן אמת׳ע „באָמבע". אָבער אױפגעריסען האָט די באָמבע ניט. די יוניאָן האָט זיך ניט פאַרלאָרען, און זי איז צוגעטראָטען צו לײזען די נײ־געשאַפענע פּראָבלעם אױף אַן אָרדנונגסמעסיגען אופן.

אײדער די יוניאָן האָט זיך גענומען לײזען די פּראָבלעם, האָט געדאַרפט קודם פעסטגעשטעלט װערען, װאָס אײגענטלאַך דאָ האָט פּאַסירט — צי איז דאָ פאָרגעקומען אַ פאַראײניגונג פון צװײ צײטונגען, אָדער איז אײן צײטונג אײנפאַך אָפּגעשטעלט געװאָרען.

דער אונטערשײד צװישען אָט די צװײ אינטערפּרעטאַציעס איז זעהר אַ גרױסער. װען אַ צײטונג װערט אָפּגעשטעלט, פאַרלירען די זעצער זײערע פּלעצער. די יוניאָן זוכט זײ צו באַזאָרגען מיט נײע פּלעצער, אָבער אױב זי קען דאָס ניט באַװײזען, בלײבען זײ אַרבעטסלאָז. װען צװײ צײטונגען פאַראײניגען זיך, איז די זאַך אינגאַנצען אַנדערש. דעמאָלט װערט פון בײדע שעפּער אײן שאַפּ, און אין דעם פאַרשמאָלצענעם שאַפּ װערען אַנערקענט די אַלטע פּריאָריטעט־רעכט פון יעדען אײנעם פון די זעצער.

אױב עס זאָל אָנגענומען װערען, אַז די „װאָרהײט" איז אונטערגעג־גאַנגען, דאַן פאַרלירען די זעצער פון דער „װאָרהײט" זײערע פּלעצער און זײ מוזען זוכען אַרבעט ערגעץ אַנדערש. אױב אָבער עס זאָל אָנגע־נומען װערען, אַז דער „טאָג" און די „װאָרהײט" האָבען זיך פאַראײניגט, דעמאָלט קען גאָר אױסקומען, אַז די זעצער פון דער אָפּגעשטעלטער „װאָר־הײט" זאָלען זײן בארעכטיגט צו די פּלעצער אין דער פאַראײניגטער

צייטונג, בעת די זעצער פון „טאָג" זאָלען בלייבען אַרבעטסלאָז. ווי אַזוי? גאַנץ איינפאַך: אויב פוןביידע שעפּער ווערט איין שאָפּ, דעמאָלט זיינען בארעכטיגט צו די פלעצער יענע זעצער וואָס זיינען פריער אָנגעקומען צו דער אַרבעט, און אַזוי ווי די „וואַרהייט" איז געווען עלטער פון „טאָג", און די זעצער פון דער „וואַרהייט" זיינען פריער אָנגעשטעלט געוואָרען צו דער אַרבעט ווי די זעצער פון „טאָג", וואָלטען די זעצער פון דער „וואַרהייט" געהאַט „פּריאָריטעט" אין דעם פאַראייניגטען שאָפּ.

די יוניאָן האָט דעריבער תיכף באשטימט אַ קאָמיטע, וועמעס אויפ־גאַבע עס האָט געדאַרפט זיין: ערשטענס, פעסטצושטעלען די פאַקטען — צי דאָ איז פאָרגעקומען אַ פאַראייניגונג, אָדער פשוט אַ ליקווידאַציע פון אַ צייטונג; און, צווייטענס, ווי אַזוי צו באַזאָרגען אַרבעט פאַר די זעצער וואָס וועלען פאַרלירען אַרבעט אין יעדען פאַל.

ביים קומענדען מיטינג פון דער יוניאָן, דעם 28טען פעברואַר, האָט די קאָמיטע אריינגעבראכט איר באריכט.

אויף דער ערשטער פראַגע האָט די קאָמיטע רעקאָמענדירט, אַז די פּאַסירונג דאַרף באטראכט ווערען ווי אַן אָפּשטעלונג פון דער „וואַרהייט". דאָס, וואָס די ארויסגעבער פון דער „וואַרהייט" האָבען אָפּגעראַטעוועט אַ טייל פון זייער פאַרמעגען דורך פארקויפען דעם נאָמען פון דער צייטונג און אַנדערע ווערט־זאַכען, ווי געוויסע צייטונגס־„פּיטשורס", אַדווערטיי־זינג־קאָנטראַקטען א. א. וו., צום „טאָג", קען בשום אופן ניט אויסגע־טייטשט ווערען, אַז די צוויי צייטונגען האָבען זיך „פאַראייניגט". עס וואָלט געווען דאָס גרעסטע אומרעכט, אַז אונטער אַזעלכע אומשטענדען זאָלען די זעצער פון „טאָג" פאַרלירען די פּלעצער. די קאָמיטע רעקאָמענדירט דערי־בער, אַז די זעצער פון „טאָג" זאָלען פאַרבלייבען אויף זייערע ערטער און קיינער פון זיי זאָל פון דאָרט ניט טאָרען ארויספאַלען.

אויף דער צווייטער פראַגע — אויף דער פראַגע וועגען שאַפען אַרבעט פאַר די 17 זעצער פון דער אָפּגעשטעלטער „וואַרהייט" — רעקאָמענ־דירט די קאָמיטע, אַז 4 פון די זעצער זאָלען אָנגעשטעלט ווערען אין „טאָג", וואָרים אַלס פּועל־יוצא פון דער פאַרשמעלצונג וועט דאָרט אָהן ספק צו־קומען נייע אַרבעט. פאַר די איבעריגע 13 זעצער זאָל געמאַכט ווערען פּלאַץ אין די אַנדערע שעפּער פון דער יוניאָן.

די רעקאָמענדאַציעס פון דער קאָמיטע זיינען פון דער יוניאָן אָנגע־נומען געוואָרען.

די באַציאונג פון די זעצער אין די פאַרשיידענע שעפּער צו די אייגענע „מלחמה קרבנות" פון דער „וואַרהייט" איז געווען אַזאַ ברידערלאכע, אַז מיט אַ ביסעל אָנשטרענגונג איז די באַמטע פון דער יוניאָן געלונגען צו באַזאָרגען אַלע זעצער מיט אַרבעט.

# צייטונגען קומען און צייטונגען גייען

דער אונטערגאַנג פון דער „וואַרהייט" איז ניט דער איינציגער פאַל ווען די יוניאָן האָט זיך פון העלער הויט געפונען פאַר אַזאַ פּראָבלעם.

דאָס דערשיינען פון אַ נייער צייטונג איז תמיד באַטראַכט געוואָרען פאַר אַ פריילאַכער געשעעניש אין פאַך. אָבער דאָס פּלוצימדיגע אָפּשטעלען פון אַ צייטונג האָט פאַרשאַפט גרויס זאָרג דער יוניאָן. יעדע אונטערגעגאַנגענע צייטונג האָט איבערגעלאָזען נאָך זיך די פּראָבלעם פון באַזאָרגען מיט אַרבעט די ארויסגעפאַלענע מיטגלידער.

ליידער, איז דער צעטעל פון אונטערגעגאַנגענע צייטונגען זעהר אַ לאַנגער — אַ סך אַ לענגערער ווי דער צעטעל פון עקזיסטירענדע צייטונגען.

מיט דעם אונטערגאַנג פון „אָבענדבלאַט" און „אידישע וועלט" איז דער לעזער שוין באַקאַנט. ווען „דאָס אָבענדבלאַט" האָט אויסגעשלאָסען אירע זעצער האָט גראַד אָנגעהויבען דערשיינען דער „מאָרגען זשורנאַל", און די זעצער האָבען דעמאָלט באַקומען פּלעצער אין דער נייער צייטונג. ווען די „אידישע וועלט" איז אָפּגעשטעלט געוואָרען, האָט די יוניאָן ניט געקענט באַזאָרגען מיט אַרבעט די זעצער וואָס זיינען געבליבען אַרבעטסלאָז און זי איז געווען געצוואונגען צו דערלויבען די זעצער צו אַרבעטען קאָאָפּעראַטיוו.

נאָך ערגער איז געווען די לאַגע מיט צייטונגען וואָס זיינען דערשינען אַ קורצע צייט און האָבען געפּלאַצט ווי זייפען־בלאָזען. און אַזעלכע זיינען געווען ניט ווייניג.

אַזאַ צייטונג איז געווען די „אידישע פאָלקסצייטונג", וואָס איז ארויסגעגעבען געוואָרען פון אַ גרופּע סאָציאַליסטען וועלכע האָבען זיך אָפּגעשפּאָלטען פון „אָבענדבלאַט".

נאָך אַ צייטונג, וואָס האָט עקזיסטירט אַ זעהר קורצע צייט, איז געווען „די אָבענדצייטונג", וועלכע איז ארויסגעגעבען געוואָרען פון די אידישע אַנאַרכיסטען אונטער דער רעדאַקציע פון ש. יאַנאָווסקי.

ווען וויליאַם רענדאָלף הוירסט איז געווען אַ קאַנדידאַט פאַר מעיאָר פון ניו יאָרק מיט איבער דרייסיג יאָר צוריק האָט ער ארויסגעגעבען אַ גרויסע טעגלאַכע צייטונג אין אידיש אונטער דעם נאָמען „דער אידישער

אַמעריקאַנער". נאָכדעם ווי הוירסט האָט די וואַלען פאַרלאָרען האָט ער די צייטונג אָפּגעשטעלט.

מ. גאָלדמאַן האָט ארויסגעגעבען אין ניו יאָרק אַ טעגלאכע העב־רעאישע צייטונג, דעם „היום". אָבער אין אַ קורצער צייט האָט ער זיך איבערצייגט, אַז דאָס ניו יאָרקער אידענטום איז נאָך ניט רייף געווען אויס־צוהאַלטען אַ טעגלאכע העברעאישע צייטונג און ער האָט דעם „היום" אָפּגעשטעלט.

הערמאַן בערנשטיין האָט פאַראינטערעסירט צוויי רייכע אידישע קלאָוק־מאַנופעקטשורערס צו פינאַנסירען אַ נייע טעגלאכע צייטונג, און ער האָט ארויסגעגעבען דעם „היינט". אָבער נאָכדעם ווי די צייטונג האָט פאַר־שלונגען עטלאכע צענדליג טויזענט דאָלאַר, איז דער „היינט" אָפּגעשטעלט געוואָרען.

נאָכדעם ווי לואי מילער איז ארויס פון דער „וואַרהייט" האָט ער ווידער פּרובירט מזל מיט טעגלאכע צייטונגען. ער האָט ארויסגעגעבען דעם „פירער" און מיט עטלאכע יאָר שפּעטער האָט ער ארויסגעגעבען אַ טאַבלאָיד־צייטונג מיט בילדער אונטער דעם נאָמען „די נייע וואַרהייט".ביידע צייטונגען האָבען קיין ערפאָלג ניט געהאַט און זיינען גאַר גיך אונ־טערגעגאַנגען.

די פּועלי ציון האָבען געמאַכט אַ ריזיגע אַנשטרענגונג און ארויס־געגעבען אַ גרויסע טעגלאכע צייטונג, „די צייט". אָבער נאָכדעם ווי זיי האָבען זיך אָפּגעמאַטערט אַ פּאָר יאָר, האָבען זיי די צייטונג געמוזט אויפ־געבען.

יאָסעלע ראָזענבלאַט, דער בארימטער חזן, האָט אָנגעהויבען ארויסגעבען אַ שטרענג־אָרטאָדאָקסישע טעגלאכע צייטונג מיט'ן נאָמען „דאָס אידישע ליכט". נאָכדעם ווי ער האָט פאַרלאָרען אין דער אונטערנעמונג אַ היפּשען קאַפּיטאַל, האָט זיך די צייטונג אָפּגעשטעלט.

די העברעאישע וועכענטלאכע צייטונג „הדואר" האָט אָנגעהויבען איר עקזיסטענץ מיט וועלכע פופצען יאָר צוריק אַלס אַ טעגלאכע צייטונג. זי האָט אָבער נאָך אַ קורצער צייט די טעגלאכע אויסגאַבע געמוזט אָפּשטעלען.

אַ רוסישע, מענשעוויסטישע טעגלאכע צייטונג מיט'ן נאָמען „אוטראָ" האָט אָנגעהויבען דערשיינען אין ניו יאָרק שוין נאָכדעם ווי די קערענסקי־רעגירונג איז געפאַלען. דער דעפיציט פון דער צייטונג איז אָבער געווען אַזאַ גרויסער, אַז זי האָט לאַנג ניט עקזיסטירט.

ווען אַט די אַלע צייטונגען האָבען אָנגעהויבען דערשיינען, האָט די יוניאָן געדאַרפט צושטעלען זעצער פאַר זיי. די יוניאָן האָט געמוזט ארויס־נעמען זעצער פון די דזשאָב־דרוקערייען, און פאַר די דזשאָב־דרוקערייען האָט זי אָפט געמוזט נעמען זעצער פון אַנדערע יוניאָנס. די מיטגלידער־

שאפט פון דער יוניאָן איז דערװײל אויסגעװאַקסען, און װען די באַטרעפענדע צײטונגען זײנען אונטערגעגאַנגען, האָט די יוניאָן זיך געראַנגעלט מיט דער פּראָבלעם צו שאַפען אַרבעט פאַר די אַרבעטסלאָזע זעצער. זעהר אָפט איז די יוניאָן געװען געצװאונגען צו זוכען אַרבעט פאַר אַזעלכע מיטגלידער אין אַנדערע שטעט.

צום סוף איז געקומען דער אונטערגאַנג פון דער עלטסטער אידישער צײטונג, „דאָס טאַגעבלאַט", און די יוניאָן האָט געדאַרפט באַזאָרגען אַרבעט פאַר די עלטסטע מיטגלידער אירע.

די יוניאָן האָט אָבער צו יעדער צײט געפונען דעם ריכטיגען װעג װי אַזוי די זעצער פון אונטערגעגאַנגענע צײטונגען צו באַזאָרגען מיט אַרבעט. אמת, דער אידישער צײטונגס־װעזען האָט ביז דער סאַמע לעצטער צײט זיך תמיד געפונען אין אַ צושטאַנד פון כסדר'דיגען אויפשװאונג, אָבער די דערפאָלגרײכע באַזאָרגונג פון אַרבעט פאַר זעצער פון אָפּגעשטעלטע צײטונגען איז פונדעסטװעגען אײנע פון די גרעסטע דערגרײכונגען פון דער יוניאָן.

# אַ סטרייק אין די דזשאַב־דרוקערייען

צייטונגס־זעצער קריגען אַ העכערונג פון 5 דאָלאַר אַ וואָך.

דער קאָנטראַקט, וואָס די יוניאָן האָט געהאַט מיט די דזשאַב־דרוקע־רייען, האָט געזאָלט אויסגיין צום סוף פון יאָר 1920. אין אָקטאָבער האָט די יוניאָן פאָרגעלייגט פאַר די באַלעבאַטים אַ נייעם קאָנטראַקט מיט אַ העכערונג אין שכירות, אַ פארקירצטע אַרבעטס־וואָך און דריי באַצאָלטע ימים־טובים אין יאָר.

אַ קאָמיטע פון דער יוניאָן, וואָס איז באַשטאַנען פון שיינפעלד, פרע־זידענט; דזשאָזעפסאָן, וויצע־פרעזידענט, און גאָטעסמאַן, פאָרזיצער פון דער סקייל־קאָמיטע, האָט אָפּגעהאַלטען עטלאַכע קאָנפערענצען מיט פאַר־טרעטער פון דער „היברו פרינטערס ליג". זיי האָבען זיך אָבער ניט געקענט אייניגען צווישען זיך. אַזוי ווי די יוניאָן איז שוין פריער איינמאָל געגאַנגען מיט דער „היברו פרינטערס ליג" צו אַרביטריישאָן, איז באַ־שלאָסען געוואָרען אויף דעם איצטיגען סכסוך איבערצוגעבען צו אַרביט־ריישאָן. עס איז בלויז געבליבען די פראַגע פון אייניגען זיך אויף אַן אַרביטרייטאָר.ביידע צדדים האָבען צוגעשטעלט צעטלען פון אומפּאַרטיי־אישע מענשען, פון וועלכע דער בורר האָט געדאַרפט אויסגעקליבען ווערען.

פּלוצים קריגט די יוניאָן אַ בריוו פון דער „היברו פרינטערס ליג", אין וועלכען די יוניאָן ווערט פאַרבעטען צו אַ קאָנפערענץ מיט פאַרטרע־טער פון דער ליג אין האָטעל קאָמאָדאָר.

אָט די איינלאַדונג איז דער קאָמיטע פון דער יוניאָן גלייך געווען אויפפאַלענד. וואָס רופט מען זיי פּלוצלינג אין האָטעל קאָמאָדאָר? אַלע פריערדיגע קאָנפערענצען פלעגען געוויינלאך געהאַלטען ווערען אין אַן איסט־סייד האָל אָדער רעסטאָראַן, וואו אַלע האָבען זיך געפילט היימיש און באַקוועם. מיט אַמאָל — נאַ דיר גאָר האָטעל קאָמאָדאָר!

די אמת'ע איבערראַשונג איז געקומען ערשט שפּעטער. אריינקומענ־דיג אין זאַל, וואו די קאָנפערענץ האָט געזאָלט אָפּגעהאַלטען ווערען, האָט די קאָמיטע אויסער די פאַרטרעטער פון דער „היברו פרינטערס ליג" דאָרט אויך דערזען עטלאַכע אומבאַקאַנטע קריסטלאַכע מענער, מיט אַ סטענאָגראַפיסט און מיט אַ גאַנצער קאַנצעליאַריע פּאַפּירען.

אויף דער פראַגע פון דער קאָמיטע פון דער יוניאָן, וואָס אָט די אַלע פרעמדע מענשען טוען דאָ, האָבען די „אַחינו בני ישראל" פון דער „היברו

פּרינטערס ליג" גענומען שטאַמלען און דערקלערען, אַז דאָס זײנען אַלץ פּרײנטלאַכע מענשען, װעלכע װילען אונז העלפען אױסגלײכען דעם סכסוך, און דער סטענאָגראַפיסט װעט בלױז פאַרצײכענען װאָס עס װעט בײ דער קאָנפערענץ פאָרקומען. אײנער פון דער קאָמיטע פון דער „היברו פּרינ־טערס ליג" האָט ניט געקענט פאַרטראָגען דאָס שטאַמלעניש, האָט ער זיך אױפגעשטעלט און געזאָגט בזה הלשון: „דזשענטעלמען, װאָס טױגען אונז די אַלע זאַכען? לאָמיר קומען צום פּונקט. די דאָזיגע „פרעמדע מענ־שען" זײנען די באַאַמטע פון דער ענגלישער „עמפּלאָאײנג פּרינטערס אַסאָסיאײשאָן". מיר זײנען ניט מער קײן „היברו פּרינטערס ליג", און פון איצט אָן װעט איר דאַרפען פירען די פאַרהאַנדלונגען מיט דער „עמפּלאָיאינג פּרינטערס אַסאָסיאײשאָן"."

דערהערט, אַז די אידישע באַלעבאַטים װילען אונז אַרײנשלעפּען אין פאַרהאַנדלונגען מיט אַ פרעמדער קערפּערשאַפט, מיט װעלכער די אידישע שריפטזעצער יוניאָן קײנמאָל פריער ניט געהאַנדעלט, האָט זיך גאָטעסמאַן אױפגעשטעלט און אין נאָמען פון דער קאָמיטע פון דער יוניאָן האָט ער געמאַכט די פאָלגענדע דערקלערונג:

„לױט אײער אײגענער דערקלערונג, זײנט איר ניט מער די אָרגאַ־ניזאַציע, מיט װעלכער מיר פלעגען שליסען אָפּמאַכען ביז איצט. מיט דער אָרגאַניזאַציע פון די ענגלישע דרוקער, װידער, האָט די אידישע יוניאָן קײנמאָל ביז איצט ניט געהאַנדעלט און װעט אױך װײטער ניט האַנדלען. די יוניאָן װעט דעריבער פון איצט אָן און װײטער באַשטײן דערױף, אַז יעדער אײנער פון אײך זאָל אונטערשרײבען אַן אינדיװידועלען קאָנטראַקט מיט דער יוניאָן".

אָפּגעגעבען די דאָזיגע דערקלערונג, האָט די קאָמיטע פון דער יוניאָן פאַרלאָזט דעם זאַל.

דאָ דאַרף ספּעציעל באַטאָנט װערען די צײט, װען דאָס איז געשען. דאָס איז געװען אין יאָר 1920. אין יענער צײט איז אין אַמעריקע אָנ־געפירט געװאָרען אפשר די העפטיגסטע „אָפּען שאָפּ"־קאַמפּאַניע אין דער געשיכטע פון לאַנד. אין דער מלחמה־צײט, װען דאָס לאַנד האָט גע־דאַרפט האָבען דעם גוטען װילען און די קאָאָפּעראַציע פון די אַרבעטער־מאַסען, זײנען אַרבעטס־באַדינגונגען היפּש פאַרבעסערט געװאָרען. נאָך דער מלחמה, אָבער, האָבען די באַלעבאַטים זיך אָנגעגורט די לענדען און זיך פאַרמאָסטען צוצונעמען בײ די אַרבעטער אַלע זײערע דערגרײכונגען דורך דעם משך פון דער מלחמה־צײט.

אָט די אַלגעמײנע שטימונג פון לאַנד האָט נאַטירלאך אױך אָנגע־שטעקט די דרוקער־באַלעבאַטים. די ניו יאָרקער באַלעבאַטים האָבען גע־זוכט אָפּצורעכענען זיך מיט די זעצער פאַר דעם „װאַקײשאָן"־סטרײק, װאָס

זיי האָבען געפירט מיט אַ יאָר פריער, און אָפּנעמען ביי זיי די 44-שטונ־דיגע וואָך און די שכירות־העכערונג וואָס זיי האָבען דעמאָלט געוואונען.

די ענגלישע דרוקער האָבען זעהר גוט געדענקט, ווי אין דער צייט פון דעם „וואָקיישאָן"־סטרייק, בעת זייערע דרוקערייען זיינען געווען גע־שלאָסען, האָבען די אידישע דרוקער־באַלעבאַטים נאָכגעגעבען די 44־שטונדיגע וואָך און געמאַכט אַ סך ענגלישע אַרבעט אין זייערע שעפּער. כדי דאָס צו פאַרמיידען אין דער צוקונפט, האָט די ענגלישע „עמפּלאָיאינג פּרינטערס אַסאָסיאיישאָן" געזוכט צוצובינדען די אידישע דרוקער צו זיך. און זיי האָט זיך איינגעגעבען ניט נאָר די אידישע דרוקער צוצובינדען, נאָר צו בינדען זיי הענט און פיס דורך דעם וואָס יעדער באַלעבאָס האָט איינגעלייגט אַ באָנד אַלס גאַראַנטיע, אַז ער וועט בלייבען לאָיאַל צו די אַנדערע באַלעבאַטים. אַלס באַלוינונג פאַר זייער לאָיאַליטעט, האָט די „עמפּלאָיאינג פּרינטערס אַסאָסיאיישאָן" גענומען אויף זיך צו פירען די קאַמפּען פון די אידישע באַלעבאַטים געגען דער אידישער יוניאָן.

די אידישע שריפטזעצער יוניאָן איז אָבער געווען אַנטשלאָסען דעם דאָזיגען מאַנעווער צונישט צו מאַכען. ווען די יוניאָן האָט אויסגעהערט דעם באַריכט פון איר קאָמיטע, האָט זי באַשלאָסען, אונטער קיינע אומשטענדען מער ניט צו פאַרהאַנדלען מיט די באַלעבאַטים קאָלעקטיוו און צו באַשטיין דערויף, אַז יעדער באַלעבאָס זאָל אונטערשרייבען אַן אינדיווידועלען קאָנ־טראַקט. טאָמער וועט אַ באַלעבאָס זיך אַנטזאָגען דעם נייעם קאָנטראַקט אונטערצושרייבען, זאָל אַ סטרייק תיכף דערקלערט ווערען אין דער באַ־טרעפענדער דרוקעריי.

די יוניאָן האָט זיך געווענדט צו דער אינטערנעשאָנאַל, זי זאָל סאַנק־ציאָנירען אַ סטרייק אין די דרוקערייען, וואָס ווילען זיך אַנטזאָגען אונטער־צושרייבען אינדיווידועלע קאָנטראַקטען, און — צו דער פרייד פון דער יוניאָן און דער ערשטוינונג פון די אידישע און ענגלישע באַלעבאַטים — האָט דער עקזעקוטיוו קאָונסיל פון דער אינטערנעשאָנאַל די סאַנקציע באַוויליגט.

זאָל זיך קיינער ניט וואונדערען, וואָס די זעלבע אינטערנעשאָנאַל, וועלכע האָט ערשט מיט אַ יאָר פריער באַקעמפט דעם „וואָקיישאָן"־סטרייק אין ניו יאָרק, האָט איצט גוטגעהייסען אַ סטרייק געגען אַ קאָלעקטיווען אָפּמאַך מיט באַלעבאַטים. קיין נס האָט דאָ ניט פּאַסירט. געשען איז בלויז איין קלייניגקייט: טאַקע אַלס רעזולטאַט פון דער באַציאונג פון עקזעקוטיוו קאָונסיל צום „וואָקיישאָן"־סטרייק, איז אין דער אינטער־נעשאָנאַל פאָרגעקומען אַ שטיקעל רעוואָלוציע — דער פריערדיגער פּרע־זידענט מאַרסדען סקאָט, איז אין די רעפערענדום־וואַלען דורכגעפאַלען און אויף זיין פּלאַץ איז דערוויילט געוואָרען אַ פּראָגרעסיווער טרייד־יוניאָן־

מאַן, מעקפּאַרלענד. מיט דער דערװײלונג פֿון מעקפּאַרלענד׳ן האָט דער עקזעקוטיװ קאָונסיל אײנגאַנצען געענדערט זײן פֿריערדיגע פּחדנות׳דיגע פּאָליטיק.

באַװאָפּענט מיט דער סטרײק־סאַנקציע פֿון דער אינטערנעשאַנאַל, האָט אַ קאָמיטע פֿון דער יוניאָן זיך געװענדט צו יעדען באַלעבאָס באַזונדער אַז ער זאָל אונטערשרײבען דעם קאָנטראַקט מיט דער יוניאָן. די מערסטע באַלעבאַטים, און דוקא די גרעסערע, האָבען דעם קאָנטראַקט אונטערגע־שריבען. די קלענערע באַלעבאַטים — 12 אין צאָל, װעלכע האָבען אַלע צוזאַמען באַשעפֿטיגט ניט מער װי 13 זעצער — האָבען זיך אָנטזאָגט דעם אינדיװידועלען קאָנטראַקט אונטערצושרײבען, און אַ סטרײק איז דערקלערט געװאָרען אין זײערע דרוקערײען.

ניט אונטערגעשריבען דעם קאָנטראַקט האָבען די דאָזיגע קלענערע באַלעבאַטים ניט אַזוי װײל זײ האָבען ניט געװאָלט, נאָר װײל זײ האָבען ניט געקענט. זײ האָבען פּשוט מורא געהאַט צו פֿאַרלירען די באָנדס אָדער װעקסלען, װאָס זײ האָבען געהאַט אײנגעלײגט אַלס גאַראַנטיע, אַז זײ װעלען ניט שליסען קײן אינדיװידועלע קאָנטראַקטען.

די אידישע דרוקער זײנען דאָ מיאוס אַרײנגעפֿאַלען. איצט איז די לאַגע געװען פּונקט פֿאַרקערט װי מיט אַ יאָר פֿריער. דעמאָלט האָבען די אידישע שעפֿער געאַרבעט בעת די ענגלישע שעפֿער זײנען געװען גע־שלאָסען; איצט זײנען די אידישע שעפֿער געװען געשלאָסען און די ענג־לישע האָבען געאַרבעט.

ערשט ענדע דעצעמבער, נאָכדעם װי די ענגלישע באַלעבאַטים האָבען אויסגעגליכען זײערע סכסוכים מיט דער ענגלישער יוניאָן, האָבען זײ דער־לויבט די אידישע באַלעבאַטים אונטערצושרײבען דעם קאָנטראַקט מיט דער אידישער יוניאָן. און אָט דער קאָנטראַקט האָט אַנטהאַלטען אַלץ, װאָס די יוניאָן האָט געהאַט געפֿאָדערט — 52 דאָלאַר אַ װאָך פֿאַר 44 שטונדען אַרבעט און דרײ באַצאָלטע ימים־טובים.

## צײטונגס־זעצער קריגען אַ העכערונג פֿון 5 דאָלאַר אַ װאָך

אין דער זעלבער צײט, װאָס די יוניאָן איז געװען פֿאַרװיקעלט אין דעם קאַמף געגען די אידישע און ענגלישע דרוקער, האָט זי אויך געפֿירט פֿאַרהאַנדלונגען מיט די צײטונגס־אַרויסגעבער װעגען אַ נײער סקײל.

נאָך עטלאָכע קאָנפֿערענצען האָבען בײדע צדדים זיך געאײניגט אויף אַ העכערונג פֿון 5 דאָלאַר אַ װאָך. די נײע שכירות זײנען געװען 60 דאָלאַר אָנשטאָט די פֿריערדיגע 55.

# דער „רויטער קרייץ" פון דער יוניאָן

(דער „עמוירדזשענסי פאָנד")

די אנטוויקלונג פון די אַלטע, ניט־אידישע יוניאָנס האָט דורכגעמאַכט דריי פאַזען. אָנגעהויבען האָבען זיי זייער עקזיסטענץ אַלס פראַטערנאַלע אָרגאַניזאַציעס. זייער הויפּט־אויפגאַבע איז געווען צאָלען קראַנקען־בענע־פיט, טויטען־בענעפיט, באַזאָרגען קרקע אויף נאָכ'ן טויט א. א. וו. נאָכ־דעם זיינען זיי אַוועק צום אַנדערען עקסטרעם, — אַז די איינציגע אויפ־גאַבע פון אַ יוניאָן איז צו זיין אַן עקאָנאָמישע קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע. ענד־לאַך האָבען זיי זיך דערשלאָגען צום געדאַנק, אַז הגם די הויפּט־אויפגאַבע פון יוניאָנס איז צו פירען די עקאָנאָמישע קאַמפען פון די אַרבעטער, מעגען זיי אויך אויספילען געוויסע פראַטערנאַלע פונקציעס.

די אידישע יוניאָנס אין אַמעריקע האָבען די ערשטע פאַזע פון טרייד־יוניאָניזם אינגאַנצען ניט דורכגעמאַכט. ווען זיי זיינען דערשינען אויף דער היסטאָרישער אַרענע, האָט דער יוניאָן־געדאַנק זיך שוין געפונען אין דער צווייטער פאַזע. די דריטע אַנטוויקלונגס־פאַזע פון טרייד־יוניאָניזם קענען זיי אָבער ניט אויסמיידען. מיר זעען ווי אַלץ מער אידישע יוניאָנס פירען איין אַזעלכע פראַטערנאַלע שטיצעס ווי אַרבעטסלאָזען־בענעפיט, קראַנקען־בענעפיט, טויטען־בענעפיט א. א. וו., און אָט די טענדענץ וועט אָן ספק אַלץ שטאַרקער ווערען און זיך פאַרשפּרייטען אין מער יוניאָנס.

אויך אויף אָט דעם געביט איז די אידישע שריפטזעצער יוניאָן געווען דער פּיאָנער צווישען די אידישע יוניאָנס. נאָך מיט יאָרען צוריק האָט די יוניאָן געגרינדעט אַן „עמוירדזשענסי פאָנד", צו שטיצען מיטגלידער אין צייט פון אַרבעטסלאָזיגקייט, קראַנקהייט אָדער אַן אַנדער נויט.

ווי אַ סך וויכטיגע אויפטואונגען, איז דער „עמוירדזשענסי פאָנד" געקומען אויף דער וועלט דורך אַ צופאַל.

אויף דעם מיטינג פון דער יוניאָן, דעם 23טען דעצעמבער, 1921, האָט פּרעזידענט דוד דיכטער באַקאַנט געמאַכט, אַז אַ מיטגליד פון דער יוניאָן, וואָס אַרבעט אין „פאָרווערטס", איז שוין אַ לענגערע צייט קראַנק אויף אַ פּסיכישער קראַנקהייט. ער איז צוגענומען געוואָרען אין דעם שטאַטישען קינגס־קאָונטי שפּיטאָל. די פאַמיליע פון דעם באַטרעפענדען ברודער, אַ פרוי מיט צוויי קליינע קינדער, געפינט זיך אין נויט, און די יוניאָן מוז עפּעס טאָן איר צו העלפען.

אַ לײ־קאַסע האָט שוין געהאַט עקזיסטירט אין דער יוניאָן זינט דעם 8טען מאַי, 1914. דעמאָלט זײנען די מיטגלידער באַשטײערט געוואָרען מיט אײנס פּראָצענט פון זײערע פאַרדינסטען פאַר דעם משך פון אַ יאָר צײט, און מיט דעם געלט איז געשאַפען געוואָרען אַ „לאָון־פאָנד“, וואָס האָט געליען קלענערע סומען צו מיטגלידער וואָס זײנען געווען אַרבעטס־לאָז אָדער האָבען זיך געפונען אין אַ נויט צוליב אַן אַנדער סיבה. די מיטלען פון דער לײ־קאַסע זײנען אָבער געווען זעהר באַגרענעצטע און די סומען וואָס זי פלעגט אויסלײען זײנען געווען קלײנע. פאַר דעם גרוי־סען אומגליק, וואָס איז באַפאַלען דעם באַטרעפענדען מיטגליד און זײן פאַמיליע, האָט זיך געפאָדערט אַ גרעסערע אַקציע ווי די לײ־קאַסע האָט געקענט אונטערנעמען.

האָט דער מיטינג פון דער יוניאָן דערווײלט אַ קאָמיטע, אויסצו־אַרבעטען אַ פּלאַן ווי אַזוי צו שאַפען גענוג מיטלען צו פאַרזאָרגען די פאַמיליע.

בײם מיטינג פון דער יוניאָן אין צווײ וואָכען ארום האָט די קאָמיטע באַריכטעט, אַז זי האָט גענומען אַ טעאַטער־בענעפיט אין אײנעם פון די גרויסע אידישע טעאַטערס. עס איז תיכף באַשלאָסען געוואָרען, אַז יעדער מיטגליד פון דער יוניאָן זאָל באַשטײערט ווערען מיט 10 דאָלאַר בילעטען. דער דערפאָלג פון דער אונטערנעמונג איז, אויף אַזאַ אופן, געווען געזיכערט גלײך פון אָנהויב.

זאָל דאָ פאַרצײכענט ווערען, צום כבוד פון די זעצער פון „פאָר־ווערטס“ און פון דעם „פאָרווערטס“ גופא, אַז זײ האָבען אויך בײגעטראָגען זײער חלק צום פאָנד צו העלפען דעם קראַנקען ברודער. די זעצער פון „פאָרווערטס“ האָבען זיבען מאָנאַטען צײט געצאָלט דער פאַמיליע צו 40 דאָלאַר יעדע וואָך. דאָס אַלײן האָט באַטראָפען די שײנע סומע פון ארום 1,200 דאָלאַר. די „פאָרווערטס“־אַסאָסיאײשאָן, ווידער, האָט בײגעשטײערט 750 דאָלאַר צום פאָנד.

די אונטערנעמונג, צוזאַמען מיט דער בײשטײערונג פון „פאָרווערטס“, האָט אַרײנגעבראַכט די סומע פון 3,155.70 דאָלאַר. פון דעם געלט איז 2,500 דאָלאַר פאַרברויכט געוואָרען אויף קויפען אַ געשעפט פאַר דער פרוי, פון וועלכען זי זאָל קענען ציען חיונה פאַר זיך און פאַר די קינדער. דערצו איז די פאַמיליע געשטיצט געוואָרען פינאַנציעל ביז דער געשעפט האָט זיך אָנגעהויבען באַצאָלען און זי האָט שוין געקענט שטײן אויף די אײגענע פיס.

נאָכדעם ווי אָט די אַקציע איז אָפּגעשלאָסען געוואָרען, האָט די קאָ־מיטע באַריכטעט צו דער יוניאָן אַז פון דעם גוזאַמעלטען געלט איז פאַר־

בליבען די סומע פון 407.70 דאָלאַר. די קאָמיטע האָט רעקאָמענדירט, אַז די 407 דאָלאַר זאָלען ניט איבערגעגעבען ווערען אין דער אַלגעמיינער קאַסע פון דער יוניאָן, נאָר זאָלען באנוצט ווערען אַלס אָנפאַנגס־ אָדער גרינדונגס־קאַפּיטאַל פון אַ פּערמאַנענטען „עמוירדזשענסי פאָנד״.

אָט די רעקאָמענדאַציע איז פון דער יוניאָן גערן אָנגענומען געוואָרען. עס איז דערוויילט געוואָרען אַ קאָמיטע, וועמעס אויפגאַבע עס האָט גע־דאַרפט זיין ניט נאָר צו פאַרוואַלטען מיט דער קליינער סומע וואָס דער פאָנד האָט גע׳ירשנ׳ט פון דער ספּעציעלער הילפס־אַקציע, נאָר אויך צו זוכען מיטלען ווי אַזוי דעם פאָנד צו פאַרגרעסערען.

די „עמוירדזשענסי פאָנד קאָמיטע״ האָט מיט גרויס ענערגיע זיך אריינגעוואָרפען אין דער אַרבעט צו מאַכען דעם פאָנד פאַר אַ ווירקזאמען פאַקטאָר אין דעם לעבען פון דער יוניאָן. זי האָט באשלאָסען דורכצופירען יעדען יאָר אַ טעאַטער־אונטערנעמונג לטובת דעם „עמוירדזשענסי פאָנד״. די ערשטע אונטערנעמונג איז געווען אַזוי דערפאָלגרייך, אַז די „שריפטזעצער אָוועגטען״ זיינען געוואָרען כמעט אַן אינסטיטוציע אויף דער אידישער גאַס.

אויף אָט די יערלאכע אָוועגטען קומען זיך צוזאַמען די אידישע שריפטזעצער־משפחה און אירע פריינט — יוניאָן־פאַרשטייער, פאַרטרע־טער פון אַרבעטער, געזעלשאפטלאכע און קולטורעלע אָרגאַניזאַציעס, ווי אויך אַ גרויסע צאָל פון דער אידישער אינטעליגענץ פון ניו יאָרק.

פון דער קליינער סומע פון 407 דאָלאַר איז דער „עמוירדזשענסי פאָנד״ געוואקסען פון יאָר צו יאָר, און זיין פאַרמעגען דערגרייכט איצט אין די טויזענטער דאָלאַר.

פאַר די 15 יאָר פון זיין עקזיסטענץ האָט דער „עמוירדזשענסי פאָנד״ דערפילט אַלע דערוואַרטונגען, וואָס די מיטגלידער פון דער יוניאָן האָבען אויף אים געלייגט. אָט דער פאָנד, וואָס מעג אָנגערופען ווערען „דער רויטער קרייץ פון דער יוניאָן״, האָט אין יעדען נויט־פאַל, אין וועלכען אַ מיטגליד האָט זיך געפונען, געבראַכט די פולע מאָס הילף, און געטאָן האָט ער עס מיט דער לאַשטשענדער האַנט פון אַ נאָענטען, פון אַ ברודער, בכבוד גדול, ווי אַ חוב און ניט ווי אַ צדקה־זאַך. ניט איין מיטגליד פון דער יוניאָן איז דורך דעם פאָנד ארויסגער‍אַטעוועט געוואָרען פון די נעגעל פון טויט.

אין מאַי, 1925, האָט אַ מיטגליד פון דער יוניאָן, וועמען דער „עמויר־דזשענסי פאָנד״ האָט געהאָלפען אין צייט פון קראַנקהייט, צוגעשיקט אַ דאַנק־בריוו צו דער יוניאָן. מיר נעמען דעם דאָזיגען בריוו ארויס פון די יוניאָן־פּראָטאָקאָלען און ברענגען אים, ווייל אָט דער בריוו איז די שפּראַך פון לעבען אַליין און זאָגט מער ווי דער באַגאַבטסטער שריפטשטעלער וואָלט עס געקענט טאָן.

„איך דריק אויס אַ דאַנק פון טיפען האַרצען צו מײן יוניאָן, די היברו־אַמעריקען טיפּאָגראַפיקאַל יוניאָן לאָקאַל 83 א. ט. י., פאַר דער ברידער־לאַכער, נאָבעלער טאַט, וואָס זי האָט ארויסגעוויזען צו מיר אין דער צייט פון מײן געפערלאַכער קראַנקהײט.

„טייערע יוניאָן! ניט נאָר דאָס, וואָס איר האָט פינאַנציעל גדעקט אַלע אויסגאַבען פון מײן קראַנק־זײן . . . נאָר איר האָט, דורך די באַאַמטע און דער „עמוירדזשענסי קאָמיטע", גענומען אַן אמת־לעבהאַפטען אינטע־רעס אין מיר, קומענדיג יעדען טאָג אין שפּיטאָל מיך טרייסטען אין די שווערסטע מאָמענטען . . . דאָס האָט מיר געגעבען כח בייצושטיין אַלע יסורים, בייצוקומען דעם טויט און בלײבען צווישען די לעבעדיגע.

„שטאָלץ דאַרף זײן אַזאַ יוניאָן, וואָס זי האָט עס געקענט באַווייזען.

„דענקט ניט, אַז דאָס איז אַ סענטימענטאַלער אויסדרוק פון אַ מאָ־מענט; דאָס איז אַן אייביג־דויערענדער געפיל, — און דאָס איז אויך דער געפיל פון מײן פרוי און קינדער, ווייל אַ דאַנק אייך, און נאָר דורך אייך, האָבען זיי צוריק באַקומען זייער מאַן און פאָטער".

קיין פירושים אויף אָט דעם בריוו זײנען, דוכט זיך, ניט נויטיג.

דער גרויסער דערפאָלג פון דעם „עמוירדזשענסי פאָנד" האָט גע־בראַכט דערצו, אַז דער „לאָון פאָנד", וואָס האָט געהאַט עקזיסטירט פון פריער, איז פאַרשמאָלצען געוואָרען מיט'ן „עמוירדזשענסי פאָנד" און ער האָט אויפגעהערט צו עקזיסטירען אַלס באַזונדער פאָנד.

# די פאַרצווייגטע טעטיגקייט פון דער יוניאָן

פינאַנציעלע לאַסטען. — דער קאַמף פאַר דער 44-שטונדיגער אַרבעטס-וואָך. — שטיצע פאַר דער „צייט". — געזעלשאפט-לאכע טעטיגקייטן. — אַנדערע טעטיגקייטן.

די אידישע שריפטזעצער יוניאָן האָט זיך קיינמאָל ניט באַגרעניצט מיט דער ראָלע צו זיין די באַשיצערין בלויז פון די שריפטזעצער אויף דער אידישער גאַס אין ניו יאָרק. זי איז אַלעמאָל געווען מער ווי דאָס. זי איז די מאַמע פון די אידישע זעצער אין אַנדערע שטעט אויסער ניו יאָרק. זי איז אַן אינטעגראַלער טייל פון דער אָרגאַניזאַציע פון די שריפט־זעצער פון גאַנצען לאַנד. זי איז אויך אַ טייל פון דער גאַנצער אַרבעטער־באַוועגונג פון אַמעריקע און פון דער וועלט. חוץ דעם האָט זי תמיד געהאַט אין זינען, אַז זי איז אַ אידישע אָרגאַניזאַציע, און אַלץ וואָס איז נוגע די אידען פון אַמעריקע און פון דער וועלט זיינען איר נאָענט צום האַרצען.

דאָס אַלץ פאַרפליכטעט צו עפּעס, און עס מעג געזאָגט ווערען מיט אַ ריינעם געוויסען, אַז די יוניאָן האָט אין אַלע צייטען געטאָן איר פולע פליכט סיי צו אירע פאַך־ברידער, סיי צו דער אַרבעטער־באַוועגונג בכלל און סיי צום אידישען פאָלק. זי איז ניט אָפּגעשטאַנען פון קיין אַקציע לטובת דער אַרבעטער־באַוועגונג און לטובת דעם אידישען פאָלק.

## פינאַנציעלע לאַסטען

דאָס אַלץ באַדייט, אַז די מיטגלידער פון דער אידישער שריפטזעצער יוניאָן איז אַלעמאָל אויסגעקומען צו טראָגען שווערע פינאַנציעלע לאַסטען.

די לאָקאַלע „דיוס" פון דער יוניאָן זיינען גראָד נידעריגע. דאָס, וואָס די יוניאָן האָט קיין באַצאָלטע באַאַמטע קיינמאָל ניט געהאַט, האָט מעגלאַך געמאַכט, אַז די דיוס פון דער יוניאָן זאָלען זיין בלויז 2 דאָלאַר אַ מאָנאַט (מיט אַ רעדוקציע פון 1 דאָלאַר פאַר די וואָס באַזוכען אַ מיטינג איין מאָל אין מאָנאַט) און איינס פּראָצענט פון די פאַרדינסטען. אָבער חוץ די לאָקאַלע דיוס דאַרף נאָך יעדער מיטגליד צאָלען דיוס צו דער אינטער־נעשאָנאַל — פער־קאַפּיטאַ שטייער, יוניאָן פּרינטערס האָום, „טייפּאָגראַ־פיקאַל דזשורנאַל" און צוויי פּראָצענט פון די פאַרדינסטען פאַר טויטען־בענעפיט און עלטער־פּענסיע. צוזאַמען מיט ספּעציעלע שטייערען פון דער אינטערנעשאָנאַל און פּריווילעגע באַשטייערונגען פאַר ספּעציעלע צוועקען,

אַלגעמײנע און אידישע, שטעלט עס מיט זיך פאַר אַ גרױסע לאַסט. עס איז זעלטען געװען אַ צײט אין דער געשיכטע פון דער יוניאָן װען די מיט־גלידער האָבען ניט געדאַרפט צאָלען ספּעציעלע שטײערען צו דעקען די פאַרשײדענע ספּעציעלע אױסגאַבען.

## דער קאַמף פאַר דער 44־שטונדיגער אַרבעטס־װאָך

עס איז שױן אױבען דערמאָנט געװאָרען, אַז דער פּעריאָד 1920—21 איז געװען אַ שװערער פאַר דער אַרבעטער־באַװעגונג אין אַמעריקע. דער קאַמף פון די רעאַקציאָנערע כחות פון לאַנד פאַר דעם „אָפּען־שאַפּ" האָט זעהר אָפּגעשװאַכט די אַרבעטער־באַװעגונג.

אָבער דאָס האָט ניט אָפּגעשראָקען דעם נײעם, אַגרעסיװען פּרעזידענט פון דער אינטערנעשאָנאַל, דזשאָן מעקפּאַרלענד. אַזױ שנעל װי ער איז געװאָרען פּרעזידענט האָט ער ענערגיש זיך ארײנגעװאָרפען אין אַ קאַמף צו געװינען פאַר די שריפטזעצער איבער'ן גאַנצען לאַנד די 44־שטונדיגע אַרבעטס־װאָך.

דאָס האָט פאַרװיקעלט דער אינטערנעשאָנאַל אין ביטערע קאַמפען מיט די באַלעבאַטים, װעלכע האָבען ניט געװאָלט נאָכגעבען די פאַרקירצטע אַרבעטס־װאָך. סטרײקס זײנען אױסגעבראָכען אין פאַרשײדענע טײלען פון לאַנד. כדי דעם קאַמף צו פינאַנסירען, האָט די אינטערנעשאָנאַל, דורך אַ רעפערענדום־אָפּשטימונג, ארױפגעלעגט אױף די אַרבעטענדע מיטגלידער אַ ספּעציעלען שטײער פון צען פּראָצענט פון זײערע פאַרדינסטען.

דאָ איז פאַרגעקומען אַן איבער'חזר'ונג פון געשיכטע. פּונקט װי אין 1905, װען די אינטערנעשאָנאַל האָט געפירט אַ קאַמף פאַר דעם אַכט־שטונדיגען אַרבעטס־טאָג, האָט די אידישע יוניאָן שױן געהאַט אױסגע־קעמפט דעם אַכט־שטונדיגען טאָג, — אַזױ האָט די אידישע יוניאָן שױן געהאַט אײנגעפירט די 44־שטונדיגע װאָך אין איר געביט, װען די אינטער־נעשאָנאַל האָט אין 1920—21 געקעמפט פאַר דער 44־שטונדיגער װאָך. און פּונקט װי אין 1905 האָט די אידישע יוניאָן איבערגעשיקט צענדליגער טױזענטער דאָלאַר, װאָס זי האָט אײנגעמאָנט פון אירע מיטגלידער פון דעם צען־פּראָצענטיגען שטײער, — אַזױ האָט זי אױך איצט געטאָן.

## שטיצע פאַר דער „צײט"

גלײכצײטיג מיט דעם צען־פּראָצענטיגען שטײער פאַר דער אינטער־נעשאָנאַל, איז די יוניאָן געװען געצװאונגען ארױפצולעגען אױף די מיט־גלידער אַ ספּעציעלען שטײער פון 2 דאָלאַר אַ װאָך, אום צו שאַפען פינף טױזענט דאָלאַר צו שטיצען דער „צײט", די טעגלאכע צײטונג װאָס די פּועלי־ציון האָבען דעמאָלט ארױסגעגעבען.

די צייטונג האָט זיך געפונען אין אַ פאַרצווייפעלטער פינאַנציעלער לאַגע, און די יוניאָן האָט גערעכנט אַז מיט די פינף טויזענט דאָלאַר וועט מען קענען פאַרמיידען איר אונטערגאַנג. חוץ דעם וואָס די „צייט" איז געווען אַן אַרבעטער־צייטונג און האָט אַגיטירט פאַר דעם אויפבוי פון אַ אידישער נאַציאָנאַלער היים אין ארץ־ישראל אויף סאָציאַליסטישע יסודות — און ביידע אידעאַלען זיינען נאָענט דער גרעסטער צאָל מיטגלידער פון דער יוניאָן — האָט די יוניאָן, נאַטירלאַך, געהאַט אַ ספּעציעלען אינטערעס אין דער עקזיסטענץ פון דער צייטונג, צוליב דעם וואָס אירע מיטגלידער זיינען דאָרט געווען באַשעפטיגט.

די פינף טויזענט דאָלאַר פון דער יוניאָן האָבען אָבער קנאַפּ־וואָס געהאָלפען, און די „צייט" האָט זיך אין גיכען אָפּגעשטעלט. דער אונטער־גאַנג פון דער צייט האָט געשאַפען אַ נייעם קריזיס אין דער יוניאָן; מ'האָט ווידער אַמאָל געדאַרפט זוכען פלעצער פאַר די זעצער וואָס זיינען געבליבען אַרבעטסלאָז. אָבער דאָס איז אַ באַזונדער ענין, וואָס געהערט ניט אין דעם קאַפּיטעל.

## געזעלשאַפטלאַכע טעטיגקייטען

די יוניאָן האָט שטענדיג זיך באַטייליגט אין פאַרשיידענע אַרבעטער־און אידיש־געזעלשאַפטלאַכע און קולטורעלע אונטערנעמונגען, און האָט זיי געשטיצט סיי מאָראַליש און סיי פינאַנציעל. אַ פאַרשטאַרקטע טעטיגקייט אויף דעם דאָזיגען געביט מצד דער יוניאָן מערקט זיך ספּעציעל אין די יאָרען 1922, 1923 און 1924.

עס איז כדאי דאָ צו געבען אַ קורצע רשימה פון דער טעטיגקייט פון דער יוניאָן אויף דעם געזעלשאַפטלאַכען געביט אין די דערמאָנטע יאָרען אַליין.

אין יענער צייט האָט זיך אין ניו יאָרק געעפענט אַן אַרבעטער־באַנק אונטער דעם נאָמען „פעדערייישאָן בענק". דער פּרעזידענט פון „עלייעד פּרינטינג טריידס קאָונסיל", פּיטער ברײדי, איז געוואָרען דער פּרעזידענט פון דער באַנק. פאַרשיידענע יוניאָנס האָבען געשטיצט דער נייער באַנק סיי דורך קויפען אירע אַקציעס און סיי דורך האַלטען זייער געלט ביי איר. האָט אויך די אידישע שריפטזעצער יוניאָן געקויפט אַקציעס פון דער באַנק פאַר אַ פּאָר טויזענט דאָלאַר און אַגיטירט צווישען אירע מיטגלידער זיי זאָלען אריינלעגען זייערע אָפּגעשפּאָרטע פאַר דאָלאַר אין דער באַנק;

די יוניאָן האָט געקויפט אַקציעס פון דער „פּאַלעסטינער אַרבעטער באַנק";

זי האָט ארויפגעלייגט אַ טעקס פון 50 סענט אויף יעדען מיטגליד לטובת דער סאָציאַליסטישער טעגלאַכער צייטונג „קאָל";

זי האָט געשטיצט דעם געצײג־קאַמפּײן פאַר די רוסישע אידען מיט 100 דאָלאַר;

זי האָט געהאָלפען די סטרײקענדע מײנערס מיט 200 דאָלאַר, און די פּאַסײקער װעבער־סטרײקער מיט 300 דאָלאַר;

צום טרײד־יוניאָן־קאַמפּײן פאַר דעם „האַיאַס" האָט זי בײגעשטײערט 500 דאָלאַר;

„די פרײע אַרבעטער שטימע" װערט געשטיצט מיט 250 דאָלאַר; דער פּאַלעסטינע אַרבעטער־פאָנד — מיט 100 דאָלאַר; דער פאָנד פאַר מעדיצינישער הילף אין פּאַלעסטינע — מיט 25 דאָלאַר; דער גן־ילדים פון מאָנטגאָמערי סטריט — מיט 50 דאָלאַר;

צום געװערקשאַפטען קאַמפּײן פאַר דער ארץ־ישראל'דיגער אַרבעטער־שאַפט שטײערט די יוניאָן בײ 500 דאָלאַר, און פון „איקאָר" קויפט זי פאַר 250 דאָלאַר אַקציעס.

חוץ דעם שטיצט די יוניאָן פאַרשײדענע אונטערנעמונגען און אָרגאַ־ניזאַציעס מיט קלענערע סומען און יערלאַכע בײטראַגען, װאָס עס װאָלט פאַרנומען צופיל פּלאַץ זײ אַלע אויסצורעכענען.

װען מ'רעכענט נאָך צו די בײשטײערונגען פאַר די מלחמה־קרבנות; שטיצע און הלואות צו צײטונגען װאָס באַשעפטיגען מיטגלידער פון דער יוניאָן, װי די „פרײהײט" און אַנדערע; הלואות צו די זעצער פון דער פילאַדעלפיער „אידישע װעלט", און די צען טויזענט דאָלאַר באָנדס װאָס די מיטגלידער פון דער יוניאָן האָבען געקויפט פון דער „אינטערנעשאָנאַל לײדיס גאַרמענט װאָירקערס יוניאָן" — װעלכע װערען דערמאָנט אין אַנדערע ערטער פון בוך, און אַנדערע װאָס װערען אינגאַנצען ניט דער־מאָנט, — װען מ'רעכענט דאָס אַלץ צו, באַקומט מען אַ שטיקעל באַגריף װעגען דער געזעלשאַפטלאַכער טעטיגקײט פון דער יוניאָן און װעגען די פינאַנציעלע לאַסטען װאָס די מיטגלידער אירע קומט אויס צו טראָגען.

## אַנדערע טעטיגקײטען

חוץ דעם געפינען מיר, אַז אין דעם זעלבען פּעריאָד האָט די יוניאָן זיך באַטײליגט אין געװיסע אַקציעס, װאָס טראָגען אַ פּאָליטישען כאַ־ראַקטער.

אַלס רעזולטאַט פון דער אַלגעמײנער רעאַקציע אין לאַנד, האָט אין 1922 געהאַלטען דערבײ, אַז אין אַלבאַני זאָל דורכגעפירט װערען אַ געזעץ, װאָס זאָל פאַרבאָטען סטרײקס און אײנפירען געצװאונגענע אַרביטרײשאָן. דער גאָװערנאָר פון ניו יאָרק איז דעמאָלט געװען מילער, אַ קאָנסערװאַ־טיװער רעפּובליקאַנער, און ער האָט געטאָן אַלץ אין זײנע מעגלאַכקײטען אַז אַזאַ געזעץ זאָל אָנגענומען װערען. די אָרגאַניזירטע אַרבעטערשאַפט

האָט אויפגעהויבען אַ שטארקען פּראָטעסט געגען דעם פּראָיעקטירטען געזעץ. די „אַמעריקען פעדעריישאָן אָוו לייבאָר" האָט אויפגעפאָדערט אַלע יוניאָנס פון ניו יאָרק סטייט צו שיקען דעלעגאַציעס צו דער לעגיסלאַטור אין אָלבאַני און דאָרט פּראָטעסטירען געגען דעם געזעץ. די אידישע שריפטזעצער יוניאָן האָט אויך געשיקט אַ דעלעגאַציע קיין אָלבאַני. דער פאַראייניגטער פּראָטעסט פון דער אָרגאַניזירטער אַרבעטערשאפט, אונטער דער אָנפירונג פון סעמיועל גאָמפּערס, האָט געווירקט און דער געזעץ־פּראָיעקט איז אויפגעגעבען געוואָרען.

נאָך אַן אַקציע, אין וועלכער די יוניאָן האָט גענומען אַן אָנטייל אין יענעם נאָך־מלחמה פּעריאָד, איז געווען די ערשטע באוועגונג פאַר אַ אידישען קאָנגרעס. ניט נאָר האָט זי זיך באטייליגט אין דער באוועגונג, נאָר זי האָט אויפגעפאָדערט אַלע אירע מיטגלידער אָנטייל צו נעמען אין די וואַלען אין די דיסטריקטען וואו זיי וואוינען.

# די יוניאָן פייערט איר 35 יאָריגע עקזיסטענץ

לואיס פייגין ווערט געעהרט.

פרייטאָג, דעם 23טען נאָוועמבער, 1923, האָט די אידישע שריפט־זעצער יוניאָן געפייערט איר 35־יאָריגע עקזיסטענץ מיט אַ באַל, קאָנצערט און באַנקעט אין מאַנהעטען לייסעאום, ניו יאָרק.

צו אָט דער געלעגענהייט איז ארויסגעגעבען געוואָרען אַן אויסערגעוויינלאך שיינער סואווענير־בוך, אין וועלכען די פירענדע מיטגלידער פון דער יוניאָן האָבען צום ערשטען מאָל איבערגעגעבען אין דרוק זייערע זכרונות וועגען דער טעטיגקייט פון דער יוניאָן.

חוץ די מיטגלידער און זייערע פאַמיליעס, זיינען צו דער פייערונג געקומען אַ סך געסט פון דער אידישער און אַמעריקאַנער אַרבעטער־באוועגונג. צווישען די געסט איז אויך געווען פרענק מאָריסאָן, דער סעקרעטערי־טרעזשורער פון דער „אַמעריקען פעדעריישאָן אָוו לייבאָר".

יוסף באַראָנדעס, וועלכער האָט זעלטען פאַרפעלט צו קומען צו דער יוניאָנ'ס אַ שמחה, האָט אויסגענוצט די דאָזיגע געלעגענהייט און האָט אַפּעלירט צו פרענק מאָריסאָן, און דורך אים צו דער גאַנצער אַמעריקאַנער אַרבעטער־באוועגונג, צו נעמען אַ פריינטלאַכערע שטעלונג צו דער פראַגע פון אימיגראַציע. ער האָט ספּעציעל אָנגעוויזען, אין וואָס פאַר אַ שוידערלאַכער לאַגע די אידען פון מזרח־אייראָפּע געפינען זיך, ווי אַזוי די מלחמה האָט זיי בארויבט פון זייער עקזיסטענץ־מעגלאַכקייט אין זייערע אַלטע וואוין־ערטער, און די איינציגע האָפענונג וואָס זיי איז געבליבען איז צו קענען קומען קיין אַמעריקע.

## לואיס פייגין ווערט געעהרט

די שמחה איז אויך אויסגענוצט געוואָרען צו באעהרען איינעם פון די עלטסטע מיטגלידער פון דער יוניאָן, לואיס פייגין, וועלכער האָט גאַנצע 25 טערמינען געדינט דער יוניאָן אַלס פינאַנץ־סעקרעטער.

פייגין איז אַ שטילער און באַשיידענער מענש, וועלכער האָט געטאָן זיין אַרבעט פאַר דער יוניאָן אָהן טומעל און אָהן פּרעטענזיעס. אין 1923 האָט ער זיך פון דעם אַמט צוריקגעצויגען. האָט די יוניאָן באשלאָסען ביי דער געלעגענהייט פון דעם 35־יאָריגען יובילעאום אויסצודריקען די אַנערקענונג און דעם דאַנק פון די מיטגלידער צו פייגינ'ען פאַר זיין לאַנגיאָריגען דינסט אַלס פינאַנץ־סעקרעטאר פון דער יוניאָן.

# נייע אָפּמאַכען מיט די באַלעבאַטים

אין 1924. — אין 1925. — אין 1928. — די יוניאָן עהרט דראַשער׳ן.

## אין 1924

דעם 14טען מערץ, 1924, האָט די יוניאָן דערוויילט אַ קאָמיטע אויס־צואַרבעטען אַ נייע סקייל סיי פאַר די צייטונגען און סיי פאַר די בוך־און דזשאַב־דרוקערייען.

מיט די באַלעבאַטים פון די דזשאַב־דרוקערייען איז די יוניאָן דעם מאָל גרינג דורכגעקומען. פּרעזידענט דזשאָזעפּסאָן האָט זיך געאייניגט מיט זיי אויף אַ העכערונג אין די שכירות פון 3 דאָלאַר אַ וואָך, און די יוניאָן האָט עס גוטגעהייסען.

אין די צייטונגען אָבער האָט די יוניאָן באַגעגענט געוויסע שוועריג־קייטען. די צייטונגס־ארויסגעבער האָבען גע׳טענה׳ט, אַז עס איז נאָך צו פרי צו פאַרהאַנדלען וועגען אַ נייער סקייל, אַז די ריכטיגע צייט פאַר פאַר־האַנדלונגען וועט זיין נאָכ׳ן זומער. ווי עס ווייזט אויס, האָבען די צייטונגס־ארויסגעבער זיך צוזאַמענגערעדט, וואָרים יעדערער פון זיי האָט געגעבען דעם זעלבען ענטפער. די יוניאָן איז אָבער געווען אנטשלאָסען ניט צו וואַרטען ביז׳ן סוף יאָר. זי האָט זיך געווענדט צו דער אינטערנעשאָנאַל, זי זאָל גוטהייסען דער יוניאָנ׳ס פאָדערונג. אַזוי שנעל ווי די אינטער־נעשאָנאַל האָט דאָס געטאָן, זיינען די קאָנפערענצען מיט די באַלעבאַטים באַנייט געוואָרען.

נאָך איינינע קאָנפערענצען האָט מען זיך געאייניגט אויף פאָלגענדע באַדינגונגען:

דער נייער קאָנטראַקט גייט אריין אין קראַפט דעם 1טען מאַי, 1924;

די שכירות ווערען געהעכערט פון 60 דאָלאַר אויף 65;

יעדער זעצער, וואָס איז באַשעפטיגט אויף אַ צייטונג וואָס גייט ארויס 6 טעג אין וואָך, זאָל קריגען באַצאָלט פאַר זעקס ימים־טובים אין יאָר;

די וואָס אַרבעטען אויף צייטונגען וואָס גייען ארויס 7 טעג אין וואָך זאָלען קריגען באַצאָלט פאַר אַ וואָך וואַקאַציע;

אַלע אַנדערע פונקטען זיינען געבליבען ווי אין אַלטען קאָנטראַקט.

## אין 1925

ווען עס איז געקומען צו פאַרהאַנדלען אַ נייע סקייל אין 1925, האָבען די ארויסגעבער פון „מאָרגען זשורנאַל", „פאָרווערטס", „טאָגעבלאַט" און

„טאָג" געפאָדערט אַ פינף־יאָריגען קאָנטראַקט, כדי ניט צו דאַרפען יעדען יאָר זיך דינגען.

די פאַרהאַנדלונגען זיינען אָנגעגאַנגען ניט איבעריגס גרינג. אָבער נאָך 14 קאָנפערעצען, האָט מען זיך געאייניגט אויף פאָלגענדע ענדערונגען אין קאָנטראַקט:

1) דער קאָנטראַקט זאָל זיין אויף 5 יאָר צייט;

2) אַ העכערונג אין די שכירות פון 1 דאָלאַר אַ וואָך דאָס ערשטע יאָר, אָנפאַנגענדיג פון 15טען סעפטעמבער, 1925, און פון $1.50 יעדען יאָר נאָכדעם, אַזוי אַז אָנשטאָט 65 דאָלאַר וועלען די שכירות דעם לעצטען יאָר זיין 72 דאָלאַר — אַ הוספה, הייסט עס, פון 7 דאָלאַר;

3) צוויי וואָכען וואַקאַציע מיט געצאָלט פאַר זעצער וואָס אַרבעטען אין 6־טאָגיגע צייטונגען;

4) 13 טעג ימים־טובים מיט געצאָלט אין 7־טאָגיגע צייטונגען.

די יוניאָן האָט די דאָזיגע באַדינגונגען גוטגעהייסען און באַאויפ־טראַגט דער קאָמיטע דעם קאָנטראַקט אונטערצושרייבען. ביז אויף היינ־טיגען טאָג אַרבעטען די זעצער אין די צייטונגען אונטער די באַדינ־גונגען וואָס זיינען פעסטגעשטעלט געוואָרען פון אָט־דעם קאָנטראַקט.

מיט די דזשאָב־דרוקערייען אָבער זיינען די פאַרהאַנדלונגען דאָס מאָל צוגעגאַנגען שווערלאַך.

הגם מיט אַ יאָר פריער, אין 1924, האָט זיך איינגעגעבען אויף אַ פרידלאַכען אופן צו באַקומען פון די דזשאָב־דרוקערייען אַ הוספה פון דריי דאָלאַר, זיינען די אַלגעמיינע באַציאונגען צווישען דער יוניאָן און די באַלע־באָטים געווען אָנגעצויגענע. זינט די „היברו פרינטערס ליג" האָט זיך אָנגעשלאָסען אָן דער „עמפלאָיאינג פרינטערס אַסאָסיאיישאָן", האָט זי זיך אָוועקגעלאָזען אויף אַ נייעם דרך און אָנגעווענדט אַ נייע טאַקטיק אין אירע באַציאונגען מיט דער יוניאָן. דאָס איז געווען אַ טאַקטיק פון פירען אַ לאַנגע אָפיציעלע קאָרעספאָנדענץ, מיט פאַרפלאָנטערטע קלאָץ־קשיות, געגען־פאָדערונגען א. א. וו.

מיט אָט דער טאַקטיק האָט זיך די באַלעבאָטים פון די דזשאָב־דרוקע־רייען איינגעגעבען צו פאַרציען דאָס אונטערשרייבען פון אַ נייעם קאָנ־טראַקט אַזש ביז אָקטאָבער, 1928.

## אין 1928

ווען זיי האָבען די זאַך שוין מער ניט געקענט ווייטער פאַרשלעפען, האָבען די באַלעבאָטים זיך מישב געווען און ווידער אמאָל געפאָדערט אַרביטריישאָן.

דער יוניאָן איז איבערדריסיג געוואָרען דאָס לאַנגע שפּילען זיך אין

„קאַץ־און־מויז״, און זי האָט באשלאָסען ארויסצורופען אַ סטרייק אין אַלע דרוקערייען, וואָס וועלען די יוניאָן־פאָדערונגען ניט נאָכגעבען.

דעם 2טען אָקטאָבער, 1928, האָט פּרעזידענט דראָשער ארונטערגענומען אין סטרייק די זעצער פון די דזשאָב־דרוקערייען.

די „סאַוואָי פרעס״ פון ברוקלין איז געווען די ערשטע נאָכצוגעבען און זי האָט אונטערגעשריבען אַ קאָנטראַקט מיט דער יוניאָן.

די אַנדערע באַלעבאַטים פון דער „היברו פּרינטערס ליג״ האָבען באַלד נאָכדעם אויך אונטערגעשריבען דעם קאָנטראַקט פון דער יוניאָן סיי אינדיווידועל און סיי קאָלעקטיוו, אַלס „היברו פּרינטערס ליג״.

די הויפּט־פּונקטען פון דעם נייעם אָפּמאַך זיינען געווען:

1) אַ פינף־טאָגיגע אַרבעטס־וואָך פון 40 שטונדען;

2) 60 דאָלאַר אַ וואָך דאָס ערשטע יאָר, 61 דאָלאַר דאָס צווייטע יאָר, 62 דאָס דריטע יאָר און 63 דאָס פערטע יאָר;

3) דריי באצאָלטע ימים־טובים אין יאָר — ראש־השנה און יום־כפור.

## די יוניאָן עהרט דראָשער'ן

דערוויַיל האָט זיך אונטערגערוקט דער 40־יאָריגער יובילעאום פון דער יוניאָן, וואָס איז געפייערט געוואָרען אויף אַ פּאַסיגען אופן שבת, דעם 31טען נאָוועמבער, אין בראָדוויי סענטראַל האָטעל.

די יוניאָן האָט באשלאָסען ביי דער דאָזיגער געלעגענהייט צו באַעהרען ב. דראָשער'ן פאַר זיין ענערגישער דורכפירונג פון דעם סטרייק אין די דזשאָב־דרוקערייען.

דראָשער איז איינער פון די עלטסטע מיטגלידער פון דער יוניאָן. ניט איין מאָל איז ער געווען איר פּרעזידענט און ער איז געווען טעטיג אויף אַלע געביטען פון יוניאָן־טעטיגקייט. ער געהערט צום ערשטען דור פירער פון דער יוניאָן — צו די באַן־ברעכער, צו די אַגרעסיווע קעמפער.

ביים 40־יאָריגען יובילעאום פון דער יוניאָן איז דראָשער פּרעזענטירט געוואָרען מיט אַן אויסגעגראַווירטער רעזאָלוציע, איינגעפאַסט אין אַ שיינער ראַם צוזאַמען מיט זיין בילד, אין וועלכער די יוניאָן דריקט אויס דאַנק און אַנערקענונג צו אים פאַר זיין לאַנג־יאָריגער טעטיגקייט לטובת דער יוניאָן.

# די אַרבעטסלאָזיגקייט פּראָבלעם אין דער יוניאָן

אַרבעטס-שטייער. — אַרבעטסלאָזען צאָלונגען.

אין דעם קאַפּיטעל „צייטונגען קומען און צייטונגען גייען" איז די אַרבעטסלאָזיגקייט-פּראָבלעם אין דער יוניאָן שוין טיילווייז באַרירט געוואָרען. די פּראָבלעם איז אָבער אַזאַ וויכטיגע, אַז עס איז נויטיג וועגען דעם צו שרייבען מיט מער איינצעלהייטען.

אַרבעטסלאָזיגקייט צווישען אידישע זעצער האָט זעלטען געהאַט אַ דירעקטע שייכות מיט דער אַלגעמיינער עקאָנאָמישער לאַגע. געווען צייטען, ווען אַן אַלגעמיינער קריזיס האָט זיך גראָד ווייניג אָפּגערופען אויף דער צאָל באַשעפטיגטע אין דער יוניאָן. פאַרקערט, ווידער, זיינען געווען צייטען, ווען צוליב עפּעס אַן אינערלאַכער סיבה, ווי די אָפּשטעלונג פון אַ צייטונג, האָט זיך געשאַפען אין דער יוניאָן אַ קריזיס, בעת אין אַנדערע אינדוסטריען האָט געהערשט „פּראָספּעריטי".

אין אַלגעמיין גענומען, איז אין דער יוניאָן כמעט שטענדיג געווען מער זעצער ווי אַרבעט. שוין אין די ערשטע יאָרען פון דער יוניאָנ'ס עקזיסטענץ, ווען די מיטגלידערשאַפט פון דער יוניאָן איז באַשטאַנען אינגאַנצען פון עטלאַכע-פופציג, איז כמעט אַ העלפט פון זיי געווען אַרבעטסלאָז און געשטאַנען אויף דער „רייע". שפּעטער איז די פּראָפּאָרציע פון אַרבעטסלאָזע מיטגלידער ניט געווען אַזוי גרויס, אָבער די אַרבעטסלאָזיגקייט-פראַגע איז זעלטען-ווען אַראָפּ פון דער טאָג-אָרדנונג פון דער יוניאָן.

ווען אַ צייטונג איז אונטערגעגאַנגען האָט דער קריזיס געטראָפען דער יוניאָן מיט דער קראַפט פון אַ שטורמווינט. דאָס, וואָס אַ באַדייטענדע גרופּע מיטגלידער, וואָס איז געשטאַנען אויף שטענדיגע פּלעצער, האָט מיט אַמאָל פאַרלאָרען איר חיונה-קוואַל, און די פּלוצלינגדיגקייט פון דער פּאַסירונג, האָט ניט געקענט פאַרפעלען אַריינצוואַרפען דער יוניאָן אין אַ צושטאַנד פון אומרואיגקייט. אין אַזאַ פאַל האָט די יוניאָן פיבעריש געזוכט און כמעט תמיד געפונען אַ וועג ווי אַזוי די אַרויסגעפאַלענע זעצער צו באַזאָרגען מיט אַרבעט. דערביי האָט אָהן ספק געשפּילט אַ געוויסע ראָלע דער געפיל פון אומזיכערקייט, וואָס פלעגט אין אַזאַ צייט אַרומכאַפּען די זעצער פון די אַנדערע צייטונגען; ניט ווילענדיג פלעגט יעדערער פון זיי אַ טראַכט טאָן: ווער ווייס, ווען איך אַליין קען זיך געפינען אין דער זעלבער לאַגע? מ'פלעגט זיך דינגען צווישען זיך, ווועלכער שאַפּ עס זאָל

אריינגעמען מער זעצער און וועלכער וועניגער, אָבער דער רעזולטאַט איז געווען אַז יעדער שאַפּ פלעגט אריינגעמען אַ געוויסע צאָל נייע זעצער און דער קריזיס פלעגט אויף אַזאַ אופן שנעל געלייזט ווערען.

די גרעסטע קאַטאַסטראָפע פון דעם מין, וואָס איז באַפאַלען דער יוניאָן, איז געווען אין 1928, ווען „דאָס אידישע טאָגעבלאַט" האָט זיך אָפּגעשטעלט. די דאָזיגע צייטונג האָט עקזיסטירט קאַרגע פופציג יאָר כסדר; די זעצער, וואָס האָבען געאַרבעט אין „טאָגעבלאַט", זיינען געווען צווישען די עלטסטע אין דער יוניאָן — און מיטאַמאָל האָבען זיי אַלע זיך געפונען דרויסען, אַרבעטסלאָז. מיט דער גרעסטער ענערגיע האָט די יוניאָן געמאַכט אַ רעוויזיע אין דער אַרבעט אין די שעפּער, און עס איז איר געלונגען אַלע זעצער פון „טאָגעבלאַט" צו באַזאָרגען מיט נייע אַרבעטס־פּלעצער.

די כראָנישע אַרבעטסלאָזיגקייט האָט קיינמאָל אַזוי ניט אויפגע־רודערט דער יוניאָן. ערשטענס, דערפאַר ווייל מ'איז געווען געוואוינט צו איר; און, צווייטענס, געוויס אויך דערפאַר, וואָס אַזעלכע אַרבעטסלאָזע זיינען מערסטענס באַשטאַנען פון איינגערע מיטגלידער און דער פליכט־געפיל פון דער יוניאָן צו זיי איז ניט געווען אַזאַ שאַרפער ווי צו די עלטערע מיטגלידער.

אָבער דאָס מיינט ניט צו זאָגען, אַז די יוניאָן איז געווען גלייכגילטיג צו דער לאַגע פון די אַרבעטסלאָזע. לאָמיר זיך דאָ באַנוגענען מיט דער־ציילען, וואָס די יוניאָן האָט געטאָן און טוט פאַר אירע אַרבעטסלאָזע מיט־גלידער אין די לעצטע יאָרען.

## אַרבעטס־שטייער

דעם 11טען דעצעמבער, 1925, באַשליסט די יוניאָן צו באַשטייערען יעדען שאַפּ אין איר יורידיקציע מיט אַ געוויסער צאָל אַרבעטס־טעג, וואָס דאַרפען אָוועקגעגעבען ווערען צו די אַרבעטסלאָזע. לויט דער רעקאָ־מענדאַציע פון אַ קאָמיטע, וואָס האָט די פראַגע גרינטלאך דורכגעטראַכט, איז דער „מאָרגען זשורנאַל" שאַפּ באַשטייערט געוואָרען מיט 22 טעג אַרבעט אַ וואָך; דער „פאָרווערטס" — מיט 21 טעג; דער „טאָג" — מיט 20 טעג; „דאָס טאָגעבלאַט" — מיט 4 טעג; די „פרייהייט" — מיט 4 טעג; „אידישע ליכט" — 1 טאָג; אַפּ טו דייט פּרינטינג קאָ. — 10 טעג; פּינסקי־מזל פּרעס — 5 טעג; פאַרנבערג פּרעס — 2 טעג; „פרייע אַרבעטער שטימע" — 3 טעג; אַסטאָריאַ פּרעס — 3 טעג. עס איז אויסגערעכענט געוואָרען, אַז אָט די צאָל אַרבעטס־טעג וועט קלעקען צו באַזאָרגען יעדען אַרבעטסלאָזען מיט אַ מינימום פון 3 טעג אַרבעט אַ וואָך. עס איז אויך באַשלאָסען געוואָרען, אַז די צאָל באַשטימטע טעג

זאָל באטראכט װערען װי אַ שטײער, װאָס מוז באצאָלט װערען אָדער מיט אַרבעטס־צײט אָדער מיט באַרעס געלט.

אַז אָט די סיסטעם פון באשטײערען די שעפער מיט אַרבעט לטובת די אַרבעטסלאָזע איז געװען דערפאָלגרײך, איז פעסטגעשטעלט געװאָרען דעם פאָלגענדען יאָר. בײם מיטינג פון דער יוניאָן דעם 8טען אָקטאָבער, 1926, איז פאָרגעלײענט געװאָרען אַ צושריפט פון 18 אַרבעטסלאָזע מיט־גלידער, אין װעלכען זײ באקלאָגען זיך אַז זײ באקומען ניט גענוג אַרבעט. די יוניאָן גיט איבער דעם צושריפט צו דער עקזעקוטיװ קאָמיטע, אַז זי זאָל דעם ענין אונטערזוכען. בײם קומענדען מיטינג באריכטעט די עקזע־קוטיװ קאָמיטע, אַז נאָכדעם װי זי האָט געמאַכט אַ גענױע אויספאָרשונג האָט זיך ארויסגעשטעלט אַז פאַר די לעצטע צען חדשים — ד. ה. זינט די אַרבעט־באשטײערונג איז ארײן אין קראַפט — האָבען די מערסטע אַר־בעטסלאָזע געהאַט אין דורכשניט ניט װעניגער װי 5 טעג אַרבעט אַ װאָך; די איבעריגע האָבען, צוליב ספּעציעלע אומשטענדען, געקראָגען װעניגער, אָבער יעדער פון זײ האָט אויך געקראָגען אַ געװיסע צאָל טעג אַרבעט װעכענטלאַך.

דעם פאָלגענדען יאָר פירט די יוניאָן דורך אַ געװיסע ענדערונג אין דעם אַרבעט־באשטײערונגס פּלאַן. עס װערט באשלאָסען אײנצוטײלען די אַרבעטסלאָזע אין דרײ קאַטעגאָריעס — מיטגלידער װאָס געהערען לענ־גער צו דער יוניאָן, מיטגלידער מיט פאַמיליעס, און אומפארהײראַטע. די עלטערע מיטגלידער זאָלען קריגען 5 טעג אַרבעט אַ װאָך יעדערער; די אינגערע — 4 טעג; די אומפארהײראַטע — 3 טעג.

מיט אַ יאָר שפּעטער איז דורכגעפירט געװאָרען אַ נײע רעפאָרמע אין דעם אַרבעט־באשטײערונגס פּלאַן. אַנשטאָט דעם, װאָס דער אַרבעטס־לאָזער זאָל יעדע װאָך געשיקט װערען אין אַן אַנדער שאַפּ אַרבעטען, איז באשלאָסען געװאָרען אײנצופירען אין די אידישע שעפער די „סאָב"־סיסטעם, װאָס האָט אַלעמאָל פונקציאָנירט אין די ענגלישע שעפער. לויט אָט דער סיסטעם, װערט אַ געװיסע צאָל אַרבעטסלאָזע צוגעשריבען אַלס „סאָבס" צו יעדען שאַפּ, און זײ קריגען די איבעריגע אַרבעט װאָס עס איז דאָ אין שאַפּ.

צוזאַמען מיט דער אײנפירונג פון דעם „סאָב"־סיסטעם איז אָפּגע־שאַפט געװאָרען די „רײע", װאָס האָט פונקציאָנירט אין דער יוניאָן זינט דעם ערשטען טאָג פון איר עקזיסטענץ. אַנשטאָט דעם, װאָס דער אַר־בעטסלאָזער האָט געדאַרפט זיך אָװעקשטעלען אויף דער „רײע" און װאַרטען ביז מ'װעט פון ערגעץ אַ שאַפּ רופען אַ זעצער, האָט יעדער אַר־בעטסלאָזער באקומען דאָס רעכט זיך אַװעקצושטעלען אַלס „סאָב" אין װעלכען שאַפּ ער װיל נאָר אַלײן און פאָדערען די איבעריגע אַרבעט, אויב

אַזעלכע איז דאָרט פאַראַן. שטייענדיג אין שאַפּ, האָט ער אַ חזקה אויף דער עקסטראַ אַרבעט ווי אויך אויף אַ שטענדיגען דזשאָב, ווען עס שאַפט זיך אַ וואַקאַנס צוליב עפּעס אַ סיבה.

די „סאַב"־סיסטעם איז איינגעפירט געוואָרען אין דער יוניאָן נאָכ־דעם ווי דער „טאַגעבלאַט" איז אונטערגעגאַנגען. מיט דעם אָפּשטעלען זיך פון „טאַגעבלאַט" איז קלאָר געוואָרען פאַר די מיטגלידער, אַז צום וואוקס פון דער אידישער פּרעסע אין ניו יאָרק איז ענדלאך געקומען אַ סוף; אַז פון איצט אָן און ווייטער קען מען ניט האָפען אויף דעם אויפקומען פון נייע טעגלאכע צייטונגען, און דעריבער האָט עס מער ניט קיין זין פאַר אַרבעטסלאָזע מיטגלידער צו שטיין אויף דער רייע אַ לאַנגע צייט און וואַרטען אויף אַרבעט.

די דאָזיגע סיסטעם האָט זיך ארויסגעוויזען אַלס זעהר צופרידענ־שטעלענד, און זי ווערט אָנגעהאַלטען ביז היינט־צו־טאָג. די „סאַבס" אין די צייטונגען קריגען אַ דורכשניט פון 4 טעג אַרבעט אַ וואָך.

## אַרבעטסלאָזען צאָלונגען

חוץ דעם איז די לעצטע יאָרען אין דער יוניאָן איינגעפירט געוואָרען אַרבעטסלאָזען־צאָלונגען. יעדער אַרבעטסלאָזער מיטגליד באקומט פון דער יוניאָן 20 דאָלאַר אַ וואָך. די הוצאות צו דעקען די אַרבעטסלאָזען־צאָלונגען ווערען געדעקט דורך אַ שטייער פון אַ האַלבען פּראָצענט אויף די פאַרדינסטען פון די אַרבעטענדע מיטגלידער.

# אַ סימפּאַטיע־סטרייק וואָס האָט זיך ניט גוט געענדיגט

די רוסישע טעגלאכע צייטונג „רוסקאָיע סלאָוואָ" עקזיסטירט שוין אַ היפּשע צאָל יאָרען. מיט דער הילף פון אָסיפּ דימאָוו, וועלכער איז דעמאָלט געווען אַ מיטאַרבעטער פון דער צייטונג, איז דער יוניאָן געלונגען אין יאָר 1917 די צייטונג צו יוניאָניזירען.

קיין אייגענע צייטונגס־פּרעס האָט די „רוסקאָיע סלאָוואָ" ניט געהאַט און זי פלעגט זיך דרוקען אויף דער פּרעס פון דער אונגאַרישער צייטונג „נעפּסאַוואַ" (פאָלקס־שטימע), וואָס האָט זיך דעמאָלט געפונען אויף יוניאָן סקווער.

מאַכט זיך אַ מעשה און אין 1924 ברעכט אויס אין דער „נעפּסאַוואַ" אַ סטרייק. אַזוי ווי די „רוסקאָיע סלאָוואָ" איז געשטאַנען אונטער דער יוריסדיקציע פון דער אידישער שריפטזעצער יוניאָן, האָט זיך די אונגאַרישע שריפטזעצער יוניאָן געווענדט צו דער אידישער יוניאָן, זי זאָל צווינגען די „סלאָוואָ" אויפצוהערען דרוקען זיך אין דער „נעפּסאַוואַ".

די יוניאָן האָט צוגעזאָגט דער אונגאַרישער יוניאָן צו טאָן אַלץ, אַז די „רוסקאָיע סלאָוואָ" זאָל דרוקען די צייטונג אין אַ פּלאַץ, וואו קיין סטרייק גייט ניט אָן.

די ארויסגעבער פון דער „רוסקאָיע סלאָוואָ" האָבען אָבער ניט געוואָלט הערען דערפון.

די יוניאָן האָט זיך תיכף געשטעלט אין פאַרבינדונג מיט דער אינטערנעשאָנאַל, און נאָכדעם ווי די אינטערנעשאָנאַל האָט מסכים געווען צו געבען דער יוניאָן אַ פרייע האַנט צו האַנדלען ווי זי וועט פאַרשטיין, האָט די יוניאָן גערופען אַ סטרייק אין דער „סלאָוואָ".

אָט דער סטרייק האָט זיך געצויגען אַ לאַנגע צייט און האָט אָפּגעקאָסט דער יוניאָן אַ סך מי, עגמת נפש און געלט. הגם דער יוניאָן האָט זיך איינגעגעבען ארויסצונעמען אַ היפּש ביסעל אַדווערטייזמענטס פון דער צייטונג, האָט אָבער די צייטונג אין אַ פאַרקריפּעלטען צושטאַנד זיך ווייטער געשלעפּט. דער סוף איז געווען, אַז דער סטרייק האָט געמוזט אויפגעגעבען ווערען אַלס פאַרלוירענער.

נאָך ערגער איז געווען, וואָס דער אונגאַרישער יוניאָן איז קיין טובה ניט ארויסגעקומען פון דעם סטרייק פון דער אידישער יוניאָן אין דער „רוסקאָיע סלאָוואָ". דער סטרייק אין דער „נעפּסאַוואַ" איז פאַרלוירען געגאַנגען.

# די יוניאָן העלפט דער „אינטערנעשאָנאַל לײדיס גאַרמענט װאָירקערס יוניאָן"

דער פּאַרזוך פון די קאָמוניסטען צו פאַרכאַפּען די אַרבעטער־באַװע־גונג האָט אָנגענומען די שאַרפסטע פאָרם אין דער קלאָוקמאַכער יוניאָן אין ניו יאָרק. דער קאַמף צװישען די „רעכטע" און „לינקע" עלעמענטען אין דער קלאָוקמאַכער יוניאָן, װאָס האָט זיך אָנגעהויבען אין 1924, האָט זיך געצויגען אַ ריי יאָרען און האָט אַזוי אויסגעשעפּט די כחות פון דער „אינטערנעשאָנאַל לײדיס גאַרמענט װאָירקערס יוניאָן", אַז אין 1928 איז פון אָט דער רומפולער אַרבעטער־אָרגאַניזאַציע געבליבען בלויז אַ שאָטען. כדי אָפּצוראַטעװען די אינטערנעשאָנאַל פון אונטערגאַנג, האָט סוף 1928 מ. זיגמאַן רעזיגנירט אַלס פּרעזידענט און ב. שלעזינגער איז װידעראַמאָל געװאָרען איר פּרעזידענט.

אונטער דער פירערשאַפט פון ב. שלעזינגער האָט די אינטערנעשאָ-נאַל געמאַכט אַ העראָאישען פאַרזוך װידער זיך צו שטעלען אויף די פיס. דער ברודער־קריג און דער גענעראַל־סטרייק פון 1926 — װעלכער איז אָנגעפירט געװאָרען פון די קאָמוניסטען, האָט געדויערט 19 װאָכען צייט און האָט אָפּגעקאָסט דער יוניאָן די ריזיגע סומע פון דריי מיליאָן דאָלאַר — האָט אַזוי פאַראָרימט די אינטערנעשאָנאַל, אַז קיין זאַך האָט ניט גע־קענט אונטערנומען װערען ביז עס װעט געמאַכט װערען אַן אָנהויב צו רעהאַביליטירען די פינאַנצען פון דער יוניאָן.

אַלס ערשטען שריט אין דער דאָזיגער ריכטונג, האָט די אינטער־נעשאָנאַל לײדיס גאַרמענט װאָירקערס יוניאָן ארויסגעלאָזען אַ באָנד־אָנלייע פון פופציג טויזענט דאָלאַר, און זי האָט זיך געװענדעט צו פאַר־שיידענע ברודער־אָרגאַניזאַציעס צו קויפען די דאָזיגע באָנדס.

ביים מיטינג פון דער שריפטזעצער יוניאָן דעם 8טען פעברואַר, 1929, איז אַ פאַרטרעטער פון דער אינטערנעשאָנאַל (מ. סטודענט) דערשינען און געמאַכט אַן אַפּיל צו דער יוניאָן צו העלפען דער א. ל. ג. װ. י. ער האָט פאַרלאַנגט, אַז ניט נאָר זאָל די יוניאָן אַליין קויפען באָנדס, נאָר זי זאָל די באָנדס אויך פאַרקויפען צװישען אירע מיטגלידער.

מיט פרייד האָט די יוניאָן באַגריסט דעם פאַרזוך צו רעסטאַװרירען די אינטערנעשאָנאַל, װעלכע איז דורך דעם ברודער־קריג איינפאַך רואינירט געװאָרען. עס איז באַשלאָסען געװאָרען, אַז די יוניאָן זאָל קויפען פאַר צען טויזענט דאָלאַר באָנדס — צװיי טויזענט דאָלאַר באָנדס זאָל די יוניאָן אַליין קויפען, און די איבעריגע אַכט טויזענט דאָלאַר באָנדס זאָלען פאַר־

קויפט װערען צװישען די מיטגלידער. יעדער מיטגליד איז פאַרפליכטעט געװאָרען צו קויפען װעניגסטענס אײן באָנד פאַר פופציג דאָלאר.

די דאָזיגע אַקציע פון דער יוניאָן איז געװען אַ פולשטענדיגער דער־פאָלג. דער אָפּרוף פון די מיטגלידער איז געװען ממש אַן איבערראַשענ־דער. אין אַ קורצער צײט איז די „קװאָטאַ" פון צען טויזענט דאָלאר באָנדס, װאָס די יוניאָן האָט אויף זיך גענומען, דערגרײכט געװאָרען און דאָס געלט איז איבערגעגעבען געװאָרען צו דער אינטערנעשאָנאל.

דאָס געלט איז געגעבען געװאָרען מיט פאַרגעניגען, הגם די אויס־זיכטען דאָס געלט צוריקצוקריגען זײנען אין יענער צײט געװען שװאַכע.

פארשטײט זיך, די סומע פון פופציג טויזענט דאָלאר איז ניט געװען גענוג צו דעקען די פינאַנציעלע נויטען פון אַזאַ גרויסער אָרגאַניזאַציע װי די אינטערנעשאָנאל. דאָס געלט האָט אָבער אַ סך געהאָלפען איבער־קומען די שלעכטע צײט און דערהאַלטען די יוניאָן בײם לעבען, ביז עס זײנען אָנגעקומען בעסערע צײטען פאַר דער אינטערנעשאָנאל.

די צײטען זײנען געװאָרען בעסער װען רוזװעלט האָט אײנגעפירט די „נ. ר. א.". אונטער דער ענערגישער פירערשאפט פון דוד דובינסקי, דעם נײעם פּרעזידענט, האָט די אינטערנעשאָנאל אויסגענוצט די נײע לאַגע און זי איז שנעל געקומען צו זיך. דעמאָלט האָט די אינטערנעשאָנאל תיכף אויסגעלײזט אַלע באָנדס, און געטאָן האָט זי דאָס בכבוד גדול, אַפילו די פּראָצענטען אויף די באָנדס זײנען באצאָלט געװאָרען.

עס איז איבעריג צו זאָגען, אַז די מיטגלידער פון דער יוניאָן זײנען געװען העכסט גליקלאך פון דעם באװאוסטזײן, אַז זײ האָבען ארויסגע־האָלפען אַ ברודער־אָרגאַניזאַציע אין צײט פון אַ נויט, און זײ האָבען דערבײ ניט נאָר גאָרניט פאַרלאָרען, נאָר זײער יוניאָן האָט נאָך דורכדעם געװאונען אַן אײביגען פרײנט.

# דער זעכציגסטער געבורטסטאָג פון ש. שיינפעלד *

אין יאָר 1935 איז ש. שיינפעלד, איינער פון די פירער פון דער יוניאָן און איינער פון אירע עלטסטע מיטגלידער, אַלט געוואָרען זעכציג יאָר. די יוניאָן האָט אויף איר מיטינג דעם 8טען מערץ, 1935, באַשלאָסען צו פייערען שיינפעלד'ס געבורטסטאָג אויף אַ פּאַסיגען אופן.

אַ באַנקעט איז אראנזשירט געוואָרען פון דער יוניאָן אויף פרייטאָג אָוונט, דעם 3טען מאַי, 1935, אין בעטהאָווען האָל. הגם קיינער פון די מיטגלידער פון דער יוניאָן איז ניט געווען מחויב צו קומען, זיינען כמעט אַלע מיטגלידער מיט זייערע פרויען געקומען צוטיילען שיינפעלד'ן דעם כבוד, וואָס ער האָט אַזוי ערלאך פאַרדינט.

די שטימונג ביים באַנקעט איז געווען אַן אמת־פייערלאכע און אַ ברידערלאכע. חוץ דעם וואָס אַלע האָבען פיין פאַרבראַכט, זיינען אויך געגעבען געוואָרען אָפּשאַצונגען פון שיינפעלד'ס טעטיגקייט אין דער יוניאָן.

עס איז ארויסגעבראַכט געוואָרען, אַז שיינפעלד'ס טעטיגקייט אין דער יוניאָן ציט זיך זינט די סאַמע ערשטע יאָרען וואָס די יוניאָן עקזיסטירט; אַז פאַר דעם משך פון די 43 יאָר וואָס ער איז אַ מיטגליד אין דער יוניאָן (איצט איז עס שוין 46 יאָר) האָט ער פאַרטראָטען יעדען אַמט אין דער יוניאָן און ביז היינטיגען טאָג איז ער אַקטיוו אין יעדער וויכטיגער קאָמיטע פון דער יוניאָן; אַז אין די אַלע יאָרען האָט ער געשטעלט צום דינסט פון דער יוניאָן אַלע זיינע גרויסע פעהיגקייטען — זיין קלאָרען מוח, זיין אַנאַליטישען רעדנער־טאַלאַנט, זיין אומערשעפּלאכע ענערגיע.

דער בעל־שמחה איז ביים באַנקעט אויך פּרעזענטירט געוואָרען מיט אַ פּראַכטפול אויסגראַווירטער רעזאָלוציע, אין וועלכער די יוניאָן דריקט אויס איר אַנערקענונג און איר דאַנק צו אים פאַר זיין לאַנג־יאָריגער טעטיגקייט לטובת דער יוניאָן.

דער באַנקעט לכבוד ברודער שיינפעלד האָט אויך געפונען אַן אָפּקלאַנג אין דער אַלגעמיינער פּרעסע. אָפּשאַצונגען וועגען שיינפעלד'ן זיינען דערשינען אין „מאָרגען זשורנאַל" פון א. גאָטעסמאַן, אין „פאָרווערטס" פון מ. ראָזענמאַן, אין „טאָג" פון ד. איזאַקאָוויץ און אין „אַמעריקאַנער" פון י. קרעמען (בר יוסי).

*) דער קאַפּיטעל איז געשריבען פון אַ מיטגליד פון רעדאַקציע־קאָמיטעט.

# אהרן גאָטעסמאַן

דעם 2טען יאַנואַר, 1936, האָט דער גרויזאַמער טויט בארויבט דער יוניאָן פון דעם טאַלאַנטפולסטען מיטגליד אירען — אהרן גאָטעסמאַן.

אין דער גאַנצער לאַנגער געשיכטע פון דער אידישער שריפטזעצער יוניאָן איז ניט געווען קיינער, וואָס זאָל זיך קענען פאַרגלייכען מיט גאָטעס־מאַנען — ניט אין רעדנער־טאַלאַנט, ניט אין אַלגעמיינע פעאיגקייטען און ניט אין חכמה.

ווער עס האָט אים נאָר געקענט — אַלץ איינס צי ער איז געווען זיינער אַ פריינט אָדער ניט, צי ער איז געווען זיינער אַן אַנהענגער אָדער ניט — האָט געמוזט מודה זיין, אַז גאָטעסמאַנ׳ס פעהיגקייטען האָבען זיך געגרעניצט מיט געניאַליטעט.

ניט אומזיסט פלעגען די מיטגלידער פון דער יוניאָן אים רופען „דער ביסמאַרק פון דער יוניאָן”. ער האָט באמת געהאַט די פעהיגקייטען פון אַ שטאַאַטסמאַן. ווען גאָטעסמאַן וואָלט אויסגעוואקסען ניט אין דעם אָבגאָרמאַלען אידישען „אָרום”, וואָס פאַרקריפּעלט ניט איין גרויסען גייסט, נאָר אין אַ געזונטער סביבה, וואָלט ער אָהן ספק געשפּילט איינע פון די גרעסטע ראָלען.

און אַלע זיינע אויסערגעוויינלאכע פעהיגקייטען האָט גאָטעסמאַן פאַר אַ משך פון איבער פערציג יאָר אָוועקגעגעבען דער יוניאָן.

אין דער געשיכטע פון דער יוניאָן זיינען געווען צוויי מענשען, וועלכע האָבען מער פון אַלע אַנדערע מיטגלידער ארויפגעלעגט דעם שטעמפּעל פון זייער פערזענלאכקייט אויף דער יוניאָן — אויף אירע קאַמפען, אויף איר טעטיגקייט, אויף איר לעבען בכלל. דאָס זיינען געווען ה. ראָזענסאָן און א. גאָטעסמאַן. אָבער אָט די צוויי זיינען אין גרונט גענומען געווען פאַרשיידען איינער פון דעם צווייטען.

סיי מיט זיין אויסזען און סיי מיט זיין מעטאָד פון קאַמף האָט ראָזענ־סאָן מיט זיך פאַרגעשטעלט „גבורה”. גאָטעסמאַן, ווידער, האָט מיט זיך פאַרגעשטעלט „חכמה”.

אין דער צייט, ווען עס האָט זיך געפאָדערט גבורה צו עטאַבלירען און פאַרפעסטיגען די אויטאָריטעט פון דער יוניאָן איבער׳ן פאַך, איז ראָזענסאָן געווען ווי בארופען צו זיין דער פירער פון דער יוניאָן. אָבער

נאָכדעם, ווען פאַר דער פירערשאַפט פון דער יוניאָן האָט זיך שוין מער ניט געפאָדערט קיין גבורה, נאָר די פעהיגקייט צו קענען דערפאָלגרייך פאַרהאַנדלען מיט באַלעבאַטים, איז גאָטעסמאַן — דער „באַרגיינער", דער „נעגאָשיאַייטאָר" — געוואָרען דער פירער פון דער יוניאָן.

עס איז אויף אַ האָר ניט איבערטריבען צו זאָגען, אַז עס איז געווען אַ זעלטענער גייסטיגער פאַרגעניגען צו הערען, ווי אַזוי גאָטעסמאַן פלעגט פאַרלייגען דער יוניאָנ'ס צד ביי אַ קאָנפערענץ מיט די באַלעבאַטים. גאָטעסמאַן האָט קיינמאָל ניט געשפּילט די ראָלע פון אַ נעבאַכעל. פאַרקערט, ער האָט אַלעמאָל געגעבען אָנצוהערען די באַלעבאַטים, אַז הינטער זיינע רייד שטייט די מאַכט פון דער יוניאָן, און אַז די יוניאָן האָט ניט קיין מורא איר מאַכט צו באַנוצען ווען נויטיג. טראָגענדיג אין איין האַנט דאָס, וואָס „טעדי" רוזוועלט פלעגט רופען דעם „ביג סטיק", האָט ער אָבער מיט דער אַנדער האַנט געגלעט די באַלעבאַטים. ער האָט תמיד געזוכט צו באַקומען קאָנצעסיעס פון די באַלעבאַטים דורך רייד, דורך אַרגומענטען, און כמעט אַלעמאָל פלעגט זיך אים דאָס איינגעבען — אַזאַ כח האָט ער געהאַט!

גאָטעסמאַנ'ס לייסטונגען פאַר דער יוניאָן אַלס „נעגאָשיאַייטאָר" זיינען ניט אָפּצושאַצען. די גרויס פון דעם „פּעי ענוועלאָפּ" פון יעדען זעצער און די אַנדערע באַדינגונגען אונטער וועלכע ער אַרבעט זיינען ביז גאָר אַ הויכען גראַד באַאיינפלוסט געוואָרען דורך גאָטעסמאַנ'ס פעהיגקייטען אַלס „נעגאָשיאַייטאָר".

גאָטעסמאַנ'ס טויט איז געווען אַ גרויסער קלאַפּ פאַר דער יוניאָן. פרייטאָג, דעם 14טען פעברואַר, 1936, האָט די יוניאָן אָפּגעהאַלטען אַ טרויער־מיטינג נאָך אים. די מיטגלידער פון דער יוניאָן האָבען זיך פאַרזאַמעלט און פאַרגאָסען אַ טרער אויף דעם פאַרלוסט פון דעם לאַיאַלען ברודער, דעם פעהיגען פירער, דעם איבערגעבענעם פריינט — אהרן גאָטעסמאַן.

# אַ נייער דור פירער

די דורכשניטלאכע אינטעליגענץ פון די מיטגלידער פון דער אידי־שער שריפטזעצער יוניאָן איז אָהן ספק באדייטענד העכער ווי די דורכ־שניטלאכע אינטעליגענץ פון די מיטגלידער פון די גרעסערע אידישע יוניאָנס. אַ גרויסע פּראָפּאָרציע פון דער מיטגלידערשאפט באטייליגט זיך אויף פאַרשיידענע אופנים אין דער פירונג פון דער יוניאָן — אין דער עקזעקוטיוו קאָמיטע, אַדיטינג קאָמיטע, עמוירדזשענסי קאָמיטע, יוניאָן לייבעל קאָמיטע א. א. וו. אָבער די הויפּט־פירערשאפט פון דער יוניאָן, דער פּרעזידענט־אַמט, איז ביז גאָר דער לעצטער צייט געווען באגרעניצט אויף אַ קליינער גרופּע פון פינף מענשען.

די דאָזיגע גרופּע איז באשטאנען פון ראָזענסאָן, גאָטעסמאַן, דראָשער, דזשאָזעפסאָן און שיינפעלד. איינער איז אַראָפּ, דער אַנדערער איז ארויף, אָבער כמעט אַלעמאָל איז איינער פון אָט דער גרופּע געווען דער פּרעזי־דענט פון דער יוניאָן.

פון צייט צו צייט האָט די יוניאָן געמאַכט אַ פּראָבע מיט אַ נייעם פּרעזידענט, ניט פון דער דאָזיגער גרופּע, אָבער נאָך איין טערמין האָט די יוניאָן געוויינלאך צוריקגערופען צום פּרעזידענט־אַמט איינעם פון אָט די „ביג פייוו".

פרעגט מען זיך, פאַר וואָס דאָס איז אַזוי געווען, מוז מען ענטפערען: זיכער ניט דערפאַר ווייל אָט די מענשען האָבען אָנגעהאַלטען אַ מאָנאָפּאָל איבער דעם פּרעזידענט־אַמט דורך געוואַלט אָדער דורך אינטריגעס. נאָר פשוט דערפאַר, ווייל זיי האָבען זיך געפּאַסט פאַר דעם אַמט בעסער פון אַלע אַנדערע מיטגלידער.

כדי צו זיין דערפאָלגרייך, דאַרף אַ פּרעזידענט פון דער אידישער שריפטזעצער יוניאָן האָבען צוויי קוואַליפיקאַציעס: ערשטענס, דאַרף ער באזיצען די אַלגעמיינע פעהיגקייט פון פירערשאפט; צווייטענס, דאַרף ער זיין גרייט אָוועקצוגעבען זיין גאַנצע צייט פאַר דער יוניאָן. אַזוי ווי דער פּרעזידענט קריגט ניט באצאָלט פאַר דעם אַמט און זיין חיונה מוז ער ציען פון אַרבעט אין שאַפּ, קומט אויס אַז זיין גאַנצע פרייע צייט דאַרף ער אָוועקגעבען פאַר דער יוניאָן־אַרבעט. דאָס מיינט, אַז כדי צו זיין פּרעזי־דענט, מוז ער פאַקטיש אויפגעבען זיין פּריוואַטען לעבען און פאַרנאַכ־לעסיגען זיין פאַמיליע. אַ סך מיטגלידער פון דער יוניאָן, וואָס זיינען

געווען פעהיג גענוג צו זיין פּרעזידענט פון דער יוניאָן, האָבען אָבער ניט געקענט און ניט געוואָלט אַזאַ קרבן ברענגען. נאָכדעם ווי אַזאַ איינער איז אָפּגעווען פּרעזידענט איין טערמין, פלעגט ער געוויינלאך זיך שוין ניט קענען דערוואַרטען אויף דער צייט ווען ער וועט זיך באפרייען פון די פליכטען וואָס דער אַמט לעגט אויף אים ארויף.

די פינף „שטענדיגע פּרעזידענטען" פון דער יוניאָן, אָבער, זיינען געווען אַזוי אידענטיפיצירט מיט דער יוניאָן, אַז זיי זיינען צו יעדער צייט גרייט געווען דעם דאָזיגען קרבן פאַר איר צו ברייגגען. טראָץ דער אומ־צופרידענהייט און די שטערונגען מצד זייערע פאַמיליעס, איז זייער גאַנ־צער לעבען געווען פאַרקניפּט מיט דער יוניאָן־טעטיגקייט, אַז אָפּגעבען די גאַנצע צייט פאַר דער יוניאָן איז פאַר זיי פּאַקטיש גאָר ניט געווען קיין קרבן, נאָר גיכער אַ פאַרגעניגען. אָהן דער יוניאָן־טעטיגקייט איז פאַר זיי דאָס לעבען ניט געווען אינטערעסאַנט.

אַט דאָס קלערט־אויף דעם ענין, פאַר וואָס דער פּרעזידענט־אַמט איז געווען כמעט די חזקה פון אַט די פינף.

אין 1921 איז פאָרגעקומען אַ געוויסער איבערברוך אין אַט דער לאַגע. דוד דיכטער, איינער פון די אינגערע מיטגלידער, איז דעמאָלט געוואָרען דער פּרעזידענט פון דער יוניאָן. ער האָט אין דעם אַמט ארויס־געוויזען אַזוי פיל פעהיגקייט און טאַקט, אַז ער איז געווען פּרעזידענט 4 טערמינען, ד. ה. צוויי יאָר צייט. אָבער אין 1923 האָט דיכטער פאַר־לאָרען דעם אינטערעס אין דעם אַמט און ער האָט אים אויפגעגעבען. פון דעמאָלט אָן ביז זיין פריצייטיגען טויט, אין יוני, 1927, האָט דיכטער זיין פרייע צייט אַוועקגעגעבען אויף אַנדערע טעטיגקייטען. צום פּרעזידענט־אַמט איז ווידער אַמאָל גערופען געוואָרען איינער פון די „ביג פייוו".

ערשט אין יאָר 1932 זיינען אין פראָנט פון דער יוניאָן־פירערשאַפט ארויסגעשטופּט געוואָרען צוויי מענשען, וואָס וועגען זיי מעג מען זאָגען אַז זיי שטעלען מיט זיך פאַר דעם נייעם דור פירער פון דער יוניאָן. דאָס זיינען טוביה גלאַז און היימאַן בלום.

אין 1932 איז אַלס פּרעזידענט פון דער יוניאָן דערוויילט געוואָרען טוביה גלאַז, און אַלס וויס־פּרעזידענט — היימאַן בלום.

די צייט, אין וועלכער עס איז אויסגעקומען גלאַז'ן צו זיין פּרעזי־דענט, איז געווען זעהר אַ שלעכטע. דאָס איז געווען די צייט ווען דער עקאָנאָמישער קריזיס אין אַמעריקע האָט דערגרייכט זיין סאַמע נידעריג־סטען פּונקט. וועגען אונטערנעמען גרויסע יוניאָן־אַרבעטען האָט מען דעמאָלט ניט געקענט טראַכטען. די דעמאָלטדיגע טעטיגקייט איז באַ־שטאַנען הויפּטזעכלאך פון די אַזוי גערופענע „קליין־אַרבעטען" — דאָ און דאָרט אָפּראַטעווען אַן אַרבעטס־פּלאַץ פאַר אַ מיטגליד, אַכטונג געבען אַז

די לעצטע אין די שפּעטער זאָלען ניט ארויספאַלען און ווערען אינגאנצען אַרבעטסלאָז, באַזאָרגען אַן אַרבעטסלאָזען מיטגליד מיט אַ פּאָר טעג אַרבעט א. א. וו. אָבער גראָד צו אַט די „קליין־אַרבעטען" פאָדערט זיך טאַקט און געדולד אָהן אַ ברעג — און עס זיינען דאָ ווייניג מיטגלידער אין דער יוניאָן, וואָס באַזיצען אַט־די מעלות אין אַזאַ גראַד ווי גלאָז.

אַ גרעסערע אונטערנעמונג, וואָס איז דערגרייכט געוואָרען אין דער צייט פון גלאָז'ס פּרעזידענטשאַפט, איז געווען די רעאָרגאַניזירונג פון „רוסקי גאָלאָס" אַלס קאָאָפּעראַטיוו. די דאָזיגע רוסישע טעגלאכע צייטונג האָט געהאַלטען ביים אָפּשטעלען זיך, און כדי דאָס צו פאַרמיידען האָט די יוניאָן געמאַכט אַלע אָנשטרענגונגען צו אָרגאַניזירען אַ קאָאָפּעראַטיוו, וועל־כער זאָל די צייטונג ווייטער ארויסגעבען. די יוניאָן האָט דעם קאָאָפּעראַטיוו זאָגאַר געליען אַ געוויסע סומע געלט, און אויף אַזאַ אופן האָט זיך איר איינגעגעבען אָפּצוראַטעווען די צייטונג פון אונטערגאַנג.

אין 1934 איז בלום געוואָרען דער פּרעזידענט פון דער יוניאָן. אונטער דעם איינפלוס פון רוזוועלט'ס „ניו דיל", האָט די אַלגעמיינע לאַגע פון לאַנד אין יענער צייט אָנגעהויבען ווייזען סימנים פון פאַרבעסערונג, אָבער אין דער יוניאָן איז געווען גענוג וואָס צו טאָן פאַר אַ פּרעזידענט — סיי „קליין־אַרבעטען" און סיי אַרבעטען פון אַ גרעסערען פאַרנעם.

די געשיכטע פון דער יוניאָן קען איינגעטיילט ווערען אין דריי פּעריאָ־דען. דער ערשטער פּעריאָד איז געווען די צייט פון באַן־ברעכעריי, פון קאַמף פאַר עטאַבלירונג. דער צווייטער פּעריאָד איז געווען די צייט פון פאַרשטענדיגונג מיט די באַלעבאַטים — פון פאַרהאַנדלונג, פון „קאָלעקטיוו באַרגיינינג". דער דריטער פּעריאָד איז די צייט, ווען די יוניאָן האָט גע־מוזט קאָנצענטרירען איר הויפּט־טעטיגקייט אויף שאַפען נייע אַרבעט פאַר די יוניאָן־דרוקערייען, אויף אַכטונג געבען אַז פאַרשיידענע דרוק־אַרבעטען וואָס דאַרפען און קענען געמאַכט ווערען אין די דרוקערייען וואו די מיט־גלידער פון דער יוניאָן זיינען באַשעפטיגט זאָלען ניט געמאַכט ווערען אין ניט־יוניאָן דרוקערייען, אין אַנדערע שטעט, אין אויסלאַנד א. א. וו. פאַר אַט דער טעטיגקייט פאָדערט זיך אַ ספּעציעלע וואַכזאַמקייט, אַ שטענדיגער קאָנטאַקט מיט שרייבער, פאַרלעגער, ארויסגעבער, אינסטיטוציעס א. א. וו. מ'קען זאָגען אַז פאַר אַט דער טעטיגקייט פאָדערט זיך דער טאַלאַנט פון „סיילעסמענשיפּ" — צו קענען „פאַרקויפען" דעם געדאַנק פון יוניאָן־אַרבעט צום פאַרברויכער פון דרוק־אַרבעט.

פאַר אַט דער טעטיגקייט האָט בלום ארויסגעוויזען ספּעציעלע פעהיג־קייטען. איז נאָר ערגעץ פאַראַן אַ מעגלאכקייט ארייננצוכריינגען אַ נייעם בוך, אַ זשורנאַל, אַ גרעסערען דזשאָב אין אַ יוניאָן־דרוקעריי, וועט ער אַזוי לאַנג פאַרהאַנדלען און מאַניפּולירען ביז ער וועט עס שוין דורכפירען.

איז פאַראַן ערגעץ אַ מעגלאכקייט צו שאַפען אַ פלאַץ פאַר אַ זעצער, וועט ער ניט זשאַלעווען קיין מי ביז ער וועט עס פארווירקלאכען. איין אַר־בעטסלאָזען באַזאָרגט ער מיט אַרבעט ביים זעצען אַ ביבעל אויף ענגליש; אַ צווייטען אַרבעטסלאָזען באַזאָרגט ער מיט אַרבעט דורך דעם וואָס די יוניאָן קויפט פאַר אים שריפט מיט נקודות, און יענער מאכט דערביי אַ שיינעם לעבען ביז היינט־צו־טאָג.

אַ סך צייט און ענערגיע האָט בלום אַוועקגעגעבען אויף ניט דער־לאָזען, אַז די לעצטע זעצער זאָלען ארויספאַלען פון די שעפער, אַן וועלכע זיי האַלטען זיך אָן. ער פירט דורך, אַז יעדע דזשאָב־דרוקעריי זאָל מוזען געבען אַזעלכע זעצער אַ מינימום פון צוויי טאָג אַרבעט אַ וואָך, און דאָס האָט פאַרמיטען אַז אַ היפשע צאָל זעצער זאָלען ארויספאַלען פון די שעפער און ווערען איינגאנצען אַרבעטסלאָז.

אַ ספּעציעלער פאַרדינסט פון פּרעזידענט בלום איז דאָס, וואָס אין זיין צייט זיינען די פינאַנצען פון דער יוניאָן אַוועקגעשטעלט געוואָרען אויף אַזאַ שטאַרקען פונדאַמענט, אַז די יוניאָן זאָל זיין אימשטאַנד צו באַשיצען די מיטגלידער ניט בלויז מיט איר אָרגאַניזירטען כוח נאָר אויך דורך פינאַנסירען געוויסע אונטערנעמונגען, ווען די צייט זאָל עס פאָדערען.

זינט 1934 איז בלום דער פּרעזידענט פון דער יוניאָן, און ער איז זעהר אַ דערפאָלגרייכער פּרעזידענט.

די עלטערע פירער, וועלכע זיינען זאַט מיט כבוד און יוניאָן־טעטיג־קייט, קוקען אויף דעם איינגערען דור פירער, אַזוי צו זאָגען, פון אַ ווינקעל אַויג, און קלייבען נחת זעענדיג אין וואָס פאַר אַ גוטע, זיכערע הענט די פירערשאַפט פון דער יוניאָן געפינט זיך. פאַרשטייט זיך, ווען דאָס פאָ־דערט זיך, זיינען די עלטערע פירער אַלעמאָל גרייט צו העלפען די נייע פירער אין דער יוניאָן־אַרבעט.

# די יאָרען פון דעם קריזיס

פארשטארקטע יוניאָן-טעטיגקייט. — מאַלטיגראַף-אַרבעט ווערט באגרעניצט. — אַ קלענערער יוריסדיקציע-סכסוך. — נוער קאָנטראַקט מיט דזשאָב-באַלעבאַטים. — אַנדערע טעטיגקייטען.

דער גרויסער קריזיס, וואָס האָט אַנגעמאַכט אַ חורבן אין אַלע אינ־דוסטריען פון לאַנד, האָט, פאַרשטייט זיך, ניט דורכגעלאָזען דעם דרוקער־פאַך. אויך דער אידישער דרוק־וועזען איז פון קריזיס ניט געשוינט געוואָרען.

צום שטאַרקסטען זיינען געטראָפען געוואָרען די בוך־ און דזשאָב־דרוקערייען.

געוויינלאכע דרוק־זאַכען, וואָס אין נאָרמאַלע צייטען זיינען זיי נויטווענ־דיגקייטען, הויבען אין שווערע צייטען אָן באטראַכט צו ווערען ווי לוק־סוסען, אָהן וועלכע מ׳קען זיך גרינג באגיין. סיי פריוואַטע געשעפטען און סיי אָרגאַניזאַציעס האָבען אין די שרעקלאכע יאָרען 1930—33 זייער דרוק־אַרבעט רעדוצירט ביז אַ מינימום.

אַ צאָל וועכענטלאכע און מאָנאַטלאכע צייטונגען און זשורנאַלען האָבען זיך אָפּגעשטעלט. פריוואַטע אויסגאַבען האָבען אויפגעהערט דערשיינען דערפאַר ווייל זייער הכנסה סיי פון אַדווערטייזמענטס און סיי פון צירקו־לאַציע איז אַזוי געפאַלען, אַז זיי האָבען ווייטער ניט געקענט עקזיסטירען; און טרייד־יוניאָנס האָבען אויפגעהערט ארויסגעבען זייערע צייטונגען דער־פאַר ווייל דאָס ביסעל הכנסה וואָס זיי האָבען נאָך געהאַט האָט ניט גע־קלעקט אויף אַ סך נויטיגערע הוצאות ווי צייטונגען. למשל, די פיר גרעסטע אידישע יוניאָנס — די „אינטערנעשאָנאַל לײדיס גאַרמענט וואָיר־קערס יוניאָן”, די „אַמאַלגאַמייטעד קלאָדינג וואָירקערס יוניאָן”, די „אינ־טערנעשאָנאַל קעפּ און מילינערי וואָירקערס יוניאָן” און די „אינטערנעשאָ־נאַל פאָר וואָירקערס” — זיי אַלע האָבען אָפּגעשטעלט זייערע צייטונגען אין די ערשטע יאָרען פון קריזיס. די צייטונגען פון אָט די יוניאָנס, סיי די אידישע און סיי די ענגלישע, פלעגען געדרוקט ווערען אין אידישע דרוקערייען, און זייער אָפּשטעלונג אַלייך איז געוועזן געוגג איבערצולאָזען אַ גרויסען חלל, אַ בלויז אין די דרוקערייען.

דאָס אידישע בוך, ווידער, איז דאָך אודאי אַ לוקסוס. וואָס האָט דער לעזער פון דעם אידישען בוך, וועלכער איז מערסטענס אַן אַרבעטער, געזאָלט פריער קויפען פון זיין איינגעשרומפּענעם פאַרדינסט — ברויט

אָדער אַ בוך? און אַז מ'האָט אויפגעהערט קויפען ביכער, האָט מען אויך אויפגעהערט ארויסגעבען ביכער.

די „דזשאָב"־אַרבעט, ווידער, ווי צירקולאַרען, שאָו־קאַרדס, ליפלעטס א. אַז. וו., האָט שטאַרק געליטען פון די נייע פּראָצעסען אין דער דרוק־אינדוסטריע, הויפּטזעכלאך דער „אָפסעט"־פּראָצעס, וועלכען די ליטאָגראַ־פערס יוניאָן האָט ארונטערגענומען אונטער איר קאָנטראָל און באנוצט אויף דעם אָן אייגענעם לייבעל, וואָס קאָנטראָלירט ניט די צושטענדען, אונטער וועלכע דער זאַץ ווערט געמאַכט.

דאָס אַלץ האָט ניט געקענט פאַרפעלען צו מאַכען אַ תל פון די אידישע דרוקערייען, און די אַרבעטסלאָזיגקייט צווישען די זעצער איז געשטיגען מיט יעדען טאָג.

די אַרבעטסלאָזע האָבען אָנגעהויבען קלאַפּען אין די טירען פון די טעגלאכע צייטונגען. הגם די הכנסה פון די צייטונגען איז אויך באַ־דייטענד געפאַלען אין די קריזיס־יאָרען, האָט זיך אָבער קיינע פון די עקזיסטירענדע צייטונגען ניט אָפּגעשטעלט, און די איינציגע האָפענונג פאַר אַן אַרבעטסלאָזען צו קריגען אַ טאָג אַרבעט איז געווען אין אַ צייטונג.

די יוניאָן האָט געמוזט עפּעס טאָן פאַר די אַרבעטסלאָזע.

אין 1931 האָט זיך געענדיגט דער קאָנטראַקט צווישען דער יוניאָן און די צייטונגס־ארויסגעבער. האָט די יוניאָן גערעכענט, אַז איצט איז די ריכטיגע צייט צו פאָדערען אַ הוספה פון די באַלעבאַטים, און די הוספה זאָל גיין אויף באַזאָרגען די אַרבעטסלאָזע. די באַלעבאַטים האָבען זיך אָבער קאַטעגאָריש אנטזאָגט צו רעכענען זיך מיט דער אַרבעטסלאָזיגקייט־פּראָבלעם. זיי האָבען גע'טענה'ט, אַז די צייט איז שלעכט און זיי קענען קיין הוספה ניט געבען. די אונטערהאַנדלונגען מיט די באַלעבאַטים האָבען זיך געצויגען חדשים־לאַנג, און דער סוף איז געווען אַז די יוניאָן האָט געמוזט אויפגעבען איר פאָדערונג און דער אַלטער קאָנטראַקט איז ווייטער געבליבען אין קראַפט.

דאָס האָט געמיינט, אַז די אַרבעטסלאָזיגקייט־משא איז געבליבען ליגען אויף די פּלייצעס פון דער יוניאָן אַליין, און ניט אויף דער אינדוסטריע, ווי דער העכערער יושר פאָדערט עס געוויס.

דורך אַ רעפערענדום־אָפּשטימונג איז באַשלאָסען געוואָרען, אַז די זעצער אין די צייטונגען זאָלען ניט אַרבעטען מער ווי 5½ טעג אַ וואָך, און דער האַלבער טאָג זאָל אַוועקגעגעבען ווערען צו די אַרבעטסלאָזע.

חוץ דעם איז באַשלאָסען געוואָרען, אַז די מיטגלידער וואָס זיינען איינגאַנצען אויסער אַרבעט זאָלען קריגען 20 דאָלאַר אַ וואָך אַרבעטסלאָזען־בענעפיט. אַ שטייער פון איינס פּראָצענט אויף די פאַרדינסטען איז ארויפ־געלעגט געוואָרען צו דעקען די דאָזיגע הוצאה.

צוזאַמען מיט אַנדערע מיטלען — ווי צוציען נייע אַרבעט אין די יוניאָן־דרוקערייען, ניט דערלאָזען אַז זעצער זאָלען אָוועקגעשיקט ווערען פון די שעפער, צווינגען די באַלעבאַטים פון די דזשאָב־דרוקערייען צו געבען אַ מינימום פון צוויי טעג אַרבעט צו די זעצער וואָס געפינען זיך אין זייערע שעפער — איז דער יוניאָן געלונגען די אַרבעטסלאָזיגקייט באַדייטענד צו פאַרלייכטערען.

ביים אינסטאַלירונגס־מיטינג פון דער יוניאָן אין יאַנואַר, 1935, ווען בלום איז אריינגעטראָטען אין דעם צווייטען יאָר פון זיין פרעזידענטשאַפט, האָט ער אונטערגעפירט דעם פאָלגענדען סך־הכל פון זיין ערשטען יאָר אַלס פרעזידענט:

„. . . לעצטען יאָר איז די לאַגע אין דער יוניאָן געווען זעהר אַ שווערע. אַ היפשע צאָל מיטגלידער זיינען געווען אַרבעטסלאָז. איצט, אָבער, איז די צאָל אַרבעטסלאָזע די קלענסטע אין דער געשיכטע פון דער יוניאָן. לעצטען יאָר האָט דער „אַנעמפלאָימענט פאָנד" געהאַט אַ דעפיציט, און די יוניאָן איז געשטאַנען פאַר דער פראַגע: וואָס טוט מען — זאָל דער בענעפיט פאַרקלענערט ווערען, אָדער דער ספעציעלער טעקס זאָל געהעכערט ווערען? איצט אָבער איז דער טעקס פון איינס פראָצענט פאַרקלענערט געוואָרען אויף אַ האַלבען פראָצענט . . . "

דאָס איז זעהר אַ ראָזעווער בילד. די יוניאָן האָט באמת געהאַט אויף וואָס צו פילען זיך שטאָלץ. איבערהויפט נאָך ווען אין אַנדערע יוניאָנס פון דרוקער־פאַך איז די אַרבעטסלאָזיגקייט דעמאָלט געווען אַזוי גרויס, אַז זי האָט אָפט דערגרייכט ביז 30 און אַמאָל אויך ביז 40 פראָצענט פון דער מיטגלידערשאַפט.

## פאַרשטאַרקטע יוניאָן־טעטיגקייט

גלייכצייטיג מיט דער טיילווייזער פאַרזאָרגונג פון די אַרבעטסלאָזע, האָבען די באַאַמטע פון דער יוניאָן זיך אריינגעוואָרפען מיט גרויס ענערגיע אין אַ קאַמפּאַניע פאַר דעם יוניאָן־לייבעל, כדי צו שאַפען מער אַרבעט אין די דרוקערייען.

כאָטש די יוניאָן־לייבעל קאָמיטע פון דער יוניאָן עקזיסטירט נאָך ביז היינט און טוט גוטע אַרבעט, איז אָבער אין די לעצטע יאָרען אַ גרויסער טייל פון דער אַרבעט פאַר דעם יוניאָן־לייבעל איבערגענומען געוואָרען פון דעם פרעזידענט און וויס־פרעזידענט (בלום און ראָזענמאַן). עס האָט זיך ארויסגעוויזען, אַז די דאָזיגע אַרבעט פאָדערט די כסדר'דיגע, טאָגטעגלאכע אויפמערקזאַמקייט פון די באַאַמטע, און זי קען ניט איבערגעלאָזען ווערען צו אַ קאָמיטע, וואָס קומט זיך צוזאַמען ווען־ניט־ווען.

סיי די באַלעבאַטים און סיי די מיטגלידער פון דער יוניאָן זיינען געבעטען געוואָרען צו לאָזען וויסען אין אָפיס פון דער יוניאָן וועגען יעדען פּראָיעקטירטען זשורנאַל, בוך א. א. וו., וועגען יעדער שטיקעל דרוק־אַרבעט וואָס ווערט געמאַכט אין אַ ניט־יוניאָן דרוקעריי. חוץ דעם האָבען די באַאַמטע אַליין נאָכגעפאָלגט די נאָטיצען אין די צייטונגען וועגען ביכער, זשורנאַלען א. א. וו., וואָס פאַרשיידענע אינסטיטוציעס און יחידים פּלאַנען ארויסצוגעבען. און אין יעדען פאַל אַזאַ ווענדט זיך די יוניאָן דירעקט צו דער אָרגאַניזאַציע אָדער צום יחיד, און ווירקט אויף זיי, אַז זיי זאָלען זייער דרוק־אַרבעט מאַכען אין אַ שאַפּ פון דער יוניאָן.

די יוניאָן־לייבעל־אַרבעט, וואָס איז אויף אַזאַ אופן געוואָרען אַ וויכטיגען טייל פון דער טאָג־טעגלאכער אַרבעט פון דעם פּרעזידענט און דעם וויס־פּרעזידענט, האָט געבראַכט גוטע רעזולטאַטען.

## מאָלטיגראַף־אַרבעט ווערט באַגרעניצט

אין דער צייט פון קריזיס האָבען אַ סך אָרגאַניזאַציעס אָנגעהויבען זיך באַנוצען מיט דעם מאָלטיגראַף, וואָס איז אַ סך אַ ביליגערער פּראָצעס ווי דרוקעריי. ניט נאָר בריוו, צירקולאַרען און ענלאכע זאַכען זיינען געדרוקט געוואָרען אויף דעם מאָלטיגראַף, נאָר אַפילו גרעסערע אַרבעטען, ווי דזשורנאַלס א. א.

די דאָזיגע מכה האָט באַרירט ניט בלויז דער אידישער שריפטזעצער יוניאָן, נאָר דעם גאַנצען דרוקער־פאַך. דעם 12טען יולי, 1935, איז אָפּגעהאַלטען געוואָרען אַ קאָנפערענץ מיט דער „בוקקיפּערס און סטענאָגראַפערס יוניאָן", אַ פעדעראַלער לאָקאַל פון דער „אַמעריקען פעדעריישאָן אָוו לייבאָר", מיט דעם צוועק צו פּרובירען לייזען די מאָלטיגראַף־פראַגע. אַחוץ דער „בוקקיפּערס און סטענאָגראַפערס יוניאָן" און דער אידישער שריפטזעצער יוניאָן האָבען זיך אין דער קאָנפערענץ באַטייליגט אויך די ענגלישע שריפטזעצער יוניאָן נומער 6, די פּרעססמענס יוניאָן נומער 51 און דער „עלייעד פּרינטינג טריידס קאָונסיל".

ביידע צדדים האָבען זיך ענדלאך געאייניגט אויף דעם, אַז די מיטגלידער פון דער „בוקקיפּערס און סטענאָגראַפערס יוניאָן" זאָלען זיך באַשרענקען אויף בריוו און ענלאכע דרוק־זאַכען, אָבער קיין דזשורנאַלס זאָלען זיי אויף דער מאָלטיגראַף־מאַשין ניט מאַכען. אין בריוו, ווידער, זאָל מאָלטיגראַפירט ווערען בלויז דער טעקסט, אָבער דער „לעטער העד", ד. ה. דער נאָמען און אַדרעס פון דער אָרגאַניזאַציע אָדער פירמע, זאָל געדרוקט ווערען אין אַ דרוקעריי.

## אַ קלענערער יוריסדיקציע־סכסוך

אין 1935 האָט די יוניאָן געהאַט אַ קלענערען יוריסדיקציע־סכסוך מיט דער ענגלישער יוניאָן, וועלכער פאַרדינט פאַרצייכענט צו ווערען.

דאָס מאָל איז דער פעלץ געווען איבערגעקערט אויף דער אַנדערער זייט. דאָס מאָל האָט אַ דרוקעריי, וואָס האָט זיך געפונען אונטער דער יוריסדיקציע פון דער ענגלישער יוניאָן, אָוועקגעשיקט אַ זעצער פון דער „ביג סיקס" און אָנגעשטעלט אַ זעצער פון דער אידישער יוניאָן. די ענגלישע יוניאָן האָט אָט־דעם פאַל אויפגענומען מיט פּרעזידענט בלום.

די טענה פון אונזער יוניאָן איז געווען, אַז הגם די באַטרעפענדע אַרבעט איז אין דער ענגלישער שפּראַך, איז אָבער די יוניאָן בארעכטיגט צום פּלאַץ. די באַטרעפענדע דרוקעריי קריגט אריין מערסטענס די דרוק־אַרבעט פון אידישע אָרגאַניזאַציעס און געזעלשאַפטען, אָפט אַזעלכע אַר־בעט וואָס קומט אריין אין אַ יוניאָן־דרוקעריי בלויז דורך דער וואַכ־זאַמקייט און באַמיאונג פון דער אידישער יוניאָן. די יוניאָן באַטראַכט זיך דעריבער בארעכטיגט צו דער דאָזיגער אַרבעט.

נאָכדעם ווי דער פאַרטרעטער פון דער ענגלישער יוניאָן האָט דעם ענין אונטערזוכט, האָט ער צוגעגעבען, אַז די טענה פון דער אידישער יוניאָן איז אַ גערעכטע, און ער האָט מסכים געווען אַז דער זעצער פון דער אידישער יוניאָן זאָל בלייבען אַרבעטען אין יענער דרוקעריי.

## נייער קאָנטראַקט מיט די דזשאָב־באַלעבאַטים

היינטיגס יאָר (1938) האָט זיך געענדיגט דער קאָנטראַקט מיט די דזשאָב־באַלעבאַטים. נאָך אייניגע קאָנפערענצען איז אַ נייער קאָנטראַקט געשלאָסען געוואָרען מיט אַ העכערונג פון 1 דאָלאַר אַ וואָך אויף די שכירות. דערצו איז דער מינימום אַרבעט, וואָס אַ זעצער דאַרף קריגען, געהעכערט געוואָרען פון צוויי טעג אויף דריי טעג (חוץ אין די צען וואָכען פון זומער).

## אַנדערע טעטיגקייטען

די פאַרשיידענע אַנדערע טעטיגקייטען פון דער יוניאָן זיינען אין דעם קריזיס־פּעריאָד ניט אָפּגעשטעלט געוואָרען. אַזוי שנעל ווי די אַרבעטס־לאָזיגקייט־פּראָבלעם איז אַ ביסעל געמילדערט געוואָרען, האָט די יוניאָן זיך ווידער גענומען באַטייליגען אין אידיש־געזעלשאַפטלאַכען לעבען.

ביים מיטינג פון 11טען יאַנואַר, 1935, באַשליסט די יוניאָן אָנטייל צו נעמען אין אַ קאָנפערענץ צו גרינדען אַן אַרבעטער־בלאָק ביים אַמערי־קאַנער אידישען קאָנגרעס;

דעם 8טען פעברואַר, 1935, טיילט די יוניאָן אויס שטיצע צום לערער־סעמינאַר, צו דער פיפּעלס־אָרט פעדעראַציע, צום געווערקשאַפטען קאַמפּיין, צום אידישען וויסענשאַפטלאַכען אינסטיטוט און צו דער „פרייע אַרבעטער שטימע";

ביים זעלבען מיטינג באַשטימט אויך די יוניאָן אַ קאָמיטע צו העלפען זאַמלען מאַטעריאַלען פאַר דער אידישער צענטראַלער ביבליאָטעק און אַרכיוו פון ווילנע.

דעם 12טען אַפּריל, 1935, שטיצט די יוניאָן דעם „לייבאָר טשעסט" פון אידישען אַרבעטער קאָמיטעט מיט 50 דאָלאַר. (דאָ איז ווערט צו באַמערקען, אַז הגם די יוניאָן איז אין אידישען אַרבעטער קאָמיטעט ניט צוגעלאָזען געוואָרען, ווייל זי האָט זיך אַנטזאָגט אַרויסצוטרעטען פון אַמע־ריקאַנער אידישען קאָנגרעס, דאָך האָט זי בייגעשטייערט צו די געלט־זאַמלונגען פון אידישען אַרבעטער־קאָמיטעט. אַזוי האָט די יוניאָן אויך אין אַפּריל, 1937, בייגעשטייערט 50 דאָלאַר צום פאָנד צו באַקעמפען אַנטיסעמיטיזם אין פוילען, וואָס דער אידישער אַרבעטער־קאָמיטעט האָט געזאַמעלט);

דעם זעלבען יאָר האָט די יוניאָן פינאַנציעל געשטיצט דער קולטור־אָרגאַניזאַציע „מאָרגען־רויט" אין רומעניע;

די יוניאָן האָט אויך אריינגעגעבען ערשטע־מאַי און לעיבאָר־דעי־באַגריסונגען אין פאַרשיידענע צייטשריפטען, לינקע און רעכטע.

חוץ דעם האָט די יוניאָן געגעבען באַדייטענדע פינאַנציעלע שטיצע צו אונטערנעמונגען, וועלכע זיינען איר דירעקט נוגע. אַזאַ אונטערנעמונג איז, למשל, די פילאַדעלפיער „אידישע וועלט".

אין 1935 האָט די „אידישע וועלט", נאָך אַן עקזיסטענץ פון צוואַנציג יאָר, זיך אָפּגעשטעלט. די יוניאָן האָט געשיקט קיין פילאַדעלפיע פּרעזי־דענט בלום, א. גאָטעסמאַן און ש. שיינפעלד צו העלפען אָרגאַניזירען דאָרט אַ קאָאָפּעראַטיוו, וועלכער זאָל די צייטונג ווייטער אַרויסגעבען. דאָס האָט זיך זיי איינגעגעבען און אין עטלאַכע טעג אַרום איז די צייטונג ווידער דערשינען. אין 1938 האָבען די זעצער פון דער פילאַדעלפיער „אידישער וועלט" זיך געווענדט מיט אַן אַפּיל צו דער יוניאָן זיי צו קומען צו־הילף, ווייל שוין אַ צייט אַז זיי האָבען קיין שכירות ניט באַקומען, און די יוניאָן האָט זיי אויסגעליִען 500 דאָלאַר.

אַ צווייטע אונטערנעמונג, וואָס דער יוניאָן איז אויסגעקומען צו שטיצען ממשות'דיק, איז דער קאָאָפּעראַטיוו, וואָס גיט אַרויס דעם „רוסקי גאָלאָס".

געהאָלפען אָרגאַניזירען דעם קאָאָפּעראַטיוו האָט די יוניאָן, און ער האָט איר אָפּגעקאָסט אַ באַדייטענדע סומע געלט. די צייטונג איז אָבער ניט געגאַנגען ווי געהעריג און די מערכה פון די זעצער פון „גאָלאָס" איז

געװען אַ שלעכטע, און זי איז כסדר געװאָרען ערגער. איז פּרעזידענט בלום געפאַלען אויפ׳ן פּלאַן, אַז װען עס װאָלט מעגלאך געװען צו פאַר־אייניגען דעם „רוסקי גאָלאָס״ מיט דעם „נאָװוי מיר״, אַן אַנדער רוסישע טעגלאכע צייטונג, װאָס האָט זיך אויך געמאַטערט, װאָלט דערפון ארויסגע־קומען אַ טובה פאַר אַלעמען. אידעאיש זיינען ביידע צייטונגען געװען נאָענט. זיי זיינען ביידע געװען פּראָ־סאָװעטיש. דער „נאָװוי מיר״ איז געװען דער אָפיציעלער אָרגאַן פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי. זיין פינאַנציעלע לאַגע איז געװען פארהעלטניסמעסיג אַ גוטע, אָבער זיין ציר־קולאַציע איז געװען אַ נישטיגע. דער „רוסקי גאָלאָס״, הגם זיין פינאַנ־ציעלע לאַגע איז געװען אַ סך אַן ערגערע, האָט אָבער געהאַט אַ באדייטנדע צירקולאַציע און אַ היפּשע צאָל אַדװערטייזמענטס. יעדע צייטונג פאַר זיך האָט געפירט אַ געמאַטערטע עקזיסטענץ און ביידע װאָלטען מסתמא גאָר גיך אונטערגעגאַנגען. װען ביידע צייטונגען זאָלען פאַראייניגט װערען, איז געװען אַן אויסזיכט אַז די פאַראייניגטע צייטונג װעט גיין גוט און קענען באשעפטיגען אַלע אַרבעטער פון ביידע צייטונגען.

פּרעזידענט בלום האָט אַזוי לאַנג געאַרבעט אויף דעם פּלאַן, ביז עס האָט זיך אים איינגעגעבען דעם שידוך דורכצופירען. איצט שטעלט זיך ארויס, אַז דער חשבון איז געװען אַ ריכטיגער. ניט נאָר באשעפטיגט די פאַראייניגטע צייטונג אַלע אַרבעטער פון ביידע צייטונגען, נאָר זייער לאַגע איז אָהן אַן ערך פאַרבעסערט געװאָרען.

אַז דער אויפטו איז געװען הויפּטזעכלאך פּרעזידענט בלום׳ס, װערט באשטעטיגט דורך אַ בריװ, װאָס דער קאָמיטעט װעלכער האָט געפירט די פאַרהאַנדלונגען צװישען די צװיי צייטונגען האָט צוגעשיקט צו דער יוניאָן. אין דעם דאָזיגען בריװ װערען בלום׳ס באמיאונגען פולשטענדיג אַנערקענט און אין נאָמען פון אַלע באטייליגטע און אַרבעטער פון ביידע צייטונגען װערט אויסגעדריקט צו אים אַ האַרציגער דאַנק.

# די יוניאָן ווערט פופציג יאָר אַלט

און איצט (אין 1938) איז די אידישע שריפטזעצער יוניאָן אַלט געוואָרען פופציג יאָר.

צו דער געלעגענהייט פון דעם פופציג־יאָר׳יגען יובילעאום, וועלכער ווערט געפייערט דורך אַ גרויסאַרטיגען באנקעט אין האָטעל אַסטאָר, גיט די יוניאָן ארויס דריי ביכער: אַ פּראַכטפולען סאוועניר־זשורנאַל, אין וועלכען פארשיידענע אָרגאַניזאַציעס און יחידים באגריסען דער יוניאָן לכבוד איר גרויסען יום־טוב; אַ געשיכטע פון דעם אידישען דרוק־וועזען („אידישע טיפּאָגראַפיע און בוך־אויסאַרבעטונג קונסט״), געשריבען פון דר. הערמאַן פראַנק, און די געשיכטע פון דער יוניאָן — דאָס בוך, וואָס דער לעזער האַלט איצט אין זיינע הענט.

אַז דער מיטגליד פון דער יוניאָן וועט מישען די בלעטער פון דער געשיכטע פון זיין יוניאָן, וועט פאַר זיין גייסטיגען אויג זיך פאַנאַנדער־וויקלען אַ וואונדער־שיינע פּאַנאָראַמע, וואָס האָט זעלטען איר גלייכען.

ער וועט אין רעטראָספּעקט דערזען דאָס לעבען פון זיין יוניאָן איבער אַ משך פון אַ האַלבען יאָרהונדערט — אירע קאַמפען און דערגרייכונגען, אירע האַרצווייטאָגען און שמחות.

אין דעם לעבען פון אָט דער קליינער יוניאָן וועט ער, ווי אין אַ פּריזמע, דערזען די פארשיידענאַרטיגע קאָלירען ניט נאָר פון דער יוניאָן אַליין, נאָר פון דער גאַנצער אידישער אַרבעטער־באוועגונג, פון דער אידישער פּרעסע, פון דעם אידישען לעבען אין דער נייער וועלט בכלל.

און אַז דער מיטגליד פון דער יוניאָן וועט דאָס דערזען, וועט זיין האַרץ אָנגעפילט ווערען מיט אומבאשרייבלאכען שטאָלץ און מיט פרייד אָן אַ ברעג — ביז׳ן „ווערדך״. ווי האָט אמאָל געשריבען דער אַמעריקאַנער פּאָעט דזשיימס ראָסעל לאָועל — גיסט־צו נאָך איין־איינציגען טראָפּען, און עס וועט זיך אַריבערגיסען.

און נאָך עפּעס. פון די פאַרגאַנגענע גלאָררייכע פופציג יאָר פון דעם לעבען פון דער יוניאָן וועט דער מיטגליד אין מאָמענטען פון ספקות, אין מאָמענטען שווערע, שעפּען גלויבען, האָפענונג און קוראַזש אויף דער צוקונפט.

מיר נאַרען זיך ניט. מיר ווייסען זעהר גוט, אַז צום וואוקס פון דער אידישער פּרעסע אין אַמעריקע איז געקומען אַ סוף. אין דעם מאָמענט

פון דער שמחה װילען מיר אודאי קײן שװאַרצע נביאות ניט זאָגען. אײן זאַך אָבער װײסען מיר באַשטימט —

אַזוי לאַנג װי דאָס געדרוקטע אידישע װאָרט װעט לעבען — אַלץ אײנס צי ער װעט אין דער צוקונפט געפינען זײן אויסדרוק אין דער פאָרם פון דער טעגלאַכער צײטונג אָדער אין אַנדערע פאָרמען — װעט די אידישע שריפטזעצער יוניאָן אויסאיבען אַ קאָנטראָל איבער די אַרבעטס־באַדינ־גונגען בײם געדרוקטען אידישען װאָרט.

אַנדערש קען דאָס ניט זײן. די געשיכטע פון די פאַרגאַנגענע פופציג יאָר איז די בעסטע גאַראַנטיע פאַר דער צוקונפט.

# אַ קורצע געשיכטע פון דער
# „אינטערנעשאָנאל טייפּאָגראַפיקאל יוניאָן"

פון ה. בלום

# די געשיכטע פון דער אינטערנעשאַנאל

היינטיגס יאָר, ווען די אידישע שריפטזעצער יוניאָן פון ניו יאָרק פייערט איר פופציג־יאָריגען יובילעאום, ווערט די „אינטערנעשאַנאל טאַיפּאָ־גראַפיקאל יוניאָן", פון וועלכער די אידישע יוניאָן איז אַ טייל, דערגרייכען דעם הויכען עלטער פון 86 יאָר.

די אינטערנעשאַנאל טייפּאָגראַפיקאל יוניאָן, וועלכע מיר וועלען ווייטער באַצייכענען מיט די ראשי־תיבות „א. ט. י.", איז איינע פון די עלטסטע אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס אין אַמעריקע. אין דעם 87טען יאָר פון איר לעבען ליידט זי פונדעסטוועגען ניט פון עלטער־שוואַכקייט. פאַר־קערט, ערשט איצט האָט זי זיך רעכט צעבליט און פאַנאַנדערגעוואַקסען. סיי אין צאָל מיטגלידער, סיי אין פאַרמעגען און סיי אין דערגרייכונגען שטייט די א. ט. י. איצט אויפ'ן סאַמע שפּיץ פון דערפאָלג, און ווערט אַלץ שטאַרקער, קרעפטיגער און אַגרעסיווער.

די א. ט. י. פאַרמאָגט איצט איבער 80 טויזענט מיטגלידער, וועלכע זיינען באַשעפטיגט אין צייטונגען און דזשאָב־דרוקערייען פון 825 שטעט און שטעטלאך פון די פאַראייניגטע שטאַטען און קאַנאַדע. עס זיינען דאָ שטעטלאך, וואו די אָרטיגע יוניאָן באַשטייט פון ארום אַ טוץ מיטגלידער. עס זיינען אָבער אויך פאַראַן שטעט, וואו די יוניאָן ציילט טויזענטער מיטגלידער. אָבער אומעטום, וואו נאָר עס געפינט זיך אַ לאָקאַלע יוניאָן, אַלץ איינס ווי גרויס אָדער ווי קליין זי זאָל ניט זיין, איבט זי אויס אַ גרויסען איינפלוס אויף דעם אָרטיגען אַרבעטער־לעבען. אַ באַדייטענדע צאָל מיטגלידער פון דער א. ט. י. פאַרנעמען אָנגעזעענע פּלעצער אין די אָרטיגע צענטראַלע אַרבעטער־קערפּערשאַפטען, ווי אויך וויכטיגע עמטער אין געזעצגעבענדע קערפּערשאַפטען און אין רעגירונגס־ביוראָען אין פאַר־שיידענע טיילען פון לאַנד.

## די ערשטע דרוקער־אַרבעטער אָרגאַניזאַציעס

דאָס, וואָס די א. ט. י. איז איצט 86 יאָר אַלט, מיינט אָבער ניט, אַז עס האָבען ניט עקזיסטירט קיין איינצעלנע יוניאָנס פון דרוקער־אַרבעטער נאָך פריער. שוין אין דעם יאָר 1776 — ווען די „דעקלאַריישאָן אָוו אינדעפּענדענס" איז פאַרעפענטלאַכט געוואָרען — דאָס הייסט, מיט איבער 160 יאָר צוריק, זיינען די דרוקער־אַרבעטער פון ניו יאָרק ארויס אין אַ

סטרייק און האָבען געוואונען אַ העכערונג אין שכירות. קיין שטענדיגע יוניאָן האָבען די דרוקער דעמאָלט נאָך ניט געהאַט; אָבער אַן אָרגאַניזאַציע פון דרוקער־ארבעטער, וואָס קען שוין באצייכענט ווערען אַלס אַ יוניאָן, איז געווען די „טייפּאָגראַפיקאַל סאָסייעטי״, וואָס איז געגרינדעט געוואָרען אין ניו יאָרק אין יאָר 1795.

די דאָזיגע יוניאָן, כאָטש זי האָט זיך גערופען „סאָסייעטי״, האָט עקזיסטירט צוויי און אַ האַלב יאָר, און דורך דער צייט איז איר געלונגען צו העכערען די שכירות ביז 1 דאָלאַר אַ טאָג, וואָס איז אין יענער צייט געווען שיינע שכירות.

פון 1797 ביז 1799 האָט אין ניו יאָרק קיין יוניאָן ניט עקזיסטירט. אין 1799 אָבער איז געגרינדעט געוואָרען די „פרענקלין טייפּאָגראַפיקאַל סאָסייעטי אָוו דזשורנימען פּרינטערס אָוו ניו יאָרק״. אָט־די „סאָסייעטי״ האָט אויסגעאַרבעט אַ פולשטענדיגע „סקעיל אָוו ווידזשעס״ און האָט אָנגעהויבען פונקציאָנירען אַלס אמת'ע טרייד־יוניאָן. זי האָט אָנגעהאַלטען אַן אייגענעם אָפיס און האָט אָפּגעהאַלטען מיטינגען רעגעלמעסיג. געלעבט האָט אָט די „סאָסייעטי״ ביז 1804.

אויך אין אַנדערע שטעט האָבען זיך דעמאָלט געגרינדעט אַזעלכע „סאָסייעטיס״: אין פילאַדעלפיע — אין יאָר 1802; אין באָסטאָן — אין 1803; אין באַלטימאָר — אין 1814; אין אַלבאַני און וואַשינגטאָן — אין 1815.

צווישען די פירער פון די דאָזיגע ערשטע „סאָסייעטיס״ אין דעם דרוקער־פאַך זיינען געווען אָנהענגער פון צוויי באַזונדערע ריכטונגען. איין ריכטונג האָט געהאַלטען, אַז די „סאָסייעטי״ דאַרף שענקען איר הויפּט אויפמערקזאַמקייט אויף פאַרבעסערען די אַרבעטס־באַדינגונגען פון די דרוקער־אַרבעטער; די צווייטע ריכטונג האָט געגלויבט, אַז די „סאָסייעטי״ דאַרף זיך אָפּגעבען הויפּטזעכלאַך מיט פּראַטערנאַלע אויפגאַבען — מיט צאָלען קראַנקען־בענעפיט און פיונעראַל־בענעפיט, מיט באַזאָרגען קרקע א. א. וו.

עס איז וויכטיג צו באַטאָנען, אַז אָט די צוויי ריכטונגען זיינען ניט געווען באַגרעניצט בלויז אויף די דרוקער־אַרבעטער. אין אַלע פאַכען איז אין יענער צייט און אַ לאַנגע צייט נאָכדעם געווען אַ חילוקי־דעות צווישען די אָנהענגער פון בענעפיט־„סאָסייעטיס״ און פון אמת'ע עקאָנאָמישע קאַמפּס־אָרגאַניזאַציעס. די „נייטס אָוו לייבאָר״, וועלכע איז געווען אַן אינדוסטריעלע אָרגאַניזאַציע, האָט אויך געלייגט די הויפּט־געוויכט אויף פּראַטערנאַלע אויפגאַבען, און נאָכדעם ווי די „אַמעריקען פעדעריישאָן אָוו לייבאָר״ איז אָרגאַניזירט געוואָרען און די „נייטס אָוו לייבאָר״ האָט אָנגעהויבען גיין באַרג־אַראָפּ איז דער בענעפיט־כאַראַקטער פון די „נייטס״ גע־

וואָרען נאָך מער פאַרשטאַרקט. אויך איז כדאי צו באַמערקען, אַז אַ סך פון די אַלטע יוניאָנס האָבען נאָך ביז איצט געוויסע בענעפיט־צאָלונגען, וואָס איז זיי געבליבען בירושה פון די אַלטע צייטען.

דער קאַמף צווישען אַט די צוויי ריכטונגען האָט געפירט דערצו, אַז אַ צאָל יונגע אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס זיינען אונטערגעגאַנגען נאָך איידער זיי האָבען צייט געהאַט עפּעס אויפצוטאָן, הגם זיי האָבען געהאַט אַלע אויסזיכטען צו ווערען שטאַרקע ווירקזאַמע אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס. נאָך אַ פאַקטאָר, וואָס האָט געווען גורם צום אונטערגאַנג פון אַ צאָל „סאָסייעטיס״, איז געווען דער איינפיר אין געוויסע „סאָסייעטיס״, אַז נאָכדעם ווי איינער איז אַ מיטגליד צען יאָר צייט, ווערט ער באַפרייט פון צאָלען דיוס. דאָס האָט געפירט דערצו, אַז ווען די „סאָסייעטי״ איז געוואָרען ארום 20 יאָר אַלט, איז די לאַסט פון צאָלען דיוס געפאַלען אויסשליסלאַך אויף די יונגע מיטגלידער, און אַזוי ווי דאָס איז געווען צו שווער פאַר זיי, האָט די „סאָסייעטי״ זיך געמוזט אויפלייזען.

## פון די סאָסייעטיס ווערען אמת'ע יוניאָנס

אָבער פונדעסטוועגען זיינען אַט־די „סאָסייעטיס״ געווען די קערענד־לאַך, פון וועלכע עס איז שפּעטער ארויסגעוואַקסען די מעכטיגע יוניאָן־באַוועגונג ביי די דרוקער־אַרבעטער.

אַזוי, צום ביישפּיל, האָט די פילאַדעלפיער טייפּאָגראַפיקאַל סאָסייעטי אין 1807 ארויסגעשטעלט אַ פאָדערונג צו די באַלעבאַטים, אַז זיי זאָלען באַשעפטיגען בלויז יוניאָן־לייט. די פילאַדעלפיער יוניאָן האָט אויסגע־טיילט צו אירע מיטגלידער „וואָרקינג־קאַרדס״, און זי האָט אויך אָנגע־האַלטען אַן ארבעטס־ביוראָ, וואו באַלעבאַטים האָבען זיך געדאַרפט ווענדען נאָך אַרבעטער. זי פלעגט אויך צושיקען צו די אַנדערע דרוקער־„סאָסייע־טיס״ די נעמען פון מיטגלידער, וועלכע זיינען אויסגעשלאָסען געוואָרען פאַר איבערטרעטען די רעגולאַציעס פון דער יוניאָן.

די ניו יאָרק טייפּאָגראַפיקאַל סאָסייעטי, ווידער, האָט, אין 1816, זיך דורכגעשריבען מיט סאָסייעטיס אין אַנדערע שטעט מכח איינפירען אַ סיסטעם, וואָס זאָל מעגלאַך מאַכען פאַר מיטגלידער פון אַ יוניאָן אין איין שטאָט צו באַקומען פינאַנציעלע שטיצע אָדער אַרבעט ווען זיי קומען אין אַן אַנדער שטאָט. חוץ דעם, וואָס דאָס איז געווען זעהר אַ וויכטיגער ענין פאַר יענער צייט, ווען אַרבעטער בכלל זיינען געווען אַ סך ווייניגער איינ־געזעסען ווי היינט און זיי פלעגען זיך ארומשלעפּען איבער'ן לאַנד, איז אַט־די איינפירונג געווען דער גרונט־שטיין פון דעם פונדאַמענט פאַר דעם שפּעטערדיגען „קלאָוזד שאָפּ״, „רעט ליסט״, „טרעוועלינג קאַרד״ א. א. וו.

די הערשענדע מיינונג אין אַרבעטער־קרייזען איז דעמאָלט געווען,

אַז אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס דאַרפן טראָגן אַ פּראָטערנאַלן כאַראַקטער. עס איז אָבער געווען נאָך אַ סיבה, פאַר וואָס זיי פלעגן זיך דעמאָלט רופן „סאָסייעטי". אין יענער צייט פלעגן באַלעבאַטים אָפט אַנקלאָגן אַר־בעטער־אָרגאַניזאַציעס אין געריכט, און די ריכטער פלעגן מערסטענס דערקלערן די אָרגאַניזאַציעס פאַר פאַרשווערונגען אַרויסצופּרעסן געלט פון די באַלעבאַטים. דער נאָמען „סאָסייעטי" און דער בענעפיט־כאַראַק־טער איז דעריבער באַנוצט געוואָרן אַלס אַ מאַסקע, צו פאַרדעקן די אמת'ע יוניאָן־טעטיגקייטן פון די דאָזיגע „סאָסייעטיס".

די „ניו יאָרק טייפּאָגראַפיקאַל סאָסייעטי", וועלכע איז געגרינדעט געוואָרן אין יאָר 1809, האָט שוין אַרויסגעוויזן גענוג מוט זיך צו שטעלן ברייטערע אַרבעטער־צילן. חוץ דעם, וואָס זי האָט געזוכט צו באַזאָרגן די מיטגלידער מיט קראַנקען־בענעפיט, קרקע א. א. וו., האָט זי זיך אויך גענומען אויסאַרבעטן אַרבעטס־רעגולאַציעס, פּרייזן פאַר אַרבעט און צו זוכן אַ וועג ווי אַזוי צו פאַרבעסערן די עקאָנאָמישע לאַגע פון אירע מיטגלידער אין אַלגעמיין. עטלאַכע חדשים נאָך איר גרינדונג האָט די „סאָסייעטי" זאָגאַר צוגעשטעלט די באַלעבאַטים אַ פולשטענדיגע ליסט פון שכירות, אַ „סקייל אָוו ווייִדזשעס", פאַר אַלע סאָרטען אַרבעט אין דעם דרוקער־פאַך.

גוואַלדיג אינטערעסאַנט פאַר דעם אידישען לעזער איז דאָס, וואָס אין אָט דער שכירות־„סקייל" איז אויך געווען אַ פּונקט וועגן פּרייזן פאַר . . . העברעאישער אַרבעט. אָט־דער פּונקט לויטעט:

„אַרטיקעל 4. אויב אַ צאָל העברעאישע, גריכישע אָדער אַנדערע טויטע בוכשטאַבען דאַרפן אַריינגעשטעלט ווערן אין אַן אַרבעט, וואָס פאַראורזאַכט שוועריגקייטן דעם זעצער, זאָל דער זעצער קריגן ספּעציעל באַצאָלט, לויט די שוועריגקייטן וואָס ער האָט פאַר באַ־זונדערע אַרבעט, און פאַר העברעאיש זאָל געצאָלט ווערן דאָפּעלט".

ווען די דאָזיגע „סקייל אָוו ווייִדזשעס" איז שפּעטער אויף אַ קאָנ־פערענץ מיט די באַלעבאַטים אָנגענומען געוואָרן, האָט דער פּונקט וועגן העברעאישער אַרבעט זיך געלייענט אַזוי:

„פאַר באַזונדערע אַרבעט אין העברעאיש, אָן נקודות, זאָל געצאָלט ווערן דאָפּעלט".

מיר ווייסען ניט, ווי גרויס עס איז דעמאָלט געווען די צאָל אַרבעט אויף העברעאיש. אָבער דער פאַקט, וואָס די יוניאָן האָט מיט 129 יאָר צוריק געפונען פאַר נויטיג זיך צו דינגען מיט די באַלעבאַטים וועגן העברעאישער אַרבעט באַווייזט, אַז די דאָזיגע אַרבעט איז געווען ניט אומ־

באדייטענד. פאַרשטייט זיך, אַז העברעאיש איז דעמאָלט באַנוצט געוואָרען אויסשליסלאך פאַר רעליגיעזע ספרים, מערסטענס קריסטלאכע.

אין דער שכירות־ליסט פון דעם יאָר 1815 געפינען מיר שוין אַ פונקט אויך וועגען העברעאישען זאַץ מיט נקודות. דער פונקט לויטעט:

„6. פאַר אַרבעט אין העברעאיש, אָן נקודות, זאָל געצאָלט ווערען 15 סענט פער טויזענט עמס מער ווי פאַר געוויינלאכע זאַץ; מיט נקודות, זאָל האַלב גערעכענט ווערען אַלס טעקסט און האַלב אַלס נקודות, און עס זאָל געצאָלט ווערען דאָפּעלט".

ביז דעם יאָר 1818 האָט די „ניו יאָרק טייפּאָגראַפיקאַל סאָסייעטי" זיך אָפּגעגעבען סיי מיט פראַטערנאַלע אויפגאַבען און סיי מיט טרייד־יוניאָן טעטיגקייטען. אין 1818 איז די סאָסייעטי געווען געצוואונגען אויפצוגעבען אירע טרייד־יוניאָן טעטיגקייטען. אין יענעם יאָר האָט די „סאָסייעטי" אריינגעגעבען אַ פּעטיציע צו דער לעדזשיסלייטשור זי זאָל אָננעמען אַ ספּעציעלען „עקט אָוו אינקאָרפּאָריישאָן", וואָס זאָל געבען דער „סאָסייעטי" אַ געזעצלאכע עקזיסטענץ. די לעדזשיסלייטשור האָט אַזאַ אַקט באַוויליגט, אָבער זי האָט פאַרבאָטען דער „סאָסייעטי" זיך אָפּצוגעבען מיט „טעטיגקייטען וואָס האָבען צו טאָן מיט רעגולירען די פּרייזען אָדער די צושטאַנדען פון אַרבעט". די סאָסייעטי האָט באַשלאָסען דעם טשאַרטער אָנצונעמען, און דערמיט האָט זי אויפגעהערט צו עקזיסטירען אַלס אַ טרייד־יוניאָן.

## די פאַראייניגונג פון די דרוקער־יוניאָנס אין אַ נאַציאָנאַלער קערפּערשאַפט

דער ערשטער שטויס אין דער ריכטונג פון שאַפען אַ דערנענטערונג צווישען די באַזונדערע יוניאָנס איבער׳ן לאַנד איז געגעבען געוואָרען פון איינעם אַ גענעראַל מיט׳ן נאָמען דאַף גרין.

דער גענעראַל האָט דעמאָלט געמאַכט די דרוק־אַרבעט פאַר דעם יונייטעד סטייטס סענאַט אין וואַשינגטאָן. ער האָט אויך ארויסגעגעבען אין וואַשינגטאָן אַ צייטונג, וואָס האָט געהייסען „די יונייטעד סטייטס טעלעגראַף". כדי צו קריגען ביליגע אַרבעטער, האָט ער אָרגאַניזירט אַ שולע פאַר דרוקער־אַרבעטער, און די ניי־געבאַקענע, האַלבע בעל־מלאכות, וואָס די שולע פלעגט ארויסגעבען אין אַ קורצער צייט, פלעגט ער באַשעפטיגען אין זיין דרוקעריי, ביי זיין צייטונג, און ער פלעגט זיי שיקען אַרבעטען אין אַנדערע שטעט אויך.

גענעראַל דאַף גרין איז געווען אַ גרויסער געגנער פון יוניאָנס און האָט אָנגעפירט אַ ביטערען קאַמף געגען זיי. די וואַשינגטאָנער דרוקער־

אַרבעטער־יוניאָן האָט אין 1834 אויפגענומען אַ קאַמף מיט דעם גענע־ראַל און אַרויסגערופען אַ סטרייק אין זיין דרוקעריי. די וואַשינגטאָנער יוניאָן האָט זיך געשטעלט אין פאַרבינדונג מיט יוניאָנס פון אַנדערע שטעט און זיי געבעטען ניט צו שיקען קיין זעצער קיין וואַשינגטאָן. מיט אַ יאָר שפּעטער, אין 1835, האָט די טייפּאָגראַפיקאַל סאָסייעטי פון סינסינעטי אויך געפירט אַ סטרייק מיט די באַלעבאַטים פון זייער שטאָט. אויך זיי האָבען דערפילט ווי נויטיג עס איז צו שטיין אין נאָענטע פאַרבינדונגען מיט די יוניאָנס פון דרוקער־אַרבעטער אין אַנדערע שטעט.

אָט די פּאַסירונגען און אַנדערע פון דעם מין האָבען געפירט דערצו, אַז דער געדאַנק וועגען רופען אַ צוזאַמענפאָר פון אַלע עקזיסטירענדע יוניאָנס איבער'ן לאַנד האָט אָנגעהויבען רייף צו ווערען. עס האָט ניט לאַנג גענומען, און אַזאַ צוזאַמענפאָר איז אָפּגעהאַלטען געוואָרען.

דער ערשטער צוזאַמענפאָר פון פאַרשיידענע דרוקער־אַרבעטער יוני־יאָנס איז פאָרגעקומען אין וואַשינגטאָן, דעם 7טען נאָוועמבער, 1836. אָט דער צוזאַמענפאָר איז אָפּגעהאַלטען געוואָרען אין דעם סיטי האָל. באַ־טייליגט אין אים האָבען זיך 9 יוניאָנס און ער האָט געדויערט 5 טעג. דער צוזאַמענפאָר האָט אַרויסגעלאָזען אַן אַפּיל צו די פאַרשיידענע יוניאָנס אין דרוקער־פאַך, זיי זאָלען זיך דערנעענטערען איינס צום אַנדערען. ער האָט אויך אָנגענומען רעגולאַציעס בנוגע לערען־אינגלאַך, און אַ צאָל רעזאָ־לוציעס וועגען פאַרשיידענע פראַגען.

אַ צווייטער צוזאַמענפאָר איז אָפּגעהאַלטען געוואָרען אין יאָר 1837 אין ניו יאָרק. ביז דעם יאָר 1850 זיינען אָבער קיין ווייטערע צוזאַמענ־פאָרען ניט געהאַלטען געוואָרען. ערשט די צוזאַמענפאָרען פון 1850 און 1851 האָבען געטאָן די צוגרייטונגס־אַרבעט פאַר דער גרינדונגס־קאָנ־ווענשאָן פון דער ערשטער צענטראַלער קערפּערשאַפט פון אַלע דרוקער־אַרבעטער, פאַר דער „נעשאָנאַל טייפּאָגראַפיקאַל יוניאָן", וואָס איז פאָר־געקומען אין 1852.

די דאָזיקע קאָנווענשאָן איז אָפּגעהאַלטען געוואָרען אין סינסינעטי אין מאָנאַט מאַי פון דעם יאָר 1852. 14 שטעט זיינען דאָרט געווען פאַר־טראָטען. אויף דעם דריטען טאָג פון דער קאָנווענשאָן איז אָפּיציעל גע־גרינדעט געוואָרען די „נעשאָנאַל טייפּאָגראַפיקאַל יוניאָן" און די פאַר־טראָטענע יוניאָנס זיינען געוואָרען לאָקאַלען פון אָט דער צענטראַלער אָדער נאַציאָנאַלער יוניאָן. כדי צו פאַרמיידען קריגערייען וועגען דעם וועל־כע יוניאָן עס זאָל האָבען דעם כבוד צו זיין לאָקאַל 1 א. א. וו., איז באַשטימט געוואָרען צו וואָרפען אַ גורל, אום צו באַשטימען דעם נומער פון יעדען לאָקאַל. די גליקלאַכע שטאָט אַרויסצוציען דעם נומער 1 איז געווען אינדיאַנאַפּאָליס; פילאַדעלפיע האָט אַרויסגעצויגען דעם נומער 2,

סינסינעטי — 3, אַלבאַני — 4, קאָלאָמבוס — 5, ניו יאָרק — 6, פּיטס־בורג — 7, סט. לואיס — 8, באָפאַלאָ — 9, לואיזוויל — 10, מעמפיס 11, באַלטימאָר — 12, באָסטאָן — 13, העריסבורג — 14.

אָט די מעטאָדע פון באַשטימען דעם לאָקאַל־נומער פון די פאַרשיידענע יוניאָנס האָט אָבער ניט צופרידענגעשטעלט דער יוניאָן פון באַלטימאָר. זי האָט גע'טענה'ט, אַז אַזוי ווי זי איז שוין געווען אָרגאַניזירט אין יאָר 1831 און איז די עלטסטע עקזיסטירענדע דרוקער־יוניאָן איז זי באַרעכ־טיגט צום נומער 1, אַנשטאָט דער אינדיאַנאַפּאָליסער יוניאָן, וועלכע איז נאָך אַ „צוציק". די אומצופרידענקייט פון דער באַלטימאָרער יוניאָן איז געגאַנגען אַזוי ווייט, אַז זי האָט זיך צוליב דעם זאָגאַר צוריקגעצויגען פון דער נאַציאָנאַלער אָרגאַניזאַציע. שפּעטער אָבער האָט זי שלום געמאַכט מיט דעם געדאַנק צו בלייבען לאָקאַל 12 און איז צוריק אריינגעטראָטען אין דער „נעשאָנאַל טייפּאָגראַפיקאַל יוניאָן".

ביי דער קאָנווענשאָן פון יאָר 1853 איז דער קאַמף צווישען די ריינע טרייד־יוניאָניסטען און די אָנהענגער פון „בענעפיטס" ווידעראַמאָל אויס־געבראָכען. ארום אָט דער פראַגע האָט עס געהאַלטען ביי אַ שפּאַלטונג אין דער ניו יאָרקער יוניאָן, וואו עס זיינען געווען אַ סך מיטגלידער וואָס האָבען ניט געוואָלט צאָלען דיוס פאַר פאַרשיידענע בענעפיט־פאָנדען. כדי אויסצומיידען אַ שפּאַלטונג האָט מען זיך אויף דער קאָנווענשאָן געאייניגט אויף אַ פּשרה: עס איז באַשלאָסען געוואָרען, אַז יוניאָנס, וואָס האָבען דעם „בענעפיט"־סיסטעם, זאָלען ארייננעמען אויך מיטגלידער, וואָס זוכען אין דער יוניאָן בלויז טרייד־בענעפיטס.

די „נעשאָנאַל טייפּאָגראַפיקאַל יוניאָן" האָט אָפּגעהאַלטען קאָנווענ־שאָנס יעדען יאָר, ביז דעם יאָר 1861, ווען עס איז ניט געווען מעגלאָך אָפּצוהאַלטען קיין נאַציאָנאַלע קאָנווענשאָן, צוליב דעם בירגער־קריג. ביי יעדער קאָנווענשאָן איז געמאַכט געוואָרען אַ ווייטערער טריט וואָס ענגער צו פאַרבינדען די פאַרשיידענע יוניאָנס צווישען זיך. די צענטראַלע קער־פּערשאַפט האָט אָבער נאָך אַלץ ניט געהאַט קיין אויטאָריטעט זיך צו מישען אין לאָקאַלע ענינים, און די לאָקאַלע יוניאָנס האָבען געהאַט די פולע מאַכט אין לאָקאַלע פראַגען צו האַנדלען ווי זיי אַליין פאַרשטייען, אָדער לויט ווי זיי שאַצען אָפּ די לאָקאַלע אומשטענדען.

אָבער אָט דער צושטאַנד האָט שיעור ניט געבראַכט צו אַ צוזאַמענ־ברוך פון דער נאַציאָנאַלער אָרגאַניזאַציע. דאָס, וואָס די לאָקאַלע יוניאָנס האָבען געהאַט פולשטענדיגע אויטאָנאָמיע, האָט געפירט דערצו, אַז זיי האָבען אַפילו ניט געפונען פאַר נויטיג צוזושטעלען צו דער נאַציאָנאַלער אָרגאַניזאַציע באַריכטען פון זייער טעטיגקייט. דאָס איז דערגאַנגען אַזוי

ווייט, אַז דער פּרעזידענט פון דער „נעשאָנאַל טייפּאָגראַפיקאַל יוניאָן", לואיס גרעהעם, פון ניו אָרלינס, האָט זיך אַנטזאָגט צו קומען צו דער קאָנ־ווענשאָן פון יאָר 1855, וואָס איז אָפּגעהאַלטען געוואָרען אין מעמפיס. ער האָט צוגעשיקט אַ בריוו, אין וועלכען ער האָט געשריבען, אַז ער האָט ניט וואָס צו קומען צו דער קאָנווענשאָן, ווייל ער ווייס ניט וואָס עס טוט זיך אין די לאָקאַלען איבער'ן לאַנד און ער האָט ניט וואָס צו באַריכטען.

אָבער מיט דער צייט איז די לאַגע געוואָרען בעסער. די באַזונדערע יוניאָנס האָבען זיך וואָס ווייטער דערנענטערט אַלץ מער איינע צו דער אַנדערער, און די נאַציאָנאַלע אָרגאַניזאַציע איז געוואָרען אַלץ שטאַרקער.

אויף דעם געביט פון שטאַרקער מאַכען די אויטאָריטעט און די דעה פון דער נאַציאָנאַלער קערפּערשאַפט האָט זיך באַזונדערס אויסגעצייכענט פּרעזידענט ראָבערט ס. סמיטה, פון פילאַדעלפיע. ער איז געווען זעהר אַ אַנגענעמער, פעהיגער מענש, און ער האָט זיך מיט זיין גאַנצער ענערגיע אריינגעוואָרפען אין דער אַרבעט פאַר דער נאַציאָנאַלער יוניאָן. זיינע גרויסע פעאיגקייטען און זיין איינגעבוירענע טאַקטפולקייט זיינען אים ביי־געשטאַנען אין די שווערסטע סיטואַציעס. ער פלעגט אַלע מאָל געפינען דעם ריכטיגען וועג אויסצוגלייכען פאַרשיידענע רייבונגען און מיספאַר־שטענדנישען צווישען אין יוניאָן און דער צווייטער, און דאָס האָט פיל געהאָלפען דער נאַציאָנאַלער יוניאָן.

אַזוי האָט פּרעזידענט סמיטה אין דער צייט גלייך פאַר דעם בירגער־קריג, ווען דאָס לאַנד איז ביסלאַכווייז פאַרוואַנדעלט געוואָרען אין צוויי פיינדלאַכע לאַגערען, מאַנעווורירט אַנצוהאַלטען גוטע באַציאונגען צווישען די דרוקער־יוניאָנס פון דער נאָרט און פון דער סאַוט, און דאָס האָט זיך אים גאַנץ גוט איינגעגעבען.

די קאָנווענשאָן פון יאָר 1860, וואָס איז פאָרגעקומען אין נעשוויל, טענעסי, אַ קורצע צייט פאַר דעם אויסברוך פון בירגער־קריג, איז געווען גוט באַזוכט פון דעלעגאַטען פון אַלע טיילען פון לאַנד — פון דער נאָרט אַזוי גוט ווי פון דער סאַוט. ביי דער געלעגענהייט האָט פּרעזידענט סמיטה אין זיין דערעפנונגס־רעדע אָנגעוויזען מיט שטאָלץ אויף דעם פאַקט, וואָס אין דער צייט ווען דאָס לאַנד צאַפּעלט זיך אין קאָנוואולסיעס פון פאַרביטערונג און האַס, זיינען דרוקער־דעלעגאַטען פון אַלע טיילען פון לאַנד זיך צוזאַמענגעקומען אין אַ ברידערלאַכען גייסט און זיי זוכען געמיינשאַפטלאַך צו לייזען זייערע פּראָבלעמען אויף אַ פרידלאַכען, קאָנ־סטרוקטיווען אופן.

אַז די קאָנווענשאָן האָט אויפגעכאַפּט דעם טאָן פון איינינקייט, וואָס פּרעזידענט סמיטה האָט אָנגעשלאָגען, באַווייזט דער פאַקט, דאָס ניט נאָר איז באַשלאָסען געוואָרען אַנצוהאַלטען איינינקייט אין די אייגענע רייען,

נאָר עס זיינען אויך אויסגעאַרבעט געוואָרען פּלענער ווי אַזוי צו פאַר־אייניגען זיך מיט די קענעדער דרוקער־יוניאָנס.

מיט דער אויסנאַם פון דעם איינציגען יאָר 1861, זיינען קאָנווענ־שאָנס אָפּגעהאלטען געוואָרען רעגעלמעסיג דורך דער גאנצער צייט פון בירגער־קריג. אמת, די קאָנווענשאָנס זיינען געווען שוואַך באזוכט. אַ סך פון די פירער פון די לאָקאַלע יוניאָנס זיינען געווען אויף די שלאכט־פעלדער. צווישען זיי איז אויך געווען פּרעזידענט פּאַרקוואר, פון שיקאַגאָ, וועלכער האָט צו דער קליוולאנדער קאָנווענשאָן פון 1863 צוגעשיקט זיין מעסעדזש פון קריגס־פראָנט. ער האָט אין זיין מעסעדזש דערמוטיגט דער יוניאָן אָנצוגיין ווייטער מיט דער אַרבעט. יוניאָנס פון דער סאַוטה, וועלכע האָבען ניט געקענט שיקען קיין דעלעגאַטען צו די קאָנווענשאָנס, האָבען צוגעשיקט בריף, אין וועלכע זיי האָבען אויסגעדריקט די האָפענונג, אַז דער ברודער־קריג וועט זיך שנעל ענדיגען, און אַז די יוניאָן וועט נאָך מער פאַרשטאַרקט און פאַרפעסטיגט ווערען.

עס האָבען, פאַרשטייט זיך, אויך ניט געפעלט קיין אנטוישונגען. אַזוי איז צו דער קאָנווענשאָן פון יאָר 1864, וואָס איז אָפּגעהאלטען גע־וואָרען אין לואיזוויל, קענטאָקי, אָנגעקומען אַ בריוו פון פּאָרטלאנד, אָרע־גאָן, אַז די דאָרטיגע יוניאָן האָט זיך אויפגעלייזט. געשען איז דאָס צוליב אַ שפּאָגעל־נייעם „גאָלד ראַש", אַ געיעג נאָך גאָלד, וואָס האָט דעמאָלט ארומגעכאַפּט די סטייטס אָרעגאָן און וואַשינגטאָן, וואו גאָלד איז אנטדעקט געוואָרען (דער ערשטער, דער גרויסער „גאָלד ראַש" איז, ווי באוואוסט, פאָרגעקומען אין קאַליפאָרניע אין יאָר 1848). די דרוקער־אַרבעטער פון פּאָרטלאנד האָבען פּשוט אוועקגעוואָרפען זייערע ווינקעל־האָקענס (סטיקס) מיט די שריפט, האָבען זיי אויסגעביטען אויף פּיקעס און לאָ־פּעטעס און זיינען אַוועק זוכען גאָלד.

אָבער עס איז איבעריג צו זאָגען, אַז זעהר ווייניג דרוקער־אַרבעטער זיינען געוואָרען מיליאָנערען אַלס רעזולטאַט פון דעם געיעג נאָך גאָלד, און זיי האָבען פאַרשעמטע ביסלאכווייז זיך צוריקגעקערט צו די שריפט־קאַסטענס און האָבען זיך ווידער גענומען פאַר די ווינקעל־האָקענס.

אויך די וואונדען פון דעם בירגער־קריג האָבען זיך שנעל גענומען פארהיילען. עס האָט זיך אָנגעהויבען אַ נייע לעבהאפטע טעטיגקייט אין פילע שטעט סיי אין דער נאָרט און סיי אין דער סאַוט. דער רעזולטאַט איז געווען, אַז די קאָנווענשאָן פון דער „נעשאָנאַל טייפּאָגראַפיקאל יוניאָן", וואָס איז פאָרגעקומען אין פילאַדעלפיע אין 1865, איז געווען די גרעסטע וואָס די יוניאָן האָט ביז דעמאָלט געהאַט. די יוניאָנס פון דער סאַוט, וועלכע זיינען אין פאַרלויף פון בירגער־קריג געווען אָפּגעריסען פון דער אָרגאַניזאַציע, האָבען זיך צוריקגעקערט צו איר.

אויף יענער קאָנווענשאָן אין פילאַדעלפיע איז אויך צום ערשטען מאָל אויפגעהויבען געוואָרען דער סלאָגאַן פון אַן אַכט־שטונדיגען אַרבעטס־טאָג.

## די „נעשאָנאַל טייפּאָגראַפיקאַל יוניאָן" בייט איר נאָמען אויף „אינטערנעשאָנאַל טייפּאָגראַפיקאַל יוניאָן"

אויף דער קאָנווענשאָן פון יאָר 1869, וואָס איז אָפּגעהאַלטען געוואָרען אין אַלבאַני, איז פאָרגעקומען די פאַראייניגונג מיט די קענעדער יוניאָנס. פון אַ נאַציאָנאַלער קערפּערשאַפט איז די צענטראַלע יוניאָן געוואָרען אַן אינטערנאַציאָנאַלע קערפּערשאַפט, און זי האָט געביטען איר נאָמען פון „נעשאָנאַל טייפּאָגראַפיקאַל יוניאָן" אויף „אינטערנעשאָנאַל טייפּאָגראַפיקאַל יוניאָן".

די נייע אינטערנעשאָנאַל יוניאָן, די אַי. טי. יו., האָט אָנגעפאַנגען איר עקזיסטענץ אַלס אָרגאַניזאַציע מיט 120 לאָקאַלס, וואָס האָבען צוזאַמען געהאַט אַ מיטגלידערשאַפט פון 7,563.

די זעלבע קאָנווענשאָן אין אַלבאַני האָט אָנגענומען נאָך אַנדערע וויכטיגע באַשלוסען. די צענטראַלע אָרגאַניזאַציע האָט באַקומען מער מאַכט ווי פריער, הגם אַ גרויסע מאָס אויטאָנאָמיע איז אַלץ איבערגעלאָזען געוואָרען צו די לאָקאַלע יוניאָנס. עס איז אויך באַשלאָסען געוואָרען אריינצונעמען פרויען אַלס גלייכבאַרעכטיגטע מיטגלידער אין דער יוניאָן.

דער באַשלוס אריינצונעמען פרויען אַלס מיטגלידער אין דער יוניאָן מיט די זעלבע רעכט וואָס מענער, איז פאַר יענער צייט געווען ממש אַ רעוואָלוציאָנערער אויפטו. די מענער דרוקער־אַרבעטער האָבען געקוקט קרום אויף דעם, וואָס די פרויען זיינען אריינגעדרונגען אין דער דרוקעריי־אינדוסטריע זינט די גאָר ערשטע יאָרען פון איר אנטוויקלונג. צו דעם אַלגעמיינעם פאָראורטייל געגען פרויען איז נאָך צוגעקומען דער פאַקט, וואָס אַ געוויסע צאָל פרויען האָבען אין יאָר 1853 פאַרנומען די פּלעצער פון סטרייקענדע דרוקער־אַרבעטער אין דעם „דעי בוק אָפיס" אין ניו יאָרק. אָבער די יוניאָן איז בייגעקומען די דאָזיגע פאָראורטיילען און האָט באַשלאָסען פרויען יאָ אריינצונעמען אַלס מיטגלידער.

האָרייס גרילי, דער באַרימטער אַמעריקאַנער פּובליציסט און אַ געוועזענער פּרעזידענט פון דער ניו יאָרק טייפּאָגראַפיקאַל יוניאָן נומער 6, האָט אַ סך מיטגעהאָלפען צו־נישט צו מאַכען דעם פאָראורטייל געגען פרויען אין די רייען פון די דרוקער־אַרבעטער. מיט זיין גלענצענדער פעדער האָט ער צעשלאָגען אַלע טענות פון די געגנער פון פרויען־דרוקער. זיין אַגיטאַציע איז ביז גאָר אַ גרויסען גראַד געווען פאַראַנטוואָרטלאַך פאַר דעם באַשלוס פון דער קאָנווענשאָן אין אַלבאַני אין 1869.

עס האָט זיך שפּעטער ארויסגעוויזען, אַז די שרעק פאַר דער פּרויען־קאָנקורענץ אין דער דרוקעריי־אינדוסטריע איז געווען אַן אומבאגרינדעטע. זעהר ווייניג פרויען האָבען זיך גענומען צום דרוקער־פאַך. אָבער יענע פרויען, וואָס האָבען יאָ געמאכט אַ לעבען פון דרוק־אַרבעט, זיינען באַהאַנדעלט געוואָרען גלייך מיט די מענער־אַרבעטער.

די אַי. טי. יו. איז געוואקסען סיי אין דער ברייט און סיי אין דער טיף — סיי אין דער צאָל לאָקאַלען און מיטגלידער, און סיי אין אירע טעטיגקייטען. צוזאַמען מיט איר וואוקס איז אויך געוואָקסען איר אויטאָריטעט און איינפלוס. עס איז אַלץ מער נויטיג געוואָרען צו צענטראַליזירען די אַרבעט פון די יוניאָנס, צו קאָאָרדינירען די טעטיגקייטען פון די לאָקאַלע יוניאָנס, צו העלפען די קלענערע, שוואַכערע יוניאָנס סיי מאַטעריעל און סיי מיט קאָמפּעטענטער פירערשאַפט, וואָס זיי אַליין האָבען ניט פאַרמאָגט.

די מאַכט פון דער אַי. טי. יו. איז אויסגעוואָקסען ניט מיטאַמאָל, נאָר ביסלאַכוויין. אַ סך קאָנווענשאָנס האָבען זיך געראַנגעלט מיט דער פראַגע פון אויסאַרבעטען אַ נייע קאָנסטיטוציע, וואָס זאָל געבען דער אינטערנעשאָנאַל די געהעריגע מאכט, וואָס די נייע באַדינגונגען האָבען געפאָדערט. ערשט אין די שפּעטע אַכציגער יאָרען איז ענדלאַך געלונגען אַזאַ קאָנסטיטוציע אויסצואַרבעטען.

די קאָנווענשאָן פון יאָר 1888, וואָס איז אָפּגעהאַלטען געוואָרען אין קענזעס סיטי, איז געגאַנגען אַ שריט ווייטער. עס איז באַשלאָסען געוואָרען צו עטאַבלירען אַ פּערמאַנענטע הויפּט־קוואַרטיר (העדקוואָרטערס) פון דער אַי. טי. יו. אין אינדיאַנאַפּאָליס, און צו שאַפען אַ נאַציאָנאַלע עקזעקוטיווע אונטער דעם נאָמען „עקזעקוטיוו קאָונסיל". דער עקזעקוטיוו־קאָונסיל איז באַשטאַנען פון פּרעזידענט, דריי וויצע־פּרעזידענטען, סעקרעטאַר־טרעזשורער און אָרגאַניזערס. שפּעטער זיינען די אָרגאַנייזערס עלימינירט געוואָרען פון עקזעקוטיוו־קאָונסיל.

דער עקזעקוטיוו־קאָונסיל האָט באַקומען באַדייטענדע מאַכט־פונקציעס. אַחוץ די מאַכט דורכצופירען די באַשלוסען פון די קאָנווענשאָנס, האָט ער געהאַט די מאכט צו שאַפען צייטווייליגע, נויטפאַל־געזעצען צווישען איין קאָנווענשאָן און דער צווייטער.

פאַר דעם פּרעזידענט און פאַר דעם סעקרעטאַרי־טרעזשורער זיינען באַשטימט געוואָרען יערלאַכע געהאַלטען פון 1,400 דאָלער; פאַר'ן צווייטען וויצע־פּרעזידענט — 600 דאָלער. אָט די דריי באַאַמטע האָבען געדאַרפט וואוינען אין אינדיאַנאַפּאָליס, אין דער שטאָט וואו די הויפּט־קוואַרטיר האָט זיך געפונען. דער ערשטער און דער דריטער וויצע־פּרעזידענט

האבען ניט געקראָגען קיין געהאַלט און האָבען ניט געדאַרפט אָפּגעבען זייער גאַנצע צייט אויף יוניאָן־טעטיגקייט.

דעמאָלט איז אויך באשלאָסען געוואָרען ארויסצוגעבען אַ מאָנאַט־לאכען זשורנאַל פון דער א. ט. י. אונטער דעם נאָמען „טייפּאָגראַפיקאַל דזשוירנאַל". דער רעדאַקטאָר פון דעם זשורנאַל איז דער סעקרעטאר־טרעזשורער.

אויף דער קאָנווענשאָן אין יאָר 1889 איז אָנגענומען געוואָרען אַן אַמענדמענט צו דער קאָנסטיטוציע, אַז קיינע ענדערונגען אין דער קאָנ־סטיטוציע בנוגע פּאַראַגראַפען די שטייערען, אָפּצאָלונגען אָדער ספּע־ציעלע באשטייערונגען (טעקסעס אָדער אַסעסמענטס) זאָלען ניט קענען געמאַכט ווערען אָן אַ רעפערענדום־אָפּשטימונג פון אַלע מיטגלידער. דאָס האָט באצוועקט צו באגרעניצען ביז אַ געוויסען גראַד די אַלץ וואַקסענדע מאַכט פון דער צענטראַלער קערפּערשאַפט. דאָס האָט אויך אָוועקגע־שטעלט דער א. ט. י. אין די ערשטע רייען פון דער אַרבעטער־באַוועגונג אַלס אַן אמת־דעמאָקראַטישע אָרגאַניזאַציע, וואו אַ קליינע כנופיא (קליקע) קען ניט ארויפצווינגען איר ווילען אויף דער ברייטער מיטגלידערשאַפט.

די קאָנווענשאָן פון 1898 האָט געמאַכט נאָך אַ טריט ווייטער אין דער ריכטונג פון דעמאָקראַטישען קאָנטראָל איבער די הויפּט־באַאַמטע. זי האָט באשלאָסען, אַז די נאַציאָנאַלע באַאַמטע זאָלען דערוויילט ווערען דורך אַ רעפערענדום־אָפּשטימונג, אַנשטאַט דורך דער קאָנווענשאָן, ווי ביז דעמאָלט.

דער באַלדיגער רעזולטאַט פון דער נייער רעפאָרמע צו דערוויילען די הויפּט־באַאַמטע דורך אַ רעפערענדום־אָפּשטימונג איז געווען אַזאַ, וואָס קען באצייכענט ווערען אַלס איראָניע פון שיקזאַל. וויליאַם ב. פּרעסקאַט, וועלכער איז געווען פּרעזידענט פון דער א. ט. י. פון יאָר 1891 ביז 1898, האָט יאָרען־לאַנג געפירט אַ קאַמף פאַר אַט דער רעפאָרמע, אָבער ווען ער האָט ענדלאַך דעם קאַמף געוואונען, האָט ער דעם פּרעזידענט־אַמט פאַר־לאָרען. אין דעם ערשטען רעפערענדום־אָפּשטימונג, וואָס איז פאָרגע־קומען אין 1898, איז פּרעסקאַט באזיגט געוואָרען דורך סעמיועל ב. דאָנעלי, פון ניו יאָרק.

## די ראָל פון דער א. ט. י. אין דער גרינדונג פון דער „אַמעריקען פעדעריישאָן אָוו לייבאָר"

זינט דעם בירגער־קריג האָבען די פאַרשיידענע טרייד־יוניאָן־פאַר־באַנדען געשטרעבט, פריער אומבאוואוסטזיניג און נאָכדעם באוואוסטזיניג, זיך צו פאַרבינדען אין אַ צענטראַלער קערפּערשאַפט.

די טרייד־יוניאָנס זיינען ניט געווען צופרידען מיט די „נייטס אָוו לייבאָר", וועלכע איז געגרינדעט געוואָרען אין 1869. די „נייטס" איז אין אמת'ן געווען אַן אינדוסטריעלע יוניאָן און ביי יעדער געלעגענהייט איז זי געווען גרייט מקריב צו זיין די אינטערעסען פון די באַלמעלאָכעס צוליב די אינטערעסען פון די פּראָסטע, ניט־געלערענטע אָדער האַלב־געלערענטע אַרבעטער. זי איז אויך געווען צו צענטראַליסטיש, צו דיקטאַטאָריש אין איר אָרגאַניזאַציאָנעלער סטרוקטור, כדי געפעלען צו ווערען די טרייד־יוניאָן אָרגאַניזאַציעס, וועלכע האָבען געוואָלט אָנהאַלטען זייער אויטאָנאָמיע. די טרייד־יוניאָנס האָבען דעריבער געשטרעבט צו אָרגאַניזירען אַן אייגענע צענטראַלע קערפּערשאַפט פון טרייד־יוניאָנס. אָט די שטרעבונג איז געקרוינט געוואָרען מיט דערפאָלג ווען די „אַמעריקען פעדעריישאָן אָוו לייבאָר" איז אָרגאַניזירט געוואָרען אין 1886.

די גרינדונג פון דער א. פ. אָוו ל. איז אָבער ניט פאָרגעקומען מיט־אַמאָל. עס האָט גענומען אַ סך צייט, אַ סך ענערגיע און אַ סך האַרץ־ווייטאָג ביז זי איז ענדלאַך געקומען צום לעבען. און די אינטערנעשאָנאַל טייפּאָגראַפיקאַל יוניאָן האָט דערביי געשפּילט אַ גרויסע ראָלע — פּונקט ווי אונזער יוניאָן, לאָקאַל 83, האָט געשפּילט אַ ראָלע אין דער גרינדונג פון די „פאַראייניגטע אידישע געווערקשאַפטען".

די קאָנווענשאָן פון דער א. ט. י. אין 1879 האָט געמאַכט דעם ער־שטען שריט, וואָס האָט סוף כל סוף געפירט צו דער גרינדונג פון דער א. פ. אָוו ל. יענע קאָנווענשאָן האָט דערוויילט אַ קאָמיטעט, וועלכער האָט אויסגעאַרבעט אַ פּלאַן פאַר אַן אָרגאַניזאַציע, וואָס האָט געדאַרפט הייסען „קאָנטינענטאַל פעדעריישאָן אָוו טריידס". אַלס פּועל־יוצא פון דעם, איז אין צוויי יאָר ארום אָפּגעהאַלטען געוואָרען אין טערע־האָוט, אינדיאַנאַ, אַ קאָנפערענץ וואָס האָט זיך גערופען „אַמאַלגאַמייטעד טריידס קאָנגרעס". אָט דער צוזאַמענפאָר איז פאָרגעקומען דעם 2טען אויגוסט, 1881, און 21 דעלעגאַטען זיינען דאָרט געווען אַנוועזענד. דער סעקרעטאַר פון צוזאַמענ־פאָר איז געווען פרענק וו. מאָאָר, אַ דרוקער־אַרבעטער.

ביי אָט דער קאָנפערענץ איז דערוויילט געוואָרען אַ קאָמיטעט פון פינף פּערזאָן, וואָס האָט ווייטער געדאַרפט אָנפירען די אַרבעט פאַר דער גרינדונג פון אַ צענטראַלער טרייד־יוניאָן קערפּערשאַפט. דעם קאָמיטעט איז געלונגען צוזאַמענצורופען אַ צוזאַמענפאָר אויף דעם 15טען נאָוועמבער, 1881, אין וועלכען עס האָבען זיך באַטייליגט 107 דעלעגאַטען פון פאַר־שיידענע יוניאָנס פון 14 שטאַאַטען. אויף אָט דער קאָנפערענץ איז אָר־גאַניזירט געוואָרען די „פעדעריישאָן אָוו אָרגאַנייזד טרייד יוניאָנס אָוו די יונייטעד סטייטס ענד קענעדע". דער ערשטער פּרעזידענט פון אָט דער

קערפערשאפט איז געווען סעמיועל ל. לעפינגוועל, אַ זעצער פון אינדיאַ־נאַפּאָליס. סעמיועל גאָמפּערס, פון דער סיגאַר מייקערס יוניאָן, איז דער־ווײלט געוואָרען וויצע־פּרעזידענט.

דעם 8טען דעצעמבער, 1886, איז אין קאָלאָמבוס, אָהײאָ, געהאַלטען געוואָרען אַ קאָנווענשאָן, וואו די איצטיגע „אַמעריקען פעדערײשאָן אָוו לײבאָר" איז געגרינדעט געוואָרען. אויף אַט דער קאָנווענשאָן זײנען געווען בלויז 42 דעלעגאַטען, אָבער זײ האָבען פאַרטראַטען ניט זיך אַלײן נאָר גאַנצע 25 אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס ווי אויך באַדײטענדע אומצופרידענע עלעמענטען פון דער „נײטס אָוו לײבאָר", אַזוי אַז די קאָנווענשאָן האָט מיט זיך פאָרגעשטעלט אַן אמת'ע באַדײטענדע רעפּרעזענטאַנץ פון עקזיס־טירענדע אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס. גאָמפּערס איז דעמאָלט דערווײלט גע־וואָרען פּרעזידענט פון דער „א. פ. אָוו ל.", און ער איז פאַרבליבען איר פּרעזידענט, מיט דער אויסנאַם פון אײן טערמין, ביז צום סוף פון זײנע יאָרען, אין 1924.

די א. פ. אָוו ל. באַטראַכט זיך אַלײן אַלס פאָרטזעצונג פון דער „פעדע־רײשאָן אָוו אָרגאַנײזד טרײד יוניאָנס", און זי צײלט די יאָרען פון איר עק־זיסטענץ ניט פון יאָר 1886 נאָר פון יאָר 1881, ווען די „פעדערײשאָן אָוו אָרגאַנײזד טרײד יוניאָנס" איז געגרינדעט געוואָרען.

די אינטערנעשאָנאַל טײפּאָגראַפיקאַל יוניאָן פילט זיך שטאָלץ מיט דער ראָליע, וואָס איר איז אויסגעקומען צו שפּילען אין דער גרינדונג סײ פון דער „פעדערײשאָן אָוו אָרגאַנײזד טרײד יוניאָנס" און סײ פון דער „אַמעריקען פעדערײשאָן אָוו לײבאָר" גופא.

## די װײטערע אַנטוויקלונג פון דער אינטערנעשאָנאַל

אין אָנהויב האָט די „אינטערנעשאָנאַל טײפּאָגראַפיקאַל יוניאָן" אײנ־געשלאָסען אין זיך אַלע אַרבעטער, וואָס זײנען געווען באַשעפטיגט אין דער דרוקערײ־אינדוסטריע. דאָס איז אַזוי געווען דערפאַר, ווײל די פאַכען זײנען דעמאָלט ניט געווען שטרענג אָפּגעגרענעצט, ווי זײ זײנען שפּעטער געוואָרען. אין יענע צײטען האָט אַ דרוקער־אַרבעטער געדאַרפט קענען אַלע טײלען פון פאַך — סײ זעצערײ, סײ פּרעס־אַרבעט, און אָפט אויך די סטערעאָטיפּ־מלאכה, מישען פאַרבען, גיסען פאַרב־וואַלצען (ראָלערס), פאַרריכטען די מאַשינען א. א. וו. אונטער אַזעלכע אומשטענדען איז גע־ווען אוממעגלאַך פאַנאַנדערצוטײלען די דרוק־אַרבעט אויף פאַרשײדענע פאַכען.

מיט דער צײט האָבען די באַזונדערע פאַכען זיך גענומען אויסקריס־טאַליזירען, און עס איז געוואַקסען די צאָל אַרבעטער וואָס האָבען געקענט בלויז אײן פאַך. די סטערעאָטיפּ־אַרבעט האָט זיך גאַנץ פרי אויסגעטײלט

אַלס אַ באַזונדער פאַך, און די סטערעאָטיפּ־אַרבעטער האָבען אָנגעהויבען פאָדערען טשאַרטערס פאַר באַזונדערע לאָקאַלען. די פאָדערונג פון די סטערעאָטייפּערס איז ניט נאָכגעגעבען געוואָרען תיכף, אָבער מיט דער צייט האָט מען זיי נאָכגעגעבען און זיי האָבען געהאַט באַזונדערע לאָקאַלען פון דער אינטערנעשאָנאַל.

נעקסט אין דער ריי זיינען געקומען די פּרעס־אַרבעטער. פריער האָט די יוניאָן געפאָדערט, אַז פּרעסלייט מוזען אויך קענען די מלאָכה פון זעצעריי. אָבער נאָכדעם ווי אין די דרוקערייען האָט אָנגעהויבען איינגע־פירט צו ווערען דרוק־מאַשינען וואָס ווערען באַטריבען דורך עלעקטרישער קראַפט, האָט די אינטערנעשאָנאַל געמוזט אָנערקענען פּרעס־אַרבעט אַלס אַ באַזונדער פאַך. אויף דער קאָנווענשאָן פון דער אינטערנעשאָנאַל אין יאָר 1871 איז באַשלאָסען געוואָרען אריינצונעמען פּרעס־לייט אַלס גלייכבאַ־רעכטיגטע מיטגלידער מיט זעצער. מיט צוויי יאָר שפּעטער, אויף דער קאָנווענשאָן פון יאָר 1873, וואָס איז געהאַלטען געוואָרען אין מאָנטרעאָל, איז די אינטערנעשאָנאַל געגאַנגען אַ טריט ווייטער און באַשלאָסען צו טשאַרטערען באַזונדערע לאָקאַלען פון פּרעסלייט. בלויז אין אַזעלכע שטעט, וואו עס זיינען ניט געווען גענוג פּרעסלייט אַנצוהאַלטען אַן אייגענעם לאָקאַל, זיינען די פּרעסלייט ווייטער פאַרבליבען אין די זעצער־לאָקאַלען, אָבער קיין זעצער־אַרבעט האָבען זיי מער ניט געדאַרפט קענען. אין יאָר 1885 איז זאָגאַר באַשלאָסען געוואָרען, אַז דער צווייטער וויצע־פּרעזידענט פון דער אינטערנעשאָנאַל זאָל זיין אַ פּרעסמאַן, און ער זאָל האָבען די ספּע־ציעלע השגחה איבער דער אָרגאַניזירונג פון די פּרעס־אַרבעטער. דאָס האָט געגעבען אַ שטאַרקען שטויס צו דער אָרגאַניזירונג פון באַזונדערע לאָקאַלען פון פּרעסלייט.

אַ נייע אנטוויקלונג אין דעם דרוקער־פאַך, וואָס האָט אָנגעמאַכט אַן אמת'ע רעוואָלוציע אין דער אינדוסטריע, איז געווען די דערפינדונג פון דער זעץ־מאַשין. דאָס איז געווען צום סוף פון די אַכציגער יאָרען פון לעצטען יאָרהונדערט. די ליינאָטייפּ־מאַשין, וועלכע האָט דורכגעמאַכט אַ סך גלגולים און וועלכע האָט צוערשט אויסגעוויזען צו זיין אומפּראַקטיש, ניט מער ווי אַ „שפּילכעל", האָט ענדלאַך דערגרייכט אַ שטופע פון פאַר־פאָלקאָמונג, און זי האָט געדראָעט אַרויסצוטרייבען די זעצער פון דער אינדוסטריע. די זעצער זיינען טאַקע געווען שטאַרקע געגנער פון דער נייער „מאַכערייקע" און האָבען געקוקט אויף איר ווי אויף אַ ביטערען שונא, וואָס פאַראורזאַכט אַ חורבן אין דער אינדוסטריע און באַרויבט זיי פון זייער חיונה.

די אינטערנעשאָנאַל־קאָנווענשאָן פון יאָר 1889, וואָס איז אָפּגעהאַל־טען געוואָרען אין דענווער, האָט זיך הויפּטזעכלאַך באַשעפטיגט מיט אָט־

דער פראגע. די פירער פון דער אינטערנעשאָנאל האָבען זיך אָבער ניט פאַרלאָרען און האָבען באקעמפט די יאוש־שטימונגען פון דעם דורכשניט־לאכען מיטגליד פון דער יוניאָן. זיי האָבען אָנגעוויזען, אַז ווען מען וועט נאָר ווי געהעריג אויסנוצען די ניי־געשאַפענע לאַגע, קען די מאַשין אַנשטאָט אַ קללה ווערען אַ ברכה פאַר די זעצער. די זעץ־מאַשין וועט ביליגער מאַכען די פראָדוקציע־קאָסטען ביז אַזאַ גראַד, אַז דאָס וועט מוזען פירען צו דעם, אַז די עקזיסטירענדע צייטונגען וועלען שטארק פאַרגרעסערט ווערען, נייע צייטונגען וועלען אָנהויבען דערשיינען און דער דרוקער־פאַך אין אַלגעמיין וועט זיך אזוי אויסברייטערען, אַז די אינדוסטריע וועט ניט נאָר באשעפטיגען אַלע וואָס האָבען ביז איצט געמאַכט אַ לעבען אין דער אינדוסטריע, נאָר אַ סך נייע אַרבעטער.

די פירער האָבען באטאָנט, אַז צוויי פאָדערונגען דאַרפען ארויסגע־שטעלט ווערען צו די באלעבאַטים — ערשטענס, אַז נאָר קאָמפעטענטע זעצער זאָלען דערלויבט ווערען צו ווערען מאַשין־זעצער, און, צווייטענס, אַז די שכירות און שטונדען פון די מאַשין־זעצער זאָלען צוליב דער פאַר־גרעסערטער פראָדוקטיוויטעט באדייטענד געהעכערט ווערען. אויב דאָס וועט געטאָן ווערען, — האָבען די פירער אָנגעוויזען, — איז ניטאָ וואָס פאַרצווייפעלט צו ווערען צוליב די זעץ־מאַשינען.

עס האָט זיך גאנץ שנעל ארויסגעוויזען, אַז אָט די מיינונג פון דער פירערשאפט איז געווען אַ ריכטיגע. אַפילו די שאַרפסטע געגנער פון דער ליינאָטייפ־מאַשין האָבען זיך אין גיכען איבערצייגט אין דעם. אין משך פון בלויז פיר יאָר צייט איז די מיטגלידערשאפט פון דער אינטער־נעשאָנאל באדייטענד אויסגעוואקסען. אָנשטאָט 25 טויזענט מיטגלידער אין 1890, האָט די אינטערנעשאָנאל אין 1894 געהאָט 31 טויזענט.

שוין אויף דער קאָנווענשאָן אין 1901 האָט פרעזידענט לינטש באַ־ריכטעט, אַז עס איז דער אינטערנעשאָנאל געלונגען גלייך פון אָנהויב צו פאַרפעסטיגען איר קאָנטראָל איבער די זעץ־מאַשינען ביז צו אַ מערקוויר־דיג הויכען גראַד. פון די קאַרגע פינף טויזענט זעץ־מאַשינען, וואָס זיינען דעמאָלט באטריבען געוואָרען איבער׳ן לאַנד, האָבען 4,100 זיך געפונען אין יוניאָן־שעפער, און כמעט אַ העלפט פון די איבעריגע 900 מאַשינען וואָס האָבען זיך געפונען אין ניט־יוניאָן דרוקערייען זיינען אויך אָפערירט געוואָרען פון מיטגלידער פון דער אינטערנעשאָנאל. עס האָט זיך אויך איינגעגעבען צו פאַרקירצען די שטונדען און העכערען די שכירות פון די זעצער וואָס זיינען אַריבער אויף די זעץ־מאַשינען.

דאָס איז געווען אַ דערגרייכונג, וואָס האָט איבערשטיגען אַלע דער־וואַרטונגען און האָפענונגען סיי פון דער פירערשאפט און סיי פון דער מיט־גלידערשאפט בכלל.

אומגעפער אין דער זעלבער צייט זיינען אויך פאַרפולקאָמט געוואָרען די מאָדערנע וועב־פרעסעס, וועלכע האָבען געשאַפען צווישען די פרעסלייט פונקט אַזאַ פּראָבלעם ווי די ליינאָטייפּ־מאַשין האָט געשאַפען צווישען די שריפטזעצער. דעמאָלט האָט זיך אויך אויפגעהויבען אַ באַוועגונג צווישען די פּרעסלייט אָפּצורייסען זיך פון דער א. ט. י. און צו גרינדען אַן אייגענע אינטערנעשאָנאַל יוניאָן. די פירער פון אָט־דער באַוועגונג זיינען געווען מיט דער מיינונג, אַז אַ באַזונדער יוניאָן וועט בעסער קענען באַשיצען די אינטערעסען פון די פרעסלייט.

אין גיכען האָט זיך די דאָזיגע באַוועגונג אויך פאַרשפּרייט צווישען די סטערעאָטייפּערס, בוכבינדערס, פּרעס־פידערס, צייטונג־שרייבער, מעי־לערס און וועב־פּרעס געהילפען, וועלכע האָבען שוין דעמאָלט געהאַט באַ־זונדערע לאָקאַלס פון דער א. ט. י.

די דאָזיגע באַוועגונג האָט געפירט דערצו, אַז אין משך פון עטלאכע יאָר זיינען דורכגעפירט געוואָרען רעפערענדום־אָפּשטימונגען, וועלכע האָבען באַוויליגט דאָס רעכט די סטערעאָטייפּערס און עלעקטראָטייפּערס, די פּרעס־לייט, די פאָטאָ־ענגרייווערס און די בוכבינדערס צו גרינדען אייגענע אינ־טערנעשאָנאַל יוניאָנס. אין יאָר 1902 זיינען אין דער א. ט. י. פאַרבליבען בלויז די שריפטזעצער און די מעילערס. איצט גייט אויך אַן אַ באַוועגונג צווישען די מעילערס צו גרינדען אַן אייגענע אינטערנעשאָנאַל יוניאָן. לעצטען יאָר, אין 1937, איז געהאַלטען געוואָרען אַ רעפערענדום־אָפּשטי־מונג וועגען דעם. די מיטגלידערשאַפט פון דער א. ט. י. האָט דעם פאָר־שלאָג נידערגעשטימט. אָבער הגם די טענדענץ פון דער איצטיגער צייט גייט אין דער ריכטונג פון אינדוסטריעלען יוניאָניזם, איז אָבער כמעט ווי זיכער, אַז די מעילערס וועלען סוף כל סוף געווינען זייער רעכט אויף אַן אייגענער אינטערנעשאָנאַל יוניאָן, און די א. ט. י. וועט בלייבען די אינטערנעשאָנאַל פון די זעצער אַליין.

ניט נאָר האָט די א. ט. י. דורך אָפּשטימונגען מסכים געווען צו דער אָרגאַניזירונג פון באַזונדערע אינטערנעשאָנאַלס פאַר די פאַרשיידענע פאַכען, וואָס זיינען פריער געווען אַנגעשלאָסען אָן איר, נאָר זי האָט די דאָזיגע יוניאָנס געהאָלפען זיך שטעלען אויף די אייגענע פיס און די גאַנצע צייט האַלט זי אָן מיט זיי די פריינטלאכסטע באַציאונגען.

די צעטיילונג פון די דרוקער־אַרבעטער אין באַזונדערע יוניאָנס איז אָבער ניט אין אַלע הינזיכטען גוט פאַר די אַרבעטער פון דער אינדוס־טריע. דאָס, וואָס יעדער פאַך שליסט אַ באַזונדער קאָנטראַקט מיט די באַלעבאַטים און די קאָנטראַקטען גייען־אויס אין פאַרשיידענע צייטען, פירט דערצו, אַז אין דער צייט ווען איין טייל פון דער אינדוסטריע פירט אַ סטרייק איז אַן אַנדער טייל פון דער אינדוסטריע געצוואונגען צו בליי־

בען ביי דער אַרבעט. פאַרלויפיג קאָאָפּערירען די פינף יוניאָנס פון דער דרוק־אינדוסטריע בלויז אין דער הינזיכט פון אָנהאַלטען אַ געמיינשאפט־לאכען יוניאָן־לייבעל.

ביז 1910 איז דער יוניאָן־לייבעל פון דרוקער־פאַך געווען דאָס אייגענטום פון דער א. ט. י. זינט דאַן איז דער יוניאָן־לייבעל אַריבער פון דער א. ט. י. צום „עלייעד פּרינטינג טריידס קאָונסיל", אַ קערפּער־שאפט וואו אַלע פינף אינטערנעשאָנאַל יוניאָנס פון דרוקער־פאַך זיינען אָנגעשלאָסען. עס איז פאַראַן אַן „אינטערנעשאָנאַל עלייד פּרינטינג טריידס קאָונסיל", וואָס פירט אַן אַגיטאַציע פאַר דעם יוניאָן־לייבעל אויף אַ בריי־טען נאַציאָנאַלען מאַסשטאַב. אין דעם אינטערנעשאָנאַל „אַלייעד פּרינטינג טריידס קאָונסיל" איז די א. ט. י. פאַרטראָטען דורך 4 דעלעגאַטען בעת די איבעריגע יוניאָנס זיינען פאַרטראָטען מיט 1 דעלעגאַט יעדע. און עס זיינען אויך פאַראַן לאָקאַלע „אַלייעד פּרינטינג טריידס קאָונסילס", אין וועלכע די פינף יוניאָנס האָבען אַ גלייכע פאַרטרעטערשאפט. די לאָ־קאַלע קאָונסילס זיינען די באַלעבאַטים איבער דעם יוניאָן־לייבעל אין זייערע ערטער.

## די באַוועגונג פאַר אַ קורצען אַרבעטס־טאָג

אין די ערשטע יאָרען פון דער עקזיסטענץ פון דער „אינטערנעשאָנאַל טייפּאָגראַפיקאַל יוניאָן" איז איר הויפּט־טעטיגקייט באַשטאַנען אין פאַר־שפרייטען די אידייע פון יוניאָניזם, אין אָרגאַניזירען נייע לאָקאַלען און אין פאַרגרעסערען די צאָל מיטגלידער פון די אַלטע לאָקאַלען. עס זיינען עטאַבלירט געוואָרען פּרייזען פאַר אַרבעט, אָבער אַזוי ווי דעמאָלט האָט מען אין פאַך געאַרבעט פון שטיק, האָבען די פּרייזען גאָר ניט געהאַט צו טאָן מיט דער אַרבעטס־צייט נאָר מיט פּרייזען פער טויזענט עמס א.א.וו. אין יענער צייט פלעגט מען אַרבעטען פון זון־אויפגאַנג ביז זון־אונטערגאַנג דורכ'ן זומער און ביז אַ שטיק אין דער נאַכט ווינטער־צייט. פאַדערענדיג העכערע פּרייזען פאַר שטיק־אַרבעט, האָט מען גערעכענט, אַז דאָס וועט שוין במילא פירען צו קירצערע שטונדען. די רעכענונג דערביי איז געווען, אַז ווען דער אַרבעטער וועט פאַרדינען מער פער שטונדע, וועט ער אַליין אַרבעטען ווייניגער שטונדען.

אין אַלגעמיין האָט דאָס לעבען אין יענער צייט זיך באַוועגט אַ סך לאַנגזאַמער. מען האָט נאָך דעמאָלט ניט געוואוסט פון דעם איצטיגען אָנגעשטרענגטען אימפּעט. צייט האָט מען דעמאָלט געמאָסטען ניט לויט'ן זייגער, נאָר . . . לויט'ן קאַלענדאַר.

אַלס דעם בעסטען מיטעל צו קריגען בעסערע פּרייזען פאַר דער אַרבעט, האָבען די פירער פון דער א. ט. י. און פון די לאָקאַלע יוניאָנס דעמאָלט

באטראכט ניט אַ דירעקטען קאַמף געגען די באַלעבאַטים, נאָר אַזעלכע אינדירעקטע מיטלען, ווי ניט דערלאָזען די באַלעבאַטים אַריבערצוברענגען אַרבעטער פון אַנדערע שטעט און לענדער, הויפטזעכלאך פון ענגלאַנד, און די איינפירונג פון אַ סיסטעם פון „אַפּרענטיסשיפּ" פאַר לערן־אינגלאך, כדי עס זאָל נעמען וואָס לענגער ביז דער לערן־אינגעל ווערט אַ פולער באַלמעלאָכע.

אָט דער צושטאַנד האָט אָבער לאַנג ניט אָנגעהאַלטען. צוזאַמען מיט דער דערפינדונג פון מאָדערנע מאַשינען, צוזאַמען מיט דער אַנטוויקלונג פון דער אייזענבאַן און אַנדערע פאַרקער־מיטלען איז פאָרגעקומען אַ רעוואָלוציע אין אַמעריקאַנער לעבען. דער גאַנצער טעמפאָ פון האַנדעל און אינדוסטריע האָט זיך אומגעהויער פאַרשנעלערט, און דאָס האָט, נאַטירלאך, אויך געהאַט אַ ווירקונג אויף דעם אַרט לעבען פון דעם אַרבעטער. די „געמיטלאַכקייט" ביי דער אַרבעט איז פאַרשוואונדען.

דער זעצער האָט, נאַטירלאך, אויך געמוזט נאָכיאָגען דעם אַלגעמיינעם געלאַף. ווען דער שלאַג־וואָרט פון לאַנד איז געוואָרען „האַרי־אַפּ", האָט אויך דער זעצער געמוזט יאָגען זיינע פינגער וואָס שנעלער איבער די שריפט־קאַסטענס און איבער דעם ווינקעל־האָקען. אַרבעטען מיט אַזאַ אימפעט פון 12 ביז 16 שטונדען אַ טאָג איז געוואָרען פיזיש אוממעגלאך, איבערהויפּט אין די שרעקלאכע אומסאַניטאַרע צושטענדען אין וועלכע די דרוקעריי‌ען האָבען זיך צו יענער צייט געפונען. אין די מערסטע דרוקעריי‌ען איז ניט געווען קיין סימן פון ליכט און לופט און זיי פלעגען תמיד זיין איינגעוויקעלט אין אַ וואָלקען פון בליי־שטויב.

צו יענער צייט האָט דאָס לעבען אַליין ארויסגערוקט צום פראָנט צוויי פאָדערונגען, וועגען וועלכע די דרוקער־אַרבעטער יוניאָנס האָבען געמוזט אָנהויבען ערנסט טראַכטען — די פאַרקירצונג פון דעם אַרבעטס־טאָג, און די פאַרבעסערונג פון די סאַניטאַרע צושטענדען אין די שעפּער.

די פראַגע פון אַ קירצערען אַרבעטס־טאָג איז דעם ערשטען מאָל אויפגעבראַכט געוואָרען אויף דער קאָנווענשאָן פון דער א. ט. י. אין פילאַדעלפיע אין יאָר 1865, ביים סוף פון בירגער־קריג. עס איז אריינגעבראַכט געוואָרען אַ רעזאָלוציע, אַז אָנפאַנגענדיג פון דעם 1טען מאַי, 1866, זאָל אַ טאָג אַרבעט באַשטיין פון אַכט שטונדען. פאַרשטייט זיך, דאָס איז ניט געווען קיין באַשלוס, נאָר די לאָקאַלע יוניאָנס זיינען אויפגעפאָדערט געוואָרען די דאָזיגע פראַגע גענוי צו באַטראַכטען, און ברענגען צו דער קומענדער קאָנווענשאָן פּראַקטישע רעקאָמענדאַציעס וועגען דער דאָזיגער פראַגע.

ווי עס ווייזט אויס, האָבען די לאָקאַלע יוניאָנס די מעגלאַכקייט פון אַן אַכט־שטונדיגן אַרבעטס־טאָג דעמאָלט נאָך ניט גענומען ערנסט. ניט

נאָר איז אָט די פראַגע ניט אויפגעהויבען געוואָרען אויף דער קומענדער קאָנוועגשאָן פון דער א. ט. י., נאָר אפילו ניט ביי אַ סך קאָנוועגשאָנס נאָך דעם.

ערשט די קאָנוועגשאָן פון יאָר 1887, וואָס איז געהאַלטען געוואָרען אין באָפאלאָ, האָט זיך אָנגענומען מיט מוט און האָט ערנסט באַהאַנדעלט די פראַגע פון אַ קירצערען אַרבעטס־טאָג. עס איז באשלאָסען געוואָרען, אַז אַן אַרבעטס־טאָג פון 9 שטונדען זאָל דורכגעפירט ווערען אין אַלע שטעט, וואו די לאָקאַלע יוניאָנס האָבען מער ווי זעכציג מיטגלידער אין זייערע רייען. עס האָט זיך אָבער שנעל ארויסגעשטעלט, אַז דער באַשלוס האָט קיין גרויסע האַפט ניט געהאַט. ווען אַ קאָמיטע פון דער א. ט. י. האָט די פאָדערונג פאַר אַ 9־שטונדיגען אַרבעטס־טאָג פאָרגעלייגט פאַר אַ זיצונג פון דער „טאַיפּאָטעטע”, די אַסאָציאַציע פון דרוקער־באַלעבאַטים, וואָס איז אָפּגעהאַלטען געוואָרען אין שיקאַגאָ, איז די פאָדערונג תיכף צוריקגעוויזען געוואָרען. די באַלעבאַטים האָבען זיך וועניג געשראָקען פאַר דער אינטערנעשאָנאַל, הויפּטזעכלאַך דערפאַר ווייל זיי האָבען געוואוסט, אַז זי האָט ניט די געלט־מיטלען צו פירען אַ קאַמף פאַר איר פאָדערונג פון אַ 9־שטונדיגען אַרבעטס־טאָג.

ניט האָבענדיג קיין געלט־מיטלען, האָט די א. ט. י. אַליין איינגעזען, אַז זי וועט גאָרנישט קענען אויפטאָן. האָט זי ארויסגעלאָזען אַ רוף צו די מיטגלידער פאַר פריוויליגעביישטייערונגען, אָבער דער אָפּרוף איז געווען זעהר אַ שוואַכער. נאָכדעם האָט זיך די א. ט. י. געווענדט צו די לאָקאַלע יוניאָנס, זיי זאָלען לייען געלט אויף אָנפירען דעם קאַמף, אָבער ס'איז אריינגעקומען בלויז עטלאכע הונדערט דאָלאר. דעמאָלט האָט די אינטערנעשאָנאַל באשלאָסען אויפצוגעבען דעם געדאַנק פון פירען אַ קאַמף פאַר דעם 9־שטונדיגען אַרבעטס־טאָג אויף אַ נאַציאָנאַלען מאַסשטאַב, און זי האָט די פראַגע איבערגעגעבען צו די לאָקאַלע יוניאָנס.

אַ צאָל יוניאָנס, ווי פון שיקאַגאָ, לואיזוויל, סט. לואיס, פּאָרטלאנד, ראַטשעסטער און אַנדערע האָבען אויפגענומען דעם קאַמף אויף זייער אייגענער פאראנטוואָרטלאכקייט. אָבער דער קאַמף האָט אַזוי אויסגעמאַטערט די לאָקאַלע יוניאָנס, אַז פילע פון זיי האָבען זיך געפונען אויפ'ן שוועל פון אונטערגאַנג. די אינטערנעשאָנאַל האָט זיי געמוזט קומען צו־הילף אָהן שום צייט־פאַרלוסט. אַזוי ווי קיין אייגענע געלט־מיטלען האָט זי ניט געהאַט, האָט זי באשלאָסען ארויסצולאָזען אַ באַפעל צו די לאָקאַלע יוניאָנס ארויפצולעגען אַ שטייער פון 1 דאָלאר אויף יעדען מיטגליד, און הגם די אינטערנעשאָנאַל האָט ניט געהאַט קיין געזעצלאכע מאַכט אַזאַ באַפעל ארויסצושיקען, האָבען אָבער די מיטגלידער מיט צופרידענקייט אויסגעפאָלגט דעם באַפעל.

אַט די אנטשלאָסענע האנדלונג פון דער אינטערנעשאָנאל האָט ניט נאָר אָפּגעראַטעוועט אַ סך יוניאָנס פון אונטערגאַנג, נאָר האָט אַ סך יוניאָנס געהאָלפען געווינען דעם 9־שטונדיגען אַרבעטס־טאָג.

אַט די האנדלונג האָט ענדלאך געפירט דערצו, אַז די „טייפּאָטעטע" האָט נאָכגעגעבען דעם 9־שטונדיגען אַרבעטס־טאָג. אין 1898 איז אונטערגעשריבען געוואָרען אַן אָפּמאַך צווישען דער אינטערנעשאָנאל און דער „טאַיפּאָטעטע", אַז אָנהויבענדיג מיט דעם 21טען נאָוועמבער, 1899, ווערט אין דער אינדוסטריע אַלגעמיין איינגעפירט דער 9־שטונדיגער אַרבעטס־טאָג.

## דער קאַמף פאַר דעם 8־שטונדיגען אַרבעטס־טאָג

מיט'ן אָנפאַנג פון דעם 20טען יאָרהונדערט איז ביי די שריפטזעצער צייטיג געוואָרען דער געדאַנק, אַז די גאַנצע אינדוסטריע דאַרף אַוועקגעשטעלט ווערען אויפ'ן באַזיס פון אַן אַכט־שטונדיגען אַרבעטס־טאָג. אין די טעגלאכע צייטונגען האָבען די שריפטזעצער שוין כמעט איבעראַל גע־אַרבעט ניט מער ווי 8 שטונדען אַ טאָג. עס האָט זיך אָנגעהויבען אַ באַוועגונג דורכצופירען דעם 8־שטונדיגען אַרבעטס־טאָג אויך אין דער בוך־און דזשאָב־אינדוסטריע.

כדי אַזאַ באַוועגונג זאָל זיין ערפאָלגרייך, דאַרף זי אָנגעפירט ווערען איבער'ן גאַנצען לאַנד, אויף אַ נאַציאָנאַלען מאַסשטאַב. אַניט, ווערט גע־שאַפען אַ קאָנקורענץ צווישען איין לאָקאַלער יוניאָן און אַ צווייטער, וואָס פירט צו צעשפּליטערונג אָנשטאָט צו איינינקייט. עס איז דעריבער געווען נאַטירלאך, אַז די אַרבעט פאַר דעם אַכט־שטונדיגען טאָג זאָל אונטער־נומען ווערען פון דער אינטערנעשאָנאל. אַגב, איז די אָרגאַניזאַציאָנס־פאָרמע פון דער א. ט. י. שוין דעמאָלט געווען אַ צענטראַליזירטע.

די „טייפּאָטעטע", די אָרגאַניזאַציע פון די באַלעבאַטים, וועלכע איז צו יענער צייט געווען זעהר שטאַרק און אַלע באַדייטענדע דרוקער־באַלע־באַטים איבער'ן לאַנד זיינען געווען אָנגעשלאָסען אָן איר, האָט זיך גע־גרייט צו באַקעמפען די פאָדערונג פון אַן אַכט־שטונדיגען אַרבעטס־טאָג. בראש פון דער „טייפּאָטעטע" האָבען זיך דעמאָלט געפונען פאַרשיידענע יוניאָן־פרעסער, און זיי זיינען געווען אנטשלאָסען ניט נאָר צו באַקעמפען די פאָדערונג פון אַן אַכט־שטונדיגען אַרבעטס־טאָג, נאָר אינגאַנצען איינ־צופירען דעם „אָפּען שאַפּ" אין דער דרוקעריי־אינדוסטריע.

דער ערשטער שריט פון די באַלעבאַטים איז באַשטאַנען אין אויפ־הויבען אַ ברייטע פּראָפּאַגאַנדע געגען דעם אַכט־שטונדיגען אַרבעטס־טאָג. זיי האָבען געזוכט צו איבערצייגען די דרוקער־אַרבעטער גופא, אַז דער

קורצער אַרבעטס־טאָג וועט ממש רואינירען דעם גאַנצען פאַך און וועט פאַראורזאַכען אַרבעטסלאָזיגקייט.

די א. ט. י. האָט, פאַרשטייט זיך, אויך געפירט אַ פּראָפּאַגאַנדע פאַר דעם אַכט־שטונדיגען טאָג. אין דער אויפקלערונגס־ליטעראַטור וועגען דעם ענין איז, נאַטירלאך, אויפגעוויזען געוואָרען די היפּאָקריטסטוואָ פון די טענות פון די באַלעבאַטים.

עס איז געוואָרען קלאָר, אַז אַ קאַמף איז אומפאַרמיידלאך, און אַז ער וועט זיין זעהר אַ פאַרביטערטער.

אויף דער קאָנווענשאָן פון דער א. ט. י. אין 1902 איז פּרעזידענט לינטש ארויסגעקומען מיט אַ רוף, אַז דער אַכט־שטונדיגער אַרבעטס־טאָג מוז אונטער אַלע אומשטענדען אויסגעקעמפט ווערען. ער האָט דערקלערט, אַז אויב די א. ט. י. וועט ניט אויפנעמען דעם קאַמף אויפ'ן פראָנט פון אַכט־שטונדיגען אַרבעטס־טאָג, וועלען די באַלעבאַטים דעם קאַמף ארויפ־צווינגען אויפ'ן פראָנט פון „אָפּען שאָפּ". די קאָנווענשאָן האָט מסכים געווען מיט פּרעזידענט לינטש און האָט באַשלאָסען זיך צו נעמען דורכ־פירען דעם פאַרקירצטען אַרבעטס־טאָג.

דורך דער צייט וואָס די באַאַמטע פון דער אינטערנעשאָנאַל האָבען צוגעגרייט דעם באָדען פאַר דעם קאַמף, האָבען זיי דערווייל אין אַ גאַנץ קורצער צייט אָרגאַניזירט 160 נייע לאָקאַלע יוניאָנס, און עס איז זיי אויך געלונגען דורך פאַרשיידענע מאַנעווערס צו געווינען אין אַ צאָל שטעט קאָנטראַקטען מיט אַן אַכט־שטונדיגען אַרבעטס־טאָג.

אָבער די „טייפּאָטעטע" איז אויך ניט געשלאָפען. אין יאָר 1904 האָט זי צוזאַמענגערופען פיר באַזונדערע קאָנווענשאָנס אין פיר טיילען פון לאַנד, ביי וועלכע די באַלעבאַטים האָבען זיך פאַרפּליכטעט צו פירען אַ קאַמף ביז'ן ביטערען סוף געגען דער א. ט. י., דערפאַר ווייל מיט אירע „רעוואָלוציאָנערע" פאָדערונגען האָט זי זיך כלומרשט פאַרלייגט אום־צוברייינגען די דרוק־אינדוסטריע.

די קאָנווענשאָן פון דער אינטערנעשאָנאַל אין 1904, וואָס איז אָפּגע־האַלטען געוואָרען אין סט. לואיז, האָט אויסגעהערט אַ באַריכט פון דער קאָמיטע, וואָס האָט געדאַרפט פאַרהאַנדלען מיט דער „טייפּאָטעטע" וועגען דעם אַכט־שטונדיגען ארבעטס־טאָג. נאָך דעם באַריכט איז פאַר די דעלע־גאַטען קלאָר געוואָרען, אַז מיט גוטען וועט מען ביי די באַלעבאַטים גאָרנישט פּועל'ן, און עס איז באַשלאָסען געוואָרען, אַז אָנהויבענדיג פון דעם 1טען יאַנואַר, 1906, זאָל דער אַכט־שטונדיגער אַרבעטס־טאָג איינגעפירט ווערען איבער'ן גאַנצען לאַנד.

אויף דער קאָנווענשאָן פון דער אינטערנעשאָנאַל אין 1905 איז דער פּרעזידענט פון דער „טייפּאָטעטע", דזשאָרדזש ה. עליס, אויפגעטראָטען

אַלס גאַסט־רעדנער. הגם די פירער פון דער אינטערנעשאָנאל האָבען געוואוסט, וואָס אַזוינס מר. עליס וועט זאָגען, האָבען זיי פונדעסטוועגען אים איינגעלאַדען צו קומען צו דער קאָנווענשאָן און דערקלערען דעם שטאַנדפונקט פון די באַלעבאַטים. דער פּרעזידענט פון דער „טייפּאָ־טעטע" האָט גערעדט קלאָרע דבורים. ער האָט געוואָרענט די דעלע־גאַטען, אַז אויב די א. ט. י. וועט אויפנעמען אַ קאַמף פאַר אַן אַכט־שטונ־דיגען אַרבעטס־טאָג, וועט זיין אָרגאַניזאַציע פירען אַ ריקזיכטסלאָזען קאַמף געגען דער יוניאָן.

וואָס פאַר אַ ווירקונג מר. עליס'עס רעדע האָט געהאַט אויף די דעלע־גאַטען, קען מען זען דערפון, וואָס אַזוי שנעל ווי ער האָט געענדיגט זיין שאַרפע רעדע איז די קאָנווענשאָן גלייך צוגעטראָטען צו מאכען אַלע פאַר־ברייטונגען פאַר דעם בעפאַרשטייענדען קאַמף.

די „טייפּאָטעטע" האָט ניט געוואַרט ביז דעם 1טען יאַנואַר, 1906, וואָס איז באַשטימט געוואָרען אַלס די צייט ווען דער אַכט־שטונדיגער טאָג וועט איינגעפירט ווערען. זי האָט אָנגעהויבען דעם קאַמף געגען דער יוניאָן פריער. אין אויגוסט, 1905, האָבען אַ צאָל דרוקערייען ארויסגע־וואָרפען די יוניאָן־לייט און אויף זייערע פלעצער אָנגעשטעלט ניט־יוניאָן לייט. דאָס איז געטאָן געוואָרען אין דעטראָיט, סאַן אַנטאָניאָ און שיקאַגאָ. דאָס האָט געצוואונגען דער אינטערנעשאָנאל דעם קאַמף אָנצוהויבען מיט 4 חדשים פאַר דער באַשטימטער צייט, און אַ גענעראַל־סטרייק איבער'ן גאַנצען לאַנד פאַר דעם אַכט־שטונדיגען אַרבעטס־טאָג איז תיכף דערקלערט געוואָרען.

דאָס, וואָס דער סטרייק האָט געמוזט אָנגעהויבען ווערען מיט פיר חדשים פריער, האָט אַוועקגעשטעלט די אינטערנעשאָנאל אין אַ שווערער לאַגע. עס איז געפּלאַנט געוואָרען דורכצופירען אַ רעפערענדום־אַפּשטי־מונג וועגען אַ ספּעציעלען שטייער, וואָס זאָל ארויפגעלייגט ווערען אויף אַלע מיטגלידער פון דער אינטערנעשאָנאל. איצט אָבער האָט דער קאַמף געמוזט אָנגעהויבען ווערען גלייך, נאָך איידער דער רעפערענדום ווערט דורכגעפירט, און די אינטערנעשאָנאל האָט ניט געהאַט גענוג געלט־מיטלען פאַר דעם דאָזיגען קאַמף. דאָ איז דער אינטערנעשאָנאל געקומען צו־הילף די „אַמעריקען פעדערייישאָן אָוו לייבאָר". מיט אַ פּאָר מאָנאַטען פריער האָט די א. פ. ל. געהאַט באַשלאָסען ארויפצולייגען דעם קאָנסטיטו־ציאָנעלען טעקס פון 4 סענט אויף יעדען מיטגליד פון אַלע אירע אָנגע־שלאָסענע יוניאָנס, אין פאַל די א. ט. י. וועט זיין געצוואונגען ארויסצוגיין אין סטרייק. איצט האָט פּרעזידענט לינטש פון דער אינטערנעשאָנאל זיך געווענדט צו פּרעזידענט גאָמפּערס פון דער א. פ. ל., אַז ער זאָל דער אינטערנעשאָנאל איבערגעבען די סומע נאָך איידער דאָס געלט קומט אריין.

די א. פ. און ל. האָט דעם פּאַרלאַנג דערפילט און זי האָט תיכף איבערגע־געבען דער אינטערנעשאָנאל די סומע פון 48,000 דאָלאַר.

די אינטערנעשאָנאל האָט גלייך ארויסגעשיקט די רעפערענדום־אָפּ־שטימונג צווישען די מיטגלידער. הגם די פאַרגעשלאָגענע באַשטייערונג איז געווען אַן אויסערגעוויינלאך הויכע — צען פּראָצענט פון די פאַר־דינסטען — איז אָבער דער רעפערענדום דורכגעגאַנגען מיט דער ריזיגער מערהייט פון 25,046 שטימען געגען 6,945.

דער קאַמף פאַר דעם אַכט־שטונדיגען אַרבעטס־טאָג איז געווען זעהר אַ פאַרביטערטער, און האָט אָפּגעקאָסט דער יוניאָן די ריזיגע סומע פון 4 מיליאָן מיט 164 טויזענט דאָלאַר. אָבער ער איז געקרוינט געוואָרען מיט דערפאָלג. כאָטש אַ געוויסע צאָל דרוקערייען זיינען צוליב דעם קאַמף פאַר דער יוניאָן פאַרלאָרען געגאַנגען, איז אָבער דער קאַמף אין אַלגעמיין געווען אַ זיגרייכער.

דער געפיל פון באַגייסטערונג מיט דעם גרויסען קאַמף און מיט דעם זיג האָט ספּעציעל געפונען אַן אויסדרוק אויף דער קאָנווענשאָן פון דער אינטערנעשאָנאל פון יאָר 1906, וואָס איז אָפּגעהאַלטען געוואָרען אין קאָלאָ־ראַדאָ ספּרינגס, קאָלאָראַדאָ. כאָטש אין אַ צאָל שטעט איז דער סטרייק נאָך געווען אין פולען גאַנג, האָבען אָבער די דעלעגאַטען געפילט, אַז דאָס איז שוין דער אָפּשלוס פון אַ קאַפּיטעל, וואָס וועט פאַרנעמען איינעם פון די הערלאכסטע פּלעצער אין דער געשיכטע פון דער אָרגאַניזאַציע. די קאָנווענשאָן פון 1906 איז געווען איינע פון די שענסטע, וואָס די אינטער־נעשאָנאל האָט ווען אָפּגעהאַלטען.

עס איז קיין צווייפעל ניט, אַז צום ערפאָלגרייכען אויסגאַנג פון דעם קאַמף פאַר דעם אַכט־שטונדיגען אַרבעטס־טאָג אין די בוך־ און דזשאָב־דרוקערייען האָט אַ סך בייגעטראָגען דער פאַקט, וואָס דורך דער גאַנצער צייט פון דעם קאַמף האָט געהערשט שלום צווישען דער יוניאָן און די באַלעבאַטים פון דער צייטונגס־אינדוסטריע. אין מערץ 1901 האָבן די מיטגלידער פון דער אינטערנעשאָנאל דורך אַ רעפערענדום־אָפּשטימונג אָנגענומען אַן אַרביטריישאָן־אָפּמאַך מיט די צייטונגס־באַלעבאַטים, וואָס האָט באַזייטיגט די געפאַר פון סטרייקס אָדער לאָקאַוטס פאַר פינף יאָר צייט. נאָך די פינף יאָר איז אָט דער אַגרימענט כסדר באַנייט געוואָרען ביז דעם יאָר 1922. אין יענעם יאָר איז דער אָפּמאַך ניט באַנייט געוואָרען, דער־פאַר ווייל די אינטערנעשאָנאל איז באַשטאַנען דערויף, אַז געזעצען פון דער אינטערנעשאָנאל זאָלען ניט קענען אַרביטרירט ווערען, אָבער ביידע צדדים האָבען זיך אַזוי צוגעוואוינט צו שליכטען סכסוכים אויף אַ פריד־לאכען אופן, אַז ביז היינטיגען טאָג איז אַ צייטונגס־סטרייק אַ זעלטענע זאַך.

ספעציעל אין דער צייט פון דעם קאַמף פאַר דעם אַכט־שטונדיגען אַרבעטס־טאָג אין די בוך־ און דזשאָב־דרוקערייען איז דער אַרביטריישאָן־אָפּמאַך מיט די צייטונגס־ארויסגעבער געווען אַ ברכה פאַר דער יוניאָן. די אינטערנעשאָנאַל האָט זיך געהאַט אויף וועמען אָנצושפּאַרען אין צייט פון דעם סטרייק — זי האָט באַשטייערט די צייטונגס־זעצער כדי צו קענען דערפירען דעם קאַמף צו אַ דערפאָלגרייכען אויסגאַנג, און די צייטונגס־זעצער זיינען געווען גערן צו העלפען זייערע ברידער אין דער בוך־ און דזשאָב־אינדוסטריע.

## דער קאַמף פאַר אַ 44־שטונדיגער אַרבעטס־וואָך

מיט פופצען יאָר שפּעטער, גלייך נאָך דער וועלט־מלחמה, איז צייטיג געוואָרען דער געדאַנק פון דער 44־שטונדיגער אַרבעטס־וואָך, ד. ה. אַז שבת זאָל מען אַרבעטען אַ האַלבען טאָג.

צוליב דער אַרבעטסלאָזיגקייט, וואָס איז געקומען גלייך נאָך דעם סוף פון דער מלחמה, ווען די מלחמה־אינדוסטריען זיינען מיטאַמאָל ליקווידירט געוואָרען און די סאָלדאַטען האָבען זיך צוריקגעקערט, האָבען אַ סך אינ־דוסטריען פּריוויליג אָנגענומען די 44־שטונדיגע אַרבעטס־וואָך. עס האָט זיך געשפּירט אין דער לופט, אַז אויך די דרוקעריי־אינדוסטריע איז גרייט פאַר דער דאָזיגער רעפאָרמע און אַז די באַלעבאַטים אַליין וועלען ניט שטאַרק אויסזעצען געגען דעם.

אין אַפּריל, 1919, האָבען די אַרבעטס־געבער פון דעם יוניאָניזירטען טייל פון דער דרוק־אינדוסטריע איינגעלאַדען די פירער פון די דרוקער־אַרבעטער־יוניאָנס צוזאַמענצוקומען זיך מיט זיי און דורכרעדען זיך וועגען פּראָבלעמען פון דער אינדוסטריע. ביי אָט דער קאָנפערענץ איז אָרגאַ־ניזירט געוואָרען אַ „דזשאָינט קאָנפערענס קאָונסיל" פון פאַרטרעטער פון די יוניאָנס און פון די אַסאָסיאיישאָנס פון אַרבעטס־געבער, כדי אויסצו־גלייכען פאַרשיידענע סכסוכים. ביי דער קאָנפערענץ האָבען די יוניאָן־פאַרטרעטער פאַרגעלייגט, אַז די אינדוסטריע זאָל איינפירען די 44־שטונ־דיגע אַרבעטס־וואָך. אין פּרינציפּ האָבען די פאַרטרעטער פון די באַלע־באַטים צוגעשטימט צו דער 44־שטונדיגער וואָך. זיי האָבען אָבער גע־פאָדערט, אַז דער נייער איינפיר זאָל אָפּגעלעגט ווערען אויף פינף יאָר צייט. צום סוף איז מען איינגעגאַנגען אויף אַ פשרה, אַז די 44־שטונדיגע וואָך זאָל איינגעפירט ווערען אין צוויי יאָר ארום, דעם 1טען מאַי, 1921. דאָס איז געטאָן געוואָרען, כדי צו געבען דער אינדוסטריע צייט זיך צוצו־פּאַסען צו דער רעפאָרמע.

ביז נאָוועמבער, 1920, האָט עס אויסגעזען, אַז עס וועט ניט זיין קיין שטערונג מצד די באַלעבאַטים פון יוניאָן־דרוקערייען איינצופירען די 44־

שטונדיגע וואָך אין 1921. דער אָפּמאַך איז זאָגאַר גוטגעהייסען געוואָרען פון אַ קאָנווענשאָן פון דער „קלאָוזד שאָפּ"־אָפּטיילונג פון דער „טייפּאָטעטע". אָבער אין גיכען האָט זיך ארויסגעוויזען, אַז דאָס איז געווען אַ פאַלשער חשבון.

אין יענער צייט האָט זיך אויפגעהויבען אַ רעאַקציאָנערע כוואַליע איבער'ן לאַנד. די באַלעבאַטים האָבען גענומען פירען אַ קאַמף געגען די אַלע דערגרייכונגען, וואָס די אַרבעטער האָבען געוואונען דורך דער צייט פון דער מלחמה. די באַלעבאַטים האָבען זיך ספּעציעל פאַרמאָסטען צו פאַרניכטען דעם „קלאָוזד שאָפּ" און אָנשטאָט אים איינצופירען אין זייערע פאַבריקען, וואָס זיי האָבען דעמאָלט גערופען, דעם „אַמעריקען פּלען", וואָס האָט אין אמת'ן באַדייט ניט מער און ניט ווייניגער ווי — די פרייהייט פאַר די באַלעבאַטים צו עקספּלואַטירען זייערע אַרבעטער אומגעשטערט, אָהן דער ארייננמישונג פון וועלכער עס איז אַרבעטער־אָרגאַניזאַציע. אָט דער קאַמף האָט אויך געפונען זיין אויסדרוק אין דער דרוקעריי־אינדוסטריע.

די באַלעבאַטים האָבען חרטה געהאַט אויף זייער אייגענעם באשלוס איינצופירען די 44־שטונדיגע אַרבעטס־וואָך אין מאַי, 1921. די אינטערנעשאָנאַל איז געווען געצוואונגען צו פירען אַ קאַמף פאַר דער 44־שטונדיגער אַרבעטס־וואָך — אַ קאַמף וואָס האָט געדויערט דריי יאָר צייט; אַ קאַמף, וואָס איז געפירט געוואָרען ניט בלויז געגען די דרוקער־באַלעבאַטים אַליין, נאָר געגען דעם גאַנצען מעכטיגען יוניאָן־פרעסערישען געזינדעל, וואָס איז געשטאַנען אונטער דער אָנפירונג פון דער „נעשאָנאַל מאַנופעקטשורערס אַסאָסיאיישאָן" און איז געשטיצט געוואָרען פון דעם פינאַנץ־קאַפּיטאַל פון לאַנד.

כדי צו קריגען אַ שטיקעל באגריף פון דעם קאַמף, וואָס דער אינטערנעשאָנאַל איז אויסגעקומען דעמאָלט צו פירען, איז גענוג צו זאָגען, אַז דער קאַמף האָט אָפּגעקאָסט די ריזיגע סומע פון העכער 17 מיליאָן דאָלאַר. פאַרשטייט זיך, אָט די סומע איז געקומען ניט פון בענק, אויך ניט פון דער רעגירונג, נאָר פון די קעשענעס פון די זעצער. די מיטגלידער פון דער אינטערנעשאָנאַל האָבען זיך געררן באשטייערט פאַר דעם צוועק אויסצוקעמפען די 44־שטונדיגע אַרבעטס־וואָך. און אָט די אנטשלאָסנקייט זייערע האָט געפירט דערצו, אַז די יוניאָן האָט דעם קאַמף פולשטענדיג געוואונען.

ניט אין אַלע שטעט זיינען די דרוקער־באַלעבאַטים געווען אַזוי קאָמפּסלוסטיג. אין ניו יאָרק, שיקאַגאָ און אַ צאָל אַנדערע שטעט האָבען די באַלעבאַטים געהאַלטען דעם אָפּמאַך און האָבען איינגעפירט די 44־

שטונדיגע אַרבעטס־וואָך דעם 1טען מאַי, 1921. ווי עס ווייזט אויס, האָבען די באַלעבאַטים אויסגעקליבען אַלס שלאַכט־פעלד הויפּטזעכלאָך די שטעט סט. לואיס, פּיטסבורג, באַלטימאָר, באָסטאָן, וואַשינגטאָן און קליוו־לאַנד. אַ סך באַלעבאַטים, וואָס האָבען ניט געזוכט דעם קאַמף, זיינען געווען געצוואונגען אים אויפצונעמען. די רעאַקציאָנערע כוואַליע איז דעמאָלט געווען אַזוי שטאַרק, אַז פילע באַלעבאַטים זיינען דורך פאַרשיידענע מיטלען פּשוט געצוואונגען געוואָרען צו קעמפען געגען דעם „קלאָוזד שאַפּ" און פאַר דעם „אַמעריקען פּלען". די מיטלען, וואָס פלעגען געברויכט ווערען געגען די באַלעבאַטים, האָבען זיך אָנגעהויבען פון אויסאיבען אַ דרוק ביים געבען אַרבעט צום דרוקער און זיינען געגאַנגען אַזוי ווייט ווי אַנטזאגען קרעדיט אין באַנק צו אַ באַלעבאָס, וואָס קעמפט ניט פאַר דעם „אַמעריקען פּלען".

די צאָל זעצער, וואָס זיינען געשטאַנען אין קאַמף פאַר דער 44־שטונדיגער וואָך, איז געווען צווישען אַכט און ניין טויזענט, און אין אַ געוויסער צייט האָט זי איבערשטיגען צען טויזענט. אָט די צאָל קלינגט אפשר ניט זעהר גרויס פאַר אַנדערע אינדוסטריען. אין דער דרוק־אינ־דוסטריע, אָבער, וואו אַ שאַפּ וואָס באַשעפטיגט הונדערט אַרבעטער איז זעהר אַ גרויסער, איז די צאָל פון צען טויזענט אַ ריזיג־גרויסע.

בלויז 298 לאָקאַלען פון דער אינטערנעשאָנאַל איז געלונגען צו גע־ווינען די 44־שטונדיגע וואָך איידער דער סטרייק איז אויסגעבראָכען. מיט דרייצען מאָנאַטען שפּעטער האָבען שוין 513 לאָקאַלע יוניאָנס געאַרבעט 44־שטונדען. אויף דער קאָנווענשאָן פון דער אינטערנעשאָנאַל אין 1923 האָט פּרעזידענט האָוואַרד באַריכטעט, אַז ביים שלוס פון צוויי יאָר קאַמף זיינען נאָך 2,600 מיטגלידער געשטאַנען אין סטרייק. סוף יאָר 1924 זיינען אָבער בלויז געבליבען ווייניגער ווי אַ טויזענט מיטגלידער אין סטרייק, און די גרעסטע צאָל פון זיי האָט געקענט קריגען אַרבעט אין אַנדערע פּלעצער. דעמאָלט האָט די א. ט. י. באַשלאָסען אויפצוהערען צאָלען סטרייק־בענעפיט. דערמיט איז דער קאַמף גערעכענט געוואָרען אַלס פאַרענדיקט.

פונקט ווי אין דעם קאַמף פאַר דעם אַכט־שטונדיגען טאָג, אַזוי זיינען אויך אין דעם איצטיגען קאַמף, אין קאַמף פאַר דער 44־שטונדיגער וואָך, אַ געוויסע צאָל שעפּער פאַרלאָרען געגאַנגען פאַר דער יוניאָן. מאַנכע פון זיי זיינען אַ ביסעל שפּעטער ווידער געוואָרען יוניאָן־שעפּער, און געגען אַנדערע האָט מען געמוזט פירען אַ קאַמף אויף פאַרשיידענע אופנים אַ לאַנגע צייט נאָכדעם. אָבער דער קאַמף אין זיין גרויסען פאַרנעם איז געווען צו־ענד און די וואונדען, וואָס די שלאַכט האָט איבערגעלאָזען, האָבען זיך גענומען ביסלאַכוויז פאַרהיילען.

## דער ווייטערער וואוקס פון דער א. ט. י.

די מיטגלידערשאפט פון דער אינטערנעשאָנאל האָט געהאַלטען אין איין וואַקסען פון יאָר צו יאָר. אין יאָר 1921 האָט די מיטגלידערשאפט דערגרייכט איר העכסטען פונקט — איבער 74 טויזענט. דאָס איז געווען אַ צוואוואוקס פון 23 טויזענט מיטגלידער אין פארלויף פון צען יאָר צייט.

דורך די יאָרען פון דעם קאמף פאַר דער 44־שטונדיגער וואָך איז די צאָל מיטגלידער פון דער אינטערנעשאָנאל באדייטענד געפאַלען. אין 1922 איז די מיטגלידערשאפט פון דער א. ט. י. געפאַלען ביז 68,746. די אינ־טערנעשאָנאל איז אָבער שנעל געקומען צו זיך. זינט דעם יאָר 1923 אָבער האָט די צאָל גענומען וואַקסען און אין יאָר 1927 האָט זי איבער־שטיגען איר פריערדיגען העכסטען פונקט.

אויך די פאַרדינסטען פון די מיטגלידער איז כסדר געשטיגען.

דאַן איז געקומען דער קראַך פון 1929 און דער קריזיס, וואָס האָט זיך מיט זיין מעכטיגען כוח אַראָפּגעלאָזט אויף אַלע אינדוסטריען, די דרוקער־אינדוסטריע איינגעשלאָסען, האָט געבראכט די שרעקלאכע אַר־בעטסלאָזיגקייט וועלכע האַלט נאָך אָן ביז היינט־צו־טאָג.

די ווירקונג פון דעם קריזיס אויף דער דרוקער־אינדוסטריע קען פאַר־גליכען ווערען מיט דעם קריזיס, וואָס די דערפינדונג פון דער זעץ־מאַשין האָט פאַראורזאַכט מיט אַ סך יאָרען פריער. אָבער פונקט ווי די פירער פון דער א. ט. י. האָבען זיך דעמאָלט ניט פאַרלאָרען, אַזוי האָבען זיי אויך איצט זייערע קעפּ ניט פאַרלאָרען.

פונקט ווי זיי האָבען אויסגענוצט די מאַשין צו פאַרבעסערען די לאַגע פון די דרוקער־אַרבעטער, אַזוי האָבען זיי אויך אויסגענוצט דעם קריזיס פאַר דער פאַרקירצונג פון דער אַרבעטס־וואָך. אַנשטאָט די 44־שטונדיגע וואָך, איז אין 1933 איינגעפירט געוואָרען אַן אַרבעטס־וואָך פון 40 שטונדען.

אמת, די פארקירצטע אַרבעטס־וואָך איז דערגרייכט געוואָרען ניט אויפ'ן חשבון פון דער אינדוסטריע, נאָר פון די זעצער גופא. אין דער שווערער צייט איז געווען אוממעגלאך צו ריידען וועגען העכערען די שכירות פון די אַרבעטער. אין אַ סך שטעט האָבען די שכירות נאָך גע־מוזט פאַרקלענערט ווערען, און אין די מערסטע שטעט איז דער יוניאָן אויסגעקומען צו פירען אַן אָפּוועהרונגס־קאַמף געגען דער פארקלענערונג פון די שכירות. די מיטגלידער פון די יוניאָנס האָבען אָבער באשלאָסען צו פאַרקירצען די אַרבעטס־וואָך אויף זייער אייגענער רעכענונג, אַבי זייערע ברידער זאָלען ניט דאַרפען אָנקומען צו „רעליף". ניט קוקענדיג אויף געשניטענע שכירות אין אַ סך שטעט, האָבען די מיטגלידער באשלאָסען אָוועקצוגעבען דעם זעקסטען טאָג אַרבעט צו די אַרבעטסלאָזע. צוזאַמען

מיט פאַרשיידענע געלט־באַשטייערונגען לטובת די אַרבעטסלאָזע האָבען די אַרבעטענדע מיטגלידער געהאָלפען די אַרבעטסלאָזע ברידער זייערע מיט צענדליגע מיליאָנען דאָלאַר.

אָבער אָט די אָפּפערוויליגקייט פון די מיטגלידער פון דער א. ט. י. האָט געבראַכט איר פאַרדינטע באַלוינונג. די 40־שטונדיגע וואָך, וואָס די יוניאָנס האָבען איינגעפירט, איז אין אַ קורצער צייט אַרום אַלגעמיין עטאַבלירט געוואָרען אַלס די מאַקסימום אַרבעטס־צייט אין דער גאַנצער דרוקער־אינדוסטריע. אַזוי שנעל ווי די צייט האָט אָנגעהויבען ווערען אַ ביסעל בעסער, זיינען די שכירות געהעכערט געוואָרען, אָבער די שטונדען זיינען שוין פאַרבליבען 40. די ווייט גרעסטע צאָל מיטגלידער פון דער אינטערנעשאָנאַל קריגען איצט פאַר 5 טעג אַרבעט ניט וועניגער ווי זיי האָבען געקראָגען פאַר דעם קריזיס פאַר 6 טעג אַרבעט.

די כוואַליע פון יוניאָן־טעטיגקייט, וואָס האָט זיך אויפגעהויבען אין די לעצטע עטלאַכע יאָר, און די אַרבעטער־געזעצגעבונג וואָס איז דורכגעפירט געוואָרען פון דער רוזוועלט־אַדמיניסטראַציע איז, פאַרשטייט זיך, אויך אויסגענוצט געוואָרען פון דער א. ט. י. אַלס פועל־יוצא פון דעם זיינען פילע ניט־יוניאָן פעסטונגען אין פאַרשיידענע טיילען פון לאַנד יוניאָניזירט געוואָרען, און די אינטערנעשאָנאַל האָט אין יאָר 1938 דערגרייכט די העכסטע צאָל מיטגלידער אין איר געשיכטע — די צאָל פון 80,919.

# פראָטערנאַלע אינסטיטוציעס פון דער א. ט. י.

נאָך אַ סך פריער איידער די א. ט. י. איז געגרינדעט געוואָרען האָבען צווי שטרעמונגען געקעמפט צווישען זיך פאַר דער איבערהאַנט אין דער אַמעריקאַנער אַרבעטער־באַוועגונג. איין שטרעמונג האָט געלייגט די הויפט־געוויכט אויף בענעפיט־פיטשורס, די צווייטע האָט געוואָלט אַז די אַרבעטער־באַוועגונג זאָל זיך אָפּגעבען אויסשליסלאַך מיט דער רעגולירונג פון שכירות, אַרבעטס־שטונדען און אַרבעטס־באַדינגונגען אין אַלגעמיין.

אָט דער קאַמף איז אָנגעגאַנגען אין אַלע אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס, און די אָרגאַניזאַציעס פון דרוקער־אַרבעטער זיינען קיין אויסנאַם ניט געווען.

אַפילו נאָכדעם ווי די „נעשאַנאַל טייפּאָגראַפיקאַל יוניאָן" איז שוין געווען געגרינדעט, האָט דער סכסוך צווישען די אָנהענגער פון פראָטערנאַלע אָרגאַניזאַציעס און פון קאַמפּס־אָרגאַניזאַציעס פאַראורזאַכט אַ שפּאַלטונג אין דער ניו יאָרקער יוניאָן. אין יאָר 1853 האָבען 386 מיטגלידער פון דער יוניאָן אין ניו יאָרק, וועלכע זיינען געווען באַשעפטיגט אין בוך־ און דזשאָב־פאַך, פאַרלאַנגט אַ באַזונדער טשאַרטער. זיי האָבען דערקלערט, אַז זיי זיינען ניט פאַראינטערעסירט אין די בענעפיט־פיטשורס וואָס די ניו יאָרקער יוניאָן נומער 6 האָט איינגעפירט; אַז זיי זוכען אין דער יוניאָן בלויז דעם שוץ געגען דער עקספּלואַטאַציע פון די באַלעבאַטים. די קאָנווענשאָן האָט זיך אָנטזאָגט אַרויסצוגעבען אַ טשאַרטער פאַר אַ באַזונדער יוניאָן, אָבער זי האָט גלייכצייטיג געראָטען דער ניו יאָרקער יוניאָן נומער 6 צו ענדערען אירע געזעצען אַזוי, אַז אַ דרוקער־אַרבעטער וואָס וויל ניט צאָלען פאַר די פאַרשיידענע בענעפיטס זאָל אויך קענען באַלאַנגען צו דער יוניאָן. אָט דער סכסוך איז אָבער ניט געשליכטעט געוואָרען פריער ווי אין יאָר 1857.

אַרגומענטען זיינען פאַראַן גענוג פאַר ביידע צדדים אין דעם סכסוך. פאַר דעם טרייד־יוניאָן צד איז ניט נויטיג צו ברענגען קיין אַרגומענטען, וואָרים אָט די שיטה האָט געוואונען די איבערהאַנט אין דער אַרבעטער־באַוועגונג. פאַר דער בענעפיט־סיסטעם דאַרף אָבער געזאָגט ווערען, אַז זי האָט געוויסע מעלות, פון וועלכע די טרייד־יוניאָן באַוועגונג געווינט אָפט אין מאָכט. אמת, די הויכע דיוס, וואָס איז אַ רעזולטאַט פון די בענעפיט־צאָלונגען, איז אַ געוויסע שטערונג ביים אריינעמען גרויסע צאָלען מיט־

גלידער. דערפאר אָבער האָט די בענעפיט־סיסטעם די מעלה, וואָס זי בינדט צו די מיטגלידער צו דער אָרגאַניזאַציע, און זיי פאַרלאָזען איר ניט ביי דעם מינדסטן ווינטעל, ווען די יוניאָן קען זיי גאָרנישט געבען עקאָנאָמיש.

אין משך פון די שפעטערדיגע יאָרען האָט אָבער די א. ט. י. געפונען דעם ריכטיגען וועג ווי אַזוי אָנצוהאַלטען אַ באַלאַנס צווישען די צוויי ריכטונגען אין דער אָרגאַניזאַציע — די ריינע טרייד־יוניאָן ריכטונג און די פראטערנאַלע ריכטונג.

## דער אַלד אייגדזש פענשאָן פאָנד

די דרוקער־אַרבעטער זיינען געווען צווישען די ערשטע יוניאָנס איינ־צופירען אַ פענסיע פאַר אַלטע מיטגלידער. געטאָן האָבען זיי עס ניט איבעראיילט. אָבער ביי דער ערשטער מעגלאכקייט, האָט די פירערשאפט רעקאָמענדירט די איינפירונג פון עלטער־פענסיע, און די מיטגלידערשאפט האָט די רעקאָמענדאַציע אָנגענומען.

געשען איז דאָס גלייך נאָך דעם קאַמף פאַר דעם אַכט־שטונדיגען אַרבעטס־טאָג. אויף דער קאָנווענשאָן פון דער אינטערנעשאָנאַל פון 1907 אין האָט ספרינגס, קאָלאָראַדאָ, האָט די קאָנווענשאָן־קאָמיטע די דאָזיגע פראגע אַוועקגעשטעלט אויפ'ן טאָגעס־אָרדנונג. עס איז ארויסגעבראכט געוואָרען דער אַרגומענט, אַז אַזוי ווי אַ סך פון די עלטערע מיטגלידער האָבען דורכ'ן סטרייק פאַרלאָרען זייערע פלעצער, איז ניט מער ווי רעכט, אַז די אינגערע מיטגלידער, וועלכע געניסען די פרוכט פון דעם זיג, זאָלען באזאָרגען די אַלטע מיטגלידער מיט אַ פענסיע, כדי זיי זאָלען אויף די עלטערע יאָרען ניט דאַרפען ליידען קיין הונגער און נויט.

די קאָנווענשאָן האָט אָנגענומען דעם פאָרשלאַג צו פענסיאָנירען אַלטע מיטגלידער, און די ברייטע מיטגלידערשאפט האָט דורך אַ רעפערענדום־וואוט גוטגעהייסען דעם באשלוס מיט אַ ריזיגער מערהייט.

דער באשלוס האָט געלויטעט, אַז מיטגלידער וואָס באַלאַנגען צו דער יוניאָן צוואַנציג יאָר כסדר און דערגרייכען די עלטער פון זעכציג יאָר, זאָלען זיין בארעכטיגט צו אַ פענסיע פון 4 דאָלאַר אַ וואָך, אויב זיי קענען קיין אַרבעט ניט קריגען. די מיטגלידער זיינען באשטייערט געוואָרען מיט איינס פראָצענט פון די פאַרדינסטען צו שאַפען אַ פאָנד וואָס זאָל דעקען די הוצאות פון דער פענסיע.

יענע צייט איז געווען גינסטיג פאַר דער איינפירונג פון דער עלטער־פענסיע אין נאָך אַ הינזיכט. אין פאַרלויף פון דעם קאַמף פאַר דעם אַכט־שטונדיגען טאָג זיינען די מיטגלידער פון דער אינטערנעשאָנאַל אַזוי צו־

געוואוינט געוואָרען צו צאָלען הויכע שטייערען דער יוניאָן, אַז אַ האַלבער פּראָצענט פאַר עלטער־פּענסיע האָט שוין קיינעם ניט אָפּגעשראָקען.

מיט דער צייט איז די סומע פון דער פּענסיע פאַרגרעסערט געוואָרען. אין 1911 איז די פּענסיע פאַרגרעסערט געוואָרען פון 4 דאָלאַר אויף 5 דאָלאַר אַ וואָך; אין 1919 — אויף 6 דאָלאַר אַ וואָך, און אין 1920 — אויף 8 דאָלאַר אַ וואָך.

אין עטלאַכע יאָר אַרום האָט זיך אַרויסגעוויזען, אַז דער האַלבער פּראָצענט פון די פאַרדינסטען פון די מיטגלידער איז ניט גענוג צו דעקען די הוצאה פון דער עלטער־פּענסיע, ספּעציעל נאָכדעם ווי די פּענסיע איז געהעכערט געוואָרען ביז 8 דאָלאַר אַ וואָך. אַזוי ווי דעמאָלט האָבען די מיטגלידער געצאָלט אַ האַלבען פּראָצענט פאַר דעם טויטען־בענעפיט פאָנד, און אַזוי ווי אַ האַלבער פּראָצענט איז געווען צופיל פאַר דעם טויטען־בענעפיט, — איז אויף דער קאָנווענשאָן פון 1924 אין טאָראָנטאָ באַשלאָסען געוואָרען, אַז פון דעם איינס פּראָצענט זאָל דריי־פערטעל פּראָצענט גיין פאַר דעם פּענסיע־פאָנד און אַ פערטעל פּראָצענט פאַר דעם טויטען־בענעפיט פאָנד.

אָבער מיט אַ יאָר שפּעטער האָט זיך אַרויסגעשטעלט, אַז אפילו די דריי־פערטעל פּראָצענט איז אויך ניט גענוג צו פאַרזיכערען די פינאַנציעלע פעסטקייט פון דעם פּענסיע־פאָנד. וואָס עלטער די אָרגאַניזאַציע איז געוואָרען, אַלץ גרעסער איז געוואָרען די צאָל מיטגלידער וואָס האָבען דערגרייכט די עלטער, ווען זיי זיינען בארעכטיגט צו פּענסיע. עס איז קלאָר געוואָרען, אַז דער פּענסיע־פאָנד וועט אין אַ קורצער צאָל יאָרען אויסגעשעפּט ווערען, אויב דער פאָנד וועט ניט פאַרשטאַרקט ווערען.

אויף דער קאָנווענשאָן פון יאָר 1925 אין קאַלאַמאַזו, מישיגען, זיינען דעריבער געמאַכט געוואָרען אַ רייע ענדערונגען אין דעם פּענסיע־געזעץ. קודם כל איז באַשלאָסען געוואָרען צו העכערען דעם עלטער, ווען אַ מיטגלייד איז בארעכטיגט צו פּענסיע, פון 60 יאָר אויף 65. אָבער די ענדערונג איז דורכגעפירט געוואָרען ניט מיטאַמאָל, נאָר איבער אַ משך פון פינף יאָר צייט — אָנפאַנגענדיג פון 1925 איז דער פּענסיע־עלטער יעדען יאָר געררוקט געוואָרען אויף אַ יאָר, אַזוי אַז אין 1930 זיינען געווען בארעכטיגט צו פּענסיע נאָר יענע, וואָס האָבען דערגרייכט די עלטער פון 65 יאָר. חוץ דעם איז אויך געהעכערט געוואָרען די צאָל יאָרען, וואָס אַ מיטגליד דאַרף געהערען צו דער יוניאָן איידער ער איז בארעכטיגט צו פּענסיע. דאָ איז אויך אָנגעווענדט געוואָרען דער זעלבער מעטאָד — יעדען יאָר איז די צייט געהעכערט געוואָרען מיט אַ יאָר, און אין 1930 האָט שוין אַ מיטגליד געדאַרפט באַלאַנגען פולע 25 יאָר צו דער יוניאָן איידער ער איז בארעכטיגט צו פּענסיע.

אַט די אויסבעסערונגען אין דעם פּענסיע־פּלאַן האָבן באַצוועקט צו פאַרזיכערן אַפילו די אינגסטע מיטגלידער, אַז דער פאָנד וועט ניט זיין אויסגעשעפּט אין דער צייט ווען זיי וועלן דערגרייכן דעם פּענסיע־עלטער.

די ווייטערדיגע דערפאַרונג האָט אָבער געוויזן, אַז דער רעכענונג איז געווען אַ פאַלשער. דאָס האָט זיך ספּעציעל קלאָר ארויסגעשטעלט אין דער צייט פון דעם גרויסען קריזיס, וואָס האָט זיך אָנגעפאַנגען אין יאָר 1930. פון איין זייט, איז די הכנסה פון פאָנד שטארק געפאַלען, צוליב די פאַרקלענערטע פאַרדינסטען פון די זעצער; פון דער אַנדערער זייט, אָבער, איז גוואַלדיג געשטיגען די צאָל אַפּליקאַנטען, וואָס האָבען זיך געמאָלדען אויף פּענסיע. אין גוטע צייטען זיינען געווען אַ סך מיט־גלידער, וואָס האָבען ניט געפאָדערט קיין פּענסיע, הגם זיי זיינען געווען בארעכטיגט דערצו. אָבער אין שלעכטע צייטען, ווען קיין אַרבעט איז ניט געווען, זיינען אַזעלכע מיטגלידער געווען געצוואונגען די פּענסיע צו פאָדערען. דאָס האָט געבראַכט דערצו, אַז עטלאכע יאָר נאָכאַנאַנד האָט דער פּענסיע־פאָנד געהאַט אַ גרויסען יערלאכען דעפיציט.

לאָזען גיין אַזוי האָט מען ניט געטאָרט. אין עטלאכע יאָר צייט וואָלט דער פאָנד אינגאַנצען אויסגעשעפּט געוואָרען. האָט מען אָנגעהויבען זוכען פּלענער וואָס צו טאָן. וועגען פארקלענערען די פּענסיע־צאָלונגען האָבען די מיטגלידער ניט געוואָלט הערען. אָנשטאָט דעם איז אין מאַי, 1934, דורך אַ רעפערענדום־אָפּשטימונג געהעכערט געוואָרען דער אָפּצאָל פאַר דעם פאָנד. דער שטייער פאַר בײדע פאָנדען — דעם פּענסיע־פאָנד און דעם טויטען־בענעפיט פאָנד — איז געהעכערט געוואָרען פון איינס פּראָ־צענט אויף צוויי, און פון די צוויי פּראָצענט איז $1\frac{7}{8}$ באַשטימט געוואָרען פאַר דעם פּענסיע־פאָנד און $\frac{1}{8}$ פאַר דעם טויטען־בענעפיט פאָנד. עס איז אויך באַשלאָסען געוואָרען, אַז אַזוי שנעל ווי דער פאָנד וועט דערגרייכען די סומע פון דריי מיליאָן דאָלאַר, זאָל דער אָפּצאָל צוריק רעדוצירט ווערען צו איינס פּראָצענט.

די העכערונג פון דעם אָפּצאָל, צוזאַמען מיט דער כסדר'דיגער העכע־רונג פון די פאַרדינסטען פון די מיטגלידער, האָט צוריק פאַרפעסטיגט דעם פינאַנציעלען צושטאַנד פון פּענסיע־פאָנד. און ווי עס זעט אויס, איז ניט ווייט די צייט, ווען דער אָפּצאָל וועט פאַרקלענערט ווערען אויף איינס פּראָצענט.

אין די דרייסיג יאָר, וואָס דער פּענסיע־פאָנד עקזיסטירט, איז אויס־געצאָלט געוואָרען אין פּענסיע צו מיטגלידער די ריזיגע סומע פון קאָרגע 27 מיליאָן דאָלאַר.

די צאָל פּענסיאָנערען האַלט אין איין וואַקסען. איינטיילענדיג די

דרייסיג יאָר אין פינף־יאָריגע פעריאָדען, זיינען די ציפערען ווי פאָלגט: אין יאָר 1909 זיינען געווען 542 פענסיאָנערען; אין 1913 — 1,108; אין 1918 — 1,501; אין 1923 — 2,077; אין 1928 — 2,662; אין 1933 — 4,481; אין 1938 — 5,557 פענסיאָנערען.

ס'איז ווערט צו דערמאָנען, אַז איצט, דרייסיג יאָר נאָך דער איינפירונג פון דעם פענסיע־פאָנד, געפינט זיך נאָך אויף דער פענסיע־ליסט איינער פון די אָריגינעלע 647 אַפּליקאַנטען פאַר פענסיע ווען דער פאָנד איז געגרינדעט געוואָרען. דאָס איז טאָמאָס פּ. וואַטסאָן, פון לואיזוויל, קענ־טאַקי, אַ מיטגליד פון לאָקאַל 10.

אויף דער קאָנווענשאָן פון דער אינטערנעשאָנאַל פון 1938, וואָס איז פאָרגעקומען אין בוירמינגהעם, אַלאַבאַמאַ, איז באריכטעט געוואָרען, אַז דער פאַרמעגען פון דעם פענסיע־פאָנד איז 2,075,334 דאָלאַר.

## דער טויטען־בענעפיט פאָנד

דער „מאַרטשוערי פאָנד" פון דער אינטערנעשאָנאַל איז איינגעפירט געוואָרען אין 1892. לכתחילה איז דער טויטען־בענעפיט, וואָס דער פאָנד האָט געצאָלט, געווען 50 דאָלאַר קבורה־בענעפיט. אין 1908 איז דער בענעפיט געהעכערט געוואָרען אויף 75 דאָלאַר.

אין אַ פּאָר יאָר ארום האָט זיך אויפגעהויבען אַ באוועגונג צווישען דער מיטגלידערשאַפט צו העכערען דעם טויטען־בענעפיט. די מיטגלידער האָבען געוואָלט, אַז אַן אלמנה פון אַ פאַרשטאָרבענעם מיטגליד זאָל באַ־קומען מער ווי 75 דאָלאַר, וואָס איז אַפילו ניט גענוג אויף קבורה־געלט. אַ רעפערענדום־אָפּשטימונג איז דורכגעפירט געוואָרען צווישען די מיט־גלידער צו באשטייערען אַלע מיטגלידער גלייך מיט אַ באשטימטער סומע פאַר דעם טויטען־בענעפיט פאָנד. אָט דער רעפערענדום איז דורכגע־פאַלען, הגם מיט אַ קליינער מערהייט שטימען. דורכגעפאַלען איז דער רעפערענדום ניט דערפאַר ווייל די מיטגלידער זיינען געווען געגען דעם עצם געדאַנק, נאָר ווייל די מיטגלידער פון די קלענערע שטעט, וועלכע פאַרדינען געוויינלאַך ווייניגער ווי די מיטגלידער פון די גרעסערע שטעט, האָבען עס באטראַכט פאַר אַן עולה, אַז זיי זאָלען דאַרפען צאָלען דעם זעלבען אָפּצאָל ווי די מיטגלידער פון די גרויסע שטעט. אין 1911 איז ווידער אמאָל אָפּגעהאַלטען געוואָרען אַ רעפערענדום־אָפּשטימונג צו העכע־רען דעם אָפּצאָל פאַר דעם טויטען־בענעפיט פאָנד. דעם מאָל איז פאַר־געשלאָגען געוואָרען, אַז דער שטייער פאַר דעם פאָנד זאָל זיין אַ האַלבער פּראָצענט פון די פאַרדינסטען, און דער רעפערענדום איז אָנגענומען גע־וואָרען מיט אַ גרויסער מערהייט.

נאָכדעם ווי דער רעפערענדום איז דורכגעגאַנגען, איז אין אַפּריל

1912 אריין אין קראַפט אַ נייער סקעדיול פון טויטען־בענעפיט צאָלונגען, באַזירט אויף דער צאָל יאָרען וואָס אַ מיטגליד באַלאַנגט אין דער יוניאָן, ווי פאָלגט:

מיטגלידער, וואָס באַלאַנגען 1 יאָר אָדער ווייניגער צו דער יוניאָן, זיינען בארעכטיגט צו 75 דאָלאר טויטען־בענעפיט; אַזעלכע וואָס באַלאַנגען פון 1 יאָר ביז 2 יאָר — 100 דאָלאר; פון 2 ביז 3 יאָר — 125 דאָלאר; פון 3 ביז 4 יאָר — 200 דאָלאר; פון 4 ביז 5 יאָר — 300 דאָלאר; פון 5 ביז 15 יאָר — 400 דאָלאר; 15 יאָר און העכער — 500 דאָלאר.

אין פאַרלויף פון די 26 יאָר, זינט דער נייער סקעדיול איז אריין אין קראַפט, האָט דער „מאָרטשוערי־פאָנד" פון דער אינטערנעשאָנאַל אויסגעצאָלט אין טויטען־בענעפיט די סומע פון 10,523,599 דאָלאר.

הגם די צאָלונגען צום טויטען־בענעפיט פאָנד זיינען פארקלענערט געוואָרען פון אַ האַלבען פראָצענט אויף אַן אַכטעל פראָצענט, ווי מיר האָבען אויבען געזען, פונדעסטוועגען פאַרמאָגט דער פאָנד נאָך איצט אַ רעזערוו פון איבער צוויי און אַ האַלב מיליאָן דאָלאר. דאָס מיינט, אַז הגם די הכנסה פון פאָנד איז פאַרקלענערט געוואָרען, שטייט ער אָבער אויסער וועלכער ניט איז באַלדיגער געפאַר.

## די יוניאָן פּרינטערס האָום

די יוניאָן פּרינטערס האָום אין קאָלאָראַדאָ ספּרינגס, קאָלאָראַדאָ, איז איינע פון די בארימטעסטע אינסטיטוציעס פון דעם מין אין דער גאַנצער וועלט. די היים ווערט באטראכט אַלס מוסטער פאַר ענלאכע היימען פאַר קראַנקע און אַלטע — סיי מיט אירע פּראַכטפולע געביידעס און איינריכטונגען; סיי מיט דעם וואונדער־שיינעם געגענט, אין וועלכען זי געפינט זיך, און סיי מיט דער באַהאַנדלונג, וואָס אירע פּאַציענטען און איינוואוינער באקומען דאָרט. איבער אַ מיליאָן דאָלאר איז אריינגעלייגט געוואָרען אין אויפבויען די „האָום".

די צאָל מענשען, וואָס ווערען אויסגעהאַלטען אין דער „יוניאָן פּרינטערס האָום", האָט לעצטענס דערגרייכט אַ דורכשניט פון 400, און עס קאָסט דער אינטערנעשאָנאַל 350 טויזענט דאָלאר אַ יאָר די „האָום" אויסצוהאַלטען. דאָס מיינט, אַז די דורכשניטלאכע הוצאה פון אַן איינוואוינער פון דער „האָום" איז 72 דאָלאר אַ מאָנאַט.

די „יוניאָן פּרינטערס האָום" געפינט זיך אין דער נאַטור־רייכסטער געגענד פון קאָלאָראַדאָ און פאַרנעמט אַ שטח פון 300 אַקער לאַנד. די גרופּע געביידעס, פון וועלכע די „האָום" באשטייט, געפינט זיך אין צענטער פון אַ פּראַכטפולען, גרויסען פּאַרק, וואָס איז קינסטלעריש באפוצט געוואָרען

מיט בלומען־גערטנער, גרינע לאַנקעס, אויסגעלייגטע שטעגן מיט באַקוועמע בענק אונטער שאָטנדיגע בוימער און ביי געדיכטע בלומען־קוסטען.

פון די גראַמע ווערענדעס פון דער הויפּט־געביידע קען מען זען, אויף ווי ווייט דאָס אויג קען כאַפּען, דעם מאַיעסטעטישען „פּאַיקס פּיק" און די בערג־שפּיצען פון די „ראָקי מאַונטיינס". אַלס קאָנטראַסט צו די שניי־באַדעקטע שפּיצען פון די בערג, שפּרייט זיך צו מזרח־צו די ריזיגע גרינע סטעפּע.

אין דער הויפּט־געביידע געפינען זיך די צימערען, וואו עס וואוינען די זעצער, וועלכע האָבען פאַרבראַכט זייער גאַנצען לעבען ביים שריפט־קאַסטען אָדער ביי דער לינאָטייפּ־מאַשין. אַלץ, וואָס איז נאָר מעגלאך, ווערט געטאָן צו מאַכען זייערע לעצטע יאָרען אַזוי באַקוועם און אַנגענעם ווי נאָר מעגלאך. דאָ איז פאַראַן אַ ביבליאָטעק, מיט צענדליגער טויזענ־טער ביכער וועגען פאַרשיידענע געגענשטאַנדען; דאָ זיינען פאַראַן שפּיל־פּלעצער, אַ מואווי־טעאַטער; און דאָ געפינט זיך דער גרויסער, שיינער, סאַניטאַרער עס־סאַלאָן, וואו עס ווערען סערווירט געשמאַקע שפּייזען, וועלכע ווערען צוגעגרייט פון קאָמפּעטענטע דיעטע־עקספּערטען.

דער סאַנאַטאַריום און האָספּיטאַל, ווידער, איז אויסגעשטאַט מיט אַלע מאָדערנע איינריכטונגען צו קענען באַהאַנדלען די קראַנקע לויט די לעצטע מעטאָדען. אַ צאָל דאָקטוירים און נוירסעס זיינען שטענדיק פאַראַן אין פּלאַץ.

סיי די פּאַציענטען און סיי די אַלטע איינוואוינער ווערען באַזאָרגט מיט שפּייז, מעדיצין, באַקוועמע קליידער און אַפילו מיט אַ קליינער סומע באַרעס געלט אויף נויטיגע קלענערע הוצאות.

כמעט אין יעדער שטאָט פון די פאַראייניגטע שטאַטען און קאַנאַדע געפינט זיך איינער אָדער מערערע מיטגלידער, וועלכע זיינען געווען אין דער „האָום" אַ געוויסע צייט, און וועלכע זיינען אָפּגעשיקט געוואָרען אַהיים געזונטע.

אָבער דאָס אַלץ איז ניט דערגרייכט געוואָרען מיט אמאָל.

דער געדאַנק פון אַ היים פאַר אַלטע, קראַנקע מיטגלידער איז אויפ־געקומען אין די סאַמע ערשטע יאָרען פון דער עקזיסטענץ פון דער א. ט. י. פאָרשלאַגען צו שאַפען אַ „האָום" זיינען אריינגעבראַכט געוואָרען צו אַ צאָל קאָנווענשאָנס. דער ערשטער פאָרשלאַג אַזאַ איז פאָרגעבראַכט גע־וואָרן אויף דער קאָנווענשאָן פון 1857 אין ניו אָרלינס. דער פאָרשלאָג האָט פאָרגעלייגט דעם פּלאַן, אַז די יוניאָן זאָל זיך ווענדען צום קאָנגרעס פון די פאַראייניגטע שטאַטען, ער זאָל באַווילליגען אַ שטח באָדען, וואָס זאָל צעשניטען ווערען אין קליינע פּאַרסעלס, וועלכע זאָלען פאַרטיילט ווערען צו אַלטע און קראַנקע דרוקער־אַרבעטער. אָבער פון דעם פאָרשלאַג איז

גאַרנישט געוואָרען, ווייל עס האָט זיך ניט געזען די מעגלאַכקייט אים צו פאַרווירקלאַכען.

דער צופאַל האָט געוואָלט, אַז דעם ערשטען שטויס צו דער פאַרווירקלאַכונג פון דעם חלום צו האָבען אַ היים פאַר אַלטע און קראַנקע דרוקער־אַרבעטער, זאָל קומען גראַד פון קאַפּיטאַליסטען. דאָס האָט פּאַסירט אין יאָר 1886. די פילאַדעלפיער פילאַנטראָפּען דזשאָרדזש וו. טשאַילדס און א. דזש. דרעקסעל האָבען געגעבען דער א. ט. י. אַ מתנה פון צען טויזענט דאָלאַר. דערביי האָבען זיי קיין באַדינגונגען ניט געשטעלט דער אינ־טערנעשאָנאַל; זיי האָבען איר איבערגעלאָזען די פרייהייט אַליין צו באַ־שטימען אויף וואָס דאָס געלט זאָל פאַרווענדט ווערען.

די אָנהענגער פון דעם געדאַנק פון אַ היים פאַר קראַנקע און אַלטע מיטגלידער האָבען דאָ דערזען די געלעגענהייט צו פאַרווירקלאַכען זייער באַליבטען פּלאַן. אַ ספּעציעלע קאָמיטע איז באַשטימט געוואָרען זיך צו עסק'ן מיט דעם פּלאַן. אין עטלאַכע יאָר ארום איז דער קאָמיטע גע־לונגען צו באַקומען אַ פאָרשלאָג פון דער „באָארד אָוו טרייד" פון קאָלאָ־ראַדאָ ספּרינגס, אַז זי וועט שענקען אַ שטח פון 80 אַקער ווערטפולען באָדען, אויב די א. ט. י. וועט זיך פאַרפליכטען אויפצובויען דאָרט אַ היים אין משך פון צוויי יאָר צייט, וואָס זאָל קאָסטען ניט ווייניגער פון 20,000 דאָלאַר. די קאָמיטע האָט זיך געווענדט דירעקט צו די מיטגלידער זיי זאָלען פרייוויליג ביישטייערען פאַר דער האָום דעם באַטרעף פון טויזענט „עמס", וואָס האָט געמיינט אומגעפער אַ שטונדע אַרבעט. די מיטגלידער האָבען זיך זעהר וואַרים אָפּגערופען אויף דער דאָזיגער אויפפאָדערונג.

פון אָט דער פרייוויליגער ביישטייערונג איז אריינגעקומען די סומע פון 70,000 דאָלאַר. צוזאַמען מיט די אָריגינעלע 10,000 דאָלאַר האָט דער פאָנד פאַר דער „האָום" באַטראָפען די סומע פון 80 טויזענט דאָלאַר. זעכציג טויזענט דאָלאַר איז גלייך אויסגעגעבען געוואָרען אויף אויפבויען און אויסשטאַטען די „האָום", און די אינטערנעשאָנאַל האָט ארויפגעלעגט אַ ספּעציעלען טעקס אויף דער מיטגלידערשאַפט די „האָום" אויסצוהאַלטען.

אויסהאַלטען די „האָום" ביז היינט־צו־טאָג האָט אָפּגעקאָסט די סומע פון איבער 7 מיליאָן דאָלאַר. אָבער די נוצען, וואָס די האָום האָט גע־בראַכט צו יענע מיטגלידער, וואָס האָבען דאָרט אויסגעלעבט זייערע לעצטע יאָרען און צו די וואָס האָבען זיך דאָרט ערהאָלט פון שווינדזוכט און אַנ־דערע קראַנקהייטען, קען ניט געמאָסטען ווערען מיט געלט.

ניט אומזיסט טראָגט יעדער מיטגליד פון דער א. ט. י. מיט שטאָלץ אויף זיינע ליפּען דעם נאָמען פון דער באַליבטסטער אינסטיטוציע פון די שריפטזעצער — די „יוניאָן פּרינטערס האָום".

## די ביוראָ אָוו עדיוקיישאָן

זינט די ערשטע יאָרען פון דער א. ט. י. זיינען די בעסטע בעלי־מלאָכות אין זעצער־פאַך געווען מיטגלידער פון דער יוניאָן. ס'איז געווען אַן אָנגענומענע זאַך אין דער אינדוסטריע, אַז אַ מיטגליד־קאַרד פון דער א. ט. י. האָט מיט זיך פאַרגעשטעלט אַ רעקאָמענדאַציע פון גוטער פאַכמאַנשאַפט. די יוניאָן איז געווען שטאָלץ דערמיט און זי האָט אַלעמאָל געזוכט די דאָזיקע רעפּוטאַציע אָנצוהאַלטען.

אין די ערשטע יאָרען איז די דאָזיקע אויפגאַבע ניט געווען קיין איבעריגס שווערע. חוץ דעם, וואָס די יוניאָנס פלעגען אַכטונג געבען, אַז אַלס מיטגלידער זאָלען אריינגענומען ווערען בלויז אַזעלכע שריפט־זעצער, וועמעס קאָמפּעטענץ קען פון קיינעם ניט אָפּגעפרעגט ווערען, — פלעגען די באַלעבאַטים פון די דרוקערייען נעמען אַ פּערזענלאַכען אינטערעס אין די לערען־אינגלאַך, וואָס זיי האָבען באַשעפטיגט. ווען דער אינגעל איז פאַרטיג געוואָרען מיט דער לערע, איז ער מערסטענס געווען אַ גוטער, אַלזייטיגער בעל־מלאָכה, וואָס איז געווען באַקאַנט מיט אַלע פאַזען פון דער אַרבעט.

שפּעטער אָבער איז די לאַגע אין אָט דער הינזיכט שטאַרק געענדערט געוואָרען. די נייע מאַשינען, און צוזאַמען מיט זיי דער „האַריאַפּ"־גייסט פון דער נייער צייט האָבען געבראַכט אַן ענדערונג אין דער באַציאונג פון די באַלעבאַטים צו די לערען־אינגלאַך. פון איין זייט, האָט דער באַלעבאַס פאַרלאָרען דעם אינטערעס אין די לערען־אינגלאַך און, פון דער אַנדערער זייט, האָט ער מער ניט געקענט דערלויבען די זעצער צו פאַרשווענדען צייט אויף לערנען די אינגלאַך, כדי צו מאַכען פון זיי גוטע בעלי־מלאָכות.

ווען אָט די ענדערונגען זיינען פאָרגעקומען אין דער אינדוסטריע, האָט די אינטערנעשאָנאַל אָנגעהויבען איינזען, אַז זי קען מער ניט איבערלאָזען דעם ענין צו די באַלעבאַטים, און אַז זי מוז די זאַך נעמען אין די אייגענע הענט. די ערשטע אויפגאַבע, וואָס איז געשטאַנען פאַר דער אינטערנעשאָנאַל, איז אַכטונג צו געבען, אַז די לערען־אינגלאַך, די צוקינפטיגע מיטגלידער פון דער יוניאָן, זאָלען באַקומען די מעגלאַכקייט דעם פאַך גרינטלאַך צו דערלערנען אין אַלע הינזיכטען.

די „אינלענד פּרינטער טעקניקעל סקול", אַ טעכנישע שולע פאַר דרוקער־לערנערס וואָס איז אָרגאַניזירט געוואָרען פון דעם זשורנאַל „אינלענד פּרינטער", איז געווען איינע פון די בעסטע שולען פון דעם מין אין לאַנד. אין 1902 האָט די אינטערנעשאָנאַל געמאַכט אַן אָפּמאַך מיט דער דאָזיגער שולע, אַז זי זאָל אָרגאַניזירען אַ קאָרעספּאָנדענץ־קורס פאַר די

לערנערס אין די יוניאָן־דרוקערייען. אַ העלפט פון דער הוצאה איז גע־דעקט געוואָרען פון דער יוניאָן, און די צווייטע העלפט פון די לערען־אינגלאך גופא.

שפעטער, אין 1918, האָט די יוניאָן אינגאַנצען איבערגענומען די דאָזיגע שולע. עס איז אויך באשלאָסען געוואָרען, אַז עס טאָר ניט איבער־געלאָזען ווערען צו די לערען־אינגלאך די ברירה צו נעמען דעם קאָרעס־פאָנדענץ־קורס אָדער ניט, נאָר אַז אַ לערען־אינגעל זאָל ניט קענען ווערען קיין פולבארעכטיגטער מיטגליד פון דער יוניאָן סיידען ער איז דורכגע־גאַנגען דעם דאָזיגען קורס.

די קאָנווענשאָן פון דער אינטערנעשאָנאל פון 1924, וואָס איז גע־האַלטען געוואָרען אין טאָראָנטאָ, איז געגאנגען נאָך אַ שריט ווייטער. זי האָט באשלאָסען די „ביוראָ אָוו עדיוקיישאָן" אינגאנצען צו רעאָרגאַ־ניזירען און אָנשטעלען אַלס לערער אַנערקענטע עקספערטען, און אַז קיין לערען־אינגעל קען ניט ווערען קיין מיטגליד אין דער יוניאָן ביז ער מאַכט־דורך אַן עקזאַמען. דער עקזאַמען ווערט אויסגעאַרבעט דורך דער „ביוראָ אָוו עדיוקיישאָן".

דער קאָרעספאָנדענץ־קורס פון דער „ביוראָ אָוו עדיוקיישאָן" איז אַזוי אויסגעאַרבעט, אַז ער פאַלט צוזאַמען מיט דער פראַקטישער אַרבעט, וואָס דעם לערען־אינגעל קומט אויס צו טאָן אין שאָפּ וואו ער איז באַ־שעפטיגט. דער קורס לערענט אים ניט נאָר ווי אַזוי געוויסע אַרבעטען דאַרפען געמאַכט ווערען, נאָר אויך פאַרוואָס זיי דאַרפען אַזוי געמאַכט ווערען. די ביוראָ גיט אויך אַ קורס אין ענגליש, פונקטואַציע א. א. וו., אָבער די הויפּט־געוויכט ווערט געלייגט אויף יענע אַספעקטען פון דער דרוקער־קונסט וואָס זיינען נעענטער פאַרבונדען מיט דער טאָג־טעגלאכער אַרבעט פון שריפטזעצער.

דער ציל פון דער ביוראָ איז, אַז דער גראַדואירטער זאָל ניט בלייבען זיין גאַנצען לעבען אַ „חצי בעל־מלאָכה"; אַז ער זאָל ניט בלויז קענען אַ געוויסען ספעציאַליזירטען טייל פון דער מלאָכה, נאָר ער זאָל זיין אַ פולער פאַכמאַן און זאָל זיין קאָמפעטענט צו טאָן יעדע אַרבעט אין אַ זעצעריי; אַז ווען עס וועט קומען די צייט ווען ער וועט דאַרפען שטיין אויף די אייגענע פיס זאָל ער פילען אַ פעסטען באָדען אונטער זיך.

זינט די א. ט. י. האָט איינגעפירט די „ביוראָ אָוו עדיוקיישאָן" האָט זי אויף פאַך־בילדונג אויסגעגעבען איבער אַ האַלבען מיליאָן דאָלאַר, און צענדליגע טויזענטער לערען־אינגלאך איבער'ן גאַנצען לאַנד האָבען זיך באַנוצט מיט די קורסען.

# אַ סך־הכל פון די דערגרייכונגען פון דער א. ט. י. זינט זי איז געגרינדעט געוואָרען

די פאַרשיידענע בענעפיטס, וואָס די א. ט. י. גיט אירע מיטגלידער, פאַרנעמען אַ זעהר וויכטיגען פּלאַץ אין לעבען פון דער אָרגאַניזאַציע. מען דאַרף אָבער האָבען אין זינען, אַז אין דער ערשטער רייע איז די א. ט. י. אַ טרייד־יוניאָן. איר הויפּט־אויפגאַבע איז שטענדיג צו שטיין אויף דער וואַך און אָפּהיטען די טאָג־טעגלאַכע עקאָנאָמישע אינטערעסען פון אירע מיטגלידער. זי מוז תמיד האַלטען אַ וואַכזאַם אויג, כדי אָפּ־צוּוועהרען זיך געגען די אַטאַקעס פון שונאים, וועלכע זוכען איר צו פאַרניכטען אָדער לפּחות אָפּצושוואַכען; און זי דאַרף אויך זיין גרייט אויסצונוצען יעדע מעגלאַכקייט צו מאַכען דאָס לעבען פון אירע מיט־גלידער וואָס בעסער און באַקוועמער.

און מיט שטאָלץ מעג עס געזאָגט ווערען, אַז, אין אַלגעמיין גענומען, האָט די א. ט. י. אירע אויפגאַבען פולשטענדיג דערפילט.

## „קלאָוזד שאַפּ" און „פּריאָריטעט" — דער פונדאַמענט

די סאַמע ערשטע אויפגאַבע פון אַ יוניאָן איז אַכטונג צו געבען, אַז אירע מיטגלידער זאָלען זיך פילען זיכער אויף זייערע פּלעצער; אַז דער באַלעבאָס זאָל זיי ניט קענען אַוועקשיקען ווען דאָס פאַרגלוסט זיך אים. אָהן דער דאָזיגער גאַראַנטיע זיינען די אַרבעטער קיינמאָל ניט זיכער מיט זייערע געווינסען, ווי גרויס זיי זאָלען ניט זיין. ווען איבער'ן אַרבעטער'ס קאָפּ הענגט דער דאַמאָקלעס־שווערד פון קענען אָפּגעזאָגט ווערען פון דער אַרבעט, איז ער געצוואונגען אריינצוגיין מיט'ן באַלעבאָס אין אַלערליי אָפּמאַכונגען. דעמאָלט זיינען ניט די שטונדען, ניט די שכירות און ניט די אַנדערע באַדינגונגען זיכער. דאָס איז ספּעציעל אמת אין אַזעלכע איני־דוסטריען ווי דרוקעריי, וואו די באַלעבאַטים זיינען מערסטענס קליינע און באַשעפטיגען ניט קיין גרויסע צאָלען אַרבעטער.

דעריבער איז עס גלייך פון אָנהויב קלאָר געווען, אַז די יוניאָנס אין דער דרוק־אינדוסטריע דאַרפען קודם כל קעמפען פאַר דעם „קלאָוזד שאַפּ". די א. ט. י. האָט גאַנץ פרי אויסגעקעמפט אַ „קלאָוזד יוניאָן שאַפּ", וואו יעדער אַרבעטער אין שאַפּ מיט וועלכען די יוניאָן האָט אַ קאָנטראַקט

מוז זיין אַ מיטגליד פון דער יוניאָן, און וואו צווישען די מיטגלידער אין יעדען שאַפּ באזונדער הערשט „פּריאָריטעט", ד. ה. אַז דער אַרבעטער וואָס איז אָנגעקומען צו דער אַרבעט אין שאַפּ פריער דאַרף אָפּגעלייגט ווערען פון דער אַרבעט ערשט דאַן ווען די וואָס זיינען אָנגעקומען נאָך אים זיינען אָפּגעלייגט געוואָרען.

דער „קלאָוזד שאָפּ" און די „פּריאָריטי"־סיסטעם זיינען די צוויי הויפּט־פּונקטען פון דער „מאַגנאַ קאַרטאַ", וואָס שטעלען פעסט און פאַר־זיכערען די רעכט פון יעדען אַרבעטער סיי אין שאַפּ און סיי אין דער יוניאָן. אָט די סיסטעם מיינט אייגענטלאך די איינפירונג פון אַ דעמאָ־קראַטישער סיסטעם ביי דער אַרבעט אין שאַפּ. דאָס איז דער פונדאַמענט פון יעדער אַנדער יוניאָן־טעטיגקייט.

נאָכדעם ווי אָט דער פונדאַמענט איז געלייגט געוואָרען, האָט די יוניאָן ערשט דעמאָלט געקענט אָנהויבען בויען אַ סאָלידע געביידע פון אַ מעכ־טיגער טרייד־יוניאָן — פאַרקירצען די אַרבעטס־שטונדען, העכערען די שכירות, אויסבעסערען די סאַניטאַרע צושטאַנדען אין די שעפּער און אין אַלגעמיין פאַרבעסערען די לאַגע פון דעם זעצער־אַרבעטער.

## אַרבעטס־שטונדען

וואָס אַנבאלאַנגט אַרבעטס־שטונדען, איז גענוג אָנצואווייזען, אַז מיט 86 יאָר צוריק, ווען די נאַציאָנאַלע אָרגאַניזאַציע איז געגרינדעט געוואָרען, איז אַן אַרבעטס־וואָך פון 80 שטונדען געווען אַ געוויינלאכע זאַך. אין מאַנכע פאַלען איז די אַרבעטס־וואָך געווען נאָך לענגער. איצט, אין יאָר 1938, איז די אָנערקענטע מאַקסימום אַרבעטס־וואָך — 40 שטונדען, און איבער 80 פּראָצענט פון דער מיטגלידערשאפט אַרבעט אונטער קאָנ־טראַקטען, וואו די אַרבעטס־שטונדען זיינען פאַקטיש נאָך ווייניגער ווי 40. די דאָזיגע דערגרייכונג רעדט פאַר זיך אַליין.

מיר האָבען געזען אויבען, וואָס פאַר אַ שווערען קאַמף די יוניאָן האָט דורכגעמאַכט איינצופירען דעם 8־שטונדיגען אַרבעטס־טאָג אין דער בוך־ און דזשאָב־אינדוסטריע, און אַז דער דאָזיגער קאַמף האָט אָפּגעקאָסט דער יוניאָן אין געלט אַליין די סומע פון איבער 4 מיליאָן דאָלאַר. דער קאַמף פאַר דער 44־שטונדיגער וואָך איז געווען נאָך אַ ביטערערער און האָט געקאָסט דער יוניאָן איבער 17 מיליאָן דאָלאַר. אָבער דער איבער־גאַנג צו דער 40־שטונדיגער וואָך איז פאַקטיש פאַרגעקומען אָהן אַ קאַמף מיט די באַלעבאַטים.

ביים איינפירען די 40־שטונדיגע וואָך איז אַ קאַמף אויסגעמיטען געוואָרען צוליב צוויי טעמים. ערשטענס, ווייל די צייט איז געווען אַ

גינסטיגע, און די יוניאָן האָט בלויז געדאַרפט אויסנוצען די צייט; צוויי־טענס, ווייל די מיטגלידער פון דער אינטערנעשאָנאַל זיינען געווען גרייט אַליין צו ברייינגען קרבנות פאַר דער פאַרקירצטער וואָך. אויף דער קאָנ־ווענשאָן פון דער אינטערנעשאָנאַל פון 1933 איז באשלאָסען געוואָרען, אַז די מיטגלידער זאָלען ניט טאָרען אַרבעטען מער ווי 5 טעג אַ וואָך, און די איבעריגע אַרבעט זאָל אַוועקגעגעבען ווערען צו די אַרבעטסלאָזע. די דאָזיגע אָפּפערווילינקייט פון די מיטגלידער פון דער יוניאָן האָט גע־פירט דערצו, אַז די 40־שטונדיגע וואָך איז דורכגעפירט געוואָרען אין דער אינדוסטריע אָהן אַ סטרייק און אָהן דעם פאַרלוסט פון איין־איינציגען שאָפּ פאַר דער יוניאָן.

## פאַרדינסטען

די העכערונג אין די פאַרדינסטען פון די זעצער איז אויך פאָרגע־קומען סיסטעמאַטיש און כסדר. ביז דעם יאָר 1909 זיינען, ליידער, ניטאָ קיין גענויע ציפערען וועגען דער העכערונג פון די שכירות. זינט דעם יאָר 1909, אָבער, ווען די שטייערען פאַר די פאַרשיידענע בענעפיט־פאָנדס פון דער א. ט. י. זיינען איינגעשטעלט געוואָרען אויף דעם באַזיס פון אַ פּראָצענטועלען אָפּצאָל פון די פאַרדינסטען, זיינען פאַראַן גענויע ציפערען וועגען די פאַרדינסטען פון די מיטגלידער פון דער יוניאָן.

אַ גענויע טאַבעלע וועגען די פאַרדינסטען פון די מיטגלידער איז צוגעשטעלט געוואָרען צו דער קאָנווענשאָן פון דער א. ט. י. אין 1938 אין בוירמינגהעם, אַלאַבאַמאַ. די טאַבעלע ציינט, אַז דער דורכשניטלאכער פאַרדינסט פון אַ מיטגליד אין יאָר 1909 איז געווען 897 דאָלאַר. זינט דעמאָלט זיינען די פאַרדינסטען כסדר געשטיגען ביז זיי האָבען דערגרייכט אין יאָר 1930 די סומע פון 2,372.36 דאָלאַר. דורך דער צייט פון דער דעפּרעסיע זיינען די דורכשניטלאכע שכירות היפּש געפאַלען. אין יאָר 1934 זיינען די שכירות געפאַלען ביז 1,504.78 דאָלאַר. אָבער זינט דעמאָלט גייען די שכירות ווידער באַרג־אַרויף, און אין 1938 האָבען זיי דערגרייכט דעם דורכשניט פון 1,966.80 דאָלאַר.

האָט מען אין זינען, אַז פאַר דעם קריזיס זיינען די שטונדען געווען לענגערע; אַז אין דורכשניט האָט מען דעמאָלט געאַרבעט 48 שטונדען אַ וואָך אין די צייטונגען און 44 שטונדען אין די דזשאָב־דרוקערייען; און אַז די איצטיגע אַרבעטס־שטונדען זיינען אין דורכשניט 40 שטונדען אַ וואָך, — ווען מען האָט דאָס אין זינען, מעג מען זיין צופרידען אַפילו מיט דעם פאַרקלענערטען דורכשניטלאכען פאַרדינסט. פאַקטיש מיינט עס, אַז די מיטגלידער פאַרדינען איצט פאַר 5 טעג אַרבעט כמעט אַזוי פיל ווי זיי האָבען פריער פאַרדינט פאַר 6 טעג אַרבעט.

## דאָס לעבען פון די זעצער איז פאַרלייִנגערט געוואָרען

די פאַרקירצטע אַרבעטס־שטונדען און די פאַרגרעסערטע פאַרדינסטען האָבען ניט געקענט פאַרפעלען צו האָבען אַ ווירקונג צום גוטען אויף דעם גאַנצען אַרט לעבען פון די שריפטזעצער און ספּעציעל אויף דער לייִנג פון זייער לעבען.

די טאַבעלען אין שייכות מיט טויטען־פאַלען צווישען די מיטגלידער פון דער א. ט. י. דעקען־אויף אַן אויסערגעוויינלאך דערמוטיגענדען בילד. אַנשטאָט דעם וואָס אין יאָר 1892 איז דער דורכשניטלאכער עלטער פון שטאַרבענדע מיטגלידער געווען 41, איז אין יאָר 1938 דער דאָזיגער עלטער קאַרגע 63 יאָר.

די פאַרלייִנגערונג פון דעם לעבען פון די מיטגלידער פון דער א. ט. י. איז, אָן ספק, אַ רעזולטאַט פון אַ סך פאַקטאָרען. די אַלגעמיינע פאַר־לייִנגערונג פון דעם לעבען אין דעם זעלבען צייט־פעריאָד שפּילט דערביי געוויס אַ ראָלע, און עס זיינען מסתמא פאַראַן אַנדערע פאַקטאָרען אויך. אָבער פונדעסטוועגען זיינען מיר בארעכטיגט צו ציען דעם שלוס, אַז די לעבענס־פאַרלייִנגערונג איז ביז גאָר אַ גרויסען גראַד אַ רעזולטאַט פון די פאַרקירצטע אַרבעטס־שטונדען און פאַרבעסערטע לעבענס־באַדינגונגען, וואָס די יוניאָן האָט אויסגעקעמפט.

## אַרביטריישאָן

די א. ט. י. האָט זיך שטענדיג געהאַלטען ביי דער טאַקטיק, אַז דער בעסטער וועג צו דערגרייכען אויסבעסערונגען אין די אַרבעטס־באַדינ־גונגען פון די דרוקער־אַרבעטער איז דורך פאַרהאַנדלונגען און, ווען נויטיג, דורך אַרביטריישאָן. אָט די טאַקטיק פירען דורך די פירער פון דער א. ט. י. ביז היינטיגען טאָג. די פּראַקטיק האָט אָבער געוויזען, אַז ניט אַלעמאָל קען מען אָנווענדען די דאָזיגע טאַקטיק.

אויב אַ קאַמף איז געווען אומפאַרמיידלאך, איז די אינטערנעשאָנאַל אַלעמאָל געווען גרייט אים אויפצונעמען אָן מורא און מיט דער גרעסטער אַנטשלאָסענקייט. האָט נאָר די אינטערנעשאָנאַל אַ קאַמף אָנגעהויבען, האָט זי אים אַלעמאָל דערפירט ביז אַ זיגרייכען סוף. אפילו ווען זי האָט אין משך פון קאַמף פאַרלוירען קלענערע פּאָזיציעס, זיינען אָבער די דאָזיגע פּאָזיציעס ביי דער ערשטער מעגלאכקייט צוריקגעוואונען געוואָרען.

דאָס פאַרמעגען פון דער א. ט. י. איז ניט קיין גרויסער. זי פאַר־מאָגט איצט אין דעם דזשענעראַל פאָנד און אין דעם דעפענס פאָנד די סומע פון 700 טויזענט דאָלאַר. פון די דאָזיגע פאָנדס צאָלט די א. ט. י. סטרייק־בענעפיטס צו זעצער וואָס שטייען אין אַ קאַמף. 40 פּראָצענט

פון די נאָרמאַלע שכירות ווערט געצאָלט צו פאַרהייראַטע לייט און 25 פראָצענט צו ניט־פאַרהייראַטע. (פאַרשטייט זיך, חוץ דעם קען נאָך די לאָקאַלע יוניאָן צולייגן עפּעס צום סטרייק־בענעפיט, אויב זי געפינט עס פאַר נויטיג.) הגם אַלע פאָנדען פון דער אינטערנעשאָנאַל צוזאַמען באַטרע־פען וועלכע 5 און אַ האַלב מיליאָן דאָלאַר, איז אָבער דער דזשענעראַל פאָנד און דער דעפענס־פאָנד ניט איבעריגס גרויס. די פאַרגאַנגענהייט ווייזט אונז אָבער, אַז ווען די אינטערנעשאָנאַל האָט אונטערנומען אַ קאַמף, איז אין פינאַנצען קיין מניעה ניט געווען. אין די צוויי גרעסטע קאַמפען פון דער יוניאָן — פאַר דעם 8־שטונדיגען אַרבעטס־טאָג און פאַר דער 44־שטונדיגער וואָך — איז פאַרווענדט געוואָרען די סומע פון 21 מיליאָן דאָלאַר, און די מיטגלידער האָבען דאָס געלט צוגעשטעלט אָן שום שוועריגקייטען.

די דאָזיגע אָפּפערווילינגקייט פון די מיטגלידער האָט געוויס געהאַט אַ גרויסע ווירקונג אויף די באַלעבאַטים, אַז זיי זאָלען בעסער זוכען אויס־צומיידען אַ קאַמף מיט דער א. ט. י. און נאָכגעבען די פאָדערונגען פון דער יוניאָן אויף אַ פרידלאכען אופן.

## דער סך־הכל

און איצט, אין דעם הויכען עלטער פון 86 יאָר, שטייט די א. ט. י. פעסט ווי אַ דעמב, וואָס זיינע וואָרצלען ציען זייער לעבענס־זאַפט פון לעבעדיגע וואַסער־קוואַלען. די צווייגען פון דער א. ט. י. זיינען אויסגע־שפּרייט איבער דער גאַנצער לייגג און ברייט פון די פאַראייניגטע שטאַטען און קענעדע; אונטער איר שאָטען געפינען שוץ צענדליגער טויזענטער מיטגלידער — שוץ ביי דער אַרבעט און אַ העלפענדע האַנט אויף דער עלטער, ווען זיי קענען שוין מער אויף די אייגענע פיס ניט שטיין.

# אינדעקס


אויערבאך — 19.
איזאַקאָוויץ, ד. — 5, 191.
אַפּאַטהעקער, דוד — 37.
אַקונצעוו — 134.
אַש, ב. — 21.

באַגין — 21.
באדעק — 21.
באַנדעס, ל. — 23.
באַראַנאָוו, מ. — 57.
באַראָנדעס, יוסף — 28, 36, 77, 79, 84, 113, 114, 127, 136, 180.
באַריישאַ, מנחם — 151.
בלום, היימאן — 5, 195, 196, 200, 202, 203, 204.
בערנשטיין, הערמאַן — 165.
בערקאָוויטש, קאָנראַד — 151.
ברוידי — 17.
ברוקס, דזשאַן — 21.
ברוקס, טאָמאַס — 18.
בועידי, פּיט — 143, 177.
ברעסלאַווסקי — 18.
ברעסלוי, דר. — 18.
גאָטעסמאַן, א. — 81, 103, 106, 120, 121, 122, 126, 134, 142, 148, 157, 167, 168, 191, 192, 193, 194, 203.

גאָלדמאַן, מ. — 165.
גאָמפּערס, סעמועל — 127, 177, 222, 231.
גאָניקמאַן — 162.
גאָרדאַן — 21.
גאָרדין, יעקב — 153, 154.
גינזבורג, ב. — 19.
גינזבורג, בערנאַרד — 19.
גינזבורג, דזשייקאָב — 106, 107, 134.
גינזבורג, ל. — 21.
גיזנבורג, מרס. — 19.
גלאַז, טוביה — 5, 195, 196, 197.
גרילי, האָרייס — 218.
גרין, דאַף (גענעראַל) — 213.
גרינבערג, באַרני — 17, 43.
גרינקער — 17.
גריקע, מ. — 23.
גרעהעם, לואי — 216.

דאָגלאַס, טעאָדאָר — 148.
דאַנעלי, סעמיועל ב. — 220.
דובין — 19.
דובינסקי, דוד — 190.
דובראָוו, ת. — 26.
דזשאָזעפסאָן, א. וו. — 81, 101, 103, 126, 150, 151, 152, 167, 181, 194.
דיכטער, דוד — 171, 195.
דימאָוו, אָסיפּ — 188.
דעילי, דזשאָן — 143.
דעבס — 57.
דעהם, דזשיימס — 146, 147, 148.
דעליאָן, דעניעל — 55, 57, 58.
דראָשער, נ. — 45, 65, 66, 120, 146, 181, 183, 194.
דרעקסעל, א. דזש. — 245.

האָוארד — 235.
האַלפּערין — 21.
הובער, א. — 23.
הוירסט, וויליאם רענדאָלף — 164.
הורוויטש, יצחק אייזיק — 45.
הילקוויט, מאָריס — 22, 23, 24.
העיז, דזשאָן — 116, 123, 147.
העלפמאַן — 59.

וואָהל — 81.
וואָטסאָן, טאָמאַס פּ. — 242.
וואָרט, וויליאם וואַן — 103.
וויינער, הערמאַן — 66.
וויינשטיין, ב. — 22, 23, 24.
וויליאמס — 45.

ווינטשעווסקי, מאָריס — 56.
ווערבער, י. — 19, 23.
וועקסלער, דר. — 15, 19.
ווערניק, פּרץ — 108.

זאַמעטקין, מ. — 56.
זווירין — 116.
זיגמאַן, מ. — 189.

טאַל, דזשיימס — 103.
טשאַילדס, דזשאָרדזש וו. — 245.
טשאַרלס — 119, 120, 122.

יאַנאָווסקי, ש. — 164.
יאַנג, וויליאַם — 106, 107, 135.

כעלעמער — 17.

לובאַרסקי — 151.
לוואָווסקי — 21.
ליבערמאַן, מ. — 21, 40, 126.
ליוואַי, מ. — 77.
לייזעראָוויטש, י. — 5.
לינטש, דזשיימס — 66, 103, 112, 116, 118, 120, 121, 123, 224, 230, 231.
ליעף, וויליאַם — 134.
ליפּשיץ אייזיק — 21.
לעווין — 57.
לעווין, ז. — 77.
לעווין, פּיליפּ — 19.
לענצער, ל. — 23.
לעפּינגוועל, סעמיועל ל. — 222.

מאָאַר, פּרענק וו. — 221.
מאַגידאָוו, יעקב — 22, 23, 57.
מאַיסטראָווסקי — 19.
מאַליץ, חיים — 37.
מאַסליאַנסקי, צבי הירש — 153.
מאָריסאַן, פּרענק — 180.
מילער — 178.
מילער, הוגאָ — 43.
מילער, לואי — 23, 56, 111, 112, 113, 161, 162, 165.
מינץ, דר. — 18.
מינץ, מאָזעס — 18.
מישקינד, ה. — 126.

מעקלאַפּלין, דזשאַן — 113, 120, 121, 159.
מעקפּאַרלענד, דזשאַן — 170, 176.
מערגענטאַלער, אָטמאַר — 48.
מערטענס — 43.

נאָרים — 122.
נעבעלעס — 21.

סאַפּירשטיין, יעקב — 46, 106, 108, 109.
סטודענט, מ. — 189.
סטיווענס — 14.
סטיין, דזשאָרדזש — 103, 104, 126.
סטיפּען — 43.
סטראַנגין, ה. פּ. — 151.
סיגעל — 21.
סילווערמאַן — 21.
סימאַנאָוו, מ. — 23.
סינגער, י. נ. — 151.
סמיטה, ראָבערט ס. — 216.
ספּעקטאָר — 21.
סקאַט, מאַרסדען — 169.

עדוואַרדס, ביל — 143.
עדלין, וויליאַם — 77, 116, 119.
עליס, דזשאָרדזש ה. — 230, 231.

פּאַליי, הערמאַן — 113, 162.
פּאַליי, יאָהאַן — 66.
פּאָמעראַנץ, נ. — 5.
פּראָקוואר — 217.
פּרעסקאָט, וויליאַם ב. — 220.
פּייגין, לואיס — 180.
פייגענבוים, ב. — 44, 49, 57, 58.
פינקעלשטיין, דזש. — 85.
פישער, לואי — 143.
פראַנק, הערמאַן — 205.
פריד — 17, 18, 21.
פרידמאַן, י. י. — 120.
פרימאַן, משה — 37.
פּרענסיס, טשאַרלס — 103.

צונזער, אליקום — 153.

קאַהאַן, אב. — 17, 56.
קאַטען — 17.

קאַנטאָר, אברהם — 18.
קאַנטאָראָוויטש — 46.
קאַסטאָף, מ. — 5.
קאַץ — 43.
קליוולאַנד, גראָווער — 14.
קעסטענבוים — 19.
קעלאָג — 122, 123, 124.
קעראָל, דזשאָן — 143.
קעראָל, טאָם — 143, 148.
קראַנץ, פיליפ — 26, 49, 57.
קרוגער — 21.
קרינסקי, י. — 23.
קרעמען, י. (בר יוסי) — 191.

ראַבינסאָן, הערמאַן — 113.
ראָוס, לעאָן — 148.
ראָזמאַן, דזש. — 77.
ראָזענאָוער — 59.
ראָזענבלאַט, יאָסעלע — 165.
ראָזענבלום, מאָריס — 17, 19, 107, 126.
ראָזענבערג, וו. — 23.
ראָזענמאַן, מ. — 5, 191, 200.

ראָזענסאָן, הײמאַן — 21, 26, 37, 38, 40, 45, 83, 84, 85, 87, 103, 106, 107, 111, 112, 116, 148, 162, 192, 194.
ראַפּאַלאָוויטש — 40.
רוזוועלט — 190, 196.
רידער, הערמאַן — 122.
רייסבעק, דזש. מ. — 103.
רייפעל — 40, 41.
רעזניק, יוסף — 75, 84.

שאַפּירא — 17.
שוינפעלד, ש. — 5, 59, 81, 103, 120, 126, 134, 142, 143, 144, 148, 159, 167, 191, 194, 203.
שייקעוויטש נחום מאיר — 46, 153.
שמולעוויץ, אייזיק — 19.
שמ"ר — 46.
שניידער — 21.
שלעזינגער, ב. — 189.
שנעפּע — 43.
שקלאַרין, דזש. — 126.
שרהזאָן, כתריאל — 15, 16.
שרהזאָן, יחזקאל — 72.